STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08064

ALMANAKH

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ירושלימער אַלמאַנאַך

לא אמות
כי
אחיה

12טער
אויגוסט
1977—1952

לזכר דעם חורבן פון דער יידישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד;
צום הייליקן אָנדענק פון אירע גרונט-שעפער — שרייבער, ליטעראַ-טור-פאָרשער, קינסטלער און קולטור-טוער, — אומגעבראַכטע דורך די סאָוועטיש-נאַציסטישע מערדער אין די דרייסיקער, פערציקער יאָרן און שפּעטער — דעם 12טן אויגוסט 1952...

דאָס יידישע פאָלק און מדינת ישראל וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן און קיינמאָל ניט מוחל זיין די שרעקלעכע רציחות איבער דער יידישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד.

ירושלימער
אַלמאַנאַך

9

1977

יידישע שרייבער-גרופּע אין ירושלים
פאַרלאַג "אייגנס"

JERUSHALAIMER ALMANACH
YIDDISH WRITERS GROUP
IN JERUSALEM

רעדאַקטאָר: **יוסף קערלער**

מיטרעדאַקטאָרן: **דוד ספּאַרד, אפרים שעדלעצקי**

רעדאַקציע-סעקרעטאַר: **מאיר חרץ**

אַרויסגעגעבן ביי דער מיטהילף פון ירושלימער שטאָט־פּאַרוואַלטונג
(קולטור־דעפּאַרטאַמענט) און משרד הקליטה.

כל הזכויות שמורות

נדפס בישראל 1977

בדפוס צור־אות, ירושלים

אינהאַלט:

יזכור

ה. לייוויק / אַ גוטע פריינד 7
דוד בערגעלסאָן / יאָרצייט־ליכט 8
מיין זיידע דוד בערגעלסאָן ז"ל / פון מאַרינאַ בערגעלסאָן 19
דוד האָפשטיין / לידער 20
דער נסתר / העשל אַנשעלעס 26
ליד / פון מאיר חרץ 39
נחמן מייזיל / דוד בערגעלסאָן און דער נסתר 40
פרץ מאַרקיש / לידער 49
אסתר מאַרקיש / "אַ פרעמדער בין איך דאָ..." 55
לייב קוויטקאָ / לידער 62
איציק קיפּניס / פון "חדשים און טעג" 68
יצחק קיפּניס / ליד פון מאיר חרץ 74
איציק פעפער / לידער 75
אהרן ראָזין / דער פּאָגראָם איבער דער יידישער קולטור אין מינסק 80
איזי כאַריק / לידער 94
זיסקינד ליעוו / קריג 100
משה קולבאַק / לידער 104
זעליק אַקסעלראָד / לידער 110
דוד ספאַרד / די יידיש־סאָוועטישע שרייבער 115
אהרון קושניראָוו / לידער 121
יוסף קערלער / הזכרה 128
שמואל האַלקין / פון די ערשטע און לעצטע לידער 140
דוד האָפשטיין / יאָרן. פאָרוואָרט פון פייגע האָפשטיין 145
רחל בוימוואָל / שטיקער נעכטן 155
דב סדן / וועגן די אָנהייבן פון דער נסתר 158

בלוט הינטער די קוליסן

נאַטאַליאַ מיכאָעלס / דער מאָרד פון מיכאָעלסן 172
בילדער און קאָמענטאָרן... / 178

מיכאָעלס / ליד פון רחל בוימוואָל 181
אַ. פערלמוטער־זוסקין / מיין פאָטער — דער יידישער אַקטיאָר 182
דאָקומענטן, בילדער, קאָמענטאַרן / 192
אַ חלום / ליד פון דוד ספאַרד 198
דער איבערגעפאַרענער קעניג / ליד פון שלמה רויטמאַן 199
פעליקס קאַנדעל / דעם מאָסקווער יידישן טעאַטער — אַ קדיש 201

אויב כ׳וועל דאָס פאַרגעסן...

זיאַמע טעלעסין / ווייגעשריי (לידער) 207
פייבוש אראָנעס / פון מיין העפטל זכרונות 212
אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַן / ענדלעך אין מאָסקווע 218
דוד ספאַרד / דאָס האָבן זיי דערמאָרדעט זיך אַליין 229
ז. טעלעסין / ״גוט, וואָס איר האָט מיך אָנגערופן יצחק״ 231
מאיר חרץ / געשטאַלטן (לידער) 237
שלמה רויטמאַן / יזכור־לידער 240

שרייבער און ווערק

יוסף קערלער / צו דער געשיכטע פון אַ פאַרשניטענער ליטעראַטור 243
לייזער פאָדריאַטשיק / די תנ״ך־אימאַזשן ביי די יידיש־סאָוועטישע דיכטער 249
א. רוט. / קריטישע פאַרצייכענונגען 258
לזכרון די שרייבער־קדושים / פון לייבוש בענדאַווסקי 262
פון אַלמאַנאַך צו אַלמאַנאַך / 139, 170, 200, 210
נייע ביכער / 93, 114, 120, 200, 228, 236
אין פאַנד פון ״ירושלימער אַלמאַנאַך״ / 267

יזכור

ה. לייוויק

אַ, גוטע פריינד

(אין אָנדענק פון ד. עדעלשטאַט)

אַ, גוטע פריינד, ווען איך וועל שטאַרבן
לייגט-צו צו מיין פאַרמאַכטער ברעם
אַ הויפן ביין-אַש פון אַ יידנס שאַרבן
אַן אומגעקומענעם על קידוש-השם.

כאָטש איך אַליין בין ניט געווען בכוח
צו זיין מיט אים און זיין ווי ער, —
ברענט שטענדיק אַ מחשבה אין מיין מוח
אַז צו זיין אַש באַלאַנג איך און געהער.

און צו דעם הויפן אַש איך בעט אייך ברענגען
אַ שורה-שיימע פון אַ לעצטן ליד
פון אַ פאַרמשפטן צו תפיסה, צי צום הענגען,
פאַר איין נאָר חטא: פאַר זיין פּאָעט און ייד,

און ברענגט אויך צו אַ צוויי, דריי גאַרבן,
וואָס זענען אויפגעגאַנגען אויף ישראל-ערד,
זיי זאָלן זיין אַ צייכן אַז זיי אַרבן
דעם חלום: איבערשמידן אויף אַן אַקער-צאָן די שווערד.

נאָר ברענגט ניט, — וואָלט אויך עדעלשטאַט געבעטן, —
צום קבר הײנט די פרייהייט-פאָן,
כל זמן מיט איר באַצירט מען טויט-דעקרעטן,
כל זמן זי הענגט אין פולע טורמעס אויבנאָן.

מערץ, 1953

"די אייביקע צוויי" פון בוך, "אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים"

דוד בערגעלסאָן

1952—1884

ציפע ז״ל, זיין טרייע לעבנס-באַגלייטערן האָט מיט איניקע יאָרן נאָך דעם בראָך דערציילט:

אויף דער חתונה ביי זיי, אין 1918, איז צווישן די חשובע געסט דער חשובסטער געווען חיים נחמן ביאַליק. דער גרויסער פאָלקס-דיכטער האָט בעת דער שמחה אָפּגערופן די כלה אין אַ ווינקל און געזאָגט: — ציפעלע-קרוין, דיין דוד איז אַ גרויסער שרייבער ביי יידן. אַ זעל-טענע צירונג פאַר אונדזער פאָלק. היט אים, ציפעלע, ער זאָל קיין מאָל ניט אַוועק אין אַ זייט פון זיין באַרוף און טאָמער וועט אים אַ ציִ טאָן... צו די באַסיאַקעס, צו די באַלשעוויקלעך — זאָלסטו אויס-שפּרייטן דיינע שיינע האָר איבער דער שוועל און נישט לאָזן...״

אַ פאַרפינצטערטע פון צער האָט די אַלטע ציפע שטיל אַריינגעשעפּטשעט און מיין אויער:

— ווייַ צו מיר, און ווייַ אונדז אַלעמען: כ׳האָב אים נישט אויסגעהיט!...

יוסף קערלער, פון בוך, ״12טער אויגוסט 1952״

יאָרצייט-ליכט

1

אין דער פּאַלאַטע פאַר אויגן־קראַנקע — אינעם שפּיטאָל, ווו עס אַרבעט דער דאָקטאָר סויפער — זיצט אויף איינעם פון די ביין בעטן אַ שטאַרקער מענטש פון אַ יאָר פערציק. ער טוט זיך זעלטן-ווען אַ ריר און רופט אַרויס דאָס סאַמע שווערסטע געפיל ביים גאַנצן מעדפערסאָנאַל.

וואָלט ער לפּחות פון מאָל צו מאָל געפינטלט מיט די אויגן, ווי אַ גוטער אָדער אַ שלעכטער, ווי אַ כעסן ציִ אַ געדולדיקער, — עס טרעפט: אינעם פינטל פון אַ בלינדן דערזעט מען ממש בחוש:

— אַ כיטרער יונג!

ביי אים אָבער זענען די שטיין געבליבענע אויגן דורכויס טויט. און אַלע זיינע אַנדערע אברים טוען זיי נאָך.

אַראָפּגעלאָזט די פיס אויפן דיל ביי טאָג ווערן, ווי נאָר ער כאַפּט זיך אויף, זיצט ער אָפּ זייער שטיל גאַנצע טעג און האַלט דעם נידעריק געשוירענעם קאָפּ

שטענדיק אין איין מאָס, נישט אויפהייבנדיק אים אויף קיין האָר העכער און נישט אַראָפּלאָזנדיק אים אויף קיין האָר נידעריקער. זיין הויפּט־קרענק, אַזוי קומט אויס, ליגט גאָר נישט אין די אויגן. צי רייסט אים נישט ערגעץ־ווו אויפן פּולבלוטיקן זייער קרעפטיקן האַלדז־און־נאַקן?

גיי וויס ביי אים עפּעס, אַז מיט די שכנים פאַרפירט ער נישט קיין שמועסן און וועגן זיך רעדט ער קיין מאָל נישט אויס קיין וואָרט. פאַר אים איז געגוג, וואָס ערגעץ אין איינעם פון די שפּיטאָל־דאָקומענטן איז פאַרשריבן:

„נאָמען: יעראָפיי סעמיאָנאָוויטש טראָפימאָוו.

„פּראָפעסיע: געוועזענער פאַרזיצער פון אַ קאָלווירט, נישט ווייט פון סמאָ־לענסק.

„פאַרלוירן די ראיה נאָך אַ שווערער קאָנטוזיע ביי נעמען קעניגסבערג".

אַן אַנדער זאַך זיינען די געדאַנקען, וואָס דרייען זיך כסדר ביי אים אין קאָפּ — געדאַנקען וועגן זיך אַליין, ווי ביי יעדן מענטשן.

דאָס געדענקט ער זיך פאַר אַ גאַנץ רירעוודיקן קאָלווירט־פאַרזיצער, אַזאַ, וואָס הייס רעדט ער און הייס טוט ער און אַלץ שעצט ער אָפּ גיך אויפן בליק, ווייל שטענדיק איילט ער. ביים באַשליסן, ווען מען פון די אַרומיקע מעג מען גלייבן און וועמען — נישט, פלעגט דעריבער זיין פאַר אים פיל וויכטיקער זיך איינצוקוקן מיט די אויגן אין יענעמס פּנים איידער זיך איינצוהערן מיט די אויערן אין יענעמס רייד.

נאָר פון דעם אַלעס טיילט אים אָפּ איינס אַ פּחדימדיק געשריי, וואָס ער האָט זיך געמאַכט אַרויסצולאָזן פון זיך אינעם מאָמענט, ווען די וועלט איז אים מיט אַ מאָל געוואָרן פינצטער. עד היום איז אים אַ ביסל קשה אויף זיך אַליין:

וואָס איז דענסטמאָל געווען דאָס איילעניש מיט אָט דעם געשריי?

און עד היום האָט ער טיף אין זיך אויף יענעם געשריי עפּעס ווי חרטה, אַקוראָט עס וואָלט געקענט געמאָלט זיין, אַז בלינד געוואָרן איז ער נישט אַזוי איבער דער שווערער קאָנטוזיע, ווי דווקא איבער יענעם־אָ צו גיכן געשריי.

פון דעמאָלט אָן כאַפּט ער זיך שוין מער צו גאָרנישט און נעמט שוין מער נישט אָן קיין שום באַשלוסן נישט וועגן יענעם און נישט וועגן זיך.

אין אַזאַ צושטאַנד קען מען זיך געפינען סיידן, ווען מען מאַכט ערגעץ־וווהין אַ רייזע און מען ווייסט נישט, ווי לאַנג וועט זי געדויערן.

צום בעט, אויף וועלכן ער זיצט דאָ אין שפּיטאָל, טראַגט דעריבער כסדר אין זיך טראָפימאָוו אַזאַ געפיל, ווי צו אַ פור, אויף וועלכער ער וואָלט געהאַלטן אין איין אָפּפאָרן אַלץ טיפער און טיפער אין דער שוואַרצער נאַכט אַריין און אין איין דערווייטערן זיך פון יענעם, אָרט, ווו די העל־טאָגיקע וועלט איז אים מיט אַ מאָל אויסגעלאָשן געוואָרן. פון דער העלער הויט קען ער דאָ אַמאָל שטילערהייט אַ פרעג געבן ביי דער מעדשוועסטער, וואָס באַדינט אים:

— דער וויפלטער טאָג אין חודש איז היינט?

און אויסהערנדיק איר ענטפער, אַ טראַכט געבן און אַ מאַך נאָך שטילער מיט וווּנדער אין קול:

— אַ־אַ!

וואָס זאָל הייסן, אַז פון יענער העל־טאָגיקער צייט, ווען ער האָט זיך געפונען אויפן פּראָנט, איז ער שוין אַוועק ווייט־ווייט — אַ מהלך פון קנאַפּע פיר חדשים אין דער פינצטער אַריין:

— אַ־אַ!

מיט דעם איז אויסגעשעפּט זיין שמועס מיט דער מעדשוועסטער און זיין אָנ־קומען צו איר. צוגעווינט אין פּאַרלויף פון אַ ריי יאָרן אָנצופירן זייער ענערגיש מיט דער מי און מיטן לעבנס־אויסקומעניש פון צענדליקער משפחות ביי זיך אין קאָלווירט, ליידט ער זייער ווייטיקלעך איטלעכס מאָל, ווען עס קומט אויס, אַז אים, דעם אייגענעם טראָפימאָוון, פירט עמעצער פאַר דער האַנט. און דער שטענדיקער "אַ־אַ!" גייט נישט אַראָפּ פון זיין פּנים אויך דאָן, ווען אַרום אים קומט פאָר אַ גרעסער גערודער, — אויך דאָן פילט זיך אין זיין שטומער פאַר־טייעטקייט, אַז אויב אים פעלט די ראיה, דאַרף ער נישט אויך דאָס לשון, און אַז צו אַלערליי גערודערס אין פּאַלאַטע איז ער פּונקט אַזוי קאַלט ווי צו אַלע באַוועגונגען אויף דער גאַנצער וועלט, ווייל ער האָט אין זיי קיין חלק נישט.

2

די מעדשוועסטער האָט איין מאָל אָנגעוויזן דעם דאָקטאָר סויפער אויף טראָפימאָוון:

— דער סאַמע שווערסטער צווישן אַלע קראַנקע.
ס'איז געוועזן ביים אַרומגיין די פּאַלאַטע.

— ערגער פון אַלע אַנדערע איז זיין צושטאַנד, — האָט זיך געקלאָגט די שוועסטער, — אַ מעת־לעת און מער קען ער אַזוי אָפּזיצן און ליידן, ביז דו וועסט אַליין צו אים נישט צוגיין פרעגן, צי נייטיקט ער זיך נישט אין וועלכער־ניט־איז הילף.

— שוין־זשע? — האָט ווי בלויז פון הוילער פיינקייט אַ פרעג געגעבן דער דאָקטאָר.

זיינע ליפּן האָבן זיך אויסגעצויגן, ווי אויף צו טאָן אַ טשמאָקע — דאָס געווען איינע פון זיינע העוויות, בעת ער פאַרטראַכט זיך און הערט שוין גאָר אין גאַנצן נישט, וואָס מען רעדט צו אים.

דאָך, האָבנדיק אָפּגעלאָזט די שוועסטער, האָט ער דעמאָלט נאָך אַ מאָל זיך צוגעזעצט לעבן טראָפימאָוון און מיט זיינע דריבנע, ווייט נישט בריהשע פינגער, וואָס מיט די קינדערשע קורץ פאַרשניטענע נעגל, באַנייס גענומען אויסטאַפּן אַלע ערטער אַרום דעם קראַנקנס שטייף פאַרמאַכטע אויגן.

אייגענע פאַראַן? — האָט ער דערביי גלייך אָנגעהויבן פאַררײדן דעם קראַנקן,

כדי אָפּצוּווענדן אים פון דעם, וואָס ער, דער דאָקטאָר סויפער, טוט מיט די פינגער אויף זיין פּנים.

טראָפּימאָוו האָט געענטפערט נישט באַלד, און ווייל זיין קול איז נאָך דערצו געווען זייער אַ קאַלטס און אַ ווייטס, האָט דעריבער זיך געדאַכט, אַז קומען קומט עס פון אַ טיפן קבר — עס מוז אַ ביסל געדויערן, ביז עס דערטראָגט זיך פון דאָרט:

— פאַראַן אייגענע.

יעראָפּיי סעמיאָנאָוויטש, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט אין קאָלווירט אַ ווייב מיט דריי קינדער, נאָר געגעבן האָט ער זיי בלויז צו וויסן סתם, אַז ער איז פאַרוווּנדעט — ער געפינט זיך אין שפּיטאָל און שוין...

— אַהאַ!

דער דאָקטאָר סויפער האָט מיט אַ מאָל געגעבן אַ כאַפּ צו זיינע פינגער, ווי ער וואָלט האָבן אָפּגעבריט זייערע שפּיצן אינעם אָרט, וואָס ער האָט נאַרוואָס אָנגעטאָפּט אַרום דעם קראַנקנס אויגן:

— אַזוי גאָר...

און זיי זיינען אַ ווײַלע, ווי גלאַט אַזוי זיך, געזעסן שווייגנדיק אַקעגן־אַנאַנדער. צוויי מענטשן: איינער האָט אָנגעוווירן "מיט וואָס" צו זען, און אַוודאי רופט ער אַרויס צו זיך מיטגעפיל מיט זיין מוט:

— אַ בלינדער:

און דער צווייטער האָט אָנגעוווירן "וואָס" צו זען, נאָר פאַר קיין מום וויל מען עס אים נישט פאַררעכענען און מען רופט אים ווי פריער דאָקטאָר סויפער. ער איז פון ווילנע. אָפּגעווישט געוואָרן ביז אין גרונט איז דאָרט די גאַנצע לעבנס־מסורה, וואָס ער האָט פון קינדערייז אָן אין זיך אַריינגעזאַפּט. ווער עס בלייבט אַ יתום אָן טאַטע־מאַמע — ער איז געבליבן אַ יתום אָן אַ גאַנצער שטאָט, אָן אַ דריט־חלק פון אַ פאָלק...

— "אַזוי איז עס. נו, איז וואָס?"

אין סך־הכל זיינען דאָס בלויז אייניקע פון יענע ביי־געדאַנקען, וואָס דרייען זיך אַרום ביים דאָקטאָר סויפער אין קאָפּ — אַ באַזונדער צוגאָב אים אויסער די געדאַנקען, וואָס דרייען זיך אַרום אין קאָפּ ביי אַלע אַנדערע, בעת זיי טוען זייער באַרוף:

עס מאַכט זיך: פעלקער פאַרלירן מענטשן.

יאָ, ס'איז אָן אבדה — אין דעם זענען אַלע מודה.

נאָר אָט קומט ער, דער דאָקטאָר סויפער, מיט זיין אבדה — ער איז איינער פון יענע, וואָס פאַרלירן אַ פאָלק.

וואָס? וואָס פאַרלירט ער?

ניין, פון אַזאַ אבדה ווייסט נישט קיינער.

נאָך גוט, וואָס ער האָט אַרבעט דאָ אין שפּיטאָל. ער קומט דאָ צונויף גאַנצע טעג און אויך אין די נעכט, אויב עס פאָדערט זיך. נאָר צי איז עס בלויז דאָס איינציקע, וואָס האַלט אים אויף די פיס?

פון מאָל צו מאָל קומט צו אים אַהער אַ יונג מיידל — אַ גאַנץ שיין מיידל, אַנגעטאָן נישט־וואָזשנע ווינטערדיק. זי קומט צו ביזן שפּיטאָל און בעט, מען זאָל אים אַרויסרופֿן אין דרויסן. דער טויער פון שפּיטאָל איז פאַר איר ווי אַ מין גרענעץ, איבער וועלכער זי טרעט קיין מאָל נישט אַריבער. און שטענדיק באַקומט זיך דער איינדרוק, ווי אין איינעם מיט איר וואָלט צום שפּיטאָל, וואָס אין עק שטאָט אין מיטן פוסטן פלאַץ, פאַרבלאָנדזשעט דער ווינט און די קעלט. פאַראַן מענטשן, וואָס ווו זיי זאָלן נישט שטיין און וווהין זיי זאָלן נישט גיין, בלאָזט זיי אַקעגן דער ווינט. דאָס מיידל — אַזוי דאַכט זיך אויס — איז איינע פון זיי. פאַרבלאָנדזשעט, דאַכט זיך, האָט זי נישט נאָר אַהער צום שפּיטאָל. זי רעדט מיטן דאָקטאָר יידיש, און ווי קומט גאָר צו יידן אַ מיידל מיט אַזעלכע העלבלאָנדע האָר? אויף איר שיינקייט וואָלט מען בפירוש געקענט זאָגן, אַז זי איז אַ ביסל גראָבלעך, ווען אירע אויגן זאָלן נישט זיין אָנגעגאָסן פול־און־פול מיט דער סאַמע איידלסטער בענקשאַפט, אַזוי פול, אַז זי מוז זיי שטענדיק האַלטן קוים־קוים צונויפגעצויגן, כדי די בענקשאַפט זאָל זיך נישט צעגיסן איבער איר גאַנצן פּנים. און דאָך — אַ יידיש מיידל. דער דאָקטאָר האָט זיך מיט איר צונויפגעטראָפן ערגעץ־ווו אין די קאָנצלאַגערס, אַרום די גאַז־קאַמערס, ביים סאַמע טויער פון טויט.

איז אָט. צי נישט וועגן דעם האָט זיך פאַרטראַכט דער דאָקטאָר סויפער, ווען זיצנדיק אַקעגן טראָפימאָוון, האָט ער פלוצעם דערהערט דעם בלינד־געוואָרענעמס קול:

— איז וואָס־זשע וועט זיין מיט מיר, חבר דאָקטאָר?

— וואָס וועט זיין?

דער פאַקט, וואָס טראָפימאָוו כאַפּט זיך נישט געבן צו וויסן אַהיים, אַז ער איז בלינד געוואָרן, און גיט זיך אַלץ נישט אונטער זיין גורל, האָט פאַרשטאַרקט ביים דאָקטאָר סויפער די השערה, אַז געשעדיקט איז ביים קראַנקן עפּעס אין די אויגן גופא און נישט אין די נערוון, וואָס פירן צו זיי. דער חולה האָפט, הייסט עס: ער פילט אין זיך פאַרהוילענע קרעפטן, וואָס האַלטן אונטער אין אים די האָפענונג.

דאָס אַלץ איז מכוח טראָפימאָוון, וואָס אַנגעוווירן "מיט וואָס" צו זען. געבליבן איז די פראַגע וועגן אים, דעם דאָקטאָר סויפער, וואָס האָט אַנגעווירן "וואָס" צו זען:

"פונוואַנען שטאַמען די פאַרהוילענע קרעפטן, וואָס האַלטן אונטער אין אים די האָפענונג, און אין וואָס באַשטייט זי?"

אין פאַרבינדונג מיט דעם, מעגלעך, האָבן די ליפּן ביים דאָקטאָר סויפער זיך באַנייס אויסגעצויגן ווי אַ טשמאָקע צו טאָן, ווען ער איז געזעסן אַקעגן טראָפימאָוון. ער האָט פון דעמאָלט אָן טאָג־טעגלעך אַנגעהויבן פירן צו טראָפימאָווס בעט אַלץ נייע און נייע דאָקטוירים, אויף צו מיישב זיין זיך מיט זיי מכוח אַן אָפּעראַציע.

3

כאַטש יעראָפּיי סעמיאַנאָוויטש האָט נישט פאַרשטאַנען, וועגן וואָס שמועסן די דאָקטוירים, ווען זיי קלייבן זיך אויף פון מאָל צו מאָל לעבן זיין בעט, און כאַטש ער האָט נישט געזען זייערע פּנימער, איז אים פון דעסט וועגן ביסלעכווייז געוואָרן קלאָר, אַז נישט אַלע גלייבן זיי אין דער אָפּעראַציע, וועלכע עס לייגט פאָר דער "קליינער דאָקטאָר" — אַזוי האָט מען אין שפּיטאָל גערופן דעם דאָקטאָר סויפער איבער זיין קליינעם וווקס.

אַ געפיל איז ביי אים איטלעכס מאָל געבליבן אַזאַ, ווי גלייך אַלע דאָקטוירים פאַרמשפּטן אים, און איינשטעלן שטעלט זיך איין פאַר אים כסדר בלויז דער "קליינער דאָקטאָר" — אַזוי איז אויסגעקומען ביי טראָפימאָוון, — אַ געזונט אויף אים!

אין איינעם מיט זיין אומגעהייערן פאַרלאַנג צו דערזען נאָך אַ מאָל די העל־טאָגיקע שיין, דאָס ווייב מיט די קינדער, דעם אייגענעם קאָלכאָז, איז געוואַקסן זיין אַנשטרענגונג זיך אויסצומאָלן, ווי אַזוי זעט ער אויס אָט דער פריינט זיינער.

ווידער נעמען זיך איין מאָל צונויף לעבן זיין בעט די דאָקטוירים. צווישן די פאַרשיידענע פינגער — קאַלטע, וואַרעמע און לעבלעכע — וואָס טאַפּן אויס די ערטער אַרום זיינע אויגן, דערקענט ער די דריבנע פינגער פון זיין פריינט. אַ גרויסער ספק, צי מיט אַזעלכע פינגער קען מען פאַרשלאָגן אַ ליאַדע טשוואָק, און דאָך גלייבט ער אין זיי. אויף יעדן באַריר זייערן ענטפערט זיין האַרץ מיט אַ קלאַפּ פון דאַנק און האָפענונג.

— ווער וועט מאַכן די אָפּעראַציע? — פרעגט ער זיך נאָך, ווען מען הייסט אים אויפשטיין און גיין זיך לייגן אויפן אָפּעראַציע־טיש.

— איך, איך, — ענטפערט דעם קליינעם דאָקטאָרס קול.

דאָס באַרויקט טראָפימאָוון. ער וואָלט אַ בעלן זיין, אַז אויך אין אָפּעראַציע־צימער זאָל אים פירן נישט די מעדשוועסטער, נאָר דער "קליינער דאָקטאָר". שוין בלויז פון אָנהאַלטן זיך אינעם "קליינעם דאָקטאָרס" אַקסל וואָלט אים געווען גרינגער צו גיין זיך לייגן אונטערן מעסער.

דאָס אייגענע לעבט ער איבער טאָג־איין, טאָג־אויס נאָך דער אָפּעראַציע, ווען צו אים, דעם קראַנקן, וואָס זיצט מיט שטייף פאַרבאַנדאַזשירטע אויגן אויף זיין בעט, קומט צו דער "קליינער דאָקטאָר" און פרעגט זיך נאָך, ווי פילט ער זיך.

— אַ דאַנק, ענטפערט טראָפימאָוו נאָך אַלץ נישט געכאַפּט.

ער פילט זיך אינעווייניק דורכויס גרייט אויף צו דערזען נאָך אַ מאָל די וועלט, נאָר ווי אַזוי זאָל ער עס אויסמאָלן דעם דאָקטאָר?

— כ׳וואָרט, — האָט ער איין מאָל געזאָגט צום דאָקטאָר, — כ׳וואָרט, מען זאָל מיר אַראָפּנעמען דעם באַנדאַזש.

— פאַרשטענדלעך... נו יאָ.

זיך לענגער פאַרהאַלטן לעבן אים, האָט דעמאָלט דער דאָקטאָר גענומען דערציילן בכלל וועגן אָפּעראַציעס ביים איבערזעצן דאָס האָרן־הייטל פון איין אָרט

אויפן אַנדערן: עס טרעפט, אַז אַזאַ אויגן־אָפּעראַציע געלינגט דורכויס, דאָס הייסט: אַליין די אָפּעראַציע גייט אָפּ גלאַט, אַז מען דאַרף נישט בעסער. דער רעזולטאַט קומט אָבער נישט באַלד מיט אַ מאָל, און נישט שטענדיק איז ער פּונקט אַזאַ, ווי מען האָט געהאָפט. און דאַך... האָפן דאַרף מען.

פון דעם האָט טראָפימאָוו פאַרשטאַנען, אַז אויסלאָזן קען זיך נישט דאָס, אויף וואָס ער האָפט, נאָר אַז צו האָפן דאַרף ער פונדעסטוועגן נישט אויפהערן.

— איז פאַרט ווי לאַנג? — האָט ער געפרעגט, — ווי לאַנג נאָך דאַרף אַוועק, ביז מען וועט זיך דערוויסן?

דער דאָקטאָר האָט עס ווי נישט איינגעהערט.

— אַ וואָכן צוויי? — האָט געוואָלט אויסטאָפּן דער קראַנקער.

— נו, בערך, — האָט, אַוועקגייענדיק, ענדלעך געענטפערט דער דאָקטאָר.

און דאָס האָט טראָפימאָוון געגעבן אַ גרונט, ער זאָל אין סוף פערטן יאָרצענד־ליק פון זיין לעבן פלוצעם אָנהייבן ציילן די טעג מיט פיל מער אויפגערעגטקייט, ווי ער פלעגט קינדווייז ציילן די טעג, וואָס פאַר אַ גרויסן יום־טוב.

אין תוך איז יעדער איינער פון אָט די פערצן טעג געווען דער סאַמע לענגסטער פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין בלינדקייט. נאָך לענגער וואָלטן געווען זיך אויס־געצויגן די נעכט, ווען דער "קליינער דאָקטאָר" זאָל אים יעדן אָוונט נישט געווען באַזאָרגן מיט איינער אַ רפואה, פון וועלכער עס שלעפערט.

און דאָך האָט נישט איין מאָל געטראָפן:

די גאַנצע פּאַלאַטע ווערט אויף אַ ווײַלע ביינאַכטיק פאַרזונקען אין יענעם במקום־שלאָף, וואָס ווירקט ווי נאַרקאָטיק אויף די סאַמע ליידנדיקע קראַנקע, פאַרטשאַדעט זיי מיט זייער אייגענעם ווייטיק און זיי הערן אויף צו קרעכצן. דווקא דעמאָלט זעצט זיך טראָפימאָוו אויף אויף זיין בעט און בלייבט אויף לאַנג פאַרגליווערט. ווי דאָס וואָלט ער האַלטן אַ גרויזאַמע וואַך אויף דער סאַמע גרענעץ צווישן בלינדקייט און זעעוודיקייט. פון דער איינגענומענער שלאָף־רפואה נודיעט אים אַ ביסל צום ברעכן. דער נישט אויסגעוועפּטער דרעמל וואָלגערט אים שיער נישט אום, נאָר אין דער זעלבער צייט האָט ער גאָר עפּעס מורא, אַז ווי נאָר ער וועט זיך אונטערגעבן דעם שלאָף, וועט אין איינעם מיט אים אויף אייביק אַנטשלאָפן ווערן די האָפענונג.

דרייצן אַזעלכע טעג און צוועלף אַזעלכע נעכט האָבן אָפּגעפייניקט טראָפימאָוון מיט זייער יאוש און האָפענונג.

אין דער נאַכט, וואָס אויפן פערצנטן טאָג, האָט ער צום באַנדאַזש, וואָס אויף זיינע אויגן, שוין כסדר, אפילו אין טיפסטן שלאָף, געהאַט אַ געפיל, ווי צו עפּעס אומרחמנותדיקס און לעבעדיקס, — ער אַליין, אָט דער באַנדאַזש, קען כלומרשט ביים אַראָפּגענומען ווערן באַשטראָפן אים, טראָפימאָוון, מיט אייביקער בלינדקייט אָדער באַלוינען מיט אַנטפּלעקן באַנייס די ליכטיקע וועלט.

אין יענער נאַכט, אַ שעה צוויי פאַר טאָג ווערן, ווען גובר זייענדיק אין זיך דעם שטאַרקן טשאַד פון שלאָף, האָט טראָפימאָוו זיך אויפגעזעצט אויפן בעט,

האָט אים צו זיין באַוווּנדערונג געגומען זיך אויסדאַכטן, אַז פון ערגעץ ווייט, פון מיטן שטאָט, הערט ער קלינגען זייער גרויסע גלעקער — פון וואַנען האָבן זיך גאָר גענומען אַהין גלעקער?

ער האָט לאַנג זיך איינגעהערט:

די גלעקער האָבן געקלונגען אַלץ געדיכטער און געדיכטער, ווי אַמאָל אין זיינע קינדער־יאָרן ערב גאָר אַ גרויסן יום־טוב — שוין־זשע איז דאָס געוועזן זיין, טראַפּימאָוס, יום־טוב?

4

דעם דאָקטאָר סויפער האָט זיך געחלומט, אַז אים איז נישט מער ווי אַ יאָר פערצן־פופצן. זיין מוטער די אלמנה באַגלייט אים אַרויס פון איר שטיבל, וואָס אויף איינעם פון די ווילנער זייער שמאָלע געסלעך. אין שטילן געסל זעט מען זעלטן דורכפאָרן אַ פור. פון דעסט וועגן זאָגט צו אים די מוטער מיט פיל זאָרג אין קול:

— פאַמעלעך, קינד, ווען דו גייסט אַריבער די גאַס... מען זאָל דיך, חלילה, נישט איבערפאָרן.

— הער אויף, מאַמע, — בעט ער זיך ביי איר, — איך גיי דאָך נאָר אַריבער צו דער מומע, טאָקע דאָ אין געסל.

— יאָ, — גיט נאָך די פאַרזאָרגטע מוטער, — נאָר פון דעסט וועגן היט זיך, קינד... היט זיך, איך בעט דיך.

מיט אַ שטאַרקער בענקשאַפט צו דער מוטערס געטריישאַפט האָט דער דאָקטאָר זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און זיך דערמאָנט, אַז עפּעס ענלעכס האָט ווירקלעך אַמאָל פּאַסירט — די מוטער האָט דעמאָלט אַ שטיק צייט אים ממש געהיט די טריט. דאָס איז געווען נאָך דעם, ווי זיין עלטערער ברודער שלמה, אַ בחור פון דריי־און־צוואַנציק יאָר, איז אין איינעם מיט נאָך עטלעכע רעוואָלוציאָנערן יונגע־לייט אומגעקומען אין אַ פּוילישער טורמע.

מיט אַ מאָל זיך געגעבן אַ זעץ אויף, האָט דער דאָקטאָר דערזען, אַז דורכן נאָענטן פענצטער דרינגט שוין אַריין די גרויע שיין פון טאָג ווערן און אַז אין אַנטאָן און אין ווייסן כאַלאַט, וואָס ער האָט שוין באַלד אַ מעת־לעת פון זיך נישט אַראָפּגעצויגן, געפינט ער זיך אויפן הארטן ווייס־געפאַרבטן סאָפקעלע אינעם דאָקטאָר־צימער פונעם שפּיטאָל, וווּ ער האַלט די וואַך.

אַנגעגאָסן פול־און־פול מיט די זאַפטן פון פרישער בענקשאַפט צו דער מוטער, וועלכער ער האָט נאַרוואָס געזען אין חלום, האָט ער, זשמורענדיק די אויגן, אַ שפּאַן געטאָן צום ווייס־געפאַרבטן טישל, כדי אויסצולעשן דאָרט דעם צוגעדרייטן לאָמפּ, וואָס ברענט נאָך פון ביינאַכט אָן און באַלויכט איצט שוין זייער קנאַפּ אַרום זיך די גרעסערע און קלענערע פלעשעלעך מיט רפואות.

און פּלוצעם, האָבנדיק שוין אַריינגעבלאָזן אינעם גלעזל פונעם צוגעדרייטן לאָמפּ, איז ער געבליבן שטיין מיט אַזאַ חרטה־געפיל, ווי גלייך דאָס האָט ער

אויסגעלאָשן דאָס יאָרצייט־ליכט, וואָס האָט דאָ געבּרענט נאָך זיין מוטערס נשמה.

„מאַדנע“ — האָט ער אַ טראַכט געגעבּן, קוקנדיק אויפן לאָמפּ.

און ער האָט זיך טיף פאַרקלערט וועגן די געפילן, צו וועלכע דער נאַרוואָס געזעענער חלום האָט אים מיט אַ מאָל אומגעקערט, — געפילן, ווי ער וואָלט ווירקלעך אַלט געווען נישט מער ווי אַ יאָר פערצן און די מוטער וואָלט מיט גרויסער זאָרג געהיט זיינע טריט.

ווען און ווי אַזוי איז זיין מוטער ביי די דייטשן אין ווילנע אומגעקומען, האָט ער עד־היום, וויפל ער האָט זיך נישט נאָכגעפרעגט, קלאָר נישט געקענט דערגיין. נאָר אַלץ איינס — אַ פאַקט: קיין הזכרה האָט נאָך איר קיינער נישט געפּראַוועט, קיין ליכטל אפילו נישט אָנגעצונדן. ווער ווייסט, אפשר פאַלט אויס איר יאָרצייט אין די נאָענטע טעג, און אפשר גראָד היינט, ווען זיין האַרץ איז נאָכן חלום אַזוי איבּערגעפּולט מיט איר, ווי גלייך נאַרוואָס איז זי דאָ געשטאַנען לעבן אים. און וואָס איז דען די נפקא־מינה צי היינט צי נישט היינט? דער עיקר:

גראָד היינט איז אים אַזוי נאָענט איר אָנדענק, און עס ווילט זיך נישט אָפּלאָזן פון זיך אָט די נאָענטקייט און זי טראָגן אין זיך כאָטש אין פאַרלויף פון היינטיקן טאָג.

„מילא, — האָט באַשלאָסן דער דאָקטאָר, — פאַרפאַלן“...

און דער דאָזיקער „פאַרפאַלן“ האָט געהאַט אַ שייכות צו דעם, וואָס ער, דער דאָקטאָר סויפער, רעפלעקטירט עד היום אויף נישט ווייניק האָווייעס פונעם אַלטן יידישן לעבן, אין וועלכן אים איז אַוועק זיין יוגנט. אָט, למשל, טראָגט ער אַ בּערדל נאָך דערפאַר, וואָס זיין באָבע — זי האָט נאָך געלעבט, איידער ער איז אַוועק קיין בעלגיע שטודירן — האָט גענומען ביי אים די האַנט „תקיעת־כף“, אַז די באָרד וועט ער נישט רירן.

— ס׳איז, אייגנטלעך, אַ תקיעת־כף־בערדל, — אַזוי האָט ער אַליין איין מאָל וועגן זיין בּערדל געזאָגט, — נאָר גיי הייב זיך אָן מיט זאָגן אַ ליגן אַ באָבען אויף יענער וועלט.

„איז מילא...“

וועגן דעם האָט זיך פאַרטראַכט דער דאָקטאָר איצט, ווען זיין האַרץ איז געווען אַזוי שטאַרק איבערגעפּולט מיטן אָנדענק פון זיין געהרגעטער מוטער:

„זאָל שוין זיין נאָך איינע אַן אַלטע יידישע האָווייע, וואָס הייסט „יאָרצייט“... איז וואָס טאָן? — גיין אין שול? אָנצינדן דאָרטן נאָך איר ליכט?“

אין אָט דער פאַרטראַכטקייט, ווי ער איז געשטאַנען אין מיטן דאָקטאָר־צימער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט אויסגעצויגענע ליפּן אויף אַ טשמאָקע צו טאָן, האָט אים געטראָפן די מעדשוועסטער פון דער פּאַלאַטע פאַר אויגן־קראַנקע.

— טראָפימאָוו, — האָט זי געזאָגט, — פרעגט זיך נאָך, צי מען וועט אים היינט אַראָפּנעמען דעם באַנדאַזש.

— איך גיי, איך גיי, — האָט דער דאָקטאָר זיך אַ כאַפּ געטאָן.

און ער איז איילִיק אַוועק צום גאַנצפריעדיקן אַרומגיין די קראַנקע. מיט דעם

האָט זיך דאָ היינט באַדאַרפט ענדיקן זיין וואָך.

ער איז נאָכגעגאַנגען דער מעדשוועסטער אין דער פּאַלאַטע, ווי ער גייט איר אַלע מאָל נאָך אַהין. און דאָך...

ווי אום יום־טוב פּילט אַ רועגדיקער מענטש, אַז יעדע שטוב־אַרבעט, צו וועלכער ער זאָל זיך נישט נעמען, טוט ער בלויז און נאָר צוליב יום־טוב, אַזוי האָט דער דאָקטאָר סויפער, נאָכגייענדיק דער מעדשוועסטער, געפילט, אַז אַלץ, וואָס ער וועט היינט טאָן, וועט עס זיין נאָר בלויז אין נאָמען פון זיין היינטיקן יאָרצייט נאָך דער געהרגעטער מוטער.

זיין האַרץ איז פון רגע צו רגע אַלץ מער פול געוואָרן מיט בענקשאַפט צו איר אָנדענק:

געלעבט האָט אַ וויניק באַריידעוודיקע יידישע פרוי, אַ שטילע מאַמע צווישן מאַמעס — ביי יעדן אין די אויגן איז זיין מאַמע געווען אַ שטילע. אַוועק איז זי פון דער וועלט אין גרויסער זאָרג פאַר אירע קינדער — זאָרג פון אַלע מאַמעס ביים אַוועקגיין פון דער וועלט. און אַט, ווי באַגלייט מיט איר זאָרגעוודיק קול, גייט איצט נאָך דער מעדשוועסטער, ער, דער איינציקער לעבן געבליבענער זון אירער:

״פּאַמעלעך, קינד, ווען דו גייסט אַריבער די גאַס״...

און ווייל ער איז דער איינציקער לעבן געבליבענער, זענען אויף אים איינעם חל אַלע אירע מוטערלעכע זאָרגן — אַזויפיל זאָרגן אויף אים איינעם! און דאָס איז אים מחייב און רופט:

״טאָן עפּעס וויכטיקס פאַר איר״.

מיט צוזאַמענגעצויגענע אויגן האָט ער זיך איינגעקוקט אין דער טיף פון פּאַלאַטע, אין וועלכער עס הייבט אָן קוים־קוים ליכטיק ווערן, און האָט אַלץ געטראַכט וועגן דעם:

״טאָן עפּעס וויכטיקס פאַר איר״.

און פּלוצעם דערזעענדיק, מיט וואָס פאַר אַן אומגעדולד טראָפּימאָוו זיצט אויף זיין בעט און וואַרט, איז ער געבליבן שטיין דורך און דורך אויפגערודערט פון דעם, וואָס דאָ באַלד קען פּאַרקומען אין פאַל, אויב די אָפּעראַציע וועט ווירקלעך אומקערן טראָפּימאָוון די ראיה, — אָט וואָס פאַר אַ ליכט מען קען איצט אָנצינדן פאַר דער מוטערס נשמה:

״אמתדיק ליכט״...

מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט האָט ער פאַרצוימט דעם וועג דער מעדשוועסטער, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אַ לאָז געגעבן צו טראָפּימאָוון.

— נישט דאָ, — האָט ער געזאָגט.

דעם באַנדאַזש האָט מען באַדאַרפט אַראָפּנעמען ביי טראָפּימאָוון אין דער פינצטער, און אַהער אין דער פּאַלאַטע האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן אַריינצודרינגען די גרויע שיין פון טאָג ווערן.

אין וואַרטעניש, די מעדשוועסטער זאָל אַלץ צוגרייטן, האָט ער זיך אומגעקערט אין דאָקטאָר־צימער און האָט דאָרט ווידער צום אויסגעלאָשענעם לאָמפּ דערפילט

אַזאַ נאַענטקייט, ווי צו זיין מוטערס אַן אויסגעלאָשן יאָרצייט־ליכט.

"מאָדנע... — האָט ער זיך פאַרטראַכט, — פאַר אַ פאַרמיטלער צווישן זיך און די געשטאָרבענע האָבן מענטשן געמאַכט "ליכט"... קיין בעסערס האָבן זיי נישט געפונען".

און ער האָט אַ ווײַלע געקוקט אויפן לאָמפּ, ווי וואַרטנדיק, אַז ער, דער אויסגעלאָשענער לאָמפּ, זאָל אים דערקלערן, פאַר וואָס איז עס אַזוי.

נישט געכאַפּט, האָט ער פון אויבן אויפן ווייסן כאַלאַט אַרויפגעצויגן זײַן אָפּגעטראָגן פוטערל און איז אַוועק אין שפּיטאָל־הויף זיך אָנאָטעמען מיט פרישער לופט נאָך דער לאַנגער ווינטערדיקער וואָך־נאַכט. ער איז אַוועק אַהין זײַער פאַרמחשבהט און מיט אַזעלכע קורצע טריטעלעך ווי ער וואָלט מורא האָבן, ער זאָל אויפן וועג נישט פאַרלירן גאָרנישט פון די געפילן צו דער מוטער, מיט וועלכע ער איז איצט פול און פול אָנגעלאָדן.

ס'איז נאָך אַלץ געווען גאַנצפריעדיק־טונקל.

ביי נאַכט האָט אויסגעשאָטן אַ פרישער שניי, אַ גלאַטער און אַזאַ ניי־ווייסער, ווי גלייך קיין שניי האָט פאַר אים נאָך קיין מאָל נישט געשאָטן נישט בלויז היינטיקן ווינטער, נאָר קיין מאָל נישט אין לעבן.

געצויגן האָט זיך שטיל יענע גרויע פראָסטיק־נעפּלדיקע שעה, ווען אין פאַראָסטעט־געקאָוועטן אַרום קוקט דאָס אויג צום רויך פון קוימענס, ווי צו עפּעס רעכטס, ווייל מער רירט זיך אין ערגעץ גאָרנישט.

העכער פונעם רויך האָט געטליעט אַ פייערדיק רייפעלע און זיך געראַנגלט אויף מגולגל צו ווערן אין אַן אויפגייענדיקער זון. געטליעט אונטער שווערע וואָלקנס, און ווי דעם דאָקטאָר האָט זיך געדאַכט, עפּעס גאָר פיל נידעריקער ווי שטענדיק, און דאָך ווי געהאַלטן אין איין עקשנותדיק חזרן:

— כ'וועל אויפגיין!

— כ'וועל אויפגיין!

צו דער שיין פון אָט דער אויפגייענדיקער זון האָט דער דאָקטאָר איצט געקוקט, נישט פאַרגעסנדיק אויף קיין איין רגע, אַז ער וועט באַלד עפּעס טאָן אין שליחות פון זיין מוטער. אין קאָפּ האָבן זיך ביי אים געדרייט די אַלט־יידישע יאָרצייט־ווערטער:

"צרורה בצרור החיים"... אָט איז עס: אָנגעקניפּט אין לעבן... שוין־זשע האָבן עס אַזויפיל דורות בלויז געזאָגט מיטן מויל און נישט באַנומען, וואָס זיי זאָגן!

אָט איז עס: פאַמעלעך, קינד, ווען דו גייסט אַריבער די גאָס — ס'איז זאָרג פון איר מוטער פאַר איר ווייטערדיקער אָנגעקניפּטקייט אין לעבן. די מוטער האָט מען געהרגעט. און אָט גייט איצט ער, דער זון אירער, צוריק אין שפּיטאָל און וועט זי צוריק אָנקניפּן אין לעבן, וואָרום ער, איינער פון אירע קינדער, וועט אָנצינדן צוריק ליכט ביי אַ מענטשן אין די אויגן. און מאָדנע, ווי ער פילט זיך דערביי טיף־פאַרכאַפּט, ווי ביים אויספילן אַ לעבנס־באַרוף.

ביים אַרויפגיין אויף די טרעפּ האָט ער נישט געהערט, ווי אים באַגריסן די

דאָקטוירים, וואָס איילן צו זייער פרימאָרגן־אַרבעט אין שפּיטאָל אַריין. ער האָט געזען, ווי פון זיין אָפּגעטראָגן פוטערל שטעקט אַרויס דער זוים פון זיין ווייסן כאַלאַט, און דאָס האָט אים דערמאָנט, ווי די ווייסע זוימען פון די קיטלען פלעגן אַרויסשטעקן פון די מאַנטלען ביי יידן יום־כיפור פאַר כל־נדרי. אפשר דערפאַר איז ער איצט אויפן וועג צוריק אין שפּיטאָל שיער נישט גרייט געווען צו שעפּטשען:

— די אָפּעראַציע זאָל געראָטן... די אָפּעראַציע זאָל געראָטן.

ער האָט נישט אויפגעהערט צו זיין טיף פאַרמחשבהט אויך דאַן, ווען די מעדשוועסטער האָט אים אַריינגעלאָזט צו טראָפימאָוון אין פינצטערן צימערל. אַנגעלאָדן מיט בענקשאַפט נאָך דער מוטער, האָט ער אין דער פינצטער אָנגעטאַפּט טראָפימאָווס קאָפּ און פאַמעלעך אַראָפּגענומען דעם באַנדאַזש פון זיינע אויגן.

ס'איז אַוועק אַ רגע.

— איך זע! — האָט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם, ווי נאָך אַ לאַנגן געלויף, אויס־געקרעכצט טראָפימאָוו, — אייער פּנים זע איך, חבר דאָקטאָר!... מיט אָפענע אויגן זע איך...

איצט זענען די אויגן געווען פאַרמאַכט ביים דאָקטאָר. זיינע ליפּן האָבן שטיל געשעפּטשעט:

— צרורה בצרור החיים... מאַמע... מאַמע...

מיין זיידע דוד ז״ל

...ביי לייטן זענען פאַראַן קברים פון זייערע אייגענע. ביי אונדז זענען נישט פאַראַן קיין קברים. דערפאַר איז דער 12טער אויגוסט געווען ביי אונדז דער יזכור־טאָג נישט נאָר פאַר אונדזער זיידן, אָבער באַזונדערס פאַר אונדזער זיידן, ווייל דאָס איז אויך געווען דער טאָג פון זיין געבוירן...

דאָס איז געווען אַ מין הספד איבער דער פאַרשניטענער יידישער קולטור, אַ טאָג פון פאַרכטיקע דערמאָנונגען.

אין דאָזיקן טאָג האָבן זיך אין הויז פון מיין באָבע ציפּה ז״ל ווען זי האָט נאָך געלעבט, זיך צוזאַמען געקליבן פיל מענטשן — שרייבער, קינסטלער, יידישע מוזיקער, סע זענען געקומען אויך פשוטע לייענער, וואָס האָבן ליב געהאַט זיינע ווערק, אָדער אַזעלכע וואָס האָבן אַמאָל געהאַט דאָס גליק אים נעענטער צו קענען... פיל פון אָט די מענטשן לעבן איצט דאָ אין ישראל...

כ'בין אייניקע מאָל טיף גערירט פון מיין באַוווסטזיין, אַז איך קאָן צו יעדער צייט באַגעגענען אויף די גאַסן פון ירושלים יענע מענטשן וועלכע כ'בין פון קינדווייז געוווינט געווען צו זען אין אונדזער הויז, צום טאָג פון מיין זיידנס טויט, צום טאָג פון זיין געבוירן.

ביי מיר איז אָפט מאָל אַזאַ געפיל, אַז דאָ, ביי אונדז אין ישראל גיי איך, פאַמעלעך די גאַנצע צייט אַנטקעגן מיין לעבעדיקן זיידן — דעם גרויסן יידישן שרייבער דוד בערגעלסאָן.

מאַרינאַ בערגעלסאָן

דוד האָפּשטיין



1952—1890

און אויב אַמאָל וועט אויף מיין קבר זיין
אַ שטיין
(זאָל בעסער יאָ זיין, איידער ניין)
איז זאָל דאָס זיין אַ שטיין אַן עבטער,
פון טרייע הענט
געטעסעט,
און זאָל אין אויפשריפט זיין פאַרפלאָכטן
אַ וואָרט אַן אלטס,
אויף עבטן שטיין
פון טרייע הענט
געטעסעט,
אַ וואָרט
וואָס קלינגט פאַר פיל שוין פרעמד:
חסד.

* *
*

אין ווינטער-פאַרנאַכטן אויף רוסישע פעלדער!
ווו קאָן מען זיין עלנטער, ווו קאָן מען זיין עלנטער

אַ פערדל אַן אַלטינקס, אַ סקריפּענדער שליטן,
אַ שליאַך אַ פאַרשנייטער — און איך בין אינמיטן.

פונהינטן, אין איינציקן ווינקל אין בלאָסן,
נאָך לעשן זיך טרויעריק טליענדע פאַסן.

פונפאָרנט פאַרשפּרייט זיך אַ מדבר אַ ווייסער,
און ווייט דאָרט צעזייט איז אַ צענדליקל הייזער —
דאָרט דרימלט אַ כוטער, פאַרזונקען אין שנייען...

צום יידישן הייזל פיל סטעזשקעלעך גייען.
אַ הייזל, ווי אַלע, נאָר גרעסער די פענצטער,
און צווישן די קינדער דאָרט בין איך דער עלטסטער.

און ענג איז מיין וועלטל, און קליין איז מיין רעדל,
אין צוויי וואָכן איין מאָל פון כוטער אין שטעטל.

און בענקען אין שווייגן פון פעלדער פון ברייטע,
פון וועגן און וועגלער פאַרשנייטע, פאַרווייטע...

און טראָגן אין האַרצן פאַרבאַרגענע ווייען
פון זוימען, וואָס וואַרטן און וואַרטן אויף זייען...

אין ווינטער-פאַרנאַכטן אויף רוסישע פעלדער!
ווי קאָן מען זיין עלנטער, ווי קאָן מען זיין עלנטער?...

1912

מיר שטאַמען פון פעלדזן

מיר שטאַמען פון פעלדזן!
פון פעלזן, צעמאַלטע אויף מילשטיין פון צייטן...
מיר שטאַמען פון פעלדזן,
וואָס האָבן דעם גורל פאַרבונדן
מיט ימען,
מיט ווינטן,
מיט וויטן...
מיר שטאַמען פון פעלדזן,
וואָס האָבן צעבראָכן
דעם יאָך פונעם גליווערנעם שטייען —
מיר גייען —
און וועלדער נאָר וויסטע
אונז קאָנען פאַרהאַלטן...
מיר זיינען די ערשטע
אין פאַלדן פון ווינטן,
מיט וויכערס געבונדן,
מיט כוואַליעס געשוועסטערט,
געברודערט מיט שטורעם —
קיין מזרח, קיין מערב, קיין צפון, קיין דרום!

1919

* *
*

אַ שפּאַן טון מיט נייעם, מיט ברייטן
מיט אייגענעם נאָך ניט געגאַנגענעם גאַנג.
ווער זאָגט עס: ס׳איז פרי נאָך, איך דאַרף זיך נאָך גרייטן —
פון ירדן ביז וואָלגאַ איז פאַלג מיך אַ גאַנג!

געמאָסטן מיט טריט מיט באַשווערטע
די ערדישע דאָרניקע פלאַכן,
מיט ציילן פון פייער, מיט וועקסענע ליכטלעך —
און גרייטע צו זוכן און גרייטע צו וואַכן...

איך זע זיי, די בלוטן, ביז בבל,
איך זע זיי די דאָרשטיקע בויערס די צווייטע,
מיט טרייסטלאָזע קריצן אויף האַרציקן טאָוול,
מיט שניט פון אומזיסטיקן ווייטאָק.

און ווייטער,
און ווייטער!...
נאָר ווער וועט דערציילן?
און ווער וועט עס הערן,
ווען ס׳פלאַקערט דער שייטער!
און ווייטער?

פאַר פייער — ערד!
אַ שטויב פאַר שווערד,
און ערשטע אָפּרשאָף אויף יעדן שייטער!

מיט שטויביקייט
באַזיגט די גרעסטע ווינטן פון דער וועלט,
מיט פונקען — רגעס-פלאַם,
ווי ציילן, דורכגעשטראַלט אין אייביקייט!

"אַספאַלטן"

(פראגמענטן)

וויל איך אַן ענטפער אייך געבן:
אויפריכטיק פריי,

ווי עס קאָן עס אַ דיכטער אין בעסטע מינוטן;
אויפריכטיק פריי, ווי אַ דיכטער,
וואָס האָט אין זיין יוגנט זיין צאַרטער
האַרציק און הייליק געגלויבט,
אַז ס׳איז דאָ אַזאַ זאַך, וואָס הייסט ״מענטשהייט״,
אויך איז פאַראַנען א טייל פון דער ״מענטשהייט״ —
״מיין פאָלק״ איז זיין נאָמען.

האַרציק און הייליק
געגלויבט אין דעם גרויזאַמען גאָט פון די געטער...
איין ארבעט האָט דער גאָט פון די געטער:
ער זאָרגט פאַר דער ״מענטשהייט״.
מערער פון אַלץ ס׳איז דאָך קלאָר,
טראכט ער און ״זאָרגט״ פאַר דעם טייל,
וואָס ״מיין פאָלק״ איז זיין נאָמען,
ווער נאָך עס רופט אים,
דעם גאָט,
קריגט באַלד א ליכטיקן געטלעכן ענטפער,
און וועגן יעדן, וואָס ליידט,
האָט אָט דער גאָט פון די געטער געמאָלדן.

״עמו אנוכי בצרה״ — (אינאיינעם מיט אים כ׳בין אין ליידן)
אויפריכטיק פריי,
ווי עס קאָן עס א דיכטער,
וואָס ווייטיקט און בלוטיקט;
אויפריכטיק פריי, ווי אַ דיכטער,
וואָס ווייסט אויך די זיסקייט פון מיטלייד;
אויפריכטיק פריי, ווי א דיכטער,
וואָס ווייסט אויך דעם צויבער פון שיינקייט
און אויך דעם בלענד
פון די העכסטע געשיכטעס פון ליבע און מילדקייט.

ליבע, וואָס פאָדערט אויך הייסע קרבנות,
באַגלייך מיט דער קאַלטער אַכזריות.
אָך די פאַרליבטקייט פון דיכטער
אין אלטע און שיינע געשיכטעס!
שווער זיינען שיינע געשיכטעס,
ווי בליענדע טונקלע געוויכטן...
1933

* *
*

די בערגעלסאַנען

אין לאַנד — אַן דאַך אויף האַלב —
מיין האַרץ — אַ צאַרטע שוואַלב,
אין שאַרפן שנאַבל — ליים.
אין בליק — אַ פראַגע: היים?

פון פריינדינס דאַרט אַ שנור,
פון פריינדינס דאַרט אַ רינג,
אין ים אין בלויען זינקט
און ווינקט און ווינקט צו מיר...

און דאַרט ביים אַלטן שטיין,
באַוואַשן מיט געוויין —
דער וועכטער אויף דער וואַך
ביי וואַנט, וואָס אַן אַ דאַך...

אין לאַנד אָן דאַך אויף האַלב —
מיין האַרץ — א צאַרטע שוואַלב,
אין פרייד אויף ווי געזאַלבט.

פון זשורנאל "שטראָם" 2. (1922)

פון דער זאַמלונג

"איך גלייב"

ואעבור עליך וארא̈ך מסבססת בדמיך
ואמר לך: בדמיך חיי! ואמר לך: בדמיך חיי! *
(יחזקאל טז, ו)

איך זע —
ביסט אין גאַנצן אין בלוט.
אַז מיט קויט איז דיין שטערן באַקלעפּט.
איך זאָג דיר:
ניט טרויער! געדענק —

* און איך בין דיך פאַרבייגעגאַנגען און האָב דיך געזען זיך וואַלגערן אין דיין בלוט און כ'האָב דיר געזאָגט: אין דיין בלוט לעב! און כ'האָב דיר געזאָגט: אין דיין בלוט לעב!

דיין מוח, ער לעבט! אָ, ער לעבט!
און דורך פּיין און דורך פּלאָג
איז, ווי שטענדיק, אין שאַפן, אין גלוט.
איך זע —
מיט ביילן דיין גוף איז פאַרוועבט,
און מיט ווונדן באַדעקט איז דיין ברוסט —
ביסט אינגאַנצן אין בלוט...
איך זאָג דיר...
ניט טרויער: געדענק —
דיין כוח, ער לעבט! אָ, ער לעבט!
דיין האַרץ דאַרטן אינווייניק שלאָגט
און טרייבט ווילן און גלוסט,
און איז פול נאָך מיט טרייסט און מיט מוט!
און דיין האַנט, דיין געניטע פּילפּאַכיקע האַנט
(זי געמאָלט האָט רעמבראַנדט),
און צום שאַרפסטן געווער,
ווי צום צאַרטסטן געצייג, שוין געווינט.
כ'ווייס, דיין גורל איז שווער, אָ, ווי שווער!
נאָר דיין שליחות איז גרויס!
ווי די צייט דיך ניט שוינט,
דו טראָג אים, דיין פּיין, אָן געוויין!
גיי אַרויס
און שריי אויס:
וועלט-אויס,
וועלט-איין!
און אין וועלטישע קאָנען
צו קאָנען זיך שטעלן און
און צו זיין —
לווינט!

1944

*

דער נסתר



1950—1884

די לעצטע צייט, ווי מע דערציילט, פלעג ער אין דרויסן כמעט ווי ניט אַרויסגיין. שעהען לאַנג פלעג ער זיצן אויף איין אָרט, אויפן נידעריקן פוס-בענקעלע, גלייך ער וואָלט שבעה זיצן נאָך די אלע, וועלכע מען האָט שוין אַוועקגענומען.

קיין בוך האָט ער שוין אויך לאַנג ניט געבלעטערט. אפילו די זעלטענע עברי-טייטש-ספרימלעך, מיט וועלכע ער פלעג זיך אָפט אַזוי קוויקן, זיי זענען אויך שוין לאַנג פאַרבליבן ניט גערירט אויף די פּאָליצעס, ווי פאַרגעסענע און פאַראייזאַמטע קינדער... אמת, — דאָס אַלטע בערדיטשעווער תהילימל, וואָס פלעג געוויינלעך ליגן פאַרבאָרגן ערגעץ הינטער די עברי-טייטש ביכלעך — דווקא אָט דאָס תהילימל איז געלעגן אַצינד אויף דער טומבעטשקע אַן אויפגעמישטס — אָפן פאַר יענעמס א זייטיק אויג.

אַ מאָדנע מין שטילקייט האָט איבערגעפולט דאָס קליינע צימערל אויפן דריטן שטאָק פון דעם ליקווידירטן יידישן מלוכה-טעאַטער. דאָ האָבן די לעצטע יאָרן געלעבט דער נסתר מיט זיין פרוי לענאַ.

לענאַ איז געזעסן קעגניבער און כלומרטש געשטריקט עפּעס אַ לייבל. זי האָט אָבער צו אָפט געוואָרפן אַן אומרויִק-פאַרדאגהטן בליק אויף איר מאַן... וועלנדיק, ווייזט אויס, אַרויספירן אים פון די אַנגסטיקע מחשבות, האָט זי האָפּערדיק און צערטלער אַ פרעג געטאָן: — מירן אפשר טרינקען אַ גוט גלעזל טיי, פיניע?

ווי פון דער טיף האָט נסתר אויפגעהויבן אויף זיין פרוי אַ פּאָר טרויעריק-מילדע און בריענדיקע אויגן:

— ס'איז טאַקע אַ געדאַנק — האָט ער אַרויסגעזיפצט. לענא האָט תיכף זיך אויפגעשטעלט און אָנגעגאָסן פון טערמאָס אין א פינקלדיקער גלאָז, שטאַרקע, שמעקעוודיקע, גוט פאַרקאָכטע טיי, אַזאַ ווי פיניע האָט ליב געהאַט דאָס גאַנצע לעבן.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט טרינקען טיי. ס'איז געווען שפּעט אין דער נאַכט.

פלוצעם האָט לענאַ אָנגעשפּיצט איר געהער און אַ צעשראָקענע זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר.

אויך דער נסתר האָט דערהערט פון דאַרט, אויף די טרעפּ — פרעמדע, שווערע, געמאָסטענע טריט. ער איז עטוואָס בלייך געוואָרן נאָר פול מיט דערלייכטערונג האָט ער אַרויסגעמורמלט:

— א דאַנק דעם אייבערשטן: זיי זענען שוין געקומען אויך נאָך מיר...

יוסף קערלער — "דער 12 טער אויגוסט 1952"

העשל אַנשעלעס *

העשל אנשעלעס איז געווען גרויס באַוווּסט ביי דער אינטעליגענץ פון שטאָט — ביי זשורנאַליסטן, ליטעראַטן אאַ. מ׳פלעגט צו אים אָפט קומען פרעגן מבינות שוין אויף אַ פּאַרטיקער מלאכה, און ווען מ׳האָט פירגענומען אַן אַרבעט, וועלכע האָט געפאָדערט גענוי וויסן אין אַ געוויסן געביט, אין וועלכן מע האָט אַליין אונטערגעהונקען, פלעגט מען ביי אים פאַרויס שעפּן ידיעות, ווי אין אַ הילף־בוך, אַן ענציקלאָפּעדיע.

ער איז געווען פיל באַלאָדן. כאָטש נאָך יונג, פון אַ יאָר פינף־זעקס און צוואַנציק, אָבער שוין אַזוי ווייט באַלערנט און באַלעזן, אַז ער האָט אויסגעזען אויף אַ ביסל איבערגעלאָדן. דער קאָפּ ביים קאַרק עטוואָס אַראָפּגעבויגן, דאָס פּנים מער אָפּגעצויגענער און בלאַסער, ווי ס׳פּאַסט אפילו פאַר אַזאַ, וואָס פאַרנעמט זיך בלויז מיט לערן־זאַכן, די האָר פון קאָפּ שוין היפש שיטערלעך, די שלייפן איינגעפאַלן און די הויט פון די הענט אַזוי דין און דורכזיכטיק, ווי דאָס לייב פון אַ יונגן עופעלע, ווען מ׳בלאָזט דעם צווישן די פעדערלעך.

מ׳דאַרף זאָגן, אַז אַ שטיק שווערע ירושה האָט זיך אים אויך נאָכגעשלעפּט. ערשטנס, זיין מוטער, וואָס נאָך ליגנדיק מיט אים אין קימפּעט, האָט מען באַמערקט, ווי ס׳איז אויף איר פּלוצלינג אָנגעפאַלן אַ שווייגעניש, און זי האָט אויפגעהערט ענטפערן אויף די ווינטשעוואַניעס, אויף די מזל טוב׳ס, וואָס אייגענע און באַקאַנטע זענען נאָענט מיט זיי צו איר בעט אונטערגעקומען. זי האָט זיך גלייכגילטיק באַצויגן צום קינד, צום זויגלינג, ניט ווי אַנדערע מוטערס: האָט מען איר צוגעבראַכט דאָס קינד צום בעט צום אָנזויגן, האָט זי דעם די ברוסט געגעבן, ניט — ניט, אַליין האָט זי זיך ניט דערמאָנט, און אָפט פלעגט זי אַפילו בשעתן זויגן אַליין אין דעם פאַרגעסן און זיך עפּעס ווילד פאַרטראַכטן.

דאָס שווייגן האָט אויך נאָכן קימפּעט פון איר ניט אָפּגעלאָזט. פאַרקערט, האָט זיך נאָר מער געשטאַרקט און דערגרייכט אַזאַ מאָס־מדריגה, אַז מע האָט אָנגעהויבן מורא האָבן איר דאָס קינד צו פאַרטרויען, זי זאָל זיך אַ מאָל אַזוי ניט פאַרגעסן, אַז זי זאָל דאָס גאַר פון די הענט אַרויסלאָזן.

אַ סברה, אַז איין מאָל האָט דאָס טאַקע מיט איר געטראָפן, און דעמאָלט האָט מען זיך גענומען עצהן מיט דאָקטוירים, און אַז יענע האָבן זי גוט באַטראַכט און עטלעכע מאָל איינער מיטן אַנדערן אויף קאָנסיליומס זיך דורכגעשמועסט, אַזוי זענען זיי צום אויספיר געקומען, אַז דאָס קינד דאַרף מען זען ביי איר אָוועקנעמען, ווייל אין אַזאַ צושטאַנד איז זי ניט פעיק אירע מוטער־פליכטן אויסצופילן, און אַז זי אַליין דאַרף מען אָפּגעבן אין אַ געהעריקן שפּיטאָל צום היילן.

אַזוי האָט מען געטאָן, און ס׳איז ניט אַוועק קיין סך צייט, אַז איר לאַגע האָט זיך פאַרערגערט. זי איז אַלץ מער אין זיך פאַרזונקען, זיך אָפּגעזאָגט פון עסן,

*) פון ליטעראַרישן זאַמלבוך „היימלאַנד״ מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס״ מאָסקווע 1943

טרינקען און ניט דערלאָזט, מע זאָל זי אַפּילו מיט גוואַלד האָדעווען, און דער סוף איז געווען גאָר אַ שלעכטער. אין איינעם אַ טאָג, ווען די שפּיטאָל־באַדינער האָבן ניט באַמערקט און פון איר אָוועקגעקוקט, האָט זי געקריגן עפּעס אַ שאַרפע זאַך, אַ מעסער צי אַ גאָפּל, מיט וועלכן זי האָט זיך געפּרוווט דעם האַלדז דורכשטעכן. און אַז מע האָט זי יענץ מאָל אָפּגעראַטעוועט און איר אויסגעהיילט די ווונד, האָט זי זיך פאַרטייעט אויף אַ צייט און כלומרשט ניט געוואָלט קיין שאַרפע זאַכן אין די הענט נעמען און אַפּילו אויף זיי ניט קוקן, ביז אַ צווייטער גינסטיקער פאַל האָט זיך איר געמאַכט, און דאָס מאָל האָט זי מיט זיך ענדגילטיק פאַרענדיקט: זי האָט זיך דעם האַלדז ביז טיף און אויף טויט דורכגעשניטן.

דאָס — די מוטער. דער פאָטער, וואָס האָט, זעט אויס, זי שטאַרק ליב געהאַט, האָט זיך די זאַך אַזוי שטאַרק צום האַרצן גענומען, אַז ער האָט געהאַלטן אויך זיין לעבן פאַר פאַרענדיקט. ער איז אומגעגאַן אַ לאַנגע צייט צעמישט, זיך ניט געלאָזט טרייסטן, ניט אויסרעדן. . און ווען, ווי דער שטייגער, האָבן שפּעטער צו אים אין שטוב זיך גענומען אַריינשטעלן שדכנים מיט פאַרשידענע פאַרשלאָגן, ווי מע קומט אַלע מאָל צו אַ יונגן אַלמן, האָט ער ניט נאָר זיי ניט געוואָלט אויסהערן ביזן סוף, נאָר שוין ביי די ערשטע ווערטער אויף זיי אָנגעשריגן און זיי פּשוט דורכגעטריבן. די שדכנים האָבן צוערשט בלויז מיט די אַקסלען אָוועקגע־מאַכט, מיינענדיק, אַז ס'איז צייטווייליק, ווייל דער צער איז נאָך פריש; אָבער אַז זיי האָבן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל געפּרוווט אַריינקומען, און יענער האָט ווידער און נאָך מער בייזער אויף זיי זיך צעשריגן, האָבן זיי געזען, אַז ס'איז ערנסט, ס'איז ניט געמאַכט און ניט בלויז לפנים, און זיי האָבן אָנגעהויבן זשאַלעווען שיך און מער זיך צו אים ניט געוויזן.

ער, דער פאָטער, האָט זיך אויך פון געשעפט אָפּגעוואָרפן. שטאַמענדיק אַליין פון רייכע עלטערן, וועלכע האָבן אים באַזאָרגט מיט היפּש נדן סיי פון זייער צד, סיי אויך פון כלהס צד, און וואָס דאָס האָט מעגלעך געמאַכט, ער זאָל באַלד נאָך דער חתונה זיך אַ נעם צום טאָן צום גרויס־האַנדל, מיט אויסזיכטן אויף גאָר גרויסע רווחים, ווי ס'טוען אַלע רייכע זיין גלייכן נאָך דער חתונה, — האָט איצט, נאָך דעם, ווי דער אומגליק האָט אים געטראָפן, זיך באַזייטיקט און אַרויסגענומען פון דעם... ער איז געוואָרן היימזיצער און ניט געוואָלט אויסהערן קיין מוסר ניט פון זיינע עלטערן און ניט אויך פון אַנדערע אייגענע, אַז "וואָסי?... ס'טרעפט... ער איז נאָך יונג און מע דאַרף זיך זען אין די הענט נעמען!"... זיך ניט געלאָזט, ער האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעגעבן דעם קינד, וועלכן ער האָט אַ מוטער פאַרביטן. און וואָס געהער געשעפט און שטוב־באַלעבאַטישקייט, האָט ער זיך פאַרלאָזט, ערשטנס, אויף זיין משרת, אויף איינעם, דעמלט נאָך אַ יונגן פאַרשוין, מיטן נאָמען שמאי, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן אויף געטריישאַפט, ווי אויך אויף דער אם און אויף דער דינסט, וואָס איינע האָט מיטן קינד געהאַט צו טאָן, און די צווייטע — מיט דער שטוב.

די געשעפטן האָט ער ליקווידירט. און פאַרן צונויפגעזאַמלטן געלט פון נאָך

דער ליקווידאַציע האָט ער זיך געקויפט אַ גרויס הויז אויף אַן אַנגעזעענער גאַס אויף פּרנסה. און אָנפירן מיטן הויז, אכטונג געבן אויף דעם, אויפמאָנען דירה־געלט, רעמאָנט אאַ. — האָט געגומען אויף זיך זיין לייב־משרת שמאי, וואָס ער איז אים געווען אי באַדינער, אי קאַסירער, אי כמעט באַלעבאָס אויף אַלץ, ווייל קיין אייגן לעבן האָט ער ניט געהאַט און קיין אייגענע פאַמיליע האָט ער זיך ניט געדענקט איינצושאַפן.

דאָס — דעמלט, ווען דער פאָטער נאָך יונג און ווען דער אומגליק האָט אים געטראָפן. און איצט, ווען מיר דערציילן דאָ, איז ער שוין עלטער מיט אַריבער אַ פערטל יאָרהונדערט. ער גייט אַרום שטענדיק אין כאַלאַט און אין די שטעקשיך אין שטוב. צו די געשעפטן האָט ער זיך אַלץ ניט אומגעקערט, חתונה האָבן — אויך ניט. ער איז נאָך אַלץ באַלעבאָס פון יענעם גרויסן הויז אויף דער אַנגעזעענער גאַס, ווי אַמאָל. ער האַלט זיך נאָך אַלץ מיט זיין משרת שמאי, וועלכער האָט זיך, נאַטירלעך, אויך ווי דער באַלעבאָס, געעלטערט און וואָס האָט זיך אַזוי איינגעלעבט מיט יענעם, אַז ער טראָגט אויך די זעלבע קליידער, וואָס יענער, אַ מאָל — וואָס פון יענעם פאַלט אַראָפּ, און אַ מאָל אויך נייע, פון אַ מער ביליקערן שטאָף, אָבער אין זעלבן שניט, וואָס דער באַלעבאָס, געגייט. ער עסט מיט אים צוזאַמען, גייט מיט אים אין איינעם אין באָד, און אין פרייע שעהען שפּילן זיי ביידע אַ שטילן שאָך באַשטענדיק.

אויך די שטוב האָט זיך מיט גאָרנישט ניט געענדערט. די פינף־צימער־ווױנונג אויפן צווייטן שטאָק פון אייגענעם הויז איז, ווי פריער, אויך איצט רייכלעך אויסגעשטאַט. אַ ביסל נאָר דאָס ווייכלעכע מעבל אָפּגעבליאַקעוועט, אַ ביסל אויך די פאָרהאַנגען פון אַ מאָל אָפּגעפאָרן אין פאַרבן. אָבער אַלץ איבעריקע ווי געווען. און דאָס איינציקע, וואָס האָט יאָ עטוואָס געענדערט דאָס פּנים פון דער שטוב, איז דעם באַלעבאָס׳ אונטערגעוואַקסענער זון, וואָס צו זיין באַנוץ איז איצט אָפּגעגעבן געוואָרן דעם באַלעבאָס׳ — אַמאָליקער קאַבינעט, וועלכן ער, דער זון, האָט ביי אַלע פיר ווענט באַשטעלט מיט אַנגעגלאָזטע ביכער־שאַפעס ביז דער סטעליע אַרויף אויבן און וואָס אַהין קומען איצט אָפּט מיט באַזוך מענטשן, מיט וועלכע ניט דער באַלעבאָס און ניט אויך שמאי זיין משרת פאַרגינען זיך ניט קיין מינדסטע קענטשאַפט צו פאַרפירן, האַלטנדיק זיך פון ווייט און הנאה האָבנדיק פון זונס, העשלס, קענטשאַפט.

זיי קוקן מיט שטאָלץ און איבערנעמערישקייט, ווי אַזוי די באַזוכער טרעטן אַלע מאָל מיט דרך ארץ העשלס שוועל אַריבער, דענקענדיק, אַ פּנים, זיך צו דערוויסן און צו קריגן ביי אים דאָס, וואָס ביי אנדערע איז דאָס ניט צו דענקען... ס׳גרויסט זיך מיט זיין זון ניט נאָר דער פאָטער, בשעת ער זעט, ווי אַזוי די באַזוכער קלאַפּן אָן אין דער טיר פון זיין זון איידל, נאָר אויך שאַמיי, וואָס אויך ביי אים איז העשל פאַר אַ שטיק זון פאַררעכנט און וואָס אַלע מאָל, ווען ער זעט דעם באַלעבאָס אין זיין איבערנעמערישער און עטוואָס באַרימערישער גדולה, האַלט ער אים אונטער און באַרעכטיקט אים זיין שטאָלץ מיט אַ זאָג געבן דערביי

"העשעניו, באַלעבאָס, איז, קיין עין הרע, אַ מענטש, וואָס אַנדערע, משמעות, דאַרפֿן צו אים אָנקומען..."

דאָס — פֿון איין זייט — נחת. פֿון דער אַנדערער זייט אָבער ערגערט זיי זייער, ווען זיי באַמערקן, אַז העשל האַלט זיך אַלץ מער אַלט־בחוריש אין דער פּלייצע בייגן און אַז דאָס בלאָס אויסזען פֿון זיין פֿריער יונגט אָן האָט, מיט זיין עלטער, פֿון אים ניט אָפּגעלאָזט, זיך ניט אויסגענומען, נאָר פֿאַרקערט, זיך מער געשטאַרקט און אַזאַ שטענדיקער גאַסט אויף זיין פּנים געבליבן, אַז ווען דער פֿאָטער טוט אָפּט פֿאַרשטעלטערהייט אַ קוק אויף העשלען, אַזוי דערזעט ער מיט דערשרעק די גוואַלדיקע ענלעכקייט פֿון אים צו זיין מוטער אין יענער צייט, ווען זי איז מיט אים אין קימפּעט געלעגן און ווען די געוויסע טרויעריקע שווייגעניש איז זי באַפֿאַלן.

דאָס האָט דעם פֿאָטער און שמאַי פֿיל אנגסט פֿאַרשאַפֿט. זיי האָבן זיך אָבער געטרייסט דערמיט, וואָס העשל איז אַ היים־זיצער און אַ גרויס־געלערנטער, און פֿאַר אַזאַ איז אייגנטימלעך און ס׳פּאַסט זיך אויך אין קערפּער עטוואָס אָפּגעשטאַנען צו זיין און אין געזונט געמינערט... און נישקשה, — האָבן זיי זיך געזאָגט, — ס׳וועט נאָך קומען אַ צייט, ווען העשל וועט מער מיט דער וועלט אין באַריר קומען, און דעמלט וועט זיך אים אויך זיין געזונט ענדערן צום מער געוווּנטשע־נעם. "האַ, ווי מיינט ער, שמאַי?" — פֿלעגט דער באַלעבאָס, ווען זיין זאָרג וועגן זיין זון פֿלעגט אים באַפֿאַלן, צו זיין באַדינער זיך ווענדן און ביי אים אַ פֿרעג טאָן.

— יאָ, באַלעבאָס, — פֿלעגט יענער דעם באַלעבאָס אונטערהאַלטן און אים שטיצן אין זיין טרייסט. אָבערביידע פֿלעגן דאָך ביי זייער ניט־אַרויסגערעדטער און שטיל־אויפגעהאַלטענער מרה שחורה בלייבן, און באַזונדערס דער באַלעבאָס ווען ס׳איז שוין אַ שטיק צייט גאָר אַ שווערער שטיין אויפֿן האַרצן געלעגן, טראַכטנדיק וועגן גורל פֿון זיין זון.

דאָס איז פֿון דעמלט, ווען העשל איז איין מאָל עפּעס קראַנק געוואָרן און אַ דאָקטער האָט אים באַזוכט. און ווען דער דאָקטער האָט אים אָפּבאַטראַכט, האָט ער זיך פּלוצעם גענומען דערפֿרעגן וועגן זיין מוטער, פֿון וואָס זי איז געשטאָרבן. און אַז ער האָט זיך דערוווּסט, האָט ער נאָך אַ מאָל אַ גאָר־גאָר באַאַבאַכטנדיקן בליק געוואָרפֿן אויף העשלען. און בשעת דער פֿאָטער האָט אים פֿון דער טיר און פֿון דער שוועל אַראָפּבאַגלייט און ווידער און נאָך אַ מאָל וועגן זונס איצטיקער קרענק זיך געהאַלטן אין דערפֿרעגן, אַזוי האָט אים דער דאָקטער דעמלט אַ זאָג געטאָן:

— דאָס איצטיקע איז גאָרניט, סע וועט פֿאַריבערגיין, נאָר דער עיקר וואָלט מען דעם זון באַדאַרפֿט זען היטן פֿון דערשיטערונגען.

— וואָס הייסט? — האָט דער פֿאָטער אַ פֿרעג געטאָן, וועלנדיק אויפֿקלערן און זיך דערוויסן דעם גענויעם מיין פֿון דאָקטערס ווערטער.

— דאָס הייסט, קיינע איבעראַשונגען, קיין דערשרעק, פֿון וועלכן מ׳פֿאַרלירט זיך אַ מאָל און מ׳קאָן דערנאָך שווער צוריק צו־זיך קומען.

דער פאָטער האָט דאָס פאַרגעדענקט און פלעגט אָפט ניט שלאָפן פאַר מרה שחורה, און אַלע מאָל פלעגט ער וועלן מיט העשלען וועגן דעם איבעריידן, אַז יענער, העשל, הייסט עס, זאָל זיך זען היטן, מחמת דער דאָקטער האָט דעמלט און דעמלט דערפאַר און דערפאַר געוואָרנט, אָבער ער האָט ניט געוווּסט, ווי אַזוי צוצוטרעטן צו העשלען מיט אַזינע רייד, ניט געוווּסט פון וואָס אָנצוהייבן און צי וועט אים יענער, העשל, גאָר פאַרשטיין. און העשל אַליין האָט, ווייזט אויס, ניט פאַרשטאַנען, און דאָס איז שוין פאַר העשלען גאָר ניט גוט געווען — אַ סימן, אַז ער ווייסט ניט, ווו ער האַלט, ווייסט ניט, וואָס ס׳ליגט און ס׳וואָרט אויף זיין טיר און שוועל אויף אים, און אויב אַזוי, קאָן אים דער אומגליק אַ מאָל טרעפן אומגע־ריכט, ווען אַ געוויסע סיבה זאָל דאָ אויפקומען און זיך ווייזן — אַזאַ, וואָס איז מסוגל אַרויסצורופן ביי אַזינע, ווי ער, אַן אומגליק.

יאָ, נאָר דערווייל אָבער האָבן זיך קיינע סיבות ניט געמאַכט. דערווייל איז העשלס לעבן ביי זיין פאָטער אין הויז געפלאָסן, ווי געוויינלעך, אין די אַמאָליקע דורכגעלייגטע ברעגעס, אָן ענדערונג. צו דעם פאָטער, וואָס איז פאַרבליבן אַן אלמן, און צו שמאי, וואָס איז אַ בחור פאַרזעסן, איז מיט העשלס אונטערוואַקסן צוגעקומען נאָך איינער, וואָס לויט אַלע סימנים וועט אויך ער פאַרזיצן — מיטן איינעם חילוק נאָר, וואָס העשל האָט זיך פאַרקנסט צו זיין קאַבינעט, וואָס דער פאָטער האָט אים צו זיין באַנוץ אָפּגעטראָטן, און וואָס ער, העשל, האָט אים באַשטעלט מיט הויך־אַנגעגלאָזטע ביכער־שאַפעס אַרום אַלע פיר ווענט ביז דער סטעליע אַרויף אויבן, און וואָס אַלע מאָל האָט מען אים דאָרט געקאָנט טרעפן ביי לייענען אַ בוך — אַ מאָל אַן אַלטן, וואָס די בלעטער זענען פאַרגעלט און שמעקן מיט צייט־עלטערלעכן שימל, און אַ מאָל אַ נייעם, אַן ערשט צעשניטענעם, פון וועלכן די פאַרב פון דרוק און פון פריש פאַפּיר פילט זיך אַרויס.

העשל וואָלט, עלטער ווערנדיק, ווי זיין פאָטער, שוין גאַנצע טעג אין כאַלאַט און אין שטעקשיך אומגעגאַן, און צום שטילן שאַך, וואָס דער פאָטער האָט אָפט געשפּילט מיט שמיי, וואָלט אַ דריטער — צוגעקומען, וואָס וואָלט אַ מאָל געשטאַנען הינטער די פּלייצעס פון איינעם אַ שפּילער, און אַ מאָל הינטער די פּלייצעס פון אַ צווייטן, זיך ניט אַריינמישנדיק און קיין מאָל קיינעם אַפילו קיין עצות ניט געבנדיק.

מעגלעך, אַז ווען ס׳טרעפט מער ווייטער גאַרניט, וואָלט ער, אויף אַזאַ אופן אויך זיין שוועער שטיקל ירושה איבערגעקומען און דאָס מעגלעך קרענקלעכע אין אים וואָלט אַזוי איינגעשלאָפן, ניט האָבנדיק קיין סיבה צום אויפוואַכן, ווי די זוימען פון געוויקסן אַ מאָל, ווען זיי האָבן ניט די געהעריקע באַדינגונגען — באָדן, זון און פייכטקייט — צו זייער וווּקס.

אָבער מיט אַ מאָל האָט יאָ עפּעס געטראָפן — און דאָס איז די מלחמה, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין 1939, — און ביי וועלכער מיר אַלע און די גאַנצע וועלט זענען איצט עדות.

אַז דאָס פאַשיסטישע חיל איז אַריין אין שטאָט, ווו העשל אַנשעלעס האָט געוווינט, איז איידער זייער מאַכט האָט איינגעפירט די נייע אָרדענונג, איידער

זי האָט באַוויזן די יידן פון זייערע הייזער אַרויסזועצן און זיי באַפוילן אַריבערפאָרן אין יענע ערטער, וואָס זי האָט באַשטימט פאַר זיי — אין די געטאָ־קוואַרטאַלן, — האָט זי דערווייל צעשיקט קוואַרטירירן איבער דער שטאָט, אויסצוגעפינען וווינונגען פאַר אירע מיליטערישע און ציווילע פאַרשטייער, פאַר אָפּיצערן, באַאַמטע אאַ. — ניט אויסגעשלאָסן אויך אין די יידישע וווינונגען.

אַז מ׳איז צוגעקומען צו העשלס פאַטערס הויז, וואָס אויף דער אַנגעזעענער גאַס, האָט איינער אַ שכן, צי מיט אַ בייזן מיין, צי ניט מיט קיין בייזן, אַ וויז געטאָן אויפן באַלעבאָס׳ וווינונג אַליין, ווי אויף דער סאַמע באַקוועמסטער און פּאַסיקסטער פאַר אַזוינע לייט, וועמען מ׳דענקט דאָ איינצוקוואַרטירן.

העשלס פאַטערס וווינונג איז געפעלן. און באַלד טאַקע האָט זיך אויף דער פּאַראַד־טיר, אין אונטערשטן שטאָק, איינער אַן אָפּיצער באַוויזן, שוין מיט געפּעק, גרייט צו פאַרנעמען, וואָס מע וועט אים אָנווייזן. אַ ווײַלע נאָר האָט ער דאָס געפּעק אונטן געלאָזט, אַז דער סטרוזש, אָדער אַנדערע, זאָלן דערויף אַכטונג געבן, און אַליין האָט ער אַרויף אויבן געשטייגט, אין צווייטן שטאָק, זען, וואָס מ׳האָט פאַר אים אויסגעפונען.

די וווינונג איז אים געפעלן. באַזונדערס העשלס קאַבינעט, ווו ער האָט געדענקט זיך באַזעצן. און באַלד האָט ער אַ באַפויל געגעבן, אַז אַליין די באַ־לעבאַטים זאָלן מיט אים אַראָפּ אונטן גיין, אים העלפן דאָס געפּעק אַרויפברענגען.

ס׳האָט זיך, נאַטירלעך, באַלד געוואָלט לאָזן די דינסט. אָבער דער אָפּיצער, דער קוואַרטיראַנט, האָט מיט דער האַנט אָװעקגעמאַכט: ניין, די דינסט דאַרף ער ניט. ״איך״, — איז שאַמיי דער משרת אונטערגעשפּרונגען, זיך גלייך אַרויסגעשט־טעלט און געוואָלט די דינסט פאַרבייטן. ״ניין, אויך דיך ניט״, — האָט דער אָפּיצער אויך שאַמייס ווילן און באַדין־גרייטקייט אָפּגעוואָרפן און ניט דערלאָזט. דעמלט האָט זיך אַרויסגערופן דער באַלעבאָס אַליין, העשלס פאָטער, מיטן אָפּיצער אַראָפּצוגיין, אָבער אויך אים האָט יענער מיט אַ האַנט ווי באַזייטיקט. ״ניין, דער״, — האָט ער געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף העשלען, וואָס איז געשטאַנען ביי אַ זייט, עטוואָס מער בלאַס, ווי אַלע מאָל, צוזעענדיק דעם אָפּיצערס קאָמאַנדע און ניט פאַרשטייענדיק, פאַרוואָס אַלעמען האָט ער אָפּגעוואָרפן און אים, בלויז אים, האָט ער אויסדערוויילט צו אָט דער טראָג־מלאכה.

— פאָניע... הער אָפּיצער... — האָט זיך דערווייל העשלס פאָטער צום אָפּיצער מיט תחנונים געווענדט, — ס׳איז מיין איינציקער זון. ווי ער זעט, דער הער אָפּיצער, פון די ביכער אין זיין קאַבינעט — אַ געלערנטער, — און דערצו, ווי ער זעט אויך, אַ שוואַכער אין געזונט. איז צו וואָס גראַד דער זון, ווען אַלע אַנדערע זענען גרייט דעם הער אָפּיצער באַדינען און אים די געפעליקייט טאָן מיט גרויס פאַרגעניגן.

— אַך, אַזוי, אַ געלערנטער? — האָט דער אָפּיצער אַ קוק געטאָן אויף העשלען, ווי אויף אַ גאַנץ אַנדער נישטיקייט, — נישקשה, זאָל ער זיך צוגעווינען. ער וועט זיך געווינען נאָך צו ערגערס.

— שנעל! — האָט ער אַ באַפעל געטאָן, ווי צו אַ ליאַדע שיק־יינגל, צו העשלען און מיט אַ האַנט אים אָנגעוויזן, ער זאָל גיין פאַרויס, אַראָפּ אונטן, אַן טענות.

ס'האָט, נאַטירלעך, ניט געהאָלפן. ס'האָבן זיך בלויז נאָך דעם, ווי העשל מיטן אַפּיצער האָבן זיך פון דער טיר אַרויסגעלאָזט, אויך אַלע איבעריקע אין שטוב, ווי גולמער, זיי זיך נאָכגעלאָזט — סיי דער פּאַטער, סיי שאַמיי דער משרת, סיי אויך די דינסט, פון הינטן גייענדיק — ניט דערפאַר, האָט מען געזען, וואָס זיי וועלן דאָרט צוניץ קומען און מיט עפּעס העשלען קאָנען העלפן, נאָר גלאַט אַזוי, ווייל אַ בלינדלעכער כוח האָט זיי אונטערגעטריבן און זייערע פיס געמאַכט שפּאַנען.

דער אַפּיצער האָט, אַראָפּקומענדיק, העשלען אויף דעם געפּעק אָנגעוויזן. דאָס זענען געווען צוויי טשעמאָדאַנעס. איינער אַ גרעסערער און מער שווערער, און דער צווייטער אַ מער לייכטער. העשל האָט זיך אָנגעבויגן און געוואָלטביידע אין ביידע הענט נעמען, נאָר דאָ האָט דער אַפּיצער אַ באַפעל געטאָן: "ניין! דעם, — האָט ער אויפן שווערערן אָנגעוויזן, — אין די הענט, אין יענעם, דעם לייכטערן — מיט די ציין".

— וואָס? — האָט העשל, שוין אַ שטיק פריטשמעליעטער פון פריער, איצט, די לעצטע ווערטער דערהערנדיק, אויפן אַפּיצער אַ קוק געטאָן, ניט פאַרשטייענדיק, וואָס יענער מיינט, און מיינענדיק, אַז ער האָט ניט גוט געהערט.

— יאָ, ייד... דעם — מיט די ציין.

אַ ווײַלע זענען אַלע בייוועזנדיקע ווי פאַרגליווערט געוואָרן. דער פּאַטער האָט זיך באַלד פון אָרט געוואָלט אַ לאָז טאָן, דעם אַפּיצער צו די פיס צופאַלן, ביי אים אויסבעטן, ער זאָל צוריק נעמען זיין באַפעל. אויך שאַמיי האָט, דאַכט זיך, געוואָלט טאָן דאָס זעלבע. דאָס זעלבע — אויך די דינסט. אָבער דעמלט האָט דער אַפּיצער אַזאַ געשריי געטאָן "שנעלער!", ווענדנדיק זיך צו העשלען, אַז יענע אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז קיינע תחנונים און צו דער ערד פאַלן וועלן דאָ ניט העלפן, און אַז ווער ס'האָט אויגן און קאָן צוקוקן, וואָס דאָ ווייטער דאַרף פאַרקומען, זאָל ער קוקן, און ווער ס'איז דאָס ניט אימשטאַנד, דער זאָל דעם קאָפּ אָפּקערעווען און אַוועקקוקן.

העשל אַליין האָט גאָרנישט ניט געזאָגט, ניט קוקנדיק ניט אויפן פּאַטער און ניט אויפן באַדינער, וועלכע האָבן האַלב טויט אויסגעזען, און אויך ניט אויף דער דינסט, וואָס האָט זיך מיטן פאַרטעך די טרערן געווישט, האָט ער זיך צום געפּעק אָנגעבויגן, דעם שווערן טשעמאָדאַן מיט דער האַנט גענומען און צום צווייטן, באין ברירה, מיטן פּאַנעם זיך דערנעענט... אַ ווײַלע נאָר האָט מען געזען, ווי דער רוקן קווענקלט זיך אים, זיך אַראָפּ און אַרויף בייגנדיק, נאָר באַלד האָט זיך אויך זיין רוקן אויפגעהערט קווענקלען... אָבער — ווײַ די יאָרן... אָנגעבויגן צום געפּעק האָט זיך איינער אַ מענטש מיטן נאָמען העשל, און אויפגעשטעלט, דעם טשעמאָדאַן שוין אין די ציין טראָגנדיק, האָט זיך אויף־

געשטעלט אַן אַנדערער, אַ צווייטער שוין, מע קאָן זאָגן, ניט קיין מענטש, אַלנפּאַלס, ניט ער.

ווער ס׳וואָלט דעמלט אויף העשלען אַ מער אויפמערקזאַמען קוק געטאָן, וואָלט געזען, ווי מיט אַ מאָל האָט זיך אים דער בליק געענדערט. זיינע אויגן, אַלע מאָל פון עטוואָס גראָוולעכן קאָליר, זענען איצט ווי גאָר ווייס געוואָרן, גלייך דער מאַמעס מילך וואָלט אים אין זיי געקומען... ער האָט, אַזוי גייענדיק, אין איין האַנט דעם שווערן טשעמאָדאַן געטראָגן און דעם צווייטן, דעם גרינגערן, אין די ציין. אַ שטילע לוויה פון אַפּיצער און פון די אייגענע איז אים נאָכגעגאַן. דער אַפּיצער, וואָס איז, ווייזט אויס, געוווינט געווען צו אַזעלכס, און אויך, ווי ס׳ווייזט אויס, ניט אַזאַ, וואָס זאָל זיך מאַכן מחשבות און פעיק זיין אָפּצומעסטן די גרייס פון דער דערנידערונג און באַליידיקונג, וואָס ער דעלאַנגט אַ מענטשן, צווינגענדיק אים צו אַזאַ סאָרט דינסט, — איז נאָכגעגאַן, ווי מ׳גייט נאָך אַ נאָך אַ געוויינלעכן געפּעק־טרעגער, וועלכער טראָגט דיר אָפּ אויף אַ געוויינלעכן אויפן דיין געפּעק, — קאַלט, גלייכגילטיק, גלייך ס׳געשעט גאָרניט. און העשלס אייגענע, דער פֿאָטער, שמאי דער באַדינער און די דינסט, וואָס האָט געהאַלטן די גאַנצע צייט אין איין ווישן זיך די טרערן מיטן פֿאַרטעך, זענען נאָכגעגאַן, ווי מ׳גייט נאָך אַ מת, ווען קיין ווערטער אין מויל זענען ניטאָ, ווען דער בראָך איז דיר אַזוי גרויס, אַז דו ווייסט ניט, צי דער קאָפּ איז דיינער און צי דיינע אייגענע פיס גאָר טראָגן דיך.

נאָר דאָס אַלץ איז נאָך געווען גאָרניט, אַנטקעגן דעם וואָס שפּעטער ווען מע איז אין שטוב אַריינגעקומען און העשלען ביז אין זיין קאַבינעט אַריינבאַגלייט איז געשען. אַריינקומענדיק אין קאַבינעט, איז העשל מיטן געפּעק שטיין געבליבן, ווי ניט האָבנדיק קיין כוח אָדער קיין ווילן אים אַרויסצולאָזן, און אַז דער אַפּיצער האָט זיך אַן ווערטער צו אים אַ ווענד געטאָן "נו"... דאָס הייסט, לאָז אַראָפּ, — איז ער ווייטער אַזוי געשטאַנען.

די דינסט האָט דעמלט צו אים אַ גיי געטאָן און דעם שווערן פּאַק פון די הענט אַרויסגענומען, און דער צווייטער, וועלכן ער האָט אין מויל געהאַט, איז אים אויך ווייטער געבליבן אין מויל, ביז די דינסט איז ווידער צו אים ניט צו און אויך דעם צווייטן ביי אים אָוועקגענומען. העשל איז אָבער אויך ווייטער מיט אַן אָפן מויל געשטאַנען — אָפן אויף אַזוי פיל, אויף וויפל דאָס הענטל פון טשעמאָדאַן האָט פריער ביי אים אין מויל פּלאַץ פֿאַרנומען.

— מיין זון! — האָט דער פֿאָטער, דערזעענדיק זיין פֿאַרגליווערטן אומגליק פֿאַר די אויגן, צו העשלען אַ גיי געבנדיק, אויסגעשריגן. באַלד אָבער האָט ער זיך צוריק געכאַפּט, אַ קוק געבנדיק אויפן אַפּיצער, וועלכער האָט זיך שוין אין קאַבינעט באַלעבאָס געפילט און זיך געוואָלט נעמען צו זיין באַלעבאַטישקייט, זיך מאַכן באַקוועמלעך, און אַט די פרעמדע מענטשן, דאָס מיינט מען, דער באַלעבאָס, זיין זון און די איבעריקע, האָבן אים געשטערט.

— העשעניו! — האָט אויך דער געטרייער משרת צום באַלעבאָס׳ זון אַ גיי געטאָן, אים וועלנדיק דערוועקן און צו זיין פריערדיקן שטאַנד אים אומקערן.

— מארש! — האָט אַ געשריי געטאָן דער אַפּיצער, און העשל האָט זיך ווייטער פון אָרט ניט גערירט און דעם אַפּיצערס אויסגעשריי האָט אויף אים קיין איינדרוק ניט געמאַכט, ער זאָל אים וועלן אויספאָלגן. ער איז אויך ווייטער אַזוי געשטאַנען מיטן געעפנטן מויל פאַרגליווערט, ביז דער באַלעבאָס און דער משרת האָבן, ווייַנענדיקע, זיך איצט צו זייַנע ביידע זייטן אַוועקגעשטעלט, אים פאַר די הענט אַנגענומען און אים אַרויסגעפירט פון קאַבינעט.

— ווי דעם טאַטן! — האָט העשלס פאָטער, אַרייַנפירנדיק העשלען אין צווייטן צימער און זעענדיק, אַז יענער, העשל, בלייַבט אויך דאָ, ווי דאָרט, אינעם ערשטן, אין קאַבינעט, אַ שווייַגנדיקער און מיטן אָפענעם מויל שטיין, אויס־געשריגן.

— העשעניו, וואָס איז מיט דיר? — האָט דער משרת, דעם באַלעבאָס אונטערהעלפנדיק, זיך צעוויינט און איז גלייַך נאָך אַ דאָקטער אַוועקגעלאָפן.

ער האָט געבראַכט אַ היימישן — אַזאַ, וואָס פלעגט אַלע מאָל דאָס הויז באַזוכן. יענער האָט באַטראַכט, געקוקט, און אַ שווייַגנדיקע אומבאַהאָלפנקייט האָט זיך אויף זייַן פנים אָנגערוקט, ווייל העשל איז שוין ניט געווען העשל און דער דאָקטער האָט שוין ניט געהאַט מיט וואָס זייַנע אייגענע צו טרייסטן.

אויס!... פון דעמלט אָן האָט העשל שוין ניט געוווּסט, וואָס אַרום אים טוט זיך. ניט געוווּסט, אַז אין אַ שייַנעם טאָג, באַלד נאָך דעם, ווי דער אַפּיצער האָט זיך צו זייַן פאָטער אין וווינונג אַריבערגעצויגן, איז געקומען אַ באַפעל, אַז זיי, די אייגנטימער פון הויז, דאַרפן זיך פון דאָרט אַרויסציען. מע האָט עס געטאָן און מ׳איז גאָר אין אַ געמיינער דירה, ערגעץ אין אַ פינצטערלעכן, אָפּגעלעגענעם קוואַרטאַל, אַנגעקומען.

העשל האָט אויך ניט געוווּסט. אַז ער האַלט די גאַנצע צייַט דאָס מויל אָפן, און אַז דער פאָטער אָדער שאַמיי דער באַדינער האָדעווען אים, ווי מע האָדעוועט אַ קינד אָדער אַ ציטערנדיקן זקן, וואָס בייַטיקט זיך אין אַ צווייטנס הילף. ער האָט ניט באַמערקט, ווי מע פירט אים אָפט שפּאַצירן אין יענעם קוואַרטאַל, וווהין פיל, ווי זיי, זענען אַריבערגעקומען אויסגעלייַדיקטע, אָן געלט, אָן אויסשטאַטונג און באַנומענע ביז די מלבושים; אָבער דאָך איז דער אומגליק פון זייַן פאָטער פיל גרעסער, ווי ביי אַנדערע, און יעדעס מאָל, ווען מע האָט געזען דעם פאָטער אָדער זייַן משרת פירן אים, העשלען, אויפן שפּאַציר, אַזוי פלעגט מען זיך פאַרהאַלטן קוקן, ווי יענער, העשל, האַלט דאָס מויל אָפן, גלייַך ער איז מיט אַט דעם פעלער אַזוי געבוירן.

— ווי די יאָרן, — האָט מען אים באַדויערט, — אויף וואָס מע איז איבערגע־קומען, אַז ווער ווען מען האָט דאָ באַדאַרפט דאָס געפעק טראָגן.

— און ווי אַזוי...

אַוודאי איז פאַר אַזאַ מענטשן אַזאַ בזיון ניט צום אַריבערטראָגן.

— זאָל מען זיי שוין אַרויסטראָגן, — האָט מען זיך שטילערהייט אין פאָלק געוווּנטשן, — אויפן אומרייַנעם אָרט, ווי קעץ און הינט און אַלע אַנדערע פגרים.

— העשל האָט ניט באַמערקט, ווי דער פאָטער איז פאַר אַ קורצער צייט איינגעבויגן און געבראָכן געוואָרן, אַרויסגעיאָגט פון זיין היים, אין דער פרעמד, און דערצו נאָך מיט אַ קראַנקן זון אויף דער עלטער.

אויך שמאי איז שטאַרק אַראָפּ. ער האָט נאָך דעם, ווי ער מיטן באַלעבאָס, מיטן זון זעגען פון זייער איינגעזעסענער היים אַרויסגעריסן געוואָרן ווי אַלע, אָן מיטלען, אָן מלבושים, און דערצו נאָך ווילד דערנידעריקט, מיטן ספּעציעלן שאַנד־צייכן — מיט דער געוויסער לאַטע, וואָס יידן האָבן, לויטן באַפעל, געמוזט טראָגן אויפן אַרבל, אָדער אויפן רוקן, אָדער אויף ביידע, — נאָך דעם, אַז שמאי דער משרת, וואָס איז צו זיין באַלעבאָס׳ שטוב שטאַרק צוגעבונדן געווען, ווי צו זיין אייגענער, האָט איצט דערזען דעם באַלעבאָס אין אַזאַ צרה, האָט ער אויף זיך גענומען פירן די געמיינע און געקירצטע באַלעבאַטישקייט, אויף וויפל דעם באַלעבאָס׳ לעצט־געבליבענע מזומנים האָבן אים געקלעקט. ער האָט אויך גענומען אויף זיך העשלען נאָכצוקוקן, ווען דער באַלעבאָס, מיד און פון דערשלאָגנקייט שוין אַפּט קרענקלעך, פלעגט צו בעט ליגן.

שמאי איז אויך אַראָפּ. ער פלעגט שוין אָפט, ווי אַן עובר בטל, ריידן צו זיך אַליין, ניט הערנדיק, וואָס ער זאָגט, און אַ מאָל פלעגט ער, שפּאַצירנדיק מיט העשלען, אַ רייד טאָן צו יענעם ווי צו אַ פאַרשטאַנדיקן. „אוי, העשעניו, — פלעגט ער זאָגן, — וואָס דיך און אונדז האָט דאָ געטראָפן... גאָט דער דערבאַרעמדיקער וואָלט זיך שוין געמעגט אַרומקוקן".

העשל האָט דאָס אַלץ ניט באַנומען. ניט באַנומען אויך, ווען אייניקע זיינע אַמאָליקע באַקאַנטע און פאַרערער, וואָס אויך זיי האָבן זייערע היימען אָנגעווירן, און אויך זיי האָבן, ווי העשל און העשלס משפּחה, אַהער, אינעם אָפּגעלעגענעם פינצטערן קוואַרטאַל אַריינגעטראָפן, — פלעגן אים באַזוכן און מיט גרויס באַדויערונג אים קומען געוווירע ווערן, און אָט די באַזוכער פלעגן פאַר אים אין פנים רעדן וועגן אים און זיין געזונט־צושטאַנד, ווי וועגן אַ פרעמדן, אָן זיין אַנטייל.

ס׳פלעגט אים ניט אָנגיין, ניט אָרן... ער איז נאָך אַלץ געבליבן אין זעלבן שטאַנד, ווי באַלד נאָך דעם, ווען דער אומגליק האָט אים געטראָפן, ווען ער האָט אָפּגעטראָגן און געבראַכט דאָס געוויסע געפעק, ווי אַ הונט טראָגט נאָך זיין באַלעבאָס אַ זאַך אין די ציין, מיט אַן אָפן מויל, און אין גאַנצן ער, ווי ניט קיין היגער, מיט אַ פאַרגליווערטן בליק אין זיינע אַלע מאָל גראָוו־קאַליריקע אויגן, וועלכע האָבן איצט באַקומען די מראה, ווי ביי אַ זויג־קינד, ווען דער מאַמעס מילך קומט אין זיי.

אמת, זעלטן־זעלטן פלעגט זיך אים דער בליק אויך ענדערן צום בעסערן, צום מער באַוווסטזיניקן. אָבער באַלד איז ער אים גלאָזיק־שטייף געוואָרן און די מילכיקע צעשוווּמענקייט האָט באַקומען אַזאַ דראָענדיקן אויסדרוק, אַז מע האָט זיך געקאָנט שרעקן, אַז אָט־אָט גייט ער איבער פון שטילשטאַנד צו אויפגעריסענער ווילדעניש, וואָס איז אויף אַלץ פעיק.

דאָס איז פאָרגעקומען אַלע מאָל דעמלט, ווען שפּאַצירנדיק אין יענעם קוואַרטאַל, וועלכער איז באַשטימט געווען פאַר אַ וווין־אָרט בלויז פאַר יידן, פלעגט ער באַגעגענען אַ מענטשן פון דער פרעמד־אָנגעקומענער מאַכט — אַ מיליטערמאַן, אַן אָפיצער אין דער זעלבער קליידונג און פון זעלבן קאַליר, וועלכע ס'האָט געטראָגן יענער, וועלכער האָט מיט אים די געוויסע שפּיל אָפּגעשפּילט און וואָס נאָך איר האָט אים געטראָפן, וואָס געטראָפן.

ווען ער פלעגט אַזאַ־אַ אין דער געוויסער אוניפאָרם באַגעגענען, אַזוי פלעגט ער זיך פּלוצעם אַ שטעל טאָן, אַ צי אויס טאָן, גלייך ער האָט עפּעס אין קערפּער אַריינבאַקומען אַזוינס, וואָס האָט אים שטרענג אָנגעשטאָלט. ער פלעגט זיך פאַר־האַלטן און אָפּשטעלן אין מיטן גיין, און יעדעס מאָל האָט ער דעמלט יענעם אין דער האַנט געקוקט, צי טראָגט ניט יענער עפּעס אַ זאַך, וואָס באַלד וועט ער זי אים הייסן אַריבערגעמען און אים צוהעלפן טראָגן — און ניט נאָר אין דער האַנט, נאָר אין מויל, ווי דעמלט... העשל פלעגט דעמלט דאָס מויל עטוואָס ברייטער עפענען.

דאָס האָט זיך געמאַכט זעלטן, ווייל יענע מיליטערלייט האָבן דאָ, אינעם אָפּגעלעגענעם קוואַרטאַל, ניט צו טאָן געהאַט. דאָס אָרט — אַ פאַרשריגנס, און מחמת דער ענגשאַפט, צונויפגעדריקטקייט און איבערפולקייט פון דער באַפעל־קערונג איז דאָ אויך ניט איבעריק ריין געווען, אַז יענע, אַז אַנגעזעענע מיליטער־לייט זאָלן אַהער קומען זייער לײדיקע צייט פאַרברענגען, אָדער ווען אַ מאָל דאָרט שפּאַצירן גיין. און דאָך פלעגט אַ מאָל אַזאַ איינער יאָ אַהין פאַרבלאָנדזשען און קומען אַהער פלעגט ער בלויז צוליב איין זאַך, בלויז צוליב איין ציל: צוליב רציחה, דאָס הייסט צוליב כאַפּן אַ קוק, ווי אַזוי זייער פיינע מאַכט האָט דאָ פיינע מלאכה אָוועקגעלייגט, שאַפנדיק די קויטיקע ערי מקלט פאַר די, וואָס זי האָט זיי אַוועקגעשטעלט אויסער נאָרמע און פון יענער זייט פון יעדן אָרט געזעץ.

ס'האָט זיך געמאַכט אַז העשל האָט איין מאָל, אַזוי שפּאַצירנדיק פאַרטראָגן אין זיין קרענק, אין דער באַגלייטונג פון זיין אָפּגעקומענעם און דערשלאָגענעם פאָטער, אין דער באַגלייטונג אויך פון שמאַי, וואָס איז ביי זיין צווייטער זייט געגאַנגען, — האָט זיך פּלוצעם אָנגעשלאָגן אויף אַ גרופּע מיליטערלייט, אַ דריילינג, וואָס איז אים פון דער אַנטקעגנזייטיקער ריכטונג אין פּנים אָנגעקומען.

ס'האָט זיך ווייטער געמאַכט, אַז איינער פון די מיליטערלייט, געקליידט אין דער זעלבער אוניפאָרם, ווי אָט יענער, וועלכער האָט העשלען מיט זיין געפּעק טראָגן באַערט, האָט איצט אויך עפּעס געטראָגן, — ניט קיין גרויסע זאַך, וואָס ס'זאָל אים שווער זיין, ווייל דעמלט וואָלט ער געוויס איינעם אַ קוואַרטאַל־איינ־וווינער "איינגעלאַדן", ער זאָל דאָס אים נאָכטראָגן, ווי ס'פירן זיך אַלע מאָל אַזוינע "לייט" אין אַזוינע קוואַרטאַלן. ניין, ניט קיין שווערס, נאָר אַ געווינלעך האַנט־פּעקעלע.

און דאָ האָבן פּלוצעם העשלס פאָטער פון איין זייט, ווי אויך שמאַי, וואָס איז פון העשלס צווייטער זייט געגאַנגען, באַמערקט, ווי העשל האָט זיך מיט אַ מאָל

אַ לאַז געטאָן צו יענע דריי אַנטקעגנדיקע; און אײדער העשלס פֿאָטער און אויך שמאַי האָבן זיך באַוויזן אומצוקוקן, אַזוי איז העשל שוין צו צו יענעם, וועלכער האָט דאָס פּעקעלע אין האַנט געטראָגן, זיך צו אים מיטן פּנים און מויל אַ בײג געטאָן, ווי וועלנדיק דאָס ביי יענעם אָוועקנעמען... און אַז יענער האָט זיך געוווּרט, זיך אויך אַ ביסל דערשראָקן, זעענדיק, מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן, און אויך אין כעס ווערנדיק, וואָס ער, אָט דער דולער, הייסט עס, האָט די העזה געהאַט אים גאָר אין מיטן וועג אָפּשטעלן און פֿאַרהאַלטן און זיין שפּאַציר אים שטערן; און ער האָט אים געוואָלט אָפּשטויסן, — אַזוי האָט מען פּלוצעם דערהערט אַ ווילד געשריי פֿון יענעם, ווי פֿון אַ מענטשן, וואָס מע וואָלט אים מיט אַ מאָל הייסן פּעך אויפֿן קאָפּ אַ גאָס געטאָן; און איידער יענעמס באַגלייטער, ווי אויך העשלס פֿאָטער און שמאַי האָבן זיך באַוויזן אומצוקוקן, אַזוי האָט מען דערזען העשלען אַ צוריק אויפֿגעשטעלטן פֿון פֿריערדיקן אָנבייגן זיך צו יענעמס האַנט. זיין מויל איז אים געווען פֿאַרבלוטיקט און אין מויל האָט אים געשטעקט אַ זאַך, וואָס ער האָט עס צו שטאַרק און ווי צו טייער מיט די ציין צוגעהאַלטן.

אין יענער רגע האָט העשלס פּנים געלויכטן אי אויפֿגעלעבט אי פֿול מיט באַזיגיקטער הנאה, גלייך ער וואָלט דאָ אָקאָרשט אַרויס אַ זיגער און אַ גרויס־באַפֿרידיקטער פֿון אַן אָפּגעטאָנענער טאַט, אויף וועלכער ער האָט זיך אַליין ניט געריכט, צי איז ער אויף איר, אויף אָט דער טאַט, גאָר פֿעיק.

העשל האָט אין מויל אַ שטיק אָפּגעביסענעם פֿינגער פֿונעם מיליטערמאַנס האַנט אין די ציין פֿאַרקלאַמערט געהאַט, און אַן איבערגרויס גליק, האָט מען געזען, האָט אים ווי געטראָפֿן, וואָס פֿאַר דער גאַנצער צייט, זינט זיין אומגליק איז אים געשען, האָט ער איצט מיט פֿולער הנאה דאָס מויל צוגעמאַכט, — ניין, ניט צוגעמאַכט, נאָר אַזוי פֿאַרחתמעט, אַז מע האָט ווידער געזען, אַז אַלע טייערקייטן פֿון דער וועלט וועלן אים ניט צווינגען דאָס צוריק עפֿענען און דאָס אַריינבאַקומענע, דאָס אָפּגעביסענע, אַרויסצולאָזן.

באַלד זענען יענע צוויי, וואָס האָבן דעם געשעדיקטן מיליטערמאַן באַגלייט, פֿון דער ערשטער איבעראַשונג, פֿון דער פּלוצעמדיקייט פֿון אָנפֿאַל און פֿון זייער חברס אויסגעשריי, צו־זיך געקומען און זיך באַלד פֿאַרן געוווער געכאַפּט. זיי האָבן, איינער פֿון איין זייט, און דער צווייטער — פֿון דער צווייטער גענומען שיסן אין העשלען פֿון די רעוואָלווערן, וועלכע זיי האָבן אייליק פֿון די קאַבורעס אַרויסגעכאַפּט, — אין קאָפּ, אין דער ברוסט, אין שלייף, און ווידער אין קאָפּ, און העשל איז באַלד אַנידערגעפֿאַלן, ווי אַ סנאָפּ.

ס'איז באַלד אַן אָנגעלויף געוואָרן פֿון פּאָליציי און מאַכט־לייט, וואָס האָבן דאָ דערזען אַן איבערפֿאַל אויף אַ זייעריקן, און באַלד וואָלט שוין דער גאַנצער קוואַרטאַל אין סכּנה געשטאַנען פֿאַר מיטגעפֿיל צום איבערפֿאַלער, און אַ ווילדע גזירה וואָלט דאָ אויסגעבראָכן אויף אַלע. די גזירה איז אָבער דערווייל אָפּגעלייגט געוואָרן: די מאַכט האָט צייט אויך שפּעטער זיך אָפּצורעכענען.

מ'האָט באַלד דעם מת וווהין מ'דאַרף אָפּגעפֿירט ביז דער גענויער אויספֿאָר־

שונג. מ׳האָט אַפּילו דעם פאָטער און שמאי ניט צוגעלאָזט זייער אייגענעם צו באַגלייטן און צו זאָגן אַ פאַרענטפערנדיק וואָרט פאַר אים.

מע האָט העשלען לאַנג דערנאָך אויך דער קהילה צום באַגראָבן אויפן יידישן בית־עולם ניט געוואָלט אַרויסגעבן. לסוף, אַז ס׳איז געלונגען דעם מת אַרויס־צוקריגן, האָט מען אים גענומען טאָן דאָס רעכט, ווי מ׳טוט מיט אַלע מתים: אים אַרומוואַשן און גרייט מאַכן... נאָר אַז מע האָט זיך גענומען צו זיין מויל, געוואָלט דאָס עפענען און אַרויסבאַקומען, וואָס ער האָט פון ביס אַריינגעכאַפּט, — דעם מיליטערמאַנס פינגער־גליד, — האָט מען דאָס בשום־אופן ניט געקאָנט: דאָס מויל איז אים געווען אַזוי ענג פאַרקלאַמערט, אַז מע האָט מיט קיינע קויכעס אים די אַנגלען ניט געקאָנט אויפרייסן.

חברא קדישא האָבן זיך געאַמפּערט און גענומען באַהאַנדלען די זאַך לויטן דין און לויטן מנהג. טייל איז נוטה געווען צו זאָגן: מע טאָר ניט, ס׳ניט רעכט... מיט אַ פרעמדנס אַן אבר אין מויל. און אַנדערע דווקא די מער פרימערע, האָבן געדרונגען פאַרקערט: דווקא מיט דעם, און זאָל מען דאָרט זען, ווו מע האַלט...

אַ סברה, אַז אַזוי טאַקע האָט מען אים באַגראָבן, מיטןביינדל, ניט קאָנענדיק דאָס ביי אים אַרויסבאַקומען.

אויגוסט 1942

*

דער נסתר

אַ קליינער, דאַרער, אַסקעטישער גבור,
תעניתים צינדן די שוואַרצע אויגן,
וואָס קוקן איבער די ברעמען אַריבער,
דעם נסתרס ברעמען — געדיכט און געבויגן.
ער הערט און זעט און שווייגט אַ שווייגן,
וואָס לאָזט ניט צו רו און לאָזט ניט שלאָפן
די הפקר-לייט, וואָס מאָרדן און דאגהען:
״ווי נעמט מען אים צו דאָס שווייגן, זיין וואָפן?״
ער זעט און בעט: ״רבונו של עולם,
דו זאָלסט מיך, חלילה, ניט פאַרשעמען!״
סע קלאַפּט אין דער טיר אַ באַוואָפנטער גולם —
״אַ, דאַנקען גאָט, געקומען מיך נעמען!״.

מאיר חרץ

נחמן מייזיל ז״ל

דוד בערגעלסאָן און דער נסתר

״הנאהבים והנעימים —
בחייהם ובמותם לא נפרדו !״

לויט די גרויל־ידיעות, וואָס זענען דורך וועגן־אומוועגן דערגאַנגען צו אונדז, זענען, צווישן די פאַרשיידענע יידישע שרייבער, שוישפּילער און קולטור־טוער, גרויזאַם פאַרפּייניקטע און אומגעבראַכטע דורך מערדערישע הענט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, אויך פאַראַן די נעמען פון דוד **בערגעלסאָן** און **דער נסתר**, — די צוויי גרויסע יידישע שרייבער, וואָס דער גורל האָט זיי פון זייערע ערשטע ליטעראַרישע שריט צונויפגעבראַכט צוזאַמען, און וואָס דער זעלבער גורל, דער פאַטאַלער, טראַגישער גורל, האָט זיי ביידן אכזריותדיק פאַרשניטן.

עס איז דאָ עפּעס געמיינזאַמס ביי זיי, וואָס ביידע זענען זיי געבוירן געוואָרן און אויפגעוואַקסן אין דער יידישער אוקראַינע, אין קיעווער גובערניע. איינער — דוד בערגעלסאָן — אין אָכרימאָווע, אַ שטעטל אַרום אומאַן, און דער צווייטער — דער נסתר — אין באַרדיטשעוו. ביידע האָבן דעביוטירט כמעט אין איין צייט — דער נסתר אין 1907 און דוד בערגעלסאָן — מיט אַ יאָר־צוויי שפּעטער. אין די ערשטע יאָרן פון זייער קינסטלערישן וווקס און אַנטוויקלונג און אויך אינעם אָנהויב פון זייער ליטעראַרישער קאַריערע האָבן זיי איינער פונעם אַנדערן נישט געוווּסט. ביידע זענען געווען ווייט פון די דעמאָלטדיקע יידישע ליטעראַרישע יאַרידן, — פון וואַרשע, ווילנע, אָדעס. ביידע זענען זיי אַריין אין דער יידישער ליטע־ראַטור ווי דורך זייטיקע טירן, — אַזוי דער נסתר מיט זיין ביכל ״געדאַנקען און מאָטיוון״ — לידער און פּראָזע, ווו עס זענען אַריין צוויי שילדערונגען ״דער לעצטער מענטש״ און ״מרים״, און אַזוי אויך דוד בערגעלסאָן מיט זיין ״אַרום וואָקזאַל״ און ״דער טויבער״.

אָבער שוין פון אָנהויב 1909 הויבט זיך אָן זייער געמיינזאַמער שאַפונגס־גאַנג, אין קיעוו, און זינט דאַן, ווי פאַרשיידן זיי זענען נישט סיי לויט זייערע כאַראַקטערן און סיי לויט זייער אַרט שאַפן, זענען זיי ענג פאַרבונדן מיט זייער ליטעראַריש־קינסטלערישער ספּערע, זאָל זיין לכתחילה מער־אויסערלעך, ווי טיף־אינעווייניק.

איצט לאָזט זיך רעדן און באַטראַכטן די צוויי גאַנץ־באַזונדערע קינסטלער אין רעטראָספּעקט פון צענדליקער יאָרן און אין ליכט פון ״קאַלטער״ באַטראַכ־טונג און אַנאַליז. אַט די צוויי טאַלענטפולע יידישע שרייבער־קינסטלער, וואָס

זייערעביידנס נעמען זענען אַזוי ענג פֿאַרבונדן אין פֿאַרשיידענע צייטן און תּקופֿות. האָבן פֿאַרמאָגט טיף־קעגנזעצלעכע נאַטורן, זיי זענען געווען גאַנץ־אַנדערשדיקע פּערזענלעכקייטן. און דאָך איז אין זייער, אמת מער־אויסערלעכן, לעבן און שאַפֿערישן גאַנג געווען פֿיל געמיינזאַמס.

אין וואָס האָט זיך אויסגעדריקט דאָס געמיינזאַמע, בשותּפֿותדיקע? בעיקר און מערער — אין די דרויסנדיקע באַדינגונגען, אין די פּאַראַלגעמיינערטע צייט־פּאַסירונגען און אין די פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכע און סאָציאַלע פֿאַרהעלטענישן, אין וועלכע זיי איז אויסגעקומען צו לעבן און צו שאַפֿן, — און ווידעראַמאָל — יעדער איינער אויף זיין גאַנץ־באַזונדערן, ספּעציפֿישן און אייגנאַרטיקן אופֿן און שטייגער.

עס איז מסתּמא געווען אַ צופֿאַל, וואָס זיי ביידע זענען אין די ערשטע יאָרן געשטאַנען אַן דער זייט און אין דער ווייט פֿון דער וואַרשעווער און ווילנער ליטעראַרישע סבֿיבֿות און אויך טראַדיציעס. אפֿשר האָט זיי אין יענע ערשטע יאָרן פֿאַראייניקט בעיקר דער ״בונט״, דער ״רעוואָלט״ און דער ״ווידערווילן״ צו דער דעמאָלטיקער וואַרשעווער ליטעראַרישער סבֿיבֿה. און אָט דער רעוואָלט און ווידערווילן אין זיכער געווען לכתּחילה אַ מער־אינסטינקטיווער, אַן עמאָציאָנעלער, ווי אַ באַוווסטזיניקער און טיף־דורכגעטראַכטער. מיר איז אויסגעקומען און באַשערט געווען צו זיין אַן עדות און אויך אַן אַקטיווער מיטגייער און צייטנווייז אפֿילו אַ ״מיטשאַפֿער״ פֿון זיי ביידן״, סיי פֿון בערגעלסאָנען און סיי פֿון נסתּרן. און אָפֿט מאָל איז מיר אויסגעקומען צו שטיין צווישן אָט די צוויי ״יונגע בערג״, וואָס האָבן זיך אָפֿט ווייניק אָנגעקערט און אָפֿט מאָל אויך ניט פֿאַרשטאַנען און נישט באַגריפֿן איינער דעם צווייטן. און עס זענען אויך געווען גאַנץ־טיפֿע חילוקי־דעות און אַ שטאַרקער פּירוד־השאָפֿן צווישן זיי. און דאָך, נישט געקוקט אויף דער ווידערשפּרעכיקייט, האָבן זיי דאָך איינער צום אַנדערן זיך געקלעפּט און שטיל אין האַרצן געהאַט איינער פֿאַרן צווייטן אַפּשיי, פֿאַרערונג און באַצויבערונג.

עס דערמאָנען זיך די טרעפֿלעכע ווערטער, וואָס שלום עליכם האָט אין 1901 געשריבן צו י. ל. פּרץ צו זיין 50־יאָריקן יובֿל:

״צוויי שמידן קלאַפּן מיט צווייערליי האַמערס אין אייזן,
צוויי אַרבעטער האַרעווען מיט צווייערליי געצייג איבער איין אַרבעט,
צוויי רייזנדע שפּאַנען פֿון צווייערליי פּונקטן צו איין ציל,
צוויי ליטעראַטן שרייבן מיט צווייערליי פּענעס צוליבּ איין פֿאָלק״.

מיר האָבן שוין פֿריער באַמערקט, אַז בערגעלסאָן און נסתּר זענען אין תּוך גאַנץ־פֿאַרשיידענע נאַטורן און כאַראַקטערן. עס איז געווען זייער אינטערעסאַנט אַלע יאָרן פֿון אונדזער נאָענטקייט זיך צוקוקן צו זיי און נאָכצופֿאָלגן זייער אַרט לעבן און אופֿן פֿון שאַפֿן.

דוד בערגעלסאָן האָט אָפֿן, פֿראַנק און פֿריי געלעבט מיט זיינע געשטאַלטן און מיט זיינע שאַפֿנדיקע ווערק. עס איז געווען אַ געפֿיל, אַז די געשטאַלטן גייען

און שפּאַצירן אַרום אין זיין צימער ממש ווי לעבעדיקע. און נישט נאָר האָט ער, בערגעלסאָן גופא, געזען זיי און נאָכגעפאָלגט זייער יעדן ריר און באַוועג, נאָר ער האָט זיך געטיילט מיט זיינע אַרומיקע וועגן זייערע טואונגען און געראַנגלענישן. אין דער צייט, וואָס ער האָט געשריבן אַ ווערק, — און אָפט האָט עס געדויערט אַ יאָר און צוויי — האָט מען געוווּסט גענוי, וואָס עס טוט זיך מיט זיי, וווהין ער פירט זיי אָדער וווהין ער גייט זיי נאָך.

גאָר אַנדערש איז געווען נסתר און גאָר אַנדערש האָט ער געאַרבעט אויף זיינס אַ ווערק. ער און זיינע פּאַרשוינען זיינען געווען פאַרשלאָסן, פאַרבאַהאַלטן בחדרי חדרים, און קיין שום מענטש, אפילו פון די גאָר נאָענטע, האָט נישט געוווּסט, ווי זיי ווערן געבוירן און ווי זיי וואַקסן אין זיין ווערק. אַלץ ביי אים איז געווען אַרומגערינגלט מיט סודות און געהיימנישן. ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט וועגן דעם ווערק, וואָס ער שרייבט און וועגן דעם נישט געוואָלט רעדן.

בערגעלסאָנס שרייב־טיש איז געווען אַ מין אָפענער ווערקשטאָט. אויפן טיש זענען געווען אַנגעלייגט און אַנגעוואָרפן פאַרשיידענע שטיקער פּאַפּיר, און דאָס "געצייג", — אַ פען און נאָך אַ פען, און גומיראַביק און אַ שערל... און נאָך מער — עס איז אויך געלעגן אַ שטיק שאָקאָלאַד, און אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ זייטל, פון וועלכער ער איז געווען צופרידן — האָט ער געגעבן זיך אַ מתנה: נאַ, דו האָסט עס כשר פאַרדינט! און דערביי זיך געגעבן אויך אַ קניפּ אין באַק... אַ ווילער בחור, אָנגעשריבן אַ פיינע זאַך! עס איז אויך געשטאַנען אַן אַש־שאַלעכל מיט אַ סך אויסגערויכערטע סיגאַרעטלעך. אָפט האָט מען געטראָפן עטלעכע אָנהויבן פון אַ קאַפּיטל, וואָס ער האָט אָנגעשריבן און אַוועקגעלייגט, און פון דאָס ניי אָנגעשריבן. אין דעם זינען איז ער געווען ענלעך אויף מענדעלען, — געשליפן און געטאָקט און ווידער אַמאָל איבערגעשריבן און פאַרגלעט. און נאָך מער, — ער האָט אין די אַלע יינגערע יאָרן נישט געקאָנט שרייבן ווייטער, ביז ער האָט דאָס פריער־אָנגעשריבענע נישט איבערגעלייענט און באַקומען ביי זיינע נאָענטע די הסכמה.

גאָר פון אַן אַנדער כאַראַקטער איז געווען אַלע יאָרן נסתר אין זיין אופן פון שרייבן. מען האָט אים קיינמאָל נישט געטראָפן ביים שרייב־טיש. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן, ווען ער איז געווען "אין אַנדערע אומשטענדן", ווי מ׳זאָגט אין פוילן אויף אַ פרוי, וואָס שוואַנגערט... ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט וועגן אַ זאַך, וואָס ער האַלט אין שרייבן. ער האָט געפּראַוועט דאָן התבודדות. זיין טישל איז געווען אַ גאָר פשוטס, אַ הילצערנס, פאַרדעקט מיט אַ צייטונגס־פּאַפּיר, און קיין שום אַנדייט אויף אַ טינט און פעדער. מיר האָבן געוווּסט, אַז זיינע כתבים, די פאַרשריבענע זייטן, — לאַנגע ווייסע, מיט ווירעס, — ליגן אין דעם שטרויענעם קוישל, וואָס איז ביים אויערל פאַרשלאָסן מיט אַ קליין ביליק שלעסל. און ערשט, ווען נסתר איז שוין געווען פיקס און פאַרטיק מיט אַ זאַך, האָט ער שעמעוודיק פאַרבעטן צו זיך אין צימער, אָדער געקומען ספּעציעל מיט די גרויסע ווייסע פּאַפּיר־בויגנס, און שטיל, בדחילו ורחימו, פאַר־

געלייענט פון זיי שטיל און סודותדיק, נישט אויפגעהויבן קיין אויג אויף די צוהערער, און נאָכן פאַרענדיקן דאָס לייענען — נישט איבערגעפרעגט און נישט נאָכגעפרעגט זיך וועגן דעם איינדרוק און מיינונגען וועגן איבערגעלייענטן. ער האָט זיך ווי געשעמט גאָר צו רעדן און צו שמועסן וועגן דעם אָנגעשריבענעם.

עס איז געווען, ווי ער וואָלט געלייענט נישט זיין אייגענע זאַך, נאָר עפּעס כתבים פון אַ וויטן באַקאַנטן. און דאָס לייענען גופא איז געווען מיט אַ ספּעציעלן ריטם און מיט אַ גאָר אייגענעם נוסח וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אינהאַלט.

בערגעלסאָנס מענטשן זענען געגאַנגען און געקומען פון דעם רעאַלן לעבן. עס האָט זיך געפילט אַרום זיי ממשותדיקייט, קאָנקרעטקייט, בעת נסתרס פאַרשווינען זענען געקומען, זיך באַוויזן אין זייער אויסטערלישקייט און אַזוי פאַרשוונדן אין דער נישט־דאַיקייט.

דוד בערגעלסאָן איז שטענדיק געגאַנגען אויפן דרך־המלך, אויפן ברייטן שליאַך, און נסתר — האָט זיינע אַלע פריערדיקע יאָרן געשפּאַנט אויף שטעגןשטעגעלעך, אויף זייטן־וועגן.

אַזוי איז געווען ביז אין אָנהייב פון די 30ער יאָרן, ווען נסתר האָט זיך פאַרנומען אויף מער רעאַלע וועגן און נאָך זיין בוך "הויפּט־שטעט", האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין זיין באַרדיטשעוו פון די 60־ער און 70־ער יאָרן און פון דאָרטן אַרויסגעבראַכט אין דער "משפחה מאשבער" אַ מענגע מענטשן מיט קאָנקרעטע פּאַסירונגען און געראַנגלענישן פון אַ דור, פון דורות יידן. און ער האָט זיך פאַרמאַסטן און שוין געשריבן די וויטערדיקע טיילן פון ווערק.

לאָמיר דאָ ברענגען אייניקע אויסצוגן פון אַן אָפענעם בריוו, וואָס נסתר האָט געשריבן צו דוד בערגעלסאָן, וווּ מיר זעען די באַזונדערע פאַרערונג פון נסתרן צו זיין חבר־מיטצייטלער, און די נסתרישע אויפפאַסונג פון זיין לאַנגיאָריקן קאָלעגע. מיר שיקן אָפּ דעם לייענער צו דעם אינטערעסאַנטן "בריוו" פאַרעפנטלעכט אין "יידישע קולטור", (1941, נ' 4, ז"ז 30־32). מיר ווילן זיך דאָ באַגנוגענען מיט אַ פּאָר אויסצוגן. נסתר רעדט בכלל וועגן בערגעלסאָנס שאַפן און וועגן דעם אופן, ווי ער ברענגט אַרויס זיינע העלדן און זייערע תקופות, און ער זאָגט: "...וואָס־זשע געהער אָבער באַזונדערס מיר — איינעם אייערן אַ בן־דור, וואָס דער צופאַל האָט אים געגליקט זיך צוזאַמענטרעפן מיט אייך אין זיין פריער נאָך יוגנט, און וואָס איך בין אַזוי פיל באַווירקט געוואָרן פון אַט־דעם זיך צוזאַמענטרעפן און לאַנגן צוזאַמענלעבן — בין איך אַוודאי שטענדיק דאַנקבאַר געווען און וועל, ווייט איך וועל לעבן, דאַנקבאַר זיין אַט־דעם צופאַל".

און ווייטער זאָגט נסתר: "איך האָב אייך פאַר אַ משך פון פיל יאָרן פיל נאָכגעקוקט און נאָך מער פיל זיך ביי אייך געלערנט. געלערנט... ערשטנס, באַציונג צו ליטעראַטור... יעדעס מאָל איז ביי אייך אַמאָל געווען איינגעפירט, אַז ווען איר פלעגט לייענען אייערע ווערק... פלעגט דאָס יעדעס מאָל פאַרקומען

ביי אַנגעצונדענע ליכט און לייכטער... דאָס האָט באַטייט: ליטעראַטור איז פייערלעכקייט..."

נסתר דערציילט, אַז ער האָט געלערנט ביי בערגעלסאָנען "אָכטן די אייגענע מלאכה". "איך האָב אייך כסדר געזען אַ שווער־באַלאָדענעם מיט אייער קינסטלע־רישער מיסיע, ווי אויף בערג־שטייגן. ס'איז קיינמאָל ניט גרינג אָנגעקומען. איר האָט כסדר געהאַלטן אין איין נעמען באַריערן. און דאָס ציט זיך שוין אַזוי לאַנג באַלד דרייסיק יאָר — און ביז היינטיקן טאָג זייט איר ניט פון די פלינק־מאַכער, פון די, וואָס לעבן שוין אויף זייער אייגענעם פאַרגרייטן, אויף זייער אָנגעזאַמל־טער טעכניק, און אויף אומזיסט־עסערישע רענטעס. נאָך ביז איצט, ביזן היינטיקן טאָג, זע איך נאָך אַלץ אַ באַרג־שטייגער מיט אייער שווערן פּאַק באַלאָדן..."

אויב איך האָב גאַנץ גענוי געוווסט און בייגעוווען, ווי דוד בערגעלסאָן איז צוגעטראָטן צו זיין "ביים דניעפּער" און אויך געלייענט די ערשטע קאַפּיטלען, ווי זיי זענען געשריבן געוואָרן דורך דוד בערגעלסאָן אין זיין לעצטן בערלינער פּעריאָד, איז פאַר מיר נסתרס "משפּחה מאַשבער", וואָס זיין ערשטער טייל איז דערשינען אין מאָסקווע אין 1939, געווען (ווי איך האָב געשריבן אין פאָרווערטס צו דער ניו־יאָרקער אויסגאַבע פונעם ווערק, אין 1943), "אַן אמתע איבעררא־שונג". "עס איז ממש נישט צום גלויבן, — האָב איך געזאָגט, — ווען מען הייבט אָן צו לייענען דאָס בוך, אַז דאָס איז געשריבן פון דעם נסתר, וואָס איז געווען די גאַנצע צייט אַזוי אומגעצוימט אין זיינע זעונגען, וואָס איז געווען שטענדיק אַזוי ווייט פונעם רעאַלן, קאָנקרעטן לעבן. די שטימונג און פאַרגאַפונג וואַקסט און שטייגט וואָס־מער מיר ווערן אַריינגעצויגן אין דער האַנדלונג, וועלכע ווערט פאַנאַנדערגעוויקלט מיט אַזאַ פּלאַנמעסיקייט און רעאַלקייט, אויסגערעכנטקייט און געזעצמעסיקייט".

דער נסתר גופא זאָגט אין זיין "פאָרווערטס" צום בוך, אַז "שרייבנדיק דאָס בוך, האָב איך זיך געהאַלטן ביי יענעם מעטאָד פון קינסטלערישן רעאַליזם, וואָס באַטייט דאָס זעלבע, וואָס געטעס באַוווסטער געבאָט: "מאָל, מאָלער, און שווייג!..."

נסתר, דער סאַמע סוביעקטיווסטער יידישער קינסטלער, נסתר, וואָס האָט קיינמאָל נישט אַרויסגעבראַכט קיין רעאַלע טיפּן, קיין קאָנקרעטעווירקלעכע פּאַסירונגען און צונויפשטויסן, — נסתר האָט זיך איצט פאַרמאָסטן אַרויסצוברענ־גען אַ ממשותדיקע קאַלירפולע יידישע שטאָט, מיט אירע גאַסן, מיט אירע רעאַלע מענטשן, מיט ווירקלעכע פּאַסירונגען, און מיט די אַלע ליכט און שאָטן, וואָס די שטאָט מיט אירע איינוווינער, מיט אירע בתי־מדרשים, קלייטן, כלי־קודש, גבירים און קבצנים האָט אַמאָל פאַרמאָגט. און וואָס מער מיר לייענען זיך אַריין אין דעם ווערק, וואָס האַלט איבער 900 זייטן, וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט פאַרשוינען און געשעענישן פון כלערליי מינים און אייגנשאַפטן, ווערן מיר ממש דערשטוינט, אַז דאָס אַלץ קומט פון נסתרן, וועלכער איז אַ דריי צענדליק יאָר געגאַנגען אין זיין שאַפן אין גאָר אַנדערע ניט רעאַליסטישע דרכים.

מערקווירדיק — אייניקע גרויסע יידישע קינסטלער־רעאַליסטן, מיט מענ־דעלע און שלום-עליכם בראש, האָבן געפּרוווט אַרויסצוברענגען די יידישסטע שטאָט אין צאַרישן רוסלאַנד, באַרדיטשעוו, אָבער קיינער פון זיי האָט נישט באַוויזן צו שילדערן מיט אַזאַ רחבות, מיט אַזאַ שאַרפער רעאַלקייט די שטאָט מיט אַלע אירע מערקווירדיקייטן, מיט אירע טראַדיציאָנעלע אייגנשאַפטן, מיט אירע סאָציאַלע ווידערשפּרוכן און גראַנגלעניש און ווי דער ניטרעאַליסטישער נסתר.

נסתר האָט נישט "צוגעטראַכט" און נישט "אויסגעטראַכט" די אַלע מענטשן, פּאַסירונגען און געשעענישן, נאָר געגעבן דאָסווירקלעכע לעבן מיט זיין נאַטיר־לעכן גאַנג, ווי עס גייט און שטראָמט, ווי עס נעמט אָן פאַרשיידענע פאָרמען, ווי עס ווערט געפורעמט, און נסתר, ווי געזאָגט, איז בלויז דער ערנסטער און שאַרפער באַאָבאַכטער, וואָס פאַרפיקסירט אַזוי טרעפלעך און גרינטלעך דאָס געזעענע און געהערטע.

אָפט מאָל זעען מיר עדות, ווי נסתר אַליין איז פאַרגאַפט פונעם געשעענעם, ער וווּנדערט זיך, און אָפט קומט אים אפילו אויס צו מאַכן השערות וועגן אייניקע זאַכן, וואָס ער איז ניט באַקאַנט און ניט זיכער מיט זיי. און עס איז טשעקאַווע, ווי נסתר טוט אָפט אַ זאָג: "מיר ווייסן נישט וואָס עס איז געווען..." אָדער אַן אַנדערש מאָל זאָגט ער, אַז "אַ סברה איז..." עס איז ווי עס וואָלט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אַ גרויסע מגילה מיט געשעענישן, מיט מענטשן, מיט צוזאַמענשטויסן, און ער גופא ווערט מיטגעריסן מיט די פאַסירונגען, מיט די געראַנגלענישן, וואָס זיינע פאַרשוינען זיינען אין זיי אַריינגעצויגן, און ער האָט די אויפגאַבע נאָכצופאָלגן זיי און אַרויפצוכאַפּן זיי אויפן פאַפּיר. און וויפל חן איז דאָ אין אַזאַ נסתרישן זאָג: "און זאָלן דאָ, אגב, נאָך אַ פּאָר ווערטער צוגעגעבן ווערן, נישט אַזוי צוליב דער עצם האַנדלונג, ווי צוליבן לירישן רומל, אַזוי צו זאָגן..."

יאָ, "משפּחה מאַשבער" איז געווען אַ גאַר נייע, וווּנדערלעכע דערהויבונג פאַר נסתרן און אַ פרייד און אַן איבעררעאַשונג פאַר זיינע פאַרערער, וואָס ער האָט געהאַט צווישן די בעסערע יידישע לייענער פון אַלע צייטן, זינט 1907 ביז זיין נייעם קינסטלערישן פאַרמעסט.

ביידן, דוד בערגעלסאָנען און דעם נסתר, איז באַשערט געווען איבערצולעבן די גרויל־צייט פון היטלערס אָנגריף און אָקופּאַציע און פון דעם חורבן פון יידישע קיבוצים, פון די ברוטאַלע מערדערייען איבער יידן, אַלט און יונג, מאַן און פרוי, אין מזרח־אייראָפּע. זיי ביידע האָבן קינסטלעריש שאַרף רעאַגירט אויף די מוראַ־דיקע איבערלעבענישן, אויף די אַלערליי שוידערלעכקייטן דורך זייערע פּרעכטיקע און מייסטערישע דערציילונגען, וואָס טיילן זיך באַזונדערס אויס אין דער רייכער יידישער קריגס־ליטעראַטור.

דוד בערגעלסאָן האָט פאַרעפנטלעכט אַ צען דערציילונגען פון אַ טיף־מענטשלעכן און טיף־יידישן כאַראַקטער, אין וועלכע די גרויסע יידישע און מענטשלעכע טראַגעדיע ווערט געשילדערט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן און שטיי־

גער. דוד בערגעלסאָן, דער פּראָזע־מייסטער און דער טיף־פילנדיקער מענטש, האָט ניט געבראַכט קיין אויסערלעך־אויפשוידערנדיקע שילדערונגען וועגן דער גרויזאַמער צייט, נאָר ער האָט אַרויסגעשיילט ספּעציעלע מאָמענטן, שטיל־טראַגישע, נאָגנדיקע, וואָס האָבן אין זיך קלאַנגען־נאָכקלאַנגען פון די געשעענישן, ווייטע, אָבער טיף־רירנדיקע אָפּהילכן. נאָך זיין „אַפּיקורסישן" און אַנטי־רעליגיעזן און „משכילישן" צוגאַנג צו יידן און יידישקייט אין זיין „ביים דניעפּער", ווו עס איז דאָ מער סאַרקאַזם, בייסנדיקע קריטיק און ביטולדיקע באַציונגען צו ספּעציעל יידישעס, האָבן מיר אין די נייע דערציילונגען (ווי אין זיין דראַמע „לא אמות, כי אחיה") אַן אַנדערע, וואַרעמע און אינטימע באַציונג, אַ ליבשאַפט און פאַרערונג פאַר יידן און יידישע ליידן. אין „אַן עדות" זאָגט דער ייד: „ווי קאָן איך שטאַרבן? איך בין דאָך אַן עדות" — אַן עדות פון די גרויל־געשעענישן, וואָס ער וויל איבערגעבן לדורות. טיף־יידיש איז די צווייטע דערציילונג „יאָרצייט־ליכט", ווו דער דאָקטאָר רופט זיך איבער מיט זיין מוטער און עס דערמאָנט זיך אים יום־כיפור און כל נדרי, ווען ער גייט מאַכן אַן ערנסטע אָפּעראַציע און ער שעפּטשעט שטיל: „צרורה בצרור החיים... מאַמע, מאַמע..." און די נייע קרובהשע געפילן און די משפחה־פליכטן פון דער דאָקטאָרין, וואָס זוכט און טוליעט צו זיך קרובים, „גראַד זי, נאָך ווען דער פאָטער איז אַמאָל אָפּגעזעסן שבעה און זיך געלאָזט דערביי רייסן קריעה". אין דער דערציילונג „גראַד זי"). און דער פילאָט ביריוקאָוו, וואָס ראַטעוועט אָפּ אַ יידיש מיידעלע זשאַנאַ (די דערציילונג „פריינטשאַפט") א. אַ. וו.

און אַזוי אויך דער נסתר, וועלכער האָט אין די זעלבע עטלעכע קריגס־יאָרן זיך פאַרנומען אַרויסצוברענגען דורך איינצלע דערציילונגען־שילדערונגען די בעסטיאַלישע מעשים, די העכסט־ראַפינירטע מעטאָדן פון דייטש־נאַצישע פייני־קונגען בעת דער היטלער־אָקופּאַציע. עס זענען אונדז באַקאַנט פאָלגענדיקע זעקס דערציילונגען־שילדערונגען, וואָס נסתר האָט פאַרעפנטלעכט: „העשל אַנשעלעס", „דער זיידע מיטן אייניקל", „מאיר לאַנדשאַפט", „ריווע יאַסל בונצעס" — דאָס זענען, ווי נסתר רופט זיי אָן „פאַלן פון דער אָקופּאַציע־צייט (אַלע פאַרעפנטלעכט אין „יידישע קולטור"). עס זענען אויך אָפּגעדרוקט אין דער „יידישע קולטור" צוויי גרעסערע דערציילונגען: „דער ווידערוווקס" און „פלאַ־ראַ". נסתר האָט אַרויסגעכאַפּט אייניקע געשטאַלטן, פערזענלעכקייטן פון גאָר־העכערן יידישן יחוס, הויך־קולטורעלע אָדער זעלטן־אידעלע מענטשן פון העכערע וועלטן און סביבות און אַנטקעגן זיי גיט ער די אויסוואורפן פון, מ'שטיינס געזאָגט, „העכערער" דייטשישער ראַסע, — די מערדער, די שענדער, די אויסוואורפן, וואָס זיי גייט נישט נאָר אין פיזישער אויסראָטונג פון די קרבנות, נאָר אויך אין ראַפינירטן פייניקן און דערנידעריקן זיי. דאָס רוב קומען די געפייניקטע אַרויס ביי נסתרן דערהויבן, געלייטערט, קדושים, וואָס באַטאָנט נאָך מער די טעמפּקייט, די ברוטאַלקייט, די מערדערישקייט פון די דייטשע מערדער־פייניקער.

און דער נסתר האָט אפשר אַליין, ווי זיינע חברים, יידיש־סאָוועטישע שריי־

בער, מיטגעמאַכט אין זיינע לעצטע פּאָר יאָר די שווידערלעכע גרויזאַמקייטן, ראַפינירטע פּייניקונגען, וואָס ער מאָלט מיט אַזאַ שאַרפקייט אין זיינע דערציילונגען פון די היטלער־צייטן.

דער נסתר גופא, אַרויסברענגענדיק זיינע קרבנות און די אויסטערלישע פאַלן פון זייערע ליידן, שטייט אַ פאַרגאַפטער פאַר דער אינעווייניקסטער שיינקייט און גבורה, וואָס די יידישע קרבנות פאַרמאָגן — אַלט און יונג (אין זיין "דער זיידע מיטן אייניקל") — און יונגע און אַלטע פרויען (אין זיינע שילדערונגען "מאיר לאַנדשאַפט" און "ריווע יאָסל בונציעס") א. אַז. וו.

נסתר ווי בערגעלסאָן, האָט זיך געהיט צו שילדערן די "פשוטע", געווייינלעכע, "נאַרמאַלע" מערדערייען, וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן דורך די נאַצישע תליינים. ער האָט אַרויסגעשטעלט אויסטערלישע פאַלן, אין וועלכע עס קומט צום אויסדרוק די ווילד־משוגענע בעסטיאַלישקייט פון די דעגענערירטע דייטשע מאַניאַקן, וועלכע האָבן אַנגעווענדט אויף זייערע יידישע דערהויבענע קרבנות סאַדיסטישע מעטאָדן.

מיר ווייסן נישט, צי בערגעלסאָן און נסתר האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך, נאָך זייער פריצייטיקן טראַגישן טויט, נאָך ווערק פון דער גרויזאַמער דייטשער אָקופּאַציע־צייט. מיר ווייסן אויך נישט, צי דיביידע שרייבער האָבן די לעצטע יאָרן פון זייער טראַגיש לעבן, זינט סוף 1948 ביז זייערן אומקום, געהאַט גאָר אַ מעגלעכקייט צו שרייבן, צו פאַרשרייבן זייערע איבערלעבענישן אונטער די גראַטעס אָדער ערגעץ אין ווייטער פאַרשיקונג. ווער ווייסט וועגן זייערע איבערלעבענישן און ליידן, געפילן און טראַכטענישן אין די לעצטע עטלעכע יאָר, ווען אָפּגעריסן פון זייערע היימען, פון זייערע פאַמיליעס און פון זייערע שרייבשאַפונגס־טישן, האָבן זיי אַזוי ווילד־טראַגיש און מוראדיק־גרויזאַם פאַרענדיקט זייער לעבן? ווער ווייסט וווּ און ווי זיי האָבן די לעצטע יאָרן "געלעבט"?

די סאָוועטישע רעגירונג, די סאָוועטישע שרייבער־וועלט, די סאָוועטישע עפנטלעכקייט איז שולדיק אַ גרויסן חוב פאַר די אַלע אומזיניק־און פאַרברעכעריש־אומגעבראַכטע סאָוועטיש־יידישע שרייבער, שוישפּילער, קינסטלער, וויסנשאַפטלער און אויך פאַר די צוויי גרויסע יידישע שרייבער — דוד בערגעלסאָן און דער נסתר — וואָס האָבן געדינט דעם יידישן פאָלק, דער יידישער שפּראַך, דעם יידישן שאַפן מיט אַזוי פיל מייסטערשאַפט און טאַלענט און מיט אַזאַ טיף־יידישער און טיף־מענטשלעכער דערהויבנקייט און חשיבות.

וועגן דוד בערגעלסאָן און דעם נסתר לאָזט זיך זאָגן:

"הנאהבים והנעימים — בחייהם ובמותם לא נפרדו!"

("די באַליבטע און ליבע אין זייער לעבן, צומאָל אין זייער טויט האָבן זיי זיך נישט צעשיידט", — יידיש יהואש).

זיי וועלן פאַרבלייבן אין דער געשיכטע פונעם יידישן שאַפן, אין דעם

פאַנטעאָן פון די יידישע אומשטערבלעכע שאַפער, ווי אויך צווישן די קדושים־מאַרטירער לעולם ועד — אויף אייביקע אייביקייטן!

אַפּריל 1956

פון רעדאַקציע:

מיר האָבן געפונען פאַר נייטיק איבערדרוקן, עטוואָס געקירצט, איינע פון נחמן מייזילס אינטערעסאַנטע אַרבעטן, אַרויסגענומען פון זיין בוך "דאָס יידישע שאַפן און דער יידישער שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד" איקוף־פאַרלאַג. ניו־יאָרק, 1959.

*

וואַרשע, 1925 . . .



פון רעכטס אויף לינקס: פּרץ מאַרקיש, יוסף אָפּאַטאָשו, מלך ראַוויטש, ה. לייוויק.

פרץ מאַרקיש

1952—1895

פאַרשלייף, אָ, אייביקייט, פאַרקריץ,
דעם זינגענדיקן האַלדז מיט
אויפּרופנדיקע בליצן,
און לאָז אַ ליכט דעם בלינד-געקעפּטן
צו דיין טויער,
פאַרוואָס-זשע שרעקט אַזוי דאָס האַרץ
די פרייד פון תהום ?
פאַרוואָס-זשע שרעקט אַזוי אויף היצעלס
שלייף די האָפענונג פון טויט ?
— פאַרגיב מיר, גאָט, מיין פחד און מיין
טרויער.

ווידערשפּעניקונג

ניין, ניין, — ס'איז ניט געווען פון גורל קיין באַצוואונג,
אַן אויסוואַל ס'איז געווען דורכויס אַ פרייער,
דאָס, וואָס צו פייער צוגעריירט האָט זיך צו ערשט דיין צונג,
צו גאָלד — נאַכהער, נאָך אין דעם חושך פון מצרים !

צו פייער האָט געפירט דיין אומרויק געמיט
ביים טראָגן שטיין און זאַמד פאַר פּיראַמידן,
אַז זאָלסט אין קייטן זייענדיק געשמידט,
אַ שווערד אויף ווידערשפּעניקן זיך קענען שמידן.

און ביסט דערפאַר געבענטשט געווען מיט דעם,
וואָס דאָס געשליפן שטיינדל פון דיין פאַסטעך
האָט, אונטערשניידנדיק דעם גליתדיקן דעמב
אין דעם באַגינען זינגעוודיק אַריינגעפּאַסט זיך.

* *
*

פאַרגנבעט פון אונטער די בערג אַ גערויש זיך,
אַזאַ מין פאַריאָגטער געוואָי און געוויין:
— צי האָט זיך אַליין דאָרט צעיאָמערט דער חושך,
צי וויינען די בערג אין דער פינצטער אַליין?

— וואָס וויינען די בערג? איז זיי אויך דען אומהיימלער
די שטילקייט פון הימל, די קעלט פון פאַרגאַנג?
עס שלאָגט פאַר געוויס זיך דער ווינט מיט די ביימלער,
וואָס האָבן פאַרבלאָנדזשעט אין איינזאַמען גאַנג...

און אפשר אַ מענטש דאָרטן בלאָנדזשעט פאַראיינזאַמט,
און ס׳פאַלט דאָרט די נאַכט, און ס׳פאַרפאַלגט דאָרט דער ווינט...
עס גנבעט אַריין פון די בערג דאָס געוויין זיך
און, וואָיענדיק, ערגעץ אַזוי סע פאַרשווינדט...

1948

* *
*

גייען ערגעץ וואָגנס, וויינענדיקע וואָגנס,
איינער נאָכן אַנדערן, ווי די טעג און וואָכן;
— נעמט אַרויף אַ האַרץ זיך ערגעץ אויף אַ וואָגן,
איך וועל נאָכן וואָגן פון דער ווייטן נאָכגיין!...

עס קוקן ניט אויף ווייטן — ווינטמילן און קברים
און מאָנען קיינעם גאָרניט, נאָר טעג באַגלייטן עלנט;
באַקומען כ׳האָב פון זיידנס ירושה — די לבנה,
ווי אַ זילבערנע קמיע צו וואַנדלען איבער לענדער...

ווער זשע, ווער וועט אויסוואָיען דעם אומעט פון די יאָרן
אויף ווינטמילן ׳פאַרפרוירענע און בעטלדיקן רו שוין?...
אָ, עפנט זיך קאַבאַקן, ציגיינערשע טאַבאָרן,
אַ קלומיק כ׳וויל אַוועקלייגן: דאָס האַרץ מיט דער ירושה!...

1924

בראַכשטיקער

אַצינד, ווען ס׳קערט די ראיה מיר זיך אום צוריק אַליין,
איז מיר אַ ריס די אויגן עפענען און זען מיט יעדן גליד דאָ,
אַז ס׳איז מיין האַרץ אַראָפּגעפאַלן, ווי אַ שפּיגל אויף אַ שטיין,
און מיט אַ קלונג פון בראָך אויף שטיקער זיך צעשפּליטערט.

געוויס איז אויך איעדער בראָכשטיק ניט באַפרייט
צו זיין אַן עדות ווענן מיר ביז מיינע לעצטע פיר באַשערטע איילן.
— צעטרעט מיך נאָר ניט, דו, — אָ, ריכטער מיינער, צייט,
ביז איך וועל אָפּזוכן אין אויסשאָט די צעשפּריצטע טיילן...

איך וועל זיי אויפקלייבן פאַרפרוווין — איינס צו איינס —
באַהעפטן זיי באַנאַנד, ביז בלוט אין פינגער זיך פאַרשטאָכן, —
— כאָטש ווי איך זאָל זיי קונציק ניט צונויפקלעפּן, אַלץ איינס
וועל איך אין דעם זיך שטענדיק זען פאַקריפּלט און צעבראָכן.

ערשט איצטער קומט צו מיר אין טרויער דער באַשייד,
אין ווייי פון איבערשמעלץ — באַגרייף איך פלאַמיק
דעם פּיין פון וועלן זען זיך אין שפּיגל — גאַנצערהייט,
וואָס איז אין בראָכשטיקער צעזייט אויף אַלע שבעה ימים...

1948

דער וועג אין געטאָ (פראַגמענטן)

1

אַ וויגל אָן אַ קינד. אַ לייכטער אָן אַ ליכט.
אַן אוראַלטע מצבה מיט פאַרמעקטע נעמען.
די שוועל איז נידעריק און אָפן איז די טיר, —
ווער סע פאַרלאַנגט — דער קאָן עס קומען נעמען...

אַ קלומעק ביי דער זייט. אַ שטעקן פאַר דעם וועג.
און אין דער הייך — אַ שטערן, ווי אַ שטילער יאָרצייט פלעמלט.
ס׳איז אויסגעציילט ביז לעצט דער אָרעמער פאַרמעג, —
ווער סע פאַרלאַנגט — דער קאָן עס קומען נעמען...

פון ווייטע גענג — אַ ניט-געשטילטער רעש.
און טרויער ליכטיקער פון וועלן אַלץ באַנעמען.

ס'איז אַלץ אין ווי פֿון טליענדיקן אַש, —
ווער סע פֿאַרלאַנגט — דער קאָן עס קומען נעמען...

אַן אויפֿגעוויגטער קאָפּ, אַן אויסגעשטרעקטער האַלדז.
אַ טרוימענדיקער בליק אונטער פֿאַרוויינטע ברעמען.
מער גאָרניט איז פֿאַראַן. אָט דאָס איז אַלץ.
ווער סע פֿאַרלאַנגט — דער קאָן עס קומען נעמען...

2

אַ ווינט גיט אַלע ווײַל פֿון ווײַטן אַ פֿאַרוווי —
פֿון קיינעם ניט געשיקט און ניט געווענדט צו קיינעם:
— האָסט ניט געזען אין וועג אינעם פֿאַרשאָטענעם מיט שניי
צו ביימער הוילע — צוגעשפּאַרטע זקנים?

די וועלדער האָבן זיי געוואָלט פֿאַרשטעלן פֿון דער קעלט,
די טײַכן האָבן זיי געוואָלט פֿון בײַז פֿאַרהיטן;
עס יאָגט זיי, ווי אַ היצל, נאָך דער אָפּוואַרף פֿון דער וועלט,
אַ שלײַף ער אומעטום אויף זיי פֿאַרציט דאָרט.

און זיי באַמיען זיך נאָר אַלץ דאָרט אָנצינדן אַ ליכט.
דער שײַן, ווי זייער שווערד, ביז לעצטנס — ניט פֿאַרראַטן;
עס פֿאַלט אַ שניי, ער גיט, ווי אַ דערמאָנונג זיי אַ ריר
און איז זיי לעבעדיקערהייט מטהר אַקוראַט דאָרט.

די פּנימער צו דר'ערד — אַראָפּגעלאָזט פּאָר ווײַ,
געשמידט פֿון פֿראָסט, געפּענטעט זייער טראָט איז;
— האָסט ניט געזען אין וועג — ווי שאָטנס אויפֿן שניי —
צעזייטע שטעקנס, היטלען און קאַפּאָטעס?

3

עס לייגט איעדער קרעכץ זיך אויף אַ גרויסער וואָג,
כאַטש יעדן טראָט דער ווינט פֿאַרווייעט און פֿאַרגלעט דאָ;
זי האָט זיי אויסגעשפּירט, די האַק, און זיי דעריאָגט —
אַ לאַנגער וועג נאָך פֿון סעווילִיע און טאָלעדאָ.

די ביימער האָבן זיך צו זיי פֿון ווײַט געגריסט,
ווי מעסערס האָבן זיך פּאָר זיי געלייגט די ראַנדן
געגאַנגען זײַנען זיי דורך ביאַליסטאָק און בריסק,
זיך אונטערלענען ס'האַרץ אויף ווײַטערדיקן וואַנדער.

אַנטלאָפן זיינען הימלען ערגעץ ווייט —
דער רוף צו זיי זאָל ניט דערגיין און זאָל זיך ניט דערהערן
און, ווי צווישן געבראָך פון קריג, זיך פאַרטייט
האָבן די ווייטע אומפאַרשעמטע שטערן.

נאָר ניט פאַרהאַלטן האָט אין ערגעץ זיך דער ווינט,
געלאָפן איז ער, וואָיענדיק, ניט וויסנדיק ווּהין גאָר;
און אויפן שניי ז׳געבליבן זיצן אַ פאַרפרוירן קינד
מיט הענטלעך אויסגעשטרעקטע צום באַגינען...

4

ער יאָגט, דער ווינט — צו קיינעם ניט געווענדט,
ער פאַלט, דער שניי — אויף ווערסטן און אויף מיילן;
— אַ חיות וואָלט געוועז דערוואָרעמען די הענט
כאָטש מיטן לעצטן אָטעם פון פאַרקילטע מיילער!...

אַרום דער גאַנצער ערד, ווי רונד אַרום אַ ניט-געדעקטן טיש...
נאָר ס׳ברענט קיין לאָמפּ ניט איבער זיי און ס׳לעשן זיך די שטערן;
אַ פינצטערניש אַזאַ, האָסט ניט צו מאָל איבערגעמישט
אַ בלאַט פון ספר אַ פאַרזויגענע מיט טרערן?

ס׳איז ווייט, ס׳איז ווייט, ס׳איז ווייט נאָך ביז באַגין,
אַ חיות וואָלט געוועז אַ פייער איצט צעלייגן:
דער פויגל און דער בוים און דאָס פאַרפרוירן קינד, —
זיי זיינען קיין מאָל ניט געוועזן אַזוי נאָנט און אייגן.

נאָר איינער קאָן צום צווייטן ניט דערגיין,
און איינער קומט דעם צווייטן ניט אַנטקעגן;
— האָסט אפשר עמעצן באַזאָרגט צוקאָפּנס מיט אַ שטיין,
צי עמעצן אין וועג האָסט מיט אַ שטיין באַגעגנט?

1940

דער לעצטער טאָסט...

העכער פונעם פויגלס פליגל
האָבן מיר אויף בערג געשטיגן
און דערשטיגן און דערלאַנגט —

גיס זשע אַן מיט ברייטער האַנט,
אַז מקוים זאָלן ווערן
אַלע אונדזערע באַגערן;

טיפער פון די ימען-גרונטן
זיך געלאָזט מיר האָבן מונטער
און פאַרטרונקען מיט געזאַנג, —
גיס זשע אַן מיט פולער האַנט,
ס'זאָל ביים פאָלק זיין פול די קוואַלן,
און ס'זאָל גאָרניט גיין פאַרפאַלן.

אָפּגעבליט האָט גיך דער זומער
און דער האַרבסט איז גיך געקומען.
ערגעץ שוין דער ווינטער שפּאַנט —
גיס'זשע אַן מיט פולער האַנט
פאַר די נאָענטע, פאַר די ווייטע, —
די וואָס ווערן אונדז פאַרבייטן.

ס'טוט ניט באַנג אַזוי גרייז-גרוי זיין,
ווייל געלעבט מיר האָבן ברויזנד
מיטן פאָלק און מיטן לאַנד —
גיס'זשע אַן מיט פולער האַנט,
אַז צום גוטנס ביז מקנא
זאָל די צוקונפט אונדז דערמאַנען.

וויפל נאָך איז אונדז געגעבן
זיך צו פרייען מיטן לעבן
ביז צום טרויעריקן ראַנד —
גיס'זשע אַן מיט ברייטער האַנט
הייב דעם כוס אויף ביז די שטערן
פאַר די לעצטינקע באַגערן.

1948

*

פרץ מאַרקיש,
פרץ מאַרקיש!
ווי אַ שטורעמדיקער באַרגטייך,
וועלכער וואַרפט זיך פון די הייכן,
וווּ קיין אָדלער טוט ניט גרייכן,
אַט פון דאָרט — וווּ ווינט מיט כמאַרע
קושן שנייען מיידלש־ריינע
שליידערט זיך אַראָפּ דער באַרגטייך
און פאַרצווימען קאָן אים קיינער!
ס׳ האָט געפּרוווט זיך טויט און אימה
אַט דעם דראַנג זיך קעגנשטעלן,
האָט ער זיי באַהערשט ווי שוועלן
צוליב ליכט
פאַר פאָלק און היימלאַנד!

יוסף קערלער ״דאָס געזאַנג וועגן מאַרקישן״, 1960

אויפן בילד: דער 16יעריקער פרץ מאַרקיש

אסתר מאַרקיש

״אַ פרעמדער בין איך דאָ, שטענדיק אַ פרעמדער...״

״דער גליל — דאָס בין איך״
(פון פרץ מאַרקישעס אַ בריוו)

געווען איז עס בעת איינער אַ פאַרזאַמלונג, נאָך דעם ווי איציק פעפער האָט געהאַט דערציילט וועגן זיין רייזע קיין אַמעריקע. פרץ מאַרקיש האָט דעמאָלט באַמערקט, אַז עס איז נישט ריכטיק צו טיילן דאָס יידישע פאָלק אויף אַן ״אַמעריקאַנער״, ״פּויליש״, ״רוסיש״ א. א. וו. עס עקזיסטירט איין יידיש פאָלק אויף אונדזער וועלט...

אַזאַ מין פאָרמולירונג איז דעמאָלט געווען אי פאַרדעכטיק און אי געפערלעך. עס האָט זיך דערנעענטערט דער סוף פון דער מלחמה. די יידישע סאָלידאַרישקייט אין קאַמף קעגן פאַשיזם האָט אין די אויגן פון דער מאַכט אָנגעהויבן אויסצוזען ווי אַ ״פאַרשווערונג פון די זקני־ציון״, ווי ״געוועבר פון אימפּעריאַליזם״ א. ד. גל. ווייזט אויס, אַז מאַרקישעס זאָג איז נישט געבליבן אומבאמערקט דורך עמיצן, וועלכער איז געווען אויף יענער פאַרזאַמלונג...

פרץ מאַרקיש האָט דעמאָלט געהאַלטן ביים פאַרענדיקן זיין גרויסע עפּאָפּייע "מלחמה", אין דער זעלבער צייט האָט ער געשריבן לירישע לידער — אַזעלכע דורכזיכטיקע, טיף־פאַרטראַכטע, מעכטיקע אין זייער ליכטיקייט. ער האָט באַוויזן זיי צונויפנעמען אין אַ זאַמלונג, וואָס האָט ביי זיין לעבן ניט דערזען די ליכטיקע שיין. אויף דער פּאָעמע "מלחמה" זענען געוועז אָנפאַלן מצד מאַרקישעס ליטעראַטור־שונאים, וועלכע האָבן אים פיינט געהאַט צוליב זיין טאַלאַנט און מורא געהאַט פאַר זיין כוח.

מאַרקיש האָט זיך באַצויגן צו דער ליטעראַטור מיט יענער אַכטונג, וועלכע איז כמעט אַלע מאָל אייגנטימלעך גרויסע טאַלאַנטן אין זייער באַציונג צו קונסט. ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן ליטעראַטור, האָט גענומען אַ סוף צו זיין געוויינלעכער גוטסקייט און רחמנות לגבי מענטשן. אין אַזעלכע פאַלן האָבן פאַר אים ניט עקזיסטירט נישט קיין פריינדשאַפט און אפילו ניט קיין אנשטענ־דיקייט־נאָרמעס. ער איז געווען אויפריכטיק און געוואַלדיק שאַרף. פאַרשטייט זיך, אַז טאַלאַנטלאָזיקייטן האָבן עס ניט געקענט מוחל זיין. זיי פלעגן עפנטלעך, אָפטער געהיים, מסרן, באַשולדיקן אין דעם שרעקלעכסטן צו יענער צייט חטא — אין יידישן נאַציאָנאַליזם. זיי האָבן אים אפילו באַשולדיקט, אַז "ער שרייבט צו פיל". דאָס נעמט כלומרשט אָפּ די מעגלעכקייט ביי אַנדערע צו שרייבן, צום דרוקן זיך. מאַרקיש האָט זיך אָבער געהאַט אָפּגעזאָגט פון אַ טייל האָנאָראַר פאַר זיין גרויס ווערק "מלחמה" לטובת דעם פאַרלאַג, כדי מע זאָל קענען איינקויפן נייע דרוק־מאַשינען און שריפט.

געשען איז אַזוי, אַז ווען די פּאָעמע "מלחמה" איז שוין געווען אָפּגעגעבן דעם פאַרלאַג, האָט מאַרקישן דרינגענדיק איינגעלאַדן צו זיך פאַדייעוו, וועלכער איז דעמאָלט געשטאַנען בראש פון סאָוועטישן שרייבער־פאַרבאַנד. פאַדייעוו האָט דערציילט, אַז דער צ. ק. פון דער פּאַרטיי האָט באַקומען אַ מסירה אויף מאַרקישן. און וועלכער ער איז באַשולדיקט געוואָרן אין ציוניזם, אין יידישן בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם, וועלכער האָט זיך אַנטפּלעקט, לויט די מוסרים, אין דעם קאַפּיטל "דער שמועס מיטן טייוול" פון דער פּאָעמע "מלחמה". פון צ. ק. האָט מען די מסירה איבערגעשיקט אין שרייבער־פאַרבאַנד מיט דער דירעקטיוו צו באַטראַכטן דעם דערמאָנטן קאַפּיטל און צושטעלן אַן אָפּשאַצונג דעם צ. ק. מאַרקיש האָט דערויף אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — ווייס איך וואָס, אַ נאַרישקייט! אָבער פאַדייעוו האָט אים דערקלערט, אַז דער ענין איז אַן ערנסטער, די מסירה איז אונטערגעשריבן דורך מענטשן, מיט וועמענס מיינונג דער צ. ק. רעכנט זיך.

קומענדיק אַהיים פון פאַדייעוון האָט מאַרקיש מיר געבעטן, אַז איך זאָל זיך אָוועקזעצן ביי דער רוסישער שרייב־מאַשינקע. ער האָט אָנגעהויבן נערוועז צו שפּאַנען איבערן צימער און מיר דיקטירט אַ וואָרטלעכע איבערזעצונג פון דעם קאַפּיטל "דער שמועס מיטן טייוול". די דאָזיקע איבערזעצונג האָט מאַרקיש איבערגעגעבן פאַדייעוון, וועלכער האָט דעם קאַפּיטל "פאַרענטפערט" פאַרן צ. ק. דאָס קאַפּיטל איז געוואָרן אָפּגעדרוקט אין אָריגינאַל, פאַרנעמענדיק זיין אָרט אין

דער פּאָעמע וועלכע איז סוף כּל סוף דערשינען אין 1948 יאָר, אין דעם פאַרלאַג "דער עמעס". זאָל דערביי באַמערקט ווערן, אַז אין אַ רוסישער איבערזעצונג איז דאָס דאָזיקע און עטלעכע אַנדערע קאַפּיטלען נישט דערשינען. אויך נאָך דער רעהאַביליטאַציע פון מאַרקישן — נאָכן "אָפּשטעלן דעם ענין צוליב ניי־אַנטשטאַנענע אומשטענדן", ווי דאָס איז פאָרמולירט געוואָרן אין דעם אָפיציעלן דאָקומענט, וועלכן די מיליטערישע קאָלעגיע פון העכסטן געריכט פון פסס"ר האָט אונדז אַרויסגעגעבן נאָכן צוריקקומען פון פאַרשיקונג. דעם דאָזיקן קאַפּיטל, וועלכן עס האָט איבערגעזעצט דוד מאַרקיש, האָט אַרויסגעוואָרפן די צענזור פון אַלע אויסגאַבן, וועלכע זענען דערשינען נאָך פּרץ מאַרקישעס אומקומען. די באַגרינדונג דערפאַר איז געווען די זעלבע, ווי ביי די מוסרים, וועגן וועלכע עס האָט איבערגעגעבן פאַדייעוו.

נאָך אין 1944 יאָר האָט מיר מאַרקיש דערציילט וועגן אַ פאַל, וועלכער האָט אים — ווי כ'האָב עס געזען — ממש אויפגעשוידערט. מאַרקיש האָט איבערגעגעבן אין דער רעדאַקציע "פּראַוודאַ" זיינס אַן אַנטיפאַשיסטיש מלחמה־ליד. ס'איז אַדורך אַ שטיק צייט און דאָס ליד איז נישט אָפּגעדרוקט געוואָרן. מאַרקיש האָט דעמאָלט אָנגעקלונגען צום הויפּט־רעדאַקטאָר פון "פּראַוודאַ", פּאָספּיעלאָוו, און האָט אים געפרעגט פאַרוואָס דאָס ליד איז פאַרהאַלטן געוואָרן. אַלס ענטפער האָט פּאָספּיעלאָוו איינגעלאַדן מאַרקישן צו קומען אויף אַ שמועס אין דער רעדאַקציע.

נאָך עטלעכע גאָרנישט־זאָגנדיקע פראַזן איז פּאָספּיעלאָוו אַריבער צום ענין.

— דרוקן אין דעם צענטראַל־אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי דעם יידישן פּאָעט פּרץ מאַרקיש — האָט געזאָגט פּאָספּיעלאָוו — דאָס איז שוין אַן ענין פון גרויס־פּאָליטיק.

די "פּראַוודאַ" האָט מער מאַרקישעס לידער נישט געדרוקט. מ'דאַרף רעכענען, אַז סטאַלין האָט שוין געהאַט פּלאַנירט צו פאַרניכטן די יידישע קולטור און אירע שעפער, זיך צערעכענען מיט יידן אַזוי, ווי דאָס האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן אַ צווייטער "פירער פון אַרבעטער און פּויערים" — היטלער.

אין 1940, ווען די צוגרייטונג צום "ענדגילטיקן לייזן די יידנפראַגע" אויף אַ היטלערישן אופן איז געווען שוין אין פולן גאַנג, האָט מאַרקיש, נישט געקוקט אויף דער סטאַליניש־היטלערישער "פריינדשאַפט", געשאַפן זיין באַוווסטע פּאָעמע "די טענצערין פון געטאָ".

פאַרקערפּערנדיק זיין פאָלק אין געשטאַלט פון דער טענצערין, האָט מאַרקיש געשריבן:

ווּהין באַגלייט ער דיך, דער ווינד און דער פאַרוויי ?
ווּהין פאַריאָגט דער נע־ונד אין אַזאַ נאַכט דיך ?
אַ זאַווערוכע איז אין דרויסן און אַ שניי,
און טיר־און־טויער אומעטום זיינען פאַרשפּאַרטע...

אין דער סאַמע בלי־צייט פון דער סטאַליניש־היטלערישער פריינדשאַפט, ווען

די סאָוועטישע צענזור האָט פֿאַרבאָטן צו שרייבן וועגן די ווילדע מעשים פֿון די פֿאַשיסטן, האָט מאַרקיש געשריבן:

דערציייל דעם וואָסערפֿאַל, דערמאָנען קאָן אַ יעדער באַרג אים,
אין יעדן באַרג איז אויסגעקריצט מיט פֿייער פֿון באַגין
דער דורכגעהילכטער איבער זיי צום ערשטן מאָל: "ניט הרגע",
וואָס וואַלגערט זיך אין אַש, באַדעקט מיט שימלדיקן גרין.
— זייט וויסן, בערג, די קריג מיט פֿינסטערנישן דויערט,
קיין שפּאַן קיין איינציקן טרעט דער געדאַנק ניט אָפּ!
באַזיגט ז'ניט דער אַ וועמעס קאָפּ פֿאַלט פֿון דער האַק אין טרויער,
נאָר יענער, וואָס די האַק בלויז לייכט ביי אים אין קאָפּ.

מיט די דאָזיקע נביאישע רייד האָט מאַרקיש פֿאַרויסגעזאָגט זיין אייגענעם גורל, אין וועלכן עס האָט אין אַ גרויסער מאָס זיך אָפּגעשפּיגלט דער גורל פֿון זיין פֿאָלק.

די פּאָעמע איז, נאַטירלעך, ניט געדרוקט געוואָרן. זידלען די דייטשן איז געווען פֿאַרבאָטן. זי איז אויך שפּעטער נישט געדרוקט געוואָרן, שוין בעת דער מלחמה — ווען מען איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען די יידישע ליטעראַטור? נאָך דער מלחמה האָט מען אין דער דאָזיקער פּאָעמע איינגעזען יידישן נאַציאָנאַליזם. ממילא איז זי געבליבן אין שופֿלאָד. נאָך דעם האָט מען די פּאָעמע אָפּגעדרוקט אין אַ רוסישער איבערזעצונג. שפּעטער האָט מען מאַרקישן אַרעסטירט. ער האָט נישט דערלעבט צו זען אין אַ באַזונדער יידישער אויסגאַבע איינע פֿון זיינע בעסטע פּאָעמעס. פֿאַראַיאָרן איז די דאָזיקע פּאָעמע דערשינען ביי אונדז, אין ישראל, אין אַ פּראַכט־אויסגאַבע — פּאַראַלעל אין יידיש און עברית.

די נאַציאָנאַלע וואָרצלען פֿון פּרץ מאַרקישעס דיכטונג שטעקן אין דעם סאַמע אָנהייב פֿון זיין שעפֿערישן וועג, אין די פֿריע, נישט פֿאַרעפֿנטלעכטע שילערישע לידער (פֿון 1910 יאָר), געשריבענע, אגב, אין רוסיש. אין זיי האָט מאַרקיש אויסגעדריקט די בענקשאַפֿט נאָך די היסטאָרישע און רעליגיעזע ווערטן פֿון זיין פֿאָלק. דער טרוים וועגן דער הייליקער ערד, ווענדונגען צו גאָט, תפֿילות — דאָס אַלץ האָט באַהערשט די פֿאַרשטעלונגס־קראַפֿט פֿון דעם ייִנגל מאַרקיש. אַ רייפֿן אויסדרוק האָט די דאָזיקע טעמע געפֿונען אין דעם דיכטערס "פּאַלעסטינער ציקל".

פּרץ מאַרקיש איז געקומען קיין פּאַלעסטינע אין דער צייט, ווען ער איז געווען אויף עמיגראַציע, אין 1928 יאָר. אין יענער צייט, ווי באַוווּסט, איז אין פּאַלעסטינע פֿאַרגעקומען אַ פֿאַרביטערטער קאַמף צווישן יידיש און דער שפּראַך פֿון דער מדינהשער אויפֿלעבונג — עברית. שאַפֿן אַ יידיש־קולטור אין פּאַלעסטינע פֿון די צוואַנציקער יאָרן איז געווען ניט מעגלעך. זיינע לידער וועגן פּאַלעסטינע האָט מאַרקיש, נאַטירלעך, געשריבן אין יידיש. די נעמען פֿון די לידער ריידן פֿאַר זיך: "ירושלים", "גליל", "צפֿת". פֿון מאַרקישעס לעצטער לידער־זאַמלונג,

אין אַ רוסישער איבערזעצונג, וואָס איז אין 1968 יאָר דערשינען אין דער גרויסער סעריע פון דער פּאָעזיע־ביבליאָטעק (אין דער לענינגראַדער אָפּטיילונג פון דעם פאַרלאַג ״סאָוועטסקי פּיסאַטעל״) האָט די צענזור אַרויסגעוואָרפן אַלע לידער פון דעם פּאַלעסטינער ציקל. דעם צענזאָר האָבן, ווייזט אויס, ״געאַרט״ מער די נעמען, ווי די סאָנעטן גופא:

ווו איז דאָס לאַנד פון זוניקע געשפּענסטער? / ווו איז דער וועג אַוועק? ווו האָט דער וועג זיך דאָ פאַרטייעט? / גלילער בערג און צפתער האָפנס פעלדזיקע, / ווו ווינטן קומען אַן אויף נאַכט פון ירושלים. /
/ — פיר מיך טאָג, ווי ס׳פירט מיין האַרץ דער טרויער / — פיר מיך, פיר דורך פעלדער טאָטוירטע, גרינע, / מיר וועלן זיך אין ערגעץ דאָ ניט הייען. /
/ צו פוס! אַן אייזעלע, אַ קליינס, אַן אומעטיקערס פונעם גורל, / אַ ווילדן מול פון ווילדע בעדוינער, אָדער אַ קעמל אַ פאַרליבטן, וואָס גייט אליין צו דיר, ירושלים!...

זייער כאַראַקטעריסטיש איז מאַרקישעס בריוו צום קריטיקער נחום אויסלענדער, פרילינג־צייט 1924 יאָר, נאָכן דיכטערס צוריקקומען פון פּאַלעסטינע.

אין דעם דאָזיקן בריוו האָט ער געשריבן:

״...נו, און צאָלן? מיט טשאַדירדאַגן*) האָב איך זיך שוין פאַנאַנדערגערעכנט. אָבער איך האָב נאָך אַ גרויסן חוב. אַפילו אַ מער ערנפולן — די בערג פון גליל — דאָס בין איך אַליין. אָט דאָס איז דאָס עיקרדיקע. דאָ איז ווילדפלייש, דאָ איז אַלץ. אָבער דאָ איז פאַראַן נאָך עפּעס אַזוינס וואָס איז בלוט־אייגענער פון בלוט...״

אַ יאָר פאַר זיין אַרעסט האָט מאַרקיש צוגעגרייט צום דרוק אויסדערוויילטע לידער. דאָרט האָט ער געגעבן זיין ליד ״שקיעה״ (אָדער: ״זונאונטערגאַנג״?). אונטער דעם ליד האָט מאַרקיש צוגעשריבן די דאַטע און דאָס אָרט, ווו די פּאָעטישע שורות זענען אָנגעשריבן געוואָרן: גליל, 1923—24.

די פּאַלעסטינער איינדרוקן האָבן אָן ספק געפונען אַן אָפּשפּיגלונג אין דער מעכטיקער, נביאישער פּאָעמע ״דער פערציקיאָריקער״. דער גורל און אַ גליקלעכער צופאַל האָבן געוואָלט, אַז די פּאָעמע ״דער פערציקיאָריקער״ זאָל פולשטענדיק פאַרעפנטלעכט ווערן אויף רוסיש אין דער פריער־דערמאָנטער זאַמלונג פון 1968 יאָר. די צענזור, וועלכע האָט אומרחמנותדיק געשטראָכן אַלץ, וואָס איז יידיש,

*) טשאַדירדאַג — אַ באַרג אין דרום־קרים.

האַט נישט דערקענט די נאַציאָנאַל־מיסטישע "אַפּיקורסות" אין דער קאָמפּליציר־טער, אַסאָציאַטיווער, פילאָזאָפישער פּאָעמע "דער פּערציקיאָריקער".

די זעלבע צענזור האָט אָבער אַרויסגעריסן פון דער עפּאָפּיי "מלחמה" אַלע שורות, אין וועלכע עס איז געווען דערמאָנט דאָס וואָרט "ייד". די צענזור האָט "רעקאָמענדירט" צו פאַרבייטן דאָס וואָרט "ייד" — מיט "מענטש", מיט "פאַר־בייגייער" א. א. וו. א. ד. גל. — — — — — — — — —

דעם 24 מיי 1945 יאָר, אין דעם טאָג פון פּאַראַד, וואָס איז פאָרגעקומען אין מאָסקווע לכבוד דעם נצחון איבער דייטשלאַנד, זענען ביי אונדז אין הויז זיך צונויפגעקומען געסט. אונדזערער אַ גוטער באַקאַנטער, דער גענעראַל־פּאָלקאָווניק סערגיי טראָפימענקאָ, וועלכער האָט אָנגעפירט מיטן ווייסרוסישן מיליטערישן קרייז, אַ מענטש, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע קאַמפּס־אויפטועז אויף די סאַמע געפערלעכסטע פראָנטן, האָט ביי אונדז געבעטן די דערלויבעניש אָפּצומערקן צוזאַמען די וויכטיקע דאַטע און אַראָפּקומען צו אונדז מיט אַ צענדליק גענעראַלן. "איינצייטיק וועלן אפשר אויך אייערע פריינד זיך נישט אָפּזאָגן צו זיצן מיט אונדז ביי איין טיש" — האָט זיך געחכמעט דער גענעראַל.

דער אָוונטברויט איז געווען זייער אַ רוישיקער. מען האָט אַ סך געגעסן, נאָך מער געטרונקען. מען האָט געשמועסט וועגן דער פאָרגעקומענער מלחמה, די גענעראַלן האָבן דערציילט פאַרשידענע קאַמפּס־עפּיזאָדן, דערמאָנט די אומגע־קומענע. איך האָב געקוקט אויף מאַרקישן. ווי שטענדיק האָט ער ניט געטרונקען. ער האָט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט. איך האָב באַמערקט, אַז ער איז דענערווירט. כ'האָב געוווסט — פאַרוואָס: ער האָט געוואַרט, אַז עמיצער פון די געסט זאָל אינעם הויז פון פּרץ מאַרקישן דערמאָנען די מיליאָנען יידן, וועלכע זענען אומגעקומען בעת דער מלחמה. קיינער האָט אָבער נישט דערמאָנט.

ווען די געסט זענען שוין מיד געוואָרן, האָט מאַרקיש אָנגעגאָסן זיין כוס און איז אויפגעשטאַנען פון אָרט:

— איך וויל אויסטרינקען — האָט ער געזאָגט, ווען ס'איז געוואָרן פולשטענדיק שטיל — פאַר דער גאַסטפריינדלעכקייט, וועלכע דאָס רוסישע פאָלק האָט אַרויסגעוויזן לגבי מיין יידישן פאָלק.

—וואָס רעדט איר, פּרץ דאַווידאָוויטש! — האָט נאָך אַ פויזע אויסגערופן דער אַוויאַציע־גענעראַל, דער צוויי־מאָל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד, וולאַדימיר סודעץ — וועגן וואָס פאַר אַ גאַסטפריינדלעכקייט רעדט איר! איר זייט דאָך ביי זיך אין דער היים!

מאַרקיש האָט עקשנותדיק אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט איבערגע־חזרט:

— איך טרינק פאַר אייער גאַסטפריינדלעכקייט!

איך האָב מיט שפּאַנונג זיך צוגעהערט צו מאַרקישעס רייד און אין זכרון זענען מיר אויפגעקומען די שורות פון מאַרקישעס פּריע, כמעט קינדער־לידער,

וועלכע ער האָט מיט אַ קאַליגראַפישער האַנטשריפט פאַרשריבן אין אַ דיקן שול־העפט:

פאַרגיב מיר, רוסלאַנד, גלות מיינער,
ווייזט אויס, אַזוי געווען באַשערט —.
זאָלסט זיין מיין וויג, דער קוואַל פון פיין זיין,
מיין בלוט פאַרשווענקען זאָל דיין ערד

געוואַקסן כ׳בין ביי דיר אין עלנט,
אַ פרעמדער אויף דיין ברייט און גרייס...
אָן אומפריינד כ׳בין ביי דיינע שוועלן
אַ יתום כ׳בין ביי דיר אין הויז.

אָ, שנעלער פליק אַרויס מיך, הענקער,
פאַריאָג אין ווייטער היים,
וווהין דאָס האַרץ מיינס איז געווענדט
פאַרנעם די קלאָג מיינע,
מיין טיפע צער און בענקשאַפט,
איך בין דאָ פרעמד, כ׳בין שטענדיק פרעמד...

(יידיש — י. ק.)

Монологъ.

Прости мнѣ Русь - земля изгнанья
Благословенная судьбой
Ты колыбель, русло моихъ страданій
Гдѣ льется кровь моя струей.

פון ערשטן זייטל אינעם העפטל רוסישע לידער
פאַרפאַסט פון 16יאָריקן פרץ מאַרקיש.

1952—1890

לייב קוויטקאָ

מיר זענען אין ליידן געלייטערט.
מיר וואַקסן אַרויס אינעם לויטער. —
וואַקסן אַרויף,
הויבן אַרויף,
אונדזער האַרץ,
אונדזער וווּנד —
ארויף, אינם לויטער . . .
דאָרט רוט דער שם . . .
דער גרויסער שם,
וואָס באַשאַפן מיט אים
דעם ערד-פּאַדנעם,
הימל געוועלב,
אונדזער וווּנד.
די שווערע האנט, האָט זיך אראָפּגעלאָזט
אויף אונדז.
דער שם וואָס מיר דערלייזן אים,
וואָס וועט אונדז דערלייזן . . .

בערלין, 1919

אין מיין טויטער רגע,
שעפּ די קוועלנדיקע ליבע —
צו מיין פאָלק.
אָנגעוויייטיקט האָט מיין האַרצן

יעדער זיינס א וויי,
אויסגעזויגן מיר דאָס חיות
יעדער זיינס א בליק.

יעדער תנועהלע, דאָס מינדסטע
פון מיין אַלטן פאָלק
האָט באַלויכטן מיר זיין אורשפּרונג
אין זיין ווייטסטן גאַנג.
האָט פאַרקלעמט מיט גלי מיין האַרצן,
גרונטגעפעסטיקט : — זיי !

שעפּ פון קוואַל פון איבערפולטן
אין מיין טויטער רגע.
אין דיין מאַרך דערטראָג די ליבע
צו דעם צווייטן דור.
כ׳עפן אויף דעם קוואַל פון ליבע

*　*
*

פאַרן עמוד,
פאַר אָנגעצונדענע ליכט
האָב איך דערפילט מיין לייב,
דאָס קלאָרקייט,
דעם גוטן ריח פון מיין בלוט.

האָט מיין ליכטיק לייב געזען:

מתפללים קומען אָן אַלץ מערער,
פון אַלעמען שיילן זיך אָפּ די קליידער, —
אַלט-פאַרביקע וואָכן,
פאַרגליווערטע שווייסן
פון האַנדל און וואַנדל —
ווי ליסקעס פאַרדאַרטע רערלען זיך, פאַלן אַראָפּ.
זיי ווערן לייבער איידעלע,
אַלע זיי שיינען
פון טבילה און פיינען,
אַ לויטערקייט שטראַלט פון זיי און נעמט זיי אַרום,
אין אַלעמענס פאַרמאַכטע אויגן שפּראָצן געזאַנגען,
אויך אין מיינע שפּראָצט אַ געזאַנג,
נאָר פון תנועות שמעקט נאָך פיין
און דער פיין אויך ניט אין גאַנצן לויטער.

פאַרן עמוד,
דורך עמוד פאַר דער וועלט
דערצייל איך ווי מיר שפּראָצן אויף,
ווי מיר קומען אָן
דערצייל איך
מיט געוויין, מיט געזאַנג, מיט פראָסטן וואָרט.
בערלין 1919

בין איך קראַנק דען?

בין איך קראַנק דען?
בין אַ קראַנקער מענטש,
וואָס כ׳קען מיין טיש ניט ליידן,
און זיך ביים טיש, און ס׳ווייב, און ס׳קינד?
ווער מושלט איבער מיר — אַ קרעפּס!
איבער מיר, און איבער מיינע דאָרשטן,
איבער מיינע יורשים,
איבער גרויסן נאָמען מיינעם. —
ווער מושלט איבער מיר — קרעפּס!
מיינע הענט טראָגן אים נאָך אַלעס אונטער,
מיט גאָלדנע זייגערלעך — מיין מאַרכס, —
קעכל איך אים, קעכל.

בין איך קראַנק דען,
וואָס איך רייס פון זיך די הויט,
און וויל אַנטלויפן ווּהין מיין דאָרשט
פאַרטראָגט מיך?

כ׳ווייס, איך האָב פון ועמען זיך צו לערנען,
פאַראַן אַן עולם, אַ באַרעדעוודיקער,
פול מיט חכמה.
דאָך, אויב שוין יאָ אַ ביישפּיל נעמען,
מיין עקל און מיין דאָרשט נעמט
נאָר דעם...
וואָס זיצט זיין לעבן לאַנג
אויף אַלטע קאָזלעס אָפּ
ביים דאָרן, שקוואָרן פערד און וועגל,
און ווייס ניט ווען פאַרשווינען דינגען זיך —
און ווען זיי שנאָרכן,
ווען דאָס פערד און וועגל רוקט זיך —
און ווען סע גליווערט,
און ווייס ניט, אַז ער איז זיין לעבן לאַנג
פאַרגאַן אין זיך,
פאַרגאַן אין ווונדערבאַרן שווייגן.

יעדער זלידניע-טאָג
רופט מיך ווי זיינס גלייכן: —

"קום אַ האָפּקע, רופט ער, נאַרעלע, אַ האָפּקע!"
און כ'גיי זי אַלע מאָל, און כ'שפּיי זיך אָפּ,
און כ'גיי זי.

פון בוך "גערּאַנגל" 1929

איך זאָל כאָטש ענדיקן...

איך זאָל כאָטש ענדיקן מיין דינינק פידעלע,
וואָס שניץ און טעסע עס אַ גאַנצן פרי.
פון שוועבלאַך-קעסטעלע, מיט פינגער פיבערשע
איך שניץ און טעסע עס אַ גאַנצן פרי.

— בייז געוויטער, וואַרט אַ ווייל פון יענער זייט!
איך מוז פאַרטעסען נאָך דעם אונטער-טייל.
און דו, טויט, שטיי אַ ווייל ביים שוועל און וואַך אויף מיר —
איך מוז פאַרגלעטן נאָך דעם אויבער-טייל.

אָט שטעלן שטיפטעלאך אין גלאַטן העלזעלע,
און ציען הערעלאַך אויף גאַנצער לענג. —
די רוצחים הוליען שוין אין הויף דעם שכנישן,
און שוין פאַרהאַקט מיין טיר מיט זייער בליק.

אָ, נאָך אַ הערעלע פון קאָפּ אין פידעלע...
אָ, ליבע, ציטער נישט, לאָז, נאָך אַ האָר —
אַ קליינינק פידעלע דעם בלאָסן קינדעלע,
אָ, זאָל עס זיין אים נאָר צו לאַנגע יאָר!

דעם קליינעם קינדעלע אַ דינינק פידעלע,
מיט דינעם פעדימל אויף הערצל דעם; —
זים-זים מיט שמיציקל, ווי ס'קליינע פליגעלע:
"דעם טאַטנס פידעלע... דער מאַמעס פידעלע..."

פון בוך "1919" יידישער ליטעראַרישער פאַרלאַג, בערלין

די קלאָג פון פוילישן ייִנגל

איר, מליץ־יושרס, אַדוואָקאַטן, איר!
וואָלט אינמיטן מערב־וועלט געווען אַ טיר,
וואָלט איך אַזאַ מין פראַל געטאָן מיט איר,
אַז דער געוויסן פון געוויסע, וואָס באַהאַלט זיך מיאוס,
וואָלט אפשר אויפגעשטעלט זיך אויף די פיס!

אַז די טויטע וואָלט עס אויפגעכאַפּט פון שלאָף,
אַליין זיי זאָלן אויסקלייבן די שופטים,
אַליין דאָס טויט־געביין זאָל האַלטן די באַשטראָפטע,
אַליין זיי זאָלן אויספירן די שטראָף.

איר, וואָס האָט אין אונדזער פּיין געזען אייער גליק!
איר, וואָס האָט דאָס אַלץ געזען, און גלייך ווי גאָרניט איז געשען׳
מיין בליק וועט אייביק מאָנען! גיט מיר אָפּ מיין פאָלק צוריק!
כ׳וועל אייביק זען אויף אייך מיין אומעט הויט און ביין!

וויין, האַרץ מיינס, וויין,
כ׳וועל דיך ניט איינגעמען מיין,
אפילו אַז וואַסער גיסט זיך —
רירט עס דעם שטאַרקסטן שטיין.

איך בין אַ פּוילישער, אַ פּליט,
אין סלאָוו האָב איך געוווינט, ביים שליאַך,
אַ האָלץ־טאָקאַרניע האָט פאַרמאָגט מיין טאַטע,
און איך בין אויך פון זעלבן פאַך.

ווען ס׳איז געשען — בין איך אַוועק קיין לעמבערג
און ביי אַ בעלי־גוף געוווינט
פאַרשטעלט, אַלס קנעכט, אַלס חולה־נופל,
און שטיל מיין קלעמעניש געצוימט.

ווייל טאָמער דעקט זיך אויף דער אמת,
אַז איך בין איך, — איז אויס מיט מיר...
דערום האָב איך געהיים געזוכט זיך אַרבעט
וואָס נעענטער צו רוסלאַנדס טיר.

איז איין מאָל אָוונט קומט מיין באַלעבאָסטע
און פשוט, אָן אַ מיין, זי זאָגט:
— איך האָב דיר דיינע העמדער שוין צעוואַשן
מיט יידן-זייף, נאָך היינט בייטאָג,

— מיט יידן-זייף... וואָס רעדט איר?
— פון בעלזשיץ האָט מען זי געבראַכט...
קיין בעלזשיץ טרייבט דער דייטש די יידן,
און זייף פון זיי ער מאַכט...

וויין, האַרץ מיינס, וויין,
כ׳וועל דיך ניט איינגעמען מיין,
אפילו אַז וואַסער גיסט זיך,
רירט עס דעם שטאַרקסטן שטיין...

1946

קיעוו, 1926

פון רעכטס אויף לינקס: דוד האָפּשטיין, ליפּה רעזניק, משה נאַדיר, לייב קוויטקאָ, ד. וואָלקענשטיין, דבורה כאַראַל.

איציק קיפניס

פון אַ דיאַלאָג מיטן קגב-אויספאָרשער

— האָסט געשריבן "קוילען שיקסעס ?"
— יאָ, די, וואָס האָבן געקוילעט יידן...
— האָסט געוואָלט זען מגן-דוד-אָרדענס אויף די ברוסטן פון סאָוועטישע יידישע סאָלדאַטן...?
— יאָ, געקלערט, אַז ס'וואָלט געווען ניט שלעכט געבן זיי מגן-דודלער באַגלייך מיט אַנדערע אָרדענס...

"איציק קיפניס אין קרייז פון אייגענע און נאָענטע" פון משה דיאַמאַנט. "יידישע קולטור" נומ. 10. 1976.

איציק קיפּניס

פון בוך "חדשים און טעג" *

אַ פרימאָרגן איז אַ שיינער אין פעטרעשי, און מיר זענען אַלע גאַנץ. וואָס פעלט אונדז נאָך ?...

— זאָל אייזיק פאָרן אין שטאָט אריין און זען, וואָס דאָרט הערט זיך.

און אַז אייזיק פאָרט, דאַרפט איר וויסן, פאָרט בוזי אויך. אַזוי. איר איז עפּעס אומהיימלעך אָן אים.

אויף דער אַלטער אכסניה איז דאָס פערד מיטן שפּאַן, אַבי ווי אַזוי, געבליבן גאַנץ. טאָ זאָל זיין געשפּאַנט און געפאָרן. הערשעלע וויל אויך פאָרן. דער וויל אויך, יענער וויל אויך. איז איצטער פאָרט קיינער ניט, חוץ אונדז צווייען, און אַז מירן ברענגען אַ ידיעה וועלן אַלע פאָרן.

אין אַן אַנדער טאָג, און אויף פראָסט לשון, וואָלט עס הייסן, אַז איך מיט

*) "חדשים און טעג" — אַ כראָניק. קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג "קולטור-ליגע" — 1926.

בוזי׳ן מאַכן מיר אַ קאַטאַשקע, וואָס מיר האָבן זייער ליב. אָבער מיר האָבן דאָך קיין מאָל ניט קיין פערד...

דעם טאַטנס פערד איז אַ גוטער. פאַר 20 מינוט וועלן מיר זיין אין סלאַוועשנע.

דער וואָגן קאַטשעט זיך באַרג־אַראָפּ, צווישן די גאָלדענע ברויטן; דאָס פערד לויפט דרוזשנע; ס׳איז אַ לעבעדיקע וועלט — אַ מחיה! הינטערן שטאָט באַגעגענען מיר אַ פּאַסטעך מיט בהמות. פון אַלערליי קאָלירן זענען זיי, די בהמות, און פון פאַרשיידענער גערעטעניש.

— בהמות, איר האָט אַלע געגעבטיקט אין סלאַוועשנע. אפשר ווייסט איר אונדז וואָס צו דערציילן? אפשר קענען מיר זיך ביי אייך עפּעס וואָס דערקינדיקן וועגן אונדזער היים, וועלכע מיר האָבן איבערגעלאָזט אויף אַ נאַכט אַ נאַכטישער, אין פרעמדע הענט? — — —

שאַ, אָט פאָרט נאַאום מיט זיינע אָקסן. ער פאָרט אין וואַלד אַריין נאָך האָלץ. אַזוי ווי איר זעט אים, נאַאומען, איז ער זיך אַ קורצער גויטשיקל, אַ געגאָלטער און מיט לאַנגע אוקראַיִנישע וואָנציס, אַ מענטש אָן ספּעשקעס, און אויב ער קלערט, האָט ער זיך געגנוג זייניקס פון וואָס צו קלערן — קיין פרעמדע ענינים גייען אים ניט אָן.

— נאַאום, וואָס הערט זיך עפּעס אין שטאָט?

— טפּפרר! אין שטאָט? וואָס זאָל זיך הערן? גאָרניט! מ׳האָט געטראַסקעט ביי נאַכט, געקלאַפּט און געבראָכן!

— און אַזוי וואָס הערט זיך? — און די זון לייגט זיך דערווייל פלעקנווייז אויף זיינע אָקסן מיט די רויטע פעל אַזוי, און אויף מיין פערד מיט דער אַש־קאָלירענער פעל אַנדערש: מיר פאָרן אין שטאָט, זיי — פון שטאָט. — און אַזוי וואָס הערט זיך אין שטאָט, נאַאום?

— אַזוי — גאָרניט. פון האָראָדעץ האָט מען געבראַכט פיר זשידקעס געקוילע־טע. פרעמדע זענען זיי, חוץ כיטריקס איידעם.

— כיטריקס איידעם? דער הויכער?

— יאָ.

און כיטריקס איידעם איז אַ הויכער, אַ גלייכער, ווי אַ סאָסנע, מרדכי־לייזער גערשטיין! אויב צו אַזאַ גערשטיינען אז מ׳האָט זיך דערקליבן, מ׳האָט אים בייגעקומען און מ׳האָט אים געקוילעט, איז עס שוין ניט אַזוי פּראָסט...

— וואַרט אויס, נאַאום, ווען איז עס געווען? ווען האָט מען זיי געבראַכט?

— ווען מ׳האָט זיי געבראַכט? נעכטן. מ׳האָט זיי, נאָך נעכטן, דאַכט זיך, באַהאַלטן. דווקא אַ שאָד כיטריקס איידעם. ער איז געווען אַ ווויל יידל.

— און איצט וואָס הערט זיך אין שטאָט?

— איצט שטיל, דאַכט זיך... קסאָ!

— וויאָ!

אַ זון איז אַ שיינע אין דרויסן. די פענצטער פון דער שקאָלע וואָס אויפן

גרינעם הינטערן־שטאָט גלאַנצן אַנטקעגן. און דער פרימאָרגן קומט אויס אַפילו אַזוי ווי אַ פריילעכער.

בוזי האַלט זיך אָן פאַר מיין האַנט, איר איז זייער שווער, וואָס מ׳האָט געהרגעט מרדכי־לייזערן, כיטריקס איידעם. זי איז אַ יאָר געזעסן מיט זיי אין איין דירה. ביי מרדכי־לייזערן איז אַ שטוב מיט שיינע קינדער, און די עלטערע צוויי יינגלעך זענען שוין גרויסע.

בוזי טוט מיר אַ קוק אין די אויגן און פרעגט :

— אייזיק, אַזוי פשוט שניידט מען אַ מענטשן דעם האַלדז מיט אַ מעסער ? אַזוי ווי אַ רינד אָדער אַן אָקס ?

איך האָב קיין מאָל ניט געזען, ווי אַזוי מע קוילעט.

— און אַ רינד — פרעג איך — האָסטו שוין געזען אַ מאָל ווי אַזוי מע קוילעט ?

ניין, אַ קאַלב האָט זי געזען, בוזי׳לע, בּאַ זיי אויפן גאָרטן האָט מען געקוילעט. ס׳זענען געווען ביי דעם געבונדענע פיס, און עס האָט שטאַרק געכאָרכלט !... זי וויל שוין מער ניט דערציילן, בוז׳ילע, ס׳גרילט זי, אַז זי דערמאָנט זיך... זי האָט דענסמאָלט אַ וואָך ניט געקענט קוקן אויף זייער קרוב דעם שוחט. איר האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז זייער אַ מיאוסע באַשעפעניש, דער שוחט, פע־ע — — — —

די גאַסן זענען ביי אונדז אַלע איבערגעקרייצט מיט פעדימלעך פון שרעק. אָבער טרעט מען זיי נאָר אַריבער, ווערן זיי צוריק היימיש, אונדזערע גאַסן, און ליב. ס׳איז נאָר שווער פאַרקערעווען אויף אַ צווייטער גאַס אָדער געסל. ביז דו שפּאַנסט ווידער אַריבער די שוועל פון אומהיימלעכקייט און ס׳גייט זיך שוין ווייטער גרינג. און אַז אויסזען האָבן אונדזערע גאַסן ניט פון פורים און ניט פון חול המועד : די קלייטן זענען ניט אָפן, ניט פאַרמאַכט. די קרעמערס האַנדלען ניט. די שוסטערס קלאַפּן ניט. אַלע זיצט מען אויסגעשאָטן אויף די פריזבעס און ווי מ׳טריקנט זיך אָף דער זון. און אפשר לופטערט מען זיך, און אפשר ניט דאָס ערשטע און ניט דאָס צווייטע, נאָר פשוט מע וואַרעמט זיך.

אין שטעטל איז שטיל... ביי נאַכט איז זיך געווען, וואָס ס׳איז געווען, אָבער איצט איז שטיל... בוזי וועט זיך דורכגיין, אפשר וועט זי הערן ערגעץ אַ גרוס פון דער מאַמע מיט די קינדערלעך, און איך פאַר נאָך אונדזערע לייט.

די פיס הייבן זיך נאָך מוטיק. ס׳איז ליכטיק, ס׳איז זוניק און ס׳איז אַפילו גרינג.

דאָנערשטיק איז אַ טאָג, און מיר זענען, דוכט זיך, מענטשן. אין אַ לאַגע זענען מיר ניט גאָר אין קיין גוטער. נאָר אפשר איז עס פאַר אונדז ניט קיין בייס. ס׳איז דאָך שוין אַזוי לאַנג, אַז מיר שלאָפן ניט אויף אונדזערע געלעגערס. ס׳איז דאָך שוין אַזוי לאַנג אין דערינען, אַז דאָרט, וואו מיר טאָגן, דאָרט נעכטיקן מיר ניט. איז טאָקע קיין חידוש ניט, וואָס היימישע שקצים רייצן זיך מיט אונדז. זיי

רייצן זיך מיט אונדז און מיר שווייגן, ווייל אויף פינף אונדזערע — זענען דרייסיק זייערע.

— גייט, קינדער, צו האנען סאַכוועס און טרינקט זיך אָן מיט מילך. — דאָס שיקט אונדז די מאַמע צו האנען, צו שמאַילעס ווייב, דאָרט שטייט אונדזער מילך.

גייען מיר צו האנען סאַכוועס. יענע רעדט מיט מיין שוועסטער, אַזוי ווי מיט אַ חברטע, אַזוי זיך פון שטוב־זאַכן און פון באַלעבאַטישקייט. אין אויוון הייצט זיך ביי איר, און זי דערלאַנגט אונדז מילך מיר זאָלן טרינקען. גלייך פון די קריגלעך קענען מיר טרינקען, אויב מיר ווילן... ביי איר איז אַ קאַנטיקער פּאַנעם, ביי האנען, אַ פלאַטשיקע מאַרדע און ווייסע ציין. ביי איר זענען נאָך קלוגע אויגן, לאַכט זי צו אונדז מיטן גאַנצן פּנים, מיט די קלוגע אויגן און מיט די ווייסע גלאַנציקע ציין. און מיר זענען שוין מן הסתם בעטלערס ניט פון ערשט, — טרינקען מיר ביי האַנען מילך פון האַלב אויפגעשטעלטע קריגלעך. אויבן איז די מילך פעט. שמירן זיך די ליפּן, די נאָז, און פּלוצים טוט זיך אַ גאָס שיטערע מילך, זויערע, און ס׳באַגיסן זיך די מלבושים. אַ דאגה! די מלבושים זענען ניט פון קיין זייד, ס׳איז נאָר אפשר ניט שיין פאַר האַנען. די אייגענע קריגלעך קענען מיר אַוועקטראָגן צו אונדז אין שטוב, אין דער אויסגעזידלטער, אין דער איבערגעריע־טער, און דאָרט וואָלטן מיר...

— האַנאַ, מע מעג נעמען?

— נו, נעמט. איר וועט נאָר ברענגען די קריגלעך צוריק, וועט זיין אין וואָס מעלקן אייער בהמה (אַזוי ווי מיר האָבן נאָך אַ בהמה).

— האַנאַ, און וואָס טוען דאָ ביי דיר דאָס רויטע בענקעלע און די צוויי שטולכענס?

האַנאַ איז געוואָרן רויט. זי האָט זיך דען פאַר אונדז וואָס צו שעמען, האַנאַ? נעבאַי וואָלט זי נאָר עפּעס ענטפערן. וואָס ס׳ניט איז מעג זי זאָגן — און גענוג.

— ס׳איך האָב געקלערט, איך וועל איבערטראָגן וואָס ס׳ניט איז אַהער... וועט איר זיך אומקערן, וועט דאָס זיין אייערס. עלע ניט, טאַ לעמאַי זאָלן פרעמדע אויפעסן? אָט זענען די פאַרמעס אויך אייערע, די פאַרמעס און די בעקנס.

האַנאַ איז רויט, זי איז פאַרשעמט, זי האָט זיך פאַרלאָרן אַביסל, אָבער זי איז גערעכט. גוט, וואָס זי טוט אַזוי. און דאָס קריגל מיט דער האַלב אויפגעשטעל־טער מילך טראָגן מיר צום שטוב.

— און ברויט? זע, מיר האָבן זיך גאַר פאַרגעסן, מיר האָבן דאָך ניט קיין ברויט!

היינטיקע נאַכט האָט מען זיך שוין געפאַרעט קליגער. היינטיקע נאַכט האָט מען אַפילו דעם זויערטייג אויסגעשאַבן פון דייזשע, און אין שטוב איז אַפילו ניטאַ קיין פּיצל חמץ.

כוועדאַסיאַ, וואָס לעם ישראל־דודס שטוב, לויפט פון ברונעם מיט אַ קאַראַ־

מעסלע וואַסער. זי וואָלט וועלן דורכלויפן און אונדז ניט דערזען, נאָר די מאַמע שטעלט זיך אָפּ.

— כוועדאָסיאַ, דו גייסט אַהיים, ליי מיר דאָרט אַ שטיקל ברויט פון די קינדערס וועגן.

— ברויט? ניט פון אונדזערטוועגן האָט זי געבאַקט, כוועדאָסיאַ, ברויט. זי איז אַדאַמקעס אַ שוועסטער — אַדאַמקעס, וואָס לעם זיידלס האַרבאַרני. און זי איז אַ מרשעת. זי קען אָבער קיין חזיר ניט זיין, מיר ווינען אַ טיר אַנטקעגן אַ טיר...

— מאַמע! כוועדאָסיאַ האָט געגעבן אַ פּלעצל!

— זאָל איר גאָט געבן קרענק, דאָס פּלעצל איז אַ פּאַרשימלטס!

מיר ברעכן אויף דאָס אַלטגעבאַקענע פּלעצל. טאַקע אַן אמת. אינעווייניק איז עס הוילער שימל. פונוואַנען האָט זי עס געוווּסט, די מאַמע? אָבער מ׳דאַרף עסן כאָטשבי אַ פּאַרשימלטס.

מיך וווּנדערט נאָר, פאַר וואָס מיר האָבן ניט פאַרשלאָסן ביי אונדז די שטוב נעכטן, ווען מיר זענען אוועק.

— כדי מע זאָל ניט ברעכן די פענצטער, — זאָגט דער טאַטע. —

און מאַטלען פייגלס איז אַ חידוש, פאַרוואָס איך גיי אין אַזעלכע צעריסענע הויזן.

— כדי מ׳זאָל מיך ניט לאָזן אין איינע גאַטקעס, — דערקלער איך אים. און איך מיט בוזי׳ן גייען אין שטאָט אַריין. אין שטאָט זאָגט מען, אַז יהושע דער קאַזשושניק (פּעלצנמאַכער) האָט זיך אויסגעבאַהאַלטן מיט דעם געזינד, האָט מען זיך אַריינגעריסן צו זיי אין שטאָל אַריין, תּחילת אָוונט איז עס געווען, און מ׳האָט געקוילעט די ווייב און די צוויי זין.

איינער, דער עלטערער, דוד, איז אויך אַ שניידער. ער איז אין מיינע יאָרן און איז זייער אַ שיינער.

דוד פרענק.

יהושעס געזינד רעכנט זיך ביי אונדז איינע פון די בעסטע אין שטאָט, און דוד האָט, הייסט עס, איבערגעלאָזן אַ קינד מיט אַ ווייב.

בוזי איז געוואָרן זייער אומרויק. די מאַמע מיט די קינדער זענען דאָך אַוועק אויף דעם זעלבן שליאַך. בוזי וויינט. ס׳איז אָבער ניטאָ וואָס צו וויינען. ווען, חלילה, עפּעס — וואָלט מען דאָך געהערט. זיי זענען אַוועק אַ חברה אפשר פון 30 מאַן.

בוזי׳לע, וויין ניט, און לאָמיר אַביסעלע קלערן פון דודן פרענק. פון זיין מאַמע און פון זיין ברודערל חיים-לייב. ער האָט זיך דאָ ניט לאַנג געווען געקויפט אַ פידל, חיים-לייב, ער האָט זיך געוואָלט לערנען שפּילן...

און אין גאַס איז ניט פּורים און ניט חול המועד. יידן זיצן אויף די פּריזבעס און אויף די גאַנקעס. גוים שכנים — אייניקע זייערע טוען אויך גאַרניט. ווער ס׳רעדט מיט אַ יידן אויף דער פּריזבע, און ווער ס׳זיצט זיך אויף דער שוועל פאַר

זיין טויער. פלוצים האָט זיך דערהערט אַ זינגענדיקע פּרויישע שטים. ס'איז געוואָרן אַלעמען הייס, און די האָר האָבן זיך גענומען שטעלן קאַפּויר. עפּעס אַ פרוי גייט אַרום און זינגט... די הענט הענגען ביי איר, דער שאַרף איז נאָכלעסיק פאַרוואָרפן אויף דער פּלייצע, און פוןביידע זייטן הענגען די פּאָלעס מיט די פרענזן... אַזוי טראָגט זי דעם שאַרף, אַזוי הענגען ביי איר די הענט, ס'זאָל איר זיין וואָס גרינגער און זי זאָל זיך קיין טירחה צוליב זיי ניט דאַרפן אָנטון... און גיין גייט זי אויך אַזוי — ניט ביי דער זייט און ניט פון ווייטן, נאָר אין סאַמע מיטן גאַס, דאָרט ווו פורן דאַרפן פאָרן. אַזוי גייט זי זיך פריי־טאַליע. פון דאַלינע איז זי אָנגעקומען, און איבערן מאַרק; איצט גייט זי איביר ליסטווענער גאַס אויף דער סאַמע מיט און זינגט... — — — — — — — —

ס'אַ גולם איך בין, ס'אַ תם און אויסגעשמירטער — ווער זינגט? זי זינגט דאָך ניט! ס'איז דודס ווייב! דוד פרענקס! — וואָס מ'האָט אים היינט ביי נאַכט געקוילעט אין בעהון! אין איינעם מיט זיין מאַמע און מיט זיין ייִנגערן ברודער. דאָס איז דאָך זיין ווייב! און זי זינגט ניט. זי פרעמפּלט נאָר אַזוי ווי אַ גלח. ניין, זי דעקלאַמירט מיט אַ הייפעריקער אָפּגעלאָזטער שטים אַזוי ווי אין טעאַטער. און אַ ביסל זינגט זי דאָך טאַקע צו אויך. אויף אַ מיטעלן קול מאַכט זי עס, אַזוי ווי זי רעדט צו עמעצן. און גיין גייט זי פּאַמעלעך, מיט אַראָפּגעלאָזענע הענט, ווי זי האָט סייווי ניט וואָס צו איילן. איר וועג איז דאָך אַזאַ לאַנגער, — ניטאָ זיך וואָס צו איילן! פּונקט אַזוי, אַז זי וועט גיין; וועט זי אפשר טאַקע פאַרגיין. און זי זינגט:

אַוודאי קענט איר אַלע דודן,
דודן פריינק פון דאַלינע,
יהושע דעם קאַזשושניקס זון.

ער איז אויך געווען אַ קאַזשושניק,
אַט דער־אַ דוד איז געווען מיין מאַן.
אַוודאי קענט איר אַלע דודן.
אין זיין פּנים איז געווען זיך ניט איינצוקוקן,
און גזלנים האָבן אים געקוילעט אין בעהון.

אַ פרישן, אַ צאַפּלדיקן, האָבן זיי אים פון מיינע הענט אַרויסגענומען.
בעט איך זיי:
גזלנים, קוילעט מיך אויך!

גזלנים, צי האָט איר ניט קיין מענטשיש האַרץ?
איר האָט דאָך אויך ווייבער מיט קינדער!
גזלנים! קוילעט מיך אויך! —

איך האָב זיי געקושט די פיס —
איך האָב זיך געשעגדעט פאַר זיי און איך בעט זיך:
גזלנים, קוילעט מיך אויך!

דוד, דו גייסט ניט,
דו גייסט ניט אָן מיר,
און איך ווייס ניט וואָס טון מיט דיין קינד...
אָך, יידן, וואָס ווייסט איר?...

*

יצחק קיפּניס

אַ חנוכה-לעמפּל, אַן אַלטע הגדה,
אַ חומש פון דעם און דעם יאָרהונדערט, —
אין דרויסן איז ווינטערדיק די פּאַגאָדע,
ביי אים אויפן טיש — א מדבר מיט וווּנדער.
ביי אים אויפן טיש איז ארץ ישראל
און טו בשבט בליען די טייטלען,
פון רעכטס מכאל, פון לינקס רפאל,
ווען ס׳קומען מחבלים די הענט אים קייטלען.
זיין שמייכל רייצט די פרעמדע היטער,
זיי פילן דעם חוזק אין זיינע אויגן,
אַט שפּאַנט ער דער שטאָלצער סלאָוועשנער ריטער,
די היטער גייען אים נאָך געבויגן.

מאיר חרץ

1952—1900

איציק פעפער

ווער האָט דערלויבט מיר מוחל זיין
דעם שטריק, וואָס האָט מיין ברודערס האַלדז פאַרצויגן,
ווער האָט דערלויבט מיר מוחל זיין
דער האנט, וואָס האָט דעם שטריק געהאלטן,
דאָס אויג, דאָס אויסגעלאָשענע און קאַלטע,
וואָס האָט זיך נישט פאַרמאכט
נישט טאָג נישט נאַכט
און האָט געקוקט אַ רואיקס אויף דער האנט,
וואָס האָט דעם שטריק פאַרצויגן.
געבענטשט זאָל זיין די שיין,
וואָס בריט מיר מיינע אויגן
און רודערט אויף מיין זיין...
ווער האָט דערלויבט מיר רואיק זיין...
עס קוקט דער צער צו מיר און מיינט,
אז איך בין אָרעם,
נאָר רייך בין איך מיט מיין נישט מוחל זיין...

פייער

ס'איז יעדערן באַשערט זיין ביסל פייער,
וואָס וואַרעמט, און וואָס לייטערט, און וואָס שטאַרקט.
און ווייל איז דעם, וואָס האָט זיין פלאַמיקן צושטייער
פאַר קומענדיקע דורות ניט געקאַרגט.

ניט אַלע ווילן היינט זיך שוין פאַרגינען
צעפאַקלען זיך פאַר מאָרגנדיקע טעג,
זיי בלייבן בלויז דער רויך אין דעם באַגינען,
זיי בלייבן בלויז דער רויך פונעם געשלעג.

אין איינעם גיט אַ בליץ אַ בליץ אַ בלויער,
אַ בליץ און ווערט מיט קאַלטן אַש באַשיט,
און דאָס איז אַלץ. די שוואַרצע ראָם פון טרויער
באַרעמלט זיין פאַרלאָשענעם געמיט.

אַ צווייטער טראָגט אַ פּלעמעלע אַ קילינקס,
אַ רויקס ווי אַ ליכט אויף אַ קאַמאַד, —
עס וועלקן האַרבסטן און עס קומען פרילינגס,
דאָס פּלעמל זעט מען ניט. עס איז אַ סוד.

און ווי אַ פּיסנע קאָנעץ צאַנקט דער דריטער,
ער טשאַדעט און סע דאַכט זיך, אַז ער ברענט;
ווי אָרעם און ווי טונקל איז זיין ציטער
אויף שטילע בין־השמשותדיקע ווענט.

אַ פערטער רוישט מיט פלאַמענדיקן גאַרניט,
ער שפּריצט מיט פייערלעך אויף יעדן קער,
נאָר ס'יאָגט אַ קעלט פון זיי און ס'אַרט דיך אויף קיין האָר ניט —
ס'איז פייערווערק, וואָס פינקלט, און ניט מער!

אַ פינפטער רייכערט, ווי אַ פייכטער דאָרן,
ער האָט קיין אומרו ניט, קיין לעבן ניט, קיין זין,
און ס'טליען זיינע טעג און זיינע יאָרן
ווי אומעטיקע קוילן אין קאַמין...

ווער דאַרף דעם רייטער, וואָס האָט אַפּגערייטערט
און האַלט זיין ביסל פייער אויף אַ שלאַס;
א לויב צו די, וואָס טראָגן זיך צעשייטערט
און ווייסן צוליב ועמען, צוליב וואָס.

אַ לויב צו די, וואָס האָבן זייער פייער
געשליידערט אויף די שטחן פון שטרייט,
וואָס האָבן זייער פלאַמיקן צושטייער
געשענקט דעם לאַנד, די דורות און דער צייט!

1946

די שבועה

איך שווער ביי דער ליכטיקער זון, ביי די שטוינענדע שטערן,
איך שווער היינט ביי אַלץ, וואָס אַ פשוטער מענטש קען נאָר שווערן,
איך שווער ביי די הערצער, וואָס זידן אין שלאַכטן און קאַכן,
איך שווער ביי די שטאַמען פון גליק, וואָס דער פיינט האָט צעבראָכן,

איך שווער ביי די ווערבעס, וואָס שטייען ביים דניעפּער געבויגן,
איך שווער ביי דעם בלוט, ביי דעם אומרו פון מיינע צוויי אויגן:
מיין האַס וועט ניט אויסגיין, מיין צאָרן אין קעלט וועט ניט קילן
ביז כ'וועל אויף מיין אָרעם דאָס בלוט פונעם פיינט ניט דערפילן!

און אויב ס'וועט דער פינצטערער וויכער אַ האַנט מיר צעפליקן,
וועל איך מיט דער צווייטער דעם פיינטלעכן אָטעם דערשטיקן;
און אויב ס'וועט אַ קויל מיר די האַנט אויך די צווייטע צעדרויבן,
וועל איך מיט מיין הייליקער שינאה דעם ווייטיק פאַרטויבן!

אַבי נאָר די פיס מיינע וועלן מיך טראָגן, מיר דינען —
אין פייער, אין וואַסער וועל איך אים, דעם שונא, געפינען.
און אויב ס'וועט די נאַכט מיר מיט בלינדקייט פאַרלעשן די אויגן,
מיין שינאה — מיין שוועסטער אין שלאַכט וועט ניט לאָזן פאַרנויגן
מיין קאָפּ. דאָס אויג פון מיין האַרץ וועט דעם שונא אַנטפּלעקן,
דער פלאַם פון מיין האַס וועט אויף אייביק זיין זכר פאַרמעקן.
אַט דאָס איז מיין שבועה, וואָס כ'שווער איצט דעם לאַנד פון די ראַטן,
מיין אוראַלטן פאָלק, און מיין אַלטינקער מאַמען און טאַטן,
און דאָס איז מיין נדר: און אויב איך וועלביידע זיי ברעכן,
זאָל דעמאָלט מיין פאָלק מיט דער שפּיז פון פאַראַכטונג מיך שטעכן!

און אויב כ'וועל דעם פיינט פון דער ליכטיקער וועלט ניט פאַרטרייבן,
אַז ס'זאָל פון זיין מיאוסקייט קיין שריד ופליט ניט בלייבן,
זאָל ווערן צום אייביקן שאַנדסלופּ געפעסטיקט מיין נאָמען,
דעם אַש פון מיין לייב זאָל די ערדקויל ניט אויפנעמען. אָמן!

פון בוך "שיין און אַפשיין" 1946

* *
*

ליגן, ווי יתומים, הונגעריקע חורבות,
פון יעדערן פאַרגעסן און פאַרלאָזט.
איך האָב ליב, ווען ווערטער זיינען באָרוועס,
איך האָב ליב, ווען לידער זיינען פּראָסט.

צי האָב איך רעכט דאָ זיצן זינגען לידער,
צי האָב איך רעכט צו קלינגען אויף פּאַפּיר.
מיט האַק אין האַמער קלינגען מיינע ברידער,
און האַק און האַמער וואַרטן שוין אויף מיר.

איך גיי אַרום איבער פאַרטאָגעדיקע פלעצער,
איך זע דעם ווייַ פון אָפּגעברענטע שטעט.
נו, ווער איז שולדיק אַז אַ פּראָסטער זעצער,
איז ניט קיין שלעכטער יידישער פּאָעט.

וואָס קען איך טאָן מיט אייך, אָ, ליבע חורבות
פון יעדערן פאַרגעסן און פאַרלאָזט,
איך האָב ליב ווען ווערטער זיינען באָרוועס,
איך האָב ליב, ווען לידער זיינען פּראָסט.

פון "בליענדיקע מיסטן" 1924

איך בין אַ גבר

וויפל טויטן בלאָנקען אום ביי מיינע שוועלן
און יעדערן פון זיי בין איך, דער בידנער מענטש, געפעלן,
און יעדערער קוקט שטיל אַריין צו מיר אין טיר
און שרייט: צו מיר! צו מיר! צו מיר!

איינער פּאַטשט מיט פליגל אין די שויבן
און וויל ביי מיר מיין ביסל חיות רויבן,
דאָס ביסל חיות דורכשפּאַנען די גאַס,
אַ בייגל אויפעסן און אָפּלאָזן אַ שפּאַס...

אַ צווייטער ווינקט צו מיר פון קאַלטע ביקסנרערן
און לאַכט פון מיינע קיילעכדיקע טרערן
און לויפט מיר נאָך און זוכט מיר שטילערהייט
אַוועקנעמען ביי מיר דאָס קאַפּל פרייד.

דאָס קאַפּל פרייד פון רייסן פרישע פלוימען,
פון קוקן אויפן רויך, וואָס גייט פון קוימען,
פון קוקן אויף אַ שטיין, וואָס גייט צו גרונט,
פון הערן, ווי עס בילט אַ גוטער הונט.

דער דריטער ליאַרעמט מיט זיין אייזן, מיט זיין גרויען,
און הערט ניט אויף צו דונערן און וואָיען
און ווו ער נעכטיקט נאָר און ווו ער טאָגט
זוכט ער מיינע ביינער, מ׳שטיינס געזאָגט...

ער מיינט, אַז ס'איז אַ טייערע מציאה!
און איך, דער נפש מיט דער שוואַכער ראיה,
האַלט אויס די שלאַכט מיט אַלע טויטן נאָכאַנאַנד
און בין אַ באַלעבאָס ביי זיך אין לאַנד.

מיין גרעסטער שונא איז געווען די מרה שחורה.
כ'האָב זי באַזיגט, איז וואָס זשע האָב איך מורא?
דער טויט איז גאָרניט! שרעקלעך איז די שרעק,
וואָס כאַפּט אַ מענטש און מאַכט פון אים אַ שנעק.

איך גיי אַנטקעגן אַלע טויטן אָן אַ פּאַנצער
און אַלע טאָג באַטאַפּ איך זיך: איך בין אַ גאַנצער!
איך לעב און אָטעם, כ'שעלט און בענטש
איך בין אַ גבר, איך בין אַ בידנער מענטש!

1946

נאָך אַ ליטעראַרישן אָוונט אין יידישן קלוב "קאָמוניסט"
מאָסקווע (דאָס יאָר ניט באַוווּסט. בערך אָנהייב דרייסיקער יאָרן).
פון רעכטס אויף לינקס ערשטע ריי: פּרץ מאַרקיש, ליפּה רעזניק, סקולפּטאָר י. טשאַיקאָוו.
צווייטע ריי: דוד האָפשטיין, מעדוועדענקאָ (דירעקטאָר פון קלוב), נחום אויסלענדער

אַהרן ראָזין

דער פּאָגראָם איבער דער יידישער קולטור אין מינסק

די שטאָט מינסק איז געווען איינער פון די גרעסטע יידישע ישובים אין רוס־לאַנד. לויט די אָנגאַבן פון דער ציילונג פון 1897 האָט די יידישע באַפעלקע־רונג אין מינסק געציילט ביי 48 טויזנט מאָן און לויט דער אַבסאָלוטער צאָל יידן האָט די שטאָט געפונען זיך אויפן פערטן אָרט. אינטערעסאַנט, וואָס רעלאַטיוו איז מינסק געווען דאָן דער גרעסטער יידישער ישוב אין רוסלאַנד — די יידן האָבן גע־ציילט 52.% פון דער גאַנצער באַפעלקע־רונג אין שטאָט.

לויט דער ציילונג פון 1926 האָט די יידישע באַפעלקערונג אין מינסק באַ־טראָפן ביי 54 טויזנט איינוווינער, פון וועלכע 44.5 טויזנט, אָדער 83%, האָבן געמאָלדן יידיש אַלס מוטער־שפּראַך.

מינסק איז געווען איינער פון די גרעס־טע יידישע קולטור־צענטערן אין ראַטן־פאַרבאַנד. אין 1924 יאָר איז אין מינסק געווען אָרגאַניזירט אַ יידישער סעקטאָר ביי דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, וועלכער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין סוף 1932 אין אַן אינסטיטוט פון יידישער קולטור. דאָס איז געווען די ערשטע יידישע וויסנ־שאַפטלעכע אינסטיטוציע אין ראַטנפאַר־באַנד.

מינסק האָט פאַרנומען זייער אַן אָנ־געזעענעם אָרט אין דער יידישער פאַר־לאַג־אַרבעט אין ראַטנפאַרבאַנד. אין 1927 האָט מינסק אַרויסגעגעבן 15 נעמען פון יידישע ביכער; אין 1928 — 36 נעמען; אין 1929 — 55 נעמען; אין 1933 — 67 נעמען, פון וועלכע 17 נעמען קינדער־ליטעראַטור. פּעריאָדישע נעמען קינסטלערישע ליטעראַטור און 3 אויסגאַבעס און אַ טעגלעכע יידישע צייטונג.

אַ גרויסן אָנזען האָט געהאַט די יידי־שע ליטעראַטור. שוין אין דער טעגלע־כער צייטונג "דער יוד", וועלכער האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין סוף 1917טן יאָר, איז געווען אַ גרויסע בעלעטריס־טישע אָפּטיילונג. אין טעגלעכן בונדישן "וועקער" און שפּעטער אין קאָמוניסטישן "וועקער" (אין 1925טן יאָר האָט דער "וועקער" באַקומען דעם נאָמען "אָקטיאַ־בר") האָט מיטגעאַרבעט אַ גרויסע צאָל שרייבער און פּאָעטן, וועלכע האָבן אין זייערע ווערק געשריבן וועגן דער מלחמה און רעוואָלוציע.

אין אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן, מיט דעם אויפטריט פון איזי כאַריק, זעליק אַקסעלראָד און אלי סאָוויקאָווסקי, האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויפברויז־תקופה פון דער יידישער דיכטונג אין מינסק. אין 1924טן יאָר איז ביי דער מינסקער צייטונג "דער יונגער אַרבעטער" געשאַפן געוואָרן אַ ליטעראַרישע גרופּע אונטער דעם זעלבן נאָמען. פון דער דאָזיקער גרו־פּע זענען נאָך דעם אַרויס טאַלאַנטירטע פּראָפעסיאָנעלע דיכטער, פּראָזאַאיקער, קריטיקער: מ. טייף, ב. אָליעווסקי, ש. העלמאָנד, נאָטע לוריע, ה. קאָמענעצקי, ר. רובין, י. סערעבריאַני און אַנדערע. אין צענטער פון זייער שאַפונג איז געווען דער פּאַטאָס פון דער רעוואָלוציע און בירגער־קריג, די העלדישקייט פון די קרבנות פון דעם אַזוי גערופענעם ווייסן טעראָר און די קאָמוניסטישע יוגנט־אָרגאַ־ניזאַציע.

אין מאַי 1925טן יאָר האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין מינסק אַ ליטעראַריש־

קינסטלערישער און פּאָליטיש־וויסנשאַפטלעכער חודש־זשורנאַל "שטערן". דער זשורנאַל איז רעגולער דערשינען 16 יאָר ביז יוני 1941טן יאָר, ד.ה. ביז דעם אָנהייב פון דער סאָוועטיש־דייטשער מלחמה. דער ערשטער רעדאַקטאָר פון "שטערן" איז געווען דער באַוווּסטער מינסקער יידישער קולטור־טוער ב. אָרשאַנסקי און דער ערשטער סעקרעטאַר פון זשורנאַל — דער אָנגעזעענער ליטעראַטור־קריטיקער בראָנשטיין. אין דער רעדקאָלעגיע פון זשורנאַל האָבן אין משך פון די 16 יאָר געאַרבעט אַגורסקי, אַשעראַוויטש, לעווין, באַדעל, דוניעץ, וואָלאָבּרינסקי, ראָזענהויז, כאַריק, אַקסעלראָד.

"שטערן" איז געווען דער עלטסטער יידישער ליטעראַרישער זשורנאַל אין ראַטנ־פאַרבאַנד. פון דעם ערשטן טאָג פון זיין עקזיסטענץ איז דער זשורנאַל געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר פון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור ניט נאָר אין מינסק און ווייסרוסלאַנד, נאָר אין גאַנצן לאַנד. אויף די זייטן פון "שטערן" האָבן זיך געדרוקט די ווערק פו די אָנגעזעענסטע יידישע דיכטער, פּראָזאַאיקער, קריטיקער, ליטעראַטור־פאָרשער, היסטאָריקער און פּובליציסטן. אין "שטערן" האָבן געדרוקט זייערע ווערק די טאַלאַנטפולע מינסקער יידישע דיכטער און שרייבער איזי כאַריק, זעליק אַקסעלראָד, משה טייף, משה קולבאַק און די באַקאַנטע מינסקער ליטעראַטור־קריטיקער בראָנשטיין, דוניעץ, וואָלאָבּרינסקי.

אין "שטערן" זענען געווען שטענדיקע מיטאַרבעטער אַזעלכע וויכטיקע יידישע שרייבער פון ראַטנפאַרבאַנד, ווי ד. בערגעלסאָן, ש. האַלקין, ד. האָפשטיין, פ. מאַרקיש, ל. קוויטקאָ, אי. פעפער, דער נסתר, קושניראָוו און אַזעלכע באַדייטנדיקע ליטעראַטור־קריטיקער און וויסנשאַפטלער, ווי ווינער, גורשטיין, דאָברושין, אויסלענדער, נוסינאָוו א. אנד. דער זשורנאַל "שטערן" האָט קאָנצענטרירט אַרום זיך מער ווי 200 ליטעראַרישע מיטאַרבעטער.

די צוואַנציקער און ערשטע העלפט פון דרייסיקער יאָרן איז געווען אַ תקופה פון אויפבלי און אינטענסיווער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין מינסק. דאָס זענען געווען צייטן פון גרויסע פאַרמעסטן און וויכטיקע דערגרייכונגען אויפן געביט פון ליטעראַטור. מינסק איז געווען אַ אָנגעזעענער צענטער פון דער גרויסער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד. סוף 1931טן יאָר איז פאַרגעקומען אין מינסק אַן אַלפאַרבאַנדישע קאָנפערענץ פון יידישע שרייבער.

אין דער צווייטער העלפט פון די דרייסיקער יאָרן האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון ליקווידאַציע פון דער יידישער קולטור אין מינסק. דווקא אין מינסק האָט זיך אָנגעהויבן דער פאַרפלאַנירטער טאָטאַלער חורבן פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד.

אין 1935/36טן לערן־יאָר איז ליקווידירט געוואָרן די יידישע אָפּטיילונג פון היסטאָרישן פאַקולטעט פון מינסקער אוניווערסיטעט און מען האָט פאַרמאַכט די קאַטעדרע פון יידישער ליטעראַטור און שפּראַך.

אין 1936טן יאָר איז פאַרמאַכט געוואָרן דער מינסקער אינסטיטוט פון יידישער קולטור. די אַרבעט איבערן אַרויסלאָזן אַ יידישן ווערטער־בוך, אַ יידישן שפּראַך־אַטלאַס, די וויסנשאַפטלעך־אויספאָרשערישע אַרבעט אין די געביטן פון יידישער שפּראַך, ליטעראַטור און געשיכטע איז דעקלאַרירט געוואָרן ווי קאָנטער־רעוואָליוציאָנערער יידישיזם.

אין 1937טן יאָר האָט מען אָנגעהויבן און אין 1938טן יאָר האָט מען פאַרענדיקט די ליקווידאַציע פון דעם שולוועזן אין דער יידישער שפּראַך. אין 1938טן יאָר האָט מען אויך ליקווידירט דעם מינסקער יידישן פּעדאַגאָגישן טעכניקום און די מינסקער יידישע פּעדאַגאָגישע שול.

אין 1938טן יאָר האָט מען פאַרמאַכט דעם יידישן אָפּטייל פון דער ווייסרוסישער מלוכה־ביבליאָטעק.

שוין אין 1935טן יאָר האָט אויפגעהערט

דאָס דערשיינען פונעם ביולעטין פון יידישן סעקטאָר פון דער ווייסרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע "אַפן וויסנשאַפטלעכן פראָנט", אין 1936טן יאָר האָט מען פאַרמאַכט דעם זאַמלבוך "לינגוויסטישע זאַמלונג", אין 1935טן יאָר האָט מען אויפגעהערט אַרויסלאָזן דעם צוויי וואָכנבלאַט "דער יונגער אַרבעטער" און אין 1937טן יאָר — די צייטונג "דער יונגער לעניניעץ".

דראַסטיש האָט מען פאַרקלענערט די פאַרלאַג־אַרבעט. די אַלגעמיינע צאָל עקזעמפּליאָרן פון די אַרויסגעגעבענע אין מינסק יידישע ביכער איז פאַרשניטן געוואָרן פון 408 טויזנט אין 1933טן יאָר ביז 29 טויזנט אין 1937טן יאָר.

אין דער צווייטער העלפט פון די דרייסיקער יאָרן האָט זיך אין מינסק אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון דירעקטע פיזישע פאַרפאָלגונגען און פאַרניכטונג פון יידישע שרייבער און קולטור־טוער. אין 1936טן יאָר האָט מען אַרעסטירט און אומגעבראַכט דעם שרייבער זיסקינד ליעוו. אין 1937טן יאָר האָט מען אַרעסטירט די שרייבער איזי כאַריק און משה קולבאַק, די ליטעראַטור־קריטיקער ח. דוניעץ און י. בראָנשטיין, דעם טאַלאַנטפולן, אַרטיסט און רעזשיסער משה ראַפאַלסקי, די קולטור־טוער אַשעראָוויטש, וואָלאָברינסקי, ראָזענהויז און אַ סאַך אַנדערע. די מערהייט פון זיי זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין זעלבן 1937טן יאָר.

דער פּראָצעס פון ליקווידאַציע און פיזישער פאַרניכטונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין מינסק האָט געפונען דעם המשך אין דערמאָרדן דעם דיכטער זעליק אַקסעלראָד אין יוני 1941.

דעם גרויסן חורבן פון דער יידישער קולטור אין מינסק, וועלכער איז געווען אָרגאַניזירט און דורכגעפירט דורך דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און סאָוועטישער רעגירונג פון ראַטנפאַרבאַנד, האָט פאַרענדיקט היטלער. ביי דער אָקופּאַציע פון מינסק האָבן די נאַציס חרוב געמאַכט אין שטאָט זעלטענע דענקמעלער פון דער יידישער ליטעראַטור און דרוק־קונסט, צענדליקער עקזעמפּליאָרן, געשריבענע אויף פאַרמעט, צענדליקער טויזנטער עקזעמפּליאָרן איבער יודאַאיסטיק און קינסטלערישער ליטעראַטור. אייניקע יידישע שרייבער (רחל ברכות, נאָטע ווייַנהויז) זענען אומגעקומען אין מינסקער געטאָ.

מיר ווילט זיך באַלויכטן דעם לעבנסוועג פון די אומגעבראַכטע שרייבער, וועלכע איך האָב פערזענלעך געקענט.

איזי כאַריק

דער טאַלאַנטפולער דיכטער איז געבוירן אין 1898טן יאָר אין קליינעם שטעטעלע זעמבין ניט ווייט פון מינסק. זיין טאַטע — אַ שוסטער, דער זיידע — אַ בדחן. כאַריק איז געווען אַן אַרבעטער אויף אַ ברויט־זאַוואָד, אין אַן אַפטייק, אין אַן אַרטעל אויף דורכפירן עלעקטריע, געווען אַ קלוב־פאַרוואַלטער, אַ לערער, אַ ביבליאָטעקאַר.

אין די יוגנט־יאָרן איז דער פּאָעט געווען אַ מיטגליד פון צעירי־ציון. אין 1919 איז ער אַריינגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אין 1920טן יאָר האָט דער דיכטער אָפּגעדרוקט זיין ערשטע ליד אין זשורנאַל "די קאָמוניסטישע וועלט". אין 1922טן יאָר איז דערשינען זיין ערשט ביכל "ציטער". אין זעלבן יאָר איז ער אָנגעקומען אין מאָסקווער העכסטן ליטעראַטור־קינסטלערישן אינסטיטוט א.ב. פון וו. בריוסאָוו, אין וועלכן ער האָט געלערנט 3 יאָר און דערנאָך האָט ער פאַרענדיקט די יידישע אָפּטיילונג פון 2־טן מאָסקווער מלוכה־אוניווערסיטעט. ער קערט זיך אום קיין מינסק און פאַרנעמט זיך מיט זייער אינטענסיווער ליטעראַרישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע, סעקרעטאַר און אַ ריי יאָרן פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל "שטערן". כאַריק האָט פאַרנומען וויכטיקע פּאָזיציעס אין ווייס־רוסלאַנד, ווי אַ מיטגליד פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט און קאָרעס־

פאָנדענט־מיטגליד פון דער ווייסרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע.

איזי כאַריק האָט זיין גאַנצן פּאָעטישן טאַלאַנט געווידמעט דעם קאַמף פאַר די אידעען פון דער רעוואָלוציע און קאָמוניזם. אַלע זיינע לידער און פּאָעמעס זענען אָנגעזאַפּט מיט דעם פּאַטאָס פון רעוואָלוציע און קאָמוניזם.

די פּאָעמע „מינסקער בלאָטעס" (1924), וועלכע איז געווען אָנערקענט אַלס וויכטיקע דערגרייכונג אין דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור, איז אַן עפּישע לייוונט געווידמעט די העלדן פון דער רעוואָלוציע און בירגער־קריג. מיט וואַרעמער ליבע און טרויער זענען אָנגעזאַפּט די שורות וועגן דער שטאָט מינסק און דער יידישער אָרעמקייט פון שטאָט.

אין זיין פּאָעמע „ברויט" (1925) שילדערט כאַריק דאָס אונטערגייענדיקע פּערספּעקטיוולאָזע יידישע שטעטל מיט איר טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער און דעם איבערגאַנג צו פּראָדוקטיווער אַרבעט אויף ערד. ער באַווייזט עס ווי אַ געראַנגל צווישן אַלט און ניי. דער פּאָעט איז מיטן גאַנצן האַרצן אויף דער זייט פון דעם נייעם אָבער מיט טיפן ווייטיק שרייט ער אויס, „היינט ביי טאָג האָט מיך אַ שטעטעלע מיט יידן אָנגערופן אַנטיסעמיט" . . .

אגב, איזי כאַריק איז געווען זייער אַ הייסער חסיד פון דער יידישער ערדאייַנאָרדנונג. אין ראַטנ־פאַרבאַנד. ער האָט פּערזענלעך, אַלס געזעלשאַפטלעכער טוער, אַקטיוו פאַרנומען זיך מיט דעם פּראָבלעם. עס איז באַוווּסט, אַז ער האָט זייער אַ סך אויפמערקזאַמקייט געווידמעט דעם יידישן קאָלכאָז אין דעם שטעטל שטשעדרין. אין דער צווייטער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן האָב איך זיך זייער אָפט באַגעגנט מיט כאַריקן אין שטוב פונעם פּאָעט זעליק אַקסעלראָד. מיר איז עטלעכע מאָל אויסגעקומען פירן מיט כאַריקן וויכוחים וועגן פאַרשידענע יידישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. און כאַריק פלעגט איבערצייגנדיק טענהן, אַז אַ צענדליק שטשעדרינען איז מער ווערט פון אייער גאַנצן פּאַלעסטיניזם . . . אָבער כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס כאַריק האָט זיך ניט באַנוצט מיט דער יעווסעקישער ברוטאַלער פראַזעאָלאָגיע לגבי דעם ציוניזם. כאַריק האָט געוווּסט, אַז איך און זעליק אַקסעלראָדס שוועסטער רייזל זענען מיטגלידער פון אַ ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע און ער האָט זיך באַצויגן צו מיר מיט אַזאַ מין וואַרעמער איראָניע פון אַ דערוואַקסענעם צו אַ יינגל, וועלכער איז פאַרפלאָנטערט (כאַריק איז געווען עלטער פון מיר מיט 12 יאָר).

עס איז כדאי אָפּצומערקן איין כאַראַקטעריסטישן דעטאַל אין דער ביאָגראַפיע פון כאַריקן, וועלכער איז נאָך געווי ניט אויסגעפאָרשט, נאָר וועלכער האָט באַשטימט אַ גרויסן אינטערעס. אין אָנהייב 1933 יאָר האָט כאַריק באַזוכט אין מאָסקווע דעם אָפּטייל פאַרן נאָענטן מיזרח פון קאָמינטערן און געבעטן העלפן איינאָרדנען אים אַ באַזוך אין ארץ ישראל. דער נוסח פון דער בקשה איז געווען „שעפערישע שליחות" כדי אָנצושרייבן אַ פּאָעמע, וואָס באַרירט ארץ ישראל און די יידישע קאָלאָניזאַציע דאָרט.

ווער ווייס ? מעגלעך, אַז טיף אין האַרצן ביים דיכטער האָט פאַרבאָרגן געפינקלט אַ צעירי־ציון־פונק. שווער צו זאָגן. אַלנפאַלס די דעטאַל זאָגט עדות וועגן אַ מין טאָפּלקייט, וואָס האָט געהערשט אין דער נשמה פון כאַריקן.

אין 1927טן יאָר פאַרעפנטלעכט כאַריק זיין באַוווּסטע פּאָעמע „מיט לייב און לעבן", וועלכע איז אויך געווידמעט דער שטעטל־פּראָבלעם. דער הויפּט־העלד פון דער פּאָעמע איז אַ יידישע לערערין, וועלכע פירט אין דעם יידישן שטעטל אַ קאַמף פאַר אַ נייעם לעבן און נייעם שטייגער, אַ קאַמף קעגן חדר, פאַר אַ סאָוועטישער יידישער שול.

מיט סאָציאַלע מאָטיוון, מיט מאָטיוון פון עלנט און טרויער אין דער ביזרעוואָלוציע ווייסרוסלאַנד, מיט מאָטיוון פון טרוים צו אַ נייער בעסערער צייט זענען אָנגעפילט די שורות פון דער פּאָעמע „אַף אַ פרעמדער חתונה" (1936) ווו דער פּראָטאָטיפּ פון הויפּט־העלד פון דער פּאָע־

מע איז דעם דיכטערס זיידע — דער בדחן.

אין די יאָרן 1934—1935 איז כאַריק געווען אין זעניט פון זיין שעפערישן אויפבלי און האָט זיך גערעכנט פאַר אַ יידישן סאָוועטישן דיכטער פון דער ערשטער מדרגה ניט נאָר אין מינסק און ווייסרוסלאַנד, נאָר אין גאַנצן ראַטן־פאַרבאַנד. ער האָט באַקומען שבחים פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און סאָוועטישער רעגירונג, ווי אויבן איז שוין געווען געזאָגט, פאַרנומען זייער וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע פאָזיציעס.

עס איז אָבער דאָ דער יסוד צו זאָגן, אַז גלייכצייטיק, אין דער זעלבער צייט, איז איזי כאַריק אַריינגעפירט געוואָרן דורך דעם געהיימען פאָליטישן אָפּטייל פון נ.ק.וו.ד. אין דער רשימה פון די פאַרדעכטיקע.

אין מאַרץ 1937 יאָר אויף אַ פאַרזאַמלונג פון סאָוועטישע שרייבער אין ווייסרוסלאַנד איזי כאַריק באַשולדיקט געוואָרן אין דורכלאָזן טראָצקיסטישע און נאַציאָנאַליסטישע קאָנטראַבאַנדע אין דעם זשורנאַל "שטערן", ווו ער איז געווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר. אין אַן אַרטיקל "פאַר באָלשעוויסטישער וואַכזאַמקייט", וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין דעם מאַרץ־נומער פון זשורנאַל האָט מען באַשולדיקט כאַריקן, אַז ער האָט געגעבן; אַ מעגלעכקייט טראָצקיסטישע און נאַציאָנאַליסטישע אויסוווּרפן, פאַשיסטישע אַגענטן און שעדיקער דורכקריכן אין דער יידישער סעקציע פון דער שרייבער־אָרגאַניזאַציע און אין זשורנאַל "שטערן".

דער לעצטער לעבעדיקער גרוס פון פאָעט איז געווען זיין ליד "אויף דער וואַך", וועלכע איז געווען אָפּגעדרוקט דעם 24־טן יולי 1937 אין דער מינסקער יידישער צייטונג "אָקטיאַבר".

עס איז גענוי ניט באַוווּסט די דאַטע פון כאַריקס אַרעסט. עס איז באַוווּסט אַז מען האָט אים שטאַרק געפּייניקט און אַז ער איז אומגעקומען אין 1937טן יאָר. אָבער מען ווייסט ניט גענוי ווו און ווען איז ער אומגעקומען. אין לעקסיקאָן "שרייבער פון ווייסרוסלאַנד" (ווייסרוסיש, מינסק 1959) ווערט געזאָגט "געשטאָרבן אין 1937". אין דער ביאָגראַפיע, וועלכע ס'האָט אָפּגעדרוקט מענדל פּיעקאַזש אין בוך "אַ שפּיגל אויף אַ שטיין" (תל־אביב 1964) איז געזאָגט "אין 1937טן יאָר אומגעקומען ערגעץ אין פאַרשיקונג". אין "לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור" (ניו־יאָרק) איז געשריבן "אין יוני 1937 האָט מען כאַריקן אַרעסטירט אין מינסק און געשלעפּט אים איבער פאַרשידענע רוסישע טורמעס, ווו מען האָט אים שרעקלעך געפּייניקט. אַ משוגענעם האָט מען אים געבראַכט אין סענטיאַבער אין לאַגער סוכאָבעזוואָדני, צפון רוסלאַנד ווו מען האָט אים פאַרפּייניקט צום טויט".

אין 1938טן יאָר זענען פון די סאָוועטישע ביבליאָטעקן באַזייטיקט געוואָרן אַלע ביכער פון כאַריקן סיי אין אָריגינאַל און סיי אין איבערזעצונג און אַזוי האָט מען געוואָלט אפילו אויסמעקן דעם זכר וועגן גרויסן דיכטער.

זעליק אַקסעלראָד

דער מינסקער יידישער דיכטער זעליק אַקסעלראָד, צום אונטערשייד פון כמעט אַלע יידישע סאָוועטישע דיכטער און שרייבער פון זיין תקופה, האָט ניט אָפּגעשפּיגלט אין זיין שאַפונג די פּראָבלעמען פון רעוואָלוציע און אַזוי גערופענער סאָציאַליסטישער בויונג. ער האָט ניט אויסגעפילט קיין "סאָציאַלע באַשטעלונגען". אַקסעלראָד איז געווען אַן אייגנאַרטיקער, צאַרטער ליריקער. דער באַוווּסטער ליטעראַטור־פאָרשער מאַקס עריק האָט געזאָגט, אַז אַקסעלראָד געהערט צו די בעסטע און אָפּהערציקסטע דיכטער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער גיט ריינע ליריק . . .

און אַקסעלראָדס לידער, וועלכע מען האָט געליובט פאַר זייערע קינסטלערישע אייגנשאַפטן, זענען געווען שטאַרק קריטיקירט פון סאָציאַל־פּאָליטישן שטאַנדפּונקט דורך די פּאַרטייאיש־סאָוועטישע,

ליטעראַרישע קרייזן. און דאָס האָט גורם געווען דערצו, וואָס זיינע לידער האָבן זיך זעלטן געדרוקט.

זעליק אַקסעלראָד איז געבוירן געוואָרן אין 1904טן יאָר אין מאָלאָדיעטשנאָ, ווילנער גובערניע. ער האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציונג אין חדר און אין אַ ישיבה. וועלטלעכע לימודים געלערנט אין די פּאָלקס־שולן פון מאָלאָדיעטשנאָ און אין טיף־רוסישן טאַמבאָוו, וווּהין דעם דיכטער האָט פאַרוואָרפן דער גורל אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. שפּעטער האָט ער זיך געלערנט אין מאָסקווע אין ליטעראַרישן אינסטיטוט א.ב. פון וו. בריוסאָוו און אויף דער יידישער אָפּטיילונג פון מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. דערנאָך קומט ער קיין מינסק, ווו ער לעבט און שאַפט ביז זיין אומקום.

די משפּחה אַקסעלראָד האָט געלעבט אין מינסק גאַנץ אָרעם. דער טאַטע, אַ ייד אַ משכיל, איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען אַמאָל אַ רייכער ייד, נאָר אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געוואָרן פאַראָרעמט. קומענדיק פון טאַמבאָוו קיין מינסק, האָט ער זיך פאַרנומען מיט זייער קליינעם האַנדל — ער האָט געהאַלטן אויפן שטאָט־מאַרק אַ טישל מיט פאַרשידענע גאַלאַנטעריע. אין מינסק האָט די גאַנצע משפּחה (די עלטערן, דריי זין און אַ טאָכטער) געלעבט זייער אַ לאַנגע צייט אין אַ קליינינק איינגעזונקן אין דער ערד הילצערן שטיבעלע אויף דער שמאָלער און קרומער יוריעווער זאַוואַלנער געסל אין צענטער פון יידישן מינסק (ביי דער דייטשער אָקופּאַציע איז דאָס געווען דער צענטער פון יידישן געטאָ).

איך בין געווען ביי די אַקסעלראָדס אַ בן־בית. זייער בת־יחידה רייזל אין געווען אין מיין ענגסטן קרייז פון די נאָענסטע חברים פון אונדזער אומלעגאַלער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס דווקא רייזל איז אַריינגעפאַלן אונטער דער השפּעה פון ציוניסטישע אידעען. חוץ איר האָט קיינער פון דער משפּחה ניט געהאַט קיין שייכות צום ציוניזם.

און זייער אָפט האָב איך ביי די אַקסעלראָדס געהערט פון ערשטן מקור זעליקס לידער, וועלכע זענען נאָך ניט געווען געדרוקט.

אין 1921 — 1923 יאָרן האָט אַקסעלראָד פאַרעפנטלעכט לידער אין מינסקער "וועקער". זיין ערשטע לידער־זאַמלונג "צאַפּל" איז דערשינען אין 1923טן יאָר. און ערשט אין 10 יאָר אַרום, אין 1932 איז דערשינען אין מינסק זיין בוך "לידער".

פון 1932טן יאָר איז אַקסעלראָד געווען אַ מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פון זשורנאַל "שטערן" און געאַרבעט ווי אַ רעדאַקטאָר אין יידישן מלוכה־פאַרלאַג פון ווייסרוסלאַנד.

אין 1935טן יאָר האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בוך "און ווידער לידער"; אין 1937 יאָר אַ לידער־זאַמלונג "אויג אויף אויג"; אין 1938טן יאָר אַ בוך "לידער" און אין 1939טן יאָר אַ זאַמלונג "רויטאַרמייישע לידער". אין 1937טן יאָר איז אויך דערשינען אַ זאַמלונג פון זיינע לידער אין רוסישער איבערזעצונג.

זעליק אַקסעלראָד האָט מיטגעאַרבעט אין מינסקער יידישן טעאַטער. ער האָט איבערגעאַרבעט פאַרן טעאַטער גאָלדפאַדנס "די כישופמאַכערן" און צוזאַמען מיט עליע קאַהאַן אָנגעשריבן אַ פּיעסע אויף די מאָטיוון פון מענדעלע מוכר ספרים, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין רעפּערטואַר פון טעאַטער.

אין די יאָרן 1939 און 1940, נאָך דעם ווי, אין רעזולטאַט פון דעם סאָוועטישדייטשן אָפּמאַך, זענען די מערב־געביטן פון ווייס־רוסלאַנד און אוקראַינע אָנגעשלאָסן געוואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט אַקסעלראָד באַזוכט ביאַליסטאָק און ווילנע און אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס צו דעם צושטאַנד פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור אין די געביטן. ער האָט אויך אַרויסגעוויזן אַ זייער וואַרעמע באַציונג צו די יידישע שרייבער פון די נייע סאָוועטישע געביטן און צו די יידישע שרייבער — פּליטים פון פּויל.

אגב, אַקסעלראַד, באַזוכנדיק ביאַליסטאָק, האָט זיך באַקענט און חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פונעם באַוווסטן יידישן שרייבער איטשע מאיר ווייסנבערג.

אָט די געשעענישן האָבן, ווי עס ווייזט אויס, ענדגילטיק באַשטימט דעם טראַגישן גורל פונעם דיכטער.

באַזוכנדיק ווילנע האָט זיך אַקסעלראַד דערוווסט, אַז עס איז דאָ אַ באַשלוס וועגן פאַרמאַכן די יידישע צייטונג "ווילנער עמעס". ער איז געווען אויפגעטרייסלט פון דער ידיעה און האָט עפנטלעך פּראָטעסטירט און געטענהט, אַז מען מוז גיין אין דער פּאַרטיי און פּאָדערן ענדערן אַזאַ ניט דערלאָזבאַרן באַשלוס. די נקווד האָט באַשטימט גלייך געוווסט פון אַזאַ חוצפּהדיקער "אַנטיסאָוועטישער" אויפפירונג פון זעליקן.

מען דאַרף זאָגן, אַז אין די באַדינגונגען פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט איז די אויפפירונג פון אַקסעלראַדן בנוגע דעם "ווילנער עמעס" געווען באַשטימט אַ מסירות־נפשדיקע. און ער האָט פאַרגעזעצט אַזאַ אויפפירונג. דעם 1־טן יאַנואַר 1940 דרוקט ער אָפּ אין "אָקטיאַבר" אַן אַרטיקל "אויף וואָס וועלן מיר אַרבעטן אין 1940טן יאָר", אין וועלכן ער האָט גערופן די יידישע שרייבער אָפּשפּיגלען אין זייערע ווערק די ליידן פון די צענדליקער טויזנטער צערוינירטע און היימלאָזע יידן, וועלכע זענען געקומען זוכן אַ נייע היים...

עס איז באַוווסט, אַז באַזוכנדיק ביאַליסטאָק נאָך דעם, ווי די שטאָט איז "באַפרייט" געוואָרן דורך דער סאָוועטישער אַרמיי לויט דעם מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ אָפּמאַך האָט אַקסעלראַד אַרויסגעוויזן "נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען" בכלל. אַזוי, למשל, איז ער געווען שטאַרק באַאיינדריקט, ווען ער האָט געזען אַז יידישע קראָמען זענען פאַרמאַכט שבת. אין ביאַליסטאָק איז דאַן געווען דער באַוווסטער חזן־זינגער פון וואַרשע משה קוסעוויצקי, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ קאָנצערט. דער קהל האָט געפאָדערט ער זאָל זינגען כל נדרי. און אויך אַקסעלראַד האָט שטאַרק געבעטן זינגען כל נדרי. שוין 20 יאָר, ווי איך האָב ניט געהערט דעם ניגון, האָט ער געזאָגט...

מיר ווילט זיך אָפּמערקן נאָך איין כאַראַקטעריסטישן שטריך און זעליקס פּערזענלעכקייט.

מיט 6 יאָר צוריק איז מיר אויסגעקומען איבער צו בלעטערן די מינסקער יידישע טעגלעכע צייטונג "אָקטיאַבר". באַזונדערס האָט מיך אינטערעסירט דער פּעריאָד 1938—1937. ווי באַוווסט זענען די יאָרן געווען יאָרן פון שרעקלעכן מאַסן־טעראָר אין ראַטנפאַרבאַנד (איך פּערזענלעך האָב שוין דאַן געהאַט אַ דרייאָריקן "סטאַזש" פון "פּראַוואָ זשיטעלסטוואָ" אין אַרכיפּעלאַג גולאַג). די צייטונג "אָקטיאַבר" איז, פאַרשטייט זיך, געווען איבערפולט מיט באַרבאַרישע, שרעקלעכע שרייבערייען פון אַלע זשאַנרען (אַרטיקלען, עסייען, דערציילונגען, לידער) לגבי די "פיינט פון פאָלק", וועלכע זענען טעגלעך געווען "אַנטפּלעקט" און "אַנטדעקט" און פאַרשוונדן אין די טיפענישן פון נקווד...

די צייטונג "אָקטיאַבר", ווי אַ יידישע צייטונג, האָט זיך זעלבסט־פאַרשטענדלעך איבערהויפּט פאַרנומען מיט אויפדעקן און דעמאַסקירן "פיינט פון פאָלק" אויף דער יידישער גאַס: ציוניסטן, בונדאַווצעס, נאַציאָנאַליסטן פון כל מיני שאַטירונגען א.ד.גל. זשורנאַליסטן, שרייבער, פּאָעטן, קולטור־טוער, וויסנשאַפטלער, אַלע האָבן אָנטייל גענומען אין דער "הייליקער" אַרבעט. יעדערער מיט זיין סטיל און טעמפּעראַמענט. עס זענען געווען אַזעלכע, וועלכע זענען אַרויסגעקראָכן פון זייער הויט, כדי צו באַווייזן זייער כשרות. איך האָב געפונען אין "אָקטיאַבר" אַזעלכע, למשל, "פּאָעטישע פּערל". — "צעשיסן זאָל מען זיי, ווי די דולע הינט און זייער געביין זאָל מען צעווייען אָפּן ווינט..." "זיי" — דאָס זענען אַלע "פיינט פון פאָלק", צווישן וועלכע אויך אַ סך יידישע פּאָעטן, שרייבער, קולטור־טוער...

און זעליק אַקסעלראַד האָט דאַן געשוויגן. זעליק האָט געהאַט מוט, אויסער־

געוויינלעכן, מסירת־נפשדיקן מוט צו שווייגן.

איך וויל דאָ ניט באַשולדיקן יענע, וועלכע האָבן מיט זייער פּען אָנטיילגענומען אין דער שרעקלעכער, אוממענטשלעכער טעראָר־אַקציע. אַ סך פון זיי זענען דאָך געווען אַנוסים. עס זענען, פאַרשטייט זיך, אויך געווען פּאַסקודנע קאַריעריסטן, וועלכע האָבן אויף דעם בלוט פון זייערע חברים געבויט זייער וווילשטאַנד. ניט וועגן זיי רייד איך. איך האָב נאָר געוואָלט אונטערשטרייכן די באַזונדערע, אויסערגעוויינלעכע ערלעכקייט, מוט און מסירת נפש פון זעליק אַקסעלראָד אין יענער שרעקלעכער צייט.

זעליק אַקסעלראָד האָט באַשטימט געפילט, אַז עס רוקט זיך אָן אויף אים אַן אומגליק. סוף 1940טן יאָר האָב איך זיך אומגעקערט פון ווייטן צפון — פון איינעם פון די פּונקטן פון גרויסן אַרכיפּעלאַג גולאַג — ווו איך האָב "פאַרבראַכט" כמעט 6 יאָר. אין מינסק האָב איך ניט געהאַט קיין "פּראָוואָזשיטעלסטוואָ". פאָרנדיק קיין באָברויסק, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף עטלעכע טעג אין מינסק און האָב תיכף באַזוכט די משפחה אַקסעלראָד. זיי האָבן שוין דאַן געוווינט אין אַ דירה פון אַ ניי הויז, וואָס מען האָט אויסגעבויט פאַר שרייבער־מיטגלידער פון ווייסרוסישן שרייבער־פאַרבאַנד. מען האָט מיך זייער וואַרעם אויפגענומען, כאָטש מען איז געווען מוראדיק־פאַרוואונדערט, ווי אַזוי איז פּלוצלינג דערשינען אַ מענטש פון "יענער וועלט", אַ הונדערט־פּראָצענטיקער קאָנטער־רעוואָלוציאָנער... ווען מען איז געקומען צו זיך נאָך דעם, ווי איך האָב געוויזן די "ספּראַווקע", אַז איך בין באַפרייט, נאָר איך האָב מינוס 40 (ד.ה. איך האָב ניט רעכט צו וווינען אין 40 באַשטימטע שטעט פון ראַטנפאַרבאַנד און צווישן זיי אויך מינסק), און אַז איך וועל זיין אין מינסק נאָר עטלעכע טעג, האָפנדיק, אַז עס וועט דורכגיין בשלום, האָט מען זיך צוזאַמענגעקליבן ביי זעליקן אין צימער און ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט מען אויסגעהערט מיין זייער קורצע און טרוקענע דערציילונג וועגן די דורכגעגאַנגענע 6 יאָר. זעליק איז געווען זייער אויפגעטראָגן. עס האָט זיך געפילט, אַז ער געפינט זיך אונטער אַ שרעקלעכן פּסיכאָלאָגישן דרוק. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערן אינטערעס דווקא צו קלייניקייטן און שטייגערישע פּרטים פון לעבן אין תפיסה און לאַגער. ער האָט געזאָגט, אַז אַ סך זיינע פריינט געפינען זיך דאָרט און אַז ער וויל פון ערשטן קוואַל באַקומען אַ פאַרשטעלונג וועגן זייער לעבן... דער איינדרוק איז געווען, אַז ער גרייט זיך אַליין אין גיכן צו תפיסה און לאַגער...

מיר האָט ער געזאָגט: דו, אהרן, ביסט שוין מסתמא אויפן פערד, דו ביסט שוין דורכגעגאַנגען דיינס. כאָטש ווער ווייס — ביי זיי קען מען קיין מאָל זיכער ניט זיין...

דעם 30־טן מאַי 1941 איז אין מינסקער שרייבער־הויז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון די יידישע סאָוועטישע שרייבער פון שטאָט. דער פאָרזיצער פונעם פאַרבאַנד פון סאָוועטישע שרייבער פון ווייסרוסלאַנד, מיכאַס לינקאָוו, האָט איז זיין פאָרטראַג געטענהט, אַז די יידישע סאָוועטישע שרייבער האָבן ניט געשאַפן אַזעלכע ביכער, וועלכע זאָלן אָפּשפּיגלען אַלזייטיק דעם היינטיקן טאָג זיי האָבן ניט געשאַפן קיין ליטעראַרישע העלדן; פוי גרויסן ווערט...

זעליק אַקסעלראָד, ווי עס ווייזט אויס, האָט אין זיין אַרויסטרעטונג אויף דער פאַרזאַמלונג אַרויסגעזאָגט "אַפּיקורסישע" געדאַנקען.

אויף מאָרגן, דעם 31־טן מאַי 1941 יאָר, האָט מען אַקסעלראָדן אַרעסטירט. מען האָט אים באַשולדיקט אין יידישן נאַציאָנאַליזם. דער הויפּט־פּונקט פון באַשולדיקונג האָט געדינט די אויפפירונג פון זעליקן אין ווילנע, בשעת דעם פאַרמאַכן פון דער יידישע צייטונג "ווילנער עמעס".

אין דער מינסקער צענטראַלער תפיסה איז זעליק געזעסן אין גאַנצן 26 טעג. דעם 26־טן יוני 1941, פיר טעג נאָך דעם

אויסברוך פון דער סאָוועטיש־דייטשישער מלחמה און צוויי טעג פאַר דער דייטשער אינוואַזיע אין מינסק, איז דער יידישער פּאָעט זעליק אַקסעלראָד דערשאָסן געוואָרן אויפן הויף פון דער מינסקער תּפיסה. לעבעדיקע עדות האָבן דערציילט, אַז אין דער פרי, דעם 26־טן יוני האָט מען אַרויסגעפירט אַלע אַרעסטאַנטן פון זייערע קאַמערן אויף דעם הויף פון דער תּפיסה. אַן אָפיציר פון נקוד האָט געגעבן אַ קאָמאַנדע: קרימינעלע אין איין זייט און פּאָליטישע אין דער צווייטער זייט. די צווייטע קאָמאַנדע איז געווען — לויפן. די קרימינעלע זענען זיך פריי פאַנאַנדערגעלאָפן און אויף די פּאָליטישע האָט מען געעפנט זאַלפן פון שיסעריי. זעליקן האָט מען געשאָסן אין פּלייצע. דעם שרייבער עליע קאַהאַן האָט זיך איינגעגעבן איבערצולויפן אין דער זייט פון די קרימינעלע און אַזוי האָט ער זיך געראַטעוועט.

עליע קאַהאַן האָט דערציילט, אַז ביים אומפאַלן האָט זעליק אויסגעשריען "מאַמע! אוי רבונו של עולם"...

איך האָב זיך דערוווּסט וועגן דעם באַרבאַרישן מאָרד פון אַקסעלראָדן דעם 27־טן יוני, אויף מאָרגנס נאָך זיין טויט. ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז ביי מיר ניט געווען קיין "פּראַרוואַזשיטעלסטוואָ" אין מינסק. זונטיק, דעם 22־טן יוני 1941, ווען עס האָט אויסגעבראָכן די סאָוועטיש־דייטשישע מלחמה, בין איך געווען אין באָברויסק, וועלכע האָט זיך געפונען אַרום 400 קילאָמעטער פון דער דייטשישער גרענעץ (אויף דער טעריטאָריע פון פריערדיקן פוילן). שוין אין ערשטן טאָג פון מלחמה איז באָברויסק געוואָרן שטאַרק באָמבאַרדירט און אין שטאָט האָט געהערשט אַ גוואַלדיקער כאַאָס. אַלע מיינע פּרוּוון אָפּפאָרן קיין מינסק, וווּ עס האָט זיך געפונען מיין זון ביי דער שוועסטער פון מיין פרוי (מיין פרוי איז דאַן געווען אין קאַלימאַ באַוווּסטער פונקט פון אַרכיפּעלאַג גולאַג) און מיינע צוויי שוועסטער, זענען ניט געלונגען. כאָטש איך בין געווען פריי פון מיליטער־דינסט און ניט גערעכנט זיך פאַר אַ רעזערוויסט (איך בין דאָך געווען אַ "פאַרשטעמפּלטער") בין איך דעם 23־טן יוני געקומען צום באָברויסקער מיליטערישן קאָמיסאַריאַט און געבעטן אָפּשיקן מיך אויפן פראָנט. און מען האָט מיך מיט אַ גרויסער גרופּע פרייוויליקע (אגב, איבערהויפּט יידן) אָפּגעשיקט קיין מאָליעוו, וווּ עס האָט זיך פאַרמירט די 161־טע פּעכאָטנע דיוויזיע. די פאַרמירונג פון דער דיוויזיע האָט געדויערט אין גאַנצן 4 טעג. מען האָט זיך געאיילט גיין אין שלאַכט.

דעם 27־טן יוני האָב איך זיך פּלוצלינג באַגעגנט מיט רייזל אַקסעלראָד. זי איז געלאָפן פון מינסק. זי האָט דערציילט וועגן דער מוראדיקער פּאַניק אין שטאָט, וועלכע ווערט באָמבאַרדירט טאָג און נאַכט און איז שוין פאַרוואַנדלט אין חורבות. רייזל האָט מיר דערציילט וועגן דער גרויסער טראַגעדיע, וועלכע האָט נעכטן, דעם 26־טן יוני, געטראָפן מיט איר ברודער זעליק אויף דעם הויף פון מינסקער טורמע. רייזל איז געווען פאַרשטיינט, זי האָט שוין ניט געקענט וויינען. מיר האָבן זיך שווייגנדיק צעקושט און זי איז אַוועק. איך ווייס ניט וווּהין. זי איז אַוועק מיט דעם גרויזאַמען שטראָם פון די מאַסן פּליטים.

און איך בין אין עטלעכע שעה אַרום אָפּגעשיקט געוואָרן מיט מיין מיליטערישער טייל צום פראָנט און שוין דעם 28־טן יוני אַנטייל גענומען אין אַ דירעקטער שלאַכט.

כאָטש איך האָב זייער גוט געקענט די קאָמוניסטיש־סאָוועטישע סיסטעם, געווּסט דעם אומענטשלעך רצחנישן מהות פון דעם רעזשים, איבערגעטראָגן אויף מיין אייגענעם לייב־און־לעבן זייערע מעטאָדן פון "בויען דעם סאָציאַליזם", האָט מיך שרעקלעך איבעראַשט און אויפגעטרייסלט זעליקס טויט. אַזאַ אָפענער, צינישער, ברוטאַלער מאָרד? אין מיטן העלן טאָג אין די אויגן פון הונדערטער עדות (אַלע קרימינעלע האָבן דאָך געזען) צעשיסן הונדערטער מענטשן נאָר דערפאַר, וואָס זיי רופן זיך אַן "פּאָליטיש פאַרדעכטיקטע"?!

און איך מוז זאָגן אָפנהערציק, ביי מיר האָט זיך געשטעלט די פראַגע: צי דאַרף איך גיין פרייוויליק מקריב זיין מיין לעבן, כדי צו פאַרטיידיקן אַזאַ פאַרשאָלטענע סיסטעם און רעזשים? און איך האָב געפונען די תשובה. איך גיי אויפן פראָנט. עס איז אַ שרעקלעכער פאַראַדאָקס, אָבער איך גיי באַוווסטזיניק אויפן פראָנט. ווייל איך גיי ניט פאַרטיידיקן דאָס "סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד". בשום אופן ניט. איך גיי קעמפן מיט דער שרעקלעכער נאַציסטישער חיה, וועלכע איז געווען אין יענער צייט די שוידערלעכסטע סכנה פאַר דעם עצם קיום פון מיין פאָלק.

משה קולבאַק

מיט דעם טאַלאַנטפולן דיכטער, ראָמאַניסט און דראַמאַטורג משה קולבאַק האָב איך זיך באַקענט סוף 1928טן יאָר ביי די אַקסעלראָדס. זעליק האָט מיר פאָרגעשטעלט: אהרן איז רייזלס חבר און איז ביי אונז אַ בן־בית. פון די קינדערשע יאָרן איז ער אַ ציוניסט. מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט מען באַפוילן אויפהערן פאַרנעמען זיך מיט די נאַרישקייטן. אהרן האָט אַ גרויסע מעלה — ליבשאַפט צו יידיש. ער האָט ליב אַ יידישן בוך, אַ יידישע ליד, אַ יידישן ניגון . . .

קולבאַק האָט געפרעגט: וואָס הייסט מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט מען באַפוילן אויפהערן, די ציוניסטישע טעטיקייט איז דאָך שוין לאַנג פאַרבאָטן אין ראַטנפאַרבאַנד? . . . האָב איך דערציילט, אַז די לעצטע עטלעכע יאָר בין איך געווען אַ מיטגליד פון דער אַזוי גערופענער יידישער קאָמוניסטישער אַרבעטער־פאַרטיי "פועלי ציון" און מיט 5 חדשים צוריק, דעם 28־טן יוני, איז אין גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד, אין משך פון איין נאַכט, דורכגעפירט געוואָרן די אַקציע פון ליקווידירן די פאַרטיי, וועלכע איז געווען יורידיש אַ לעגאַלע. ביי מיר, ווי ביי אַלע מיטגלידער פון דער פאַרטיי, איז אין יענער נאַכט געווען אַ רעוויזיע, מען האָט צוגענומען "פאַרדעכטיקע" ליטעראַטור און אַלץ, וואָס ס'איז געווען אָנגעשריבן מיט דער האַנט (בריוו, נאָטיצן, טאָג־בוך) און מען האָט שריפטלעך געוואָרנט, אַז אַ וועלכער ניט איז רמז פון פועלי־ציוניסטישער טעטיקייט וועט באַטראַכט ווערן, ווי אַנטיסאָוועטישע טעטיקייט . . .

קולבאַק האָט אויפגענומען מיין קורצע דערציילונג אָן שום פראַגן און קאָמענטאַרן, געווען אָנגעשטרענגט איינגעהאַלטן און האָט ניט ארויסגעוויזן קיין שום אינטערעס צו מיינע איצטיקע איבערצייגונגען און שטימונגען. פלוצלינג האָט ער מיר געזאָגט: איר האָט ליב יידיש. עס איז אויסגעצייכנט און אויך נאַטירלעך — יידיש איז דאָך באַשטימט אייער מאַמע־לשון. נו, און העברעיש קענט איר? מיך האָט זייער פאַרוואונדערט די פראַגע. וואָס עפעס אין מיטן דערינען העברעיש. ער וויל מסתמא אָנטאַפן מיין ציוניסטישן דופק מיט דער פראַגע . . . און איך האָב געענטפערט איבערצייגנדיק, אַז העברעיש קען איך ניט און העברעיש אינטערעסירט מיך ניט. איך האָב געזאָגט דעם אמת. ווי אַ "סאָוועטישער פועלי־ציוניסט" בין איך דאַן געווען אַ "פרינציפיעלער יידישיסט". עס איז צווישן אונדז פאָרגעקומען אַ קורצער שמועס־וויכוח אַרום דער שפראַך־פראַגע.

און עס האָט זיך באַקומען עפעס אַ מאָדנע פאַראַדאָקסאַלע לאַגע: דווקא קולבאַק, דער גרויסער יידישער שרייבער, ביי וועמען די יידישע שפראַך איז דאָס האַרץ און די נשמה, דער אינהאַלט פון לעבן, דווקא ער, קולבאַק, באַציט זיך מיט גרויסער וואַרעמקייט צו העברעיש און איך, דער ציוניסט, בין אַזוי צו זאָגן אַן אַנטי־העברעיסט . . .

איך האָב דאַן ניט געוווּסט, אַז משה קולבאַק איז אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אין קאָוונער יידישן יתומים־הויז אַ לערער פון העברעיש. איך האָב אויך ניט געוווּסט, אַז אין יענער צייט איז דער פאָעט קולבאַק געווען אונטער דער השפעה פון דער לערע פון אחד העם און זיינע ערשטע פאָעטישע טריט האָט ער געמאַכט אין העברעיש.

איך האָב דאַן ניט געוווּסט אַזאַ כאַראַקטעריסטישע דעטאַל, אַז אין 1920טן יאָר איז דערשינען קולבאַקס ערשט בוך יידישע לידער, וואָס ער האָט אָנגערופן מיטן העברעישן נאָמען ״שירים״ (איך שטרייך אונטער: דאָס בוך יידישע לידער האָט ער אָנגערופן ניט ״לידער״, נאָר דווקא ״שירים״)...

משה קולבאַק איז געבוירין געוואָרן אין 1896טן יאָר אין דער שטאָט סמאַרגאָן, לעבן ווילנע. זיין פאָטער איז געווען אַ וואַלד־מעקלער און די מוטער אַ טאָכטער פון ישוב׳ניקעס. ער האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציונג — געלערנט אין חדר און ישיבות. אין ז״י יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געוווינט און געאַרבעט אין קאָוונע. אין 1918טן יאָר איז ער פון קאָוונע געקומען צו זיינע עלטערן אין מינסק, ווו געווען אַ לערער אין די יידישע פאָלקס־שולן. ער האָט פאַרעפנטלעכט לידער און אַרטיקלען אין דער מינסקער צייטונג ״וועקער״. אין 1919 יאָר פאַרלאָזט קולבאַק מינסק און פאָרט איבער קיין ווילנע און זעצט פאָר זיין פעדאַגאָגישע אַרבעט. אין 1921טן יאָר איז ער אַרויסגעפאָרן קיין בערלין, ווו ער האָט געלעבט אין דחקות ביזן 1923טן יאָר און קערט זיך אום קיין ווילנע, ווו ער אַרבעט אַלס לערער פון יידישער ליטעראַטור אין יידישע גימנאַזיעס און יידישן לערער־סעמינאַר.

ווי עס דערציילן פריינד פונעם שרייבער, איז ער לויט זיינע איבערצייגונגען געווען אַ הייסער אָנהענגער פון דעם ראַטנפאַרבאַנד. קולבאַק האָט אויפריכטיק געגלויבט, אַז פון דאָרטן וועט קומען די ישועה פאַר דער מענטשהייט און במילא אויך פאַר יידן. ער האָט געטרוימט אַוועקפאָרן פון פוילן און באַזעצן זיך אין לאַנד פון ״פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט״...

אין 1928טן יאָר איז זיין טרוים מקוים געוואָרן. קולבאַק מאַכט זיין פאַטאַלן שריט, פאַרלאָזט ווילנע, גייט איבער די סאָוועטיש־פוילישע גרענעץ און קומט קיין מינסק, ווו עס האָבן געלעבט זי״נע עלטערן. זיין פרוי און קינד זענען געבליבן ביי אירע עלטערן אין ווילנע און נאָר אין אַ האַלב יאָר אַרום גיט זיך זיי איין קומען צו אים קיין מינסק.

צו יענער צייט איז משה קולבאַק שוין געווען אַ באַוווסטער שרייבער און באַליבטער ביים יידישן לייענער. עס זענען שוין דערשינען אַ ריי זיינע ווערק: ״שירים״ (1920), ״נייע לידער״ (1922), אַ דראַמע ״יעקב פראַנק״ (1923), אַ דראַמע ״משיח בן אפרים״ (1924), אַ ראָמאַן ״מאָנטיק״ (1926), אַ גרויסע פאָעמע ״בוניע און בערע״ (1927) א. אנד.

טראָץ דעם איז דער באַוווסטער שרייבער משה קולבאַק אויפגענומען געוואָרן אין דער יידישער סאָוועטיש־ליטעראַרישער וועלט פון ראַטנפאַרבאַנד בכלל און אין מינסק בפרט ניט מיט וואַרעמע און אָפענע אָרעמס.

עס איז געווען אַ תקופה, ווען דער ביטערער קאַמף צווישן פאַרשידענע ליטעראַרישע גרופן אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור האָט זיך פאַרענדיקט מיט דעם אומפאַרמיידלעכן ניצחון און דיקטאַטור פון די אַזוי גערופענע ״פּראָלעטאַרישע״ שרייבער, וועלכע האָבן געפּרעדיקט ״פּראָלעטאַרישע קלאַסן־פּאָזיציעס״ אין דער ליטעראַטור און פאַרטייישער העגעמאָניע אין איר. עס איז געווען די תקופה, ווען די הערשנדיקע ״פּראָלעטאַרישע שרייבער״ האָבן אַריינגעפירט אַן אַטמאָספער פון פאַרשאַרפטער צענזור און אַ רעזשים פון טעראָר אין דער ליטעראַטור. מען האָט שטרענג געפאָדערט ״באָלשעוויסטישע וואַכזאַמקייט״ און פולקאָמע אויספירונג פון די באַשלוסן פון דער פאַרטיי און רעגירונג אויפן ״אידעאָלאָגישן פראָנט״.

באַזונדער שאַרף האָט געהערשט אַזאַ אַטמאָספער אויף דער יידישער גאַס. די יעווסעקישע פירער האָבן דאָך געמוזט באַווייזן זייער באַזונדערע קאָמוניסטישע כשרות. חוץ דער ״באָלשעוויסטישער וואַכזאַמקייט״, אַז אין דער יידישער ליטעראַטור זאָל אָפּגעהיטן ווערן די אויבנדערמאָנטע פאַרטייישע ליניע, האָט די

יעווסעקישע ליטעראַטור־קריטיק באַזונ־
דערס נאָכגעשפּירט, אַז אין דער סאָוועט־
טיש־יידישער ליטעראַטור זאָל, חלילה,
ניט אַריינגעשמוגלט ווערן וועלכער ניט
איז ספּעציפיש־יידישער נאַציאָנאַלער
מאָטיוו אָדער ספּעציפיש יידישע נאַצי־
אָנאַלע פּראָבלעם. אַזוי, למשל, איז גע־
וועז רעקאָמענדירט צו שילדערן דעם פּאַ־
טאָס פון דער רעוואָלוציע און בירגער־
קריג. פאַרשטייט זיך לויט אַ "פּראָלעטאַ־
רישער סכעמע": בירגער־קריג באַדייט
"רויטע" און "ווייסע". די "רויטע" זענען
אַלע גבורים און צדיקים און די "ווייסע",
נאַטירלעך, זענען אַלע מערדער און פּאָס־
קודניקעס. אָבער אַריינפירן אין דעם בוך
אַ ספּעציפיש יידישן מאָטיוו, ווי, למשל,
פּאָגראָמען, מיט וועלכע עס איז געווען
באַגלייט דער בירגער־קריג אין די ראַ־
יאָנען מיט אַ קאָנצענטרירטער יידישער
באַפעלקערונג, בולט אונטערשטרייכן די
פּאָרגאָסענע טייכן יידיש בלוט, איז געווען
בפירוש פּסול.

אָדער, למשל, ס'איז געווען רעקאָמענ־
דירט צו שילדערן די "סאָציאַליסטישע
פּראָדוקטיוויזאַציע" פון די יידישע מאַסן,
די גרויסע נצחונות פון דער יידישער
ערד־איינאָרדנונג און פון דעם "היסטאָרי־
שן אַקט" — דעם "אויפבלי" פון בוראַ־
בידזשאַן, אָבער מען האָט ניט געטאָרט
באַווייזן אַ מאָטיוו פון סימפּאַטיע און
זאָרג צו די הונדערטער־טויזנטער "בור־
זשואַזע" און "קליינבירגערלעכע" עלעמענ־
טן (הענדלער, בעלי־מלאכות), וועלכע
האָבן אין איינעם מיט זייערע משפחות
געציילט דאָן צוויי דריטל פון דער יידי־
שער באַפעלקערונג און געבליבן אָן מקו־
רות פון פּרנסה. און, זעלבסטפאַרשטענ־
דלעך, אַז מען האָט ניט געטאָרט אַרויס־
ווייזן אַפילו קיין רמז פון זאָרג וועגן די
גרויסע מאַסן יידישע "לישענצעס", וועל־
כע מען האָט געיאָגט און געפּלאָגט און
וועמענס קינדער מען האָט ניט אויפגע־
נומען אין די הויך־שולן, טעכניקומס און
אַפילו אין צווייטן קאָנצענטער פון די מי־
טל־שולן, אַלס "סאָציאַל־פרעמדע עלע־
מענטן"...

עס איז אין יענער תקופה אויפגעשטעלט
געוואָרן אַן אייזערנער פּאַרהאַנג צווישן
דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור און
דער יידישער ליטעראַטור אין דער גאַנצער
וועלט, וועלכע איז דעקלאַרירט געוואָרן,
ווי אַ קליינבירגערלעכע, נאַציאָנאַליסטי־
שע, רעאַקציאָנערע און אויך טאַלאַנטלאָ־
זע.

און אין דער פּאַרסמטער אַטמאָספער
האָט מען ניט געקענט אויפנעמען קול־
באַקן, ווי אַן "אייגענעם". ער איז דאָך
געקומען פון "יענער זייט", פון דער
"קליינבירגערלעכער" ווילנע. ער איז גע־
קומען מיט אַ "פרעמדער ירושה".

און דער שרייבער האָט טאַקע תיכף
געפילט די אַטמאָספער און געווען פּסי־
כאָלאָגיש געדריקט. שוין אין עטלעכע
וואָכן אַרום נאָך זיין קומען קיין מינסק,
האָט קולבאַק געשריבן צו זיין פריינד גאָ־
לאָמב אין ווילנע: "זאָגט מיר "צו רפואה",
איך קום פון באָד. מען דאַרף זיך דאָ גוט
וואַשן און רייניקן, אויב מען וויל ניט
גיין ביים ראַנד פון לעבן..."

דאָס געפיל פון ניט איינגלידערן זיך
אין דער סאָוועטישער סביבה, דאָס געפיל
פון איינזאַמקייט, עלנטקייט און בענק־
שאַפט האָט דער דיכטער קולבאַק אויסגע־
דריקט אין אַ ליד, וועלכן ער האָט אי־
בערגעשיקט אויף אַ קאַרטל קיין ווילנע —
דער ערשטער פּאָעטישער גרוס פון ראַטן־
פּאַרבאַנד, פונעם לאַנד פון זיינע טרוימ־
ען:

> אַ רחבות פון שנייען. אַ קיל־אָפּגע־
> שליפענער שטערן.
> אַ מעסער — אַ ווינט.
> איבער הונדערטער מיילן לייגט מיין
> פרוי שלאָפן
> מיין קינד...
> ס'שפּילט אַ פידל אַ בלויע און אַ
> שנייקער וויאָלאָנטשעל,
> סאַראַ נאַכט!
> איבער הונדערטער מייל זעט מיין זון
> מיך אין חלום
> און לאַכט...

אין מינסק האָט קולבאַק אָנגעהויבן מיט־

אַרבעטן אין דער יידישער טעגלעכער צייטונג "אָקטיאַבר" און אין זשורנאַל "שטערן". אין 1929 יאָר איז דערשינען אין מינסק אַן אָפּקלייב פון זיינע פריערדיקע לידער און פּאָעמעס.

דאָס הויפּט־ווערק, וואָס קולבאַק האָט אָנגעשריבן אין מינסק איז דער ראָמאַן "זעלמעניאַנער", וועלכער איז געווען געדרוקט אין זשורנאַל "שטערן" אין די יאָרן 1929 — 1930 און דערנאָך דערשינען אין צוויי בענדער אין די יאָרן 1931 — און 1935. דאָס איז אַ ווערק, וואָס שילדערט מיט גרויס הומאָר און חכמה דעם גורל פון אַ מינסקער יידישער משפּחה און סאָוועטישן לעבנס־שטייגער, דער איבערגאַנג פון קליינבירגערלעכן צום סאָציאַליסטישן לעבנס־שטייגער.

די יעווסעקישע ליטעראַטור־קריטיק האָט אויפגענומען דאָס בוך מיט אָפענער אומצופרידנקייט. איך געדענק, אַז זומער 1931טן יאָר (איך געדענק ניט גענוי די דאַטע) בין איך געווען אין מינסק אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט, געווידמעט דער שאַפונג פון משה קולבאַק. אַלע רעדנער האָבן שאַרף קריטיקירט דעם ראָמאַן "זעלמעניאַנער" און באַשולדיקט דעם מחבר פון בוך אין כל־מיני חטאים: דער ראָמאַן מאָביליזירט ניט צו העלפן דער סאָציאַליסטישער בויונג; דער מאַטעריאַל אין בוך איז ניט אָרגאַניזירט אויף אַ פּראָלעטאַרישער באַזע; בערע — דער פּאָזיטיווער העלד פון בוך, פירט ניט צווישן די זעלמעניאַנער קיין קאָמוניסטישע אַרבעט אין נאָמען פון דער פּאַרטיי א.ד.גל.

איזי כאַריק, למשל, האָט געטענהט, אַז דאָס ערגסטע אין בוך איז, וואָס דעם זעלבן הומאָר ווענדעט אַן קולבאַק סיי צו די פּאָזיטיווע און סיי צו די נעגאַטיווע פיגורן . . .

אין 1933טן יאָר פאַרעפנטלעכט קולבאַק אין מינסק די פּאָעמע "דיסנער טשיילד האַראָלד", וועלכע איז אויטאָביאָגראַפיש וועגן זיין לעבן אין דייטשלאַנד. אין יאָר 1934 דערשיינט אין מינסק אַ באַנד געקליבענע לידער. אין יאָר 1936 ווערט געדרוקט אין אַ ריי נומערן פונעם זשורנאַל "שטערן" די דראַמע "בויטרע", וואָס איז געשטעלט געוואָרן אויף די בינעס פון מינסקער און מאָסקווער יידישע מלוכה־טעאַטערן. ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ קאָמעדיע "בנימין מאַגידאָוו", ווו עס ווערט געשילדערט אַ יידישער גאַרבער, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע אין אַ שטעטל פון ווייסרוסלאַנד בשעת דער פּוילישער אָקופּאַציע אין יאָר 1919.

צו אַ סך פון זיינע לידער האָט קולבאַק אַליין געשאַפן מוזיק. צו זיין פּיעסע "בויטרע" האָט ער אויך אַליין פאַרפאַסט די מוזיק. די לידער פון דער פּיעסע זענען געבוירן צוזאַמען מיט די ניגונים. ער האָט זיי געלייענט און געזונגען פאַרן קאָלעקטיוו פון מינסקער יידישן טעאַטער.

משה קולבאַק איז אַרעסטירט געוואָרן אין מינסק אין יאָר 1937. און אין עטלעכע יאָר אַרום איז ער אומגעקומען. עס איז ניט באַוווסט גענוי די דאַטע און דאָס אָרט פון זיין אומקום. אין לעקסיקאָן "שרייבער פון סאָוועטיש ווייסרוסלאַנד" (אין ווייסרוסיש, מינסק 1959) איז געזאָגט: "געשטאָרבן אין 1940".

אין דער ביאָגראַפיע, וועלכע ס'האָט פאַרעפנטלעכט מענדל פּיעקאַזש אין בוך "אַ שפּיגל אויף אַ שטיין" איז געזאָגט: "געשטאַרבן אין פאַרשיקונג אין 1940". יאַנקל גוטקאָוויטש אינעם בוך "אויף אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר" (וואַרשע 1966) שרייבט: "געשטאָרבן אין פאַרשיקונג דעם 17 יולי 1940".

אלחנן וואָגלער ("די גאָלדענע קייט" נומ. 43, 1962) שרייבט: "משה קולבאַק איז פאַרשוווּנדן אויף די שנייאיקע וועגן פון רוסלאַנד ביים סוף פון די דרייסיקער יאָרן. מען האָט אים געזען זיך שלעפּן אַ פאַרפרוירענעם אין דער באַגלייטונג פון אַ וואָך . . ."

ש. ניגער אין בוך "יידישע שרייבער אין סאָוועט־רוסלאַנד" (ניו־יאָרק 1958) שרייבט: "לויט פאַרלאָזלעכע באַריכטן האָט ער נאָך געלעבט אָנהויב 1952, איז אָבער דערשאָסן געוואָרן אין דעם זעלבן יאָר, מעגלעך — דעם 12־טן אויגוסט, אין

דעם זעלבן טאָג, ווען עס זענען דערשאָסן געוואָרן אַנדערע אָנגעזעענע יידישע שרייבער".

איצט לעבן אין מינסק אַרום 30 טויזנט יידן. אָבער די יידישע קולטור איז דאָרט אויסגעריסן מיטן וואָרצל, דאָס יידישע וואָרט אויסגעשניטן, דאָס יידישע ליד פאַרשטומט.

עס איז אוממעגלעך אָבער צו פאַרשטומען דעם יידישן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין. ער דריקט זיך איצט אויס אין מוטיקן קאַמף פאַר עליה קיין ארץ ישראל.

וועגן מחבר

ראָזין אהרן. געבוירן אין 1910 אין אַ קליין שטעטל אוזליאַן נעבן מינסק. דער טאַטע געוועזן אַ וואַלד־סוחר און איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך באַנדיטן אין 1918. געוווינט אין מינסק פון 1919. אָנגעהויבן אַרבעטן און עלטער פון 14 יאָר. הויכע בילדונג, דער פאַך — אינזשענער — עקאָנאָמיסט. פון 1923 ביז 1935 געווען טעטיק און דער ציוניסטישער באַוועגונג. געווען דער סעקרעטאַר פון די יוגנט פועלי־ציון אָרגאַניזאַציעס אין מינסק און מאָסקווע.

אין 1926 יאָר געווען אַ דעלעגאַט פון דער צווייטער אלרוסלענדישער קאָנפערענץ פון יוגנט פועלי־ציון.

אין אפריל 1935 געוואָרן אַרעסטירט און כמעט 5 יאָר — ביזן סוף פון 1940 — אין בעלאָמאָרלאַגער.

אין די ערשטע טעג פון דער סאָוועטיש־דייטשישער מלחמה אַוועק פריוויליק אויפן פראָנט און אין באַשטאַנד פון דער 4־טער גוואַרדעאישער אינפאַנטעריע־דיוויזיע געווען די גאַנצע 4 יאָר פון דער מלחמה אויף די פאָדערשטע פאָזיציעס. באַלוינט געווען מיט דעם אָרדען "רויטער שטערן", מעדאל "פאַר שלאַכט־פאַרדינסטן" און אנדערע מעדאלן.

עולה געווען קיין ישראל אין 1967.

נייע ביכער

בער מאַרק — מגילות אוישוויץ, דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פון פּראָפ בער מאַרק־קאָמיטעט, פאַרלאַג — "ישראל־בוך" 1977. פאָרוואָרט און ביאָביבליאָגראַפישע פרטים וועגן מחבר פון **אסתר מאַרק**. 464ז.

יעקב צבי שאַרגעל — פון אָנהייב־אָן. צווישן שרייבער און ווערק. פאַרלאַג "ישראל־בוך" 1977. 288 זייטן.

מאָטל סאַקציער. מיט פאַרבאָטענעם בלייער. (לאַגער־לידער), אַרויסגעגעבן דורכן קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור אין ישראל. ביכער־סעריע "שרייבערס עולים פון סאָוועטן־פאַרבאַנד",פּרץ־פאַרלאַג. תל־אביב, 1977.

רחל אויערבאַך — ביים לעצטן וועג — אין געטאָ וואַרשע און אויף דער אַרישער זייט. פאַרלאַג "ישראל־בוך" 1977 מיט אַ פאָרוואָרט פון פּראָפ' דב סדן. 234 זייטן.

יאָסל לערנער — ביז ס'הייבט אָן טאָגן (לידער). 160 זייטן. די צווייטע לידער־זאַמלונג, אַרויסגעגעבן אין ישראל — פּרץ־פאַרלאַג 1977.

איזי כאַריק

1937—1898

עס הילכט דאָ דערשראָקן מיין טראָט
אויף דער ערד,
טראָג איך זיך אום און איך בעט זיך,
זאָל טאָגן.
זאָל טאָגן, זאָל טאָגן:
איך קען שוין ניט מער...

ניין, — איך וויל ניט, ניין און ניין!
בעסער נעמט צעזעצט מיך אָן אַ שטיין,
איידער אויסזעצן די שויבן פון מיין
האַרצן...
אַז ערד, דו הערסט איך וועל אויף דיר
אַרומשפּאַנען אַ יונגער,
ווען ס׳ וועט אין קאָפּ אפילו וויסן זיך
דער שניי —
איך וועל אויף דיר אַרומשפּאַנען אַ
יונגער,
ביז מיין לעצט-פאַרבלוטיקטן און האַרציקן
געשריי...

און ס׳בלויט דער הימל סיי ווי סיי...

ניט דערפאַר, ווייל דאָ איז ענג,
וואָלט איך צו דיר, מיין שטעטעלע, געקומען
נאָך אַ מאָל אַ קוק טאָן, ווי דו בענקסט
אין שטילן דורכזיכטיקן אומעט...

וואָס האָב איך, שטעטעלע, פון דיר געוואָלט,
וואָס האָב איך, שטעטעלע, מיט דיר געטענהט, —
איך האָב געוואָלט אין שטיין און שטאָל
דיך אָנטאָן, שטעטעלע דו מיינע.

איך האָב געוואָלט דיין יעדער שטוב
זאָל אויסוואַקסן אין שטאָלצע גאַרנס,
און דו זאָלסט מער ניט שווייגן שטום
אויף דיינע אויסגעלעבטע יאָרן...

ניט דערפֿאַר, ווייל ס׳ווערט איצט לינד,
און מיי צעגיסט זיך אויף די גאַסן,
פֿיל איך זיך איצט שטיל און גרינג
און קען דיך, שטעטעלע, ניט האַסן.

ביי דיר מוז איצטער אויך זיי מיי,
כאָטש דו מוזט אַלץ אים רופֿן סיון,
און ס׳בלויט דער הימל סיי ווי סיי
אויף אַלץ, וואָס איז נאָך דאָ פֿאַרבליבן...

2

דאָס גאַנצע שטעטעלע, — אַ יום־טובדיקע ליכט
דערברענט איר שטילן וואַקס, וואָס טריפֿט נאָך אַלץ מיט האָניק,
איך גיי דאָ אום מיט רו אויף מיין געזיכט
און כ׳ווער היינט פֿול מיט שטילקייט פֿון דערמאָנונג...

דאָ האָט אַ מאָל אַ יינגעלע געלעבט,
און ס׳האָט דאָס יינגעלע נאָך ניט געוווּסט פֿון זאָרגן.
הייזלעך פֿלעגן אויפֿהייבן די קעפ
און שטילערהייט אים ענטפֿערן: — גוט מאָרגן.

און ס׳איז געוועזן אים ניט גוט, ניט שלעכט,
עס איז געוועזן אים נאָר גלאַט אַזוי זיך...
אין אויסגעשטערנטקייט פֿון ווייסע נעכט
האָט ער אויף געסעלעך געפֿרייט זיך.

מיט אויגן אָפֿענע, מיט אָפֿן האַרץ
האָט ער אַ טוייקער געוואַרט דאָ,
און ניט געוווּסט האָט ער, ווי ליבט מען האַס,
ווי קען מען בענטשנדיק פֿאַראַכטן...

...איצט וואָלט דאָס ייִנגעלע זיך ניט דערקענט
און ניט דערקענט וואָלט איך אים אויך מסתמא.
גוט, ווען ס׳לעבט נאָך דאָ אין רו פון ווענט
אונדזער אומעטיקע מאַמע.

3

אָוונט, עס ווילט זיך אי שוויַיגן, אי ריידן,
איך וויג זיך פּאַרטוליעט און רו ביי דער וואַנט.
איך און מיין מאַמע — מיר שטייען דאָ ביידע
און ביידע נאָך גלייבן, אַז טרייסט איז פאַראַן.

מיין מאַמע האַלט אָפן איר געל-גרויען סידור
און שורות פאַרשווימען אין קלאָרן געוויין...
און איך — אין געראַנגל פון אייגענע לידער,
ראַנגל און בעט זיך ביי זיך אַליין.

וואָס דאַרף איך, וואָס וויל איך, וואָס מאָן איך אין וועלטן? —
אַ שווערער, אַ שוואַרצער, איך שטיי דאָ און זינג.
ווען כ׳קום צו דער מאַמען, דערפיל איך — כ׳ווער עלטער,
און ס׳טוט אַזוי באַנג, וואָס כ׳בין שוין אויס קינד.

איך האָב דאָך פאַרזוכט שוין פון פרייד און פון ווייטאָג,
בלייבן שפּורן פאַרקריצט אין מיין האַרטן געזיכט.
איך — אין אַ ווינקל, מיין מאַמע — אין צווייטן
ברענט, ווי אַ שטילע, אַ וועקסענע ליכט...

4

איך בייג דאָ איין מיין יונגן קאָפּ און שוויַיג,
און ס׳קען מיין האַרץ קיין רו זיך ניט געפינען,
שטעטל שטעטעלע, מיין אָפּגעדאַרטער צווייג,
ווידער ווילסטו אָנהייבן צו גרינען,
גיי איך דאָ אום אַ שטילער גאַסט און שוויַיג.

און ס׳טוט מיר באַנג, עס טוט מיר זייער באַנג
און כ׳בין אַזוי יעסענינען מקנא.
אויך מיר וואָלט זיך דאָך וועלן אין געזאַנג
קומען און דיך אָנרופן: מיין מאַמע.
ער, דו שטעטעלע, ווי ס׳טוט מיר באַנג.

אָפּט מאָל דאַכט זיך מיר, איך שטיי שוין בײַ דײַן סוף,
און אָפּט מאָל דאַכט זיך מיר, דו ווילסט ניט שטײן געבויגן
און דײַנע הײַזעלעך, ווי אויפגעוואַכטע שאָף,
עפֿענען די קײַלעכדיקע אויגן
נאָך אַ שטילן, זומערדיקן שלאָף...

שטעטל שטעטעלע, מײַן קינדערשער אַמאָל,
איך האָב געוואָלט דערזעען דיך אין ברענען,
נאָר ווער עס האָט געשאָלטן דיך אַ מאָל,
וועט שוין מוזן דיך פֿאַרשאָלטן קענען,
שטעטל שטעטעלע, מײַן קינדערשער אַמאָל...

1926

אין די הימלען — ווינטן

אין די הימלען — ווינטן, ווינטן — אין די צווײַגן,
און די צווײַגן ווייען, וואָיען אַזוי האַרט.
איך קען זיך ניט געפֿינען און קען זיך ניט פֿאַרבײַגײן,
ס׳טוט איצט אַזוי ווײ מיר. האַלבע נאַכט און האַרבסט.

פֿאַל איך צו די סאָסנעס, ליג איך בײַ די שטאַמען,
שטיל איז הײַנט מײַן אומעט און די ערד איז פֿעט.
אַ פֿאַרוואָרלאָזט ייִנגל הוידעט זיך מסתמא
אויף בופֿערן פֿאַרווײַנטע און זעט אין חלום שטעט...

ווינטן אין די הימלען מישן אויס די שטערן,
ברעכן זייער קלאָרן, קײַלעכדיקן גאַנג...
ביז אַנגעשפּיצטער טויבעניש באַלד וועל איך דערהערן —
ווײַסן בראָך פֿון הימל, שווידער און געזאַנג.

1927

לידער וועגן לידער

נאָר וואָס האָב איך זיך אויסגעלערנט זינגען לידער, —
קנאַפּ איז מיר דער אומרואיקער ווינט?...
קאָפּ מיינער, מיין נאַרישער און מידער,
קום איך וועל דיך וויגן, ווי אַ קינד;

עס האָט דיין טאַטע פון לידער ניט געוווסט גאָר,
שווערערהייט געלייענט אות נאָך אות — — —
וואָלסט אויך, ווי ער, געווען אַ פּראָסטער שוסטער,
געזונט, און ביינערדיק, און פּראָסט.

און ווען דער טאָג וואָלט זיך געשטיקט מיט פאַרבן,
דיין הייזעלע וואָלט אומוויגן דער ווינט, —
וואָלסטו, ווי ער, געזונגען ביי דער אַרבעט
און ניט געוווסט אַליין גאָר, אַז דו זינגסט...

און גרינג וואָלט זיין מיט מידקייט אין די גלידער,
און אַלע מאָל וואָלט דיר אין קאָפּ זיין גרינג.
נאָר וואָס האָסטו זיך אויסגעלערנט זינגען לידער,
קאָפּ מיינער, — מיין אומרואיקעס קינד?

טראָגט יעדערער פון אונז אַ שטיק משוגענעם אין האַרצן,
און ס'איז אונדז שווער, און ס'איז אונדז הייס...
מיר צעעפענען די אויגן אין פייערן אין שוואַרצע, —
ווערן זיי אי אומרויק, אי גרויס.

ווייס איך ניט, פאַרשטיי איך ניט, פון וואַנען קומט דער אומרו,
פאַר וואָס עפּעס שלאָגט שווער אַזוי אין שלייף,
און וווהין מע זאָל ניט גיין, און וווהין מע זאָל ניט קומען,
דרייען זיך די ליפּן שטרענג צונויף.

אוודאי וואָלט זיין גוט, אוודאי וואָלט אונז גרינג זיין,
ווען מע קען אַזוי צונויפדריקן דאָס האַרץ
און מער ניט בעטן זיך, און מער ניט זינגען
און זיך אַליין אַ זאָג טאָן:— אַי, דו נאַר,

נאַר, דו יונגער נאַר, אין יוגנט און אין קרויזן,
קראַנק ביזטו צו זיין געזונט און שטייף?

און ווערט דיר שווער, — דריק צו דעם דיל און — פויזע,
און איז דיר גרינג, — צעשריי זיך און צעפייף!

*   *
*

פון דאַנען שריי איך, אַזש צום צענטן דור,
צום צענטן, צום עלפטן און צום הונדערטן:
אונדזער ביינערדיקער, שטייפער וואָר
זאָל פאַר אייך ניט אויפגיין, ווי אַ וואונדער!

ערגעץ דאָרט אין זומערדיקן לאַנד
מיט טאָג פאַרבליבענע אויף שטענדיק,
זאָלט איר כאָטש מיט א בענקשאַפט אין דער האַנט
ניט קרוינען אונז מיט שטויבן פון לעגענדן.

זאָלט איר כאָטש ניט באַקרוינען אונדז די קעפ
מיט געוועבן זוניקע און דינע...
מיר זיינען דאָ געווען און געלעבט
אין ליבשאַפט, און אין ווייטאָק, און אין שינאה.

מיר האָבן דאָ די ציגל נאָר צעלייגט
און זיך אַליין אוועקגעלייגט פאַר ציגל.
ביז טיפן בלוט אַזוי געבענקט
פאַרמאָגן אויך צוויי אומרויקע פליגלען.

מיר זיינען דאָ געגאַנגען אויף דער ערד
מיט שטויב פון חורבן אויף די אַרבל...
און אונדז איז נאָר געווען באַשערט
זינגענדיק דאָ לייגן זיך און שטאַרבן.

זאָלט איר כאָטש דאָרט אין זומערדיקן לאַנד
נאָך אונדז פאַרבלוטיקטע ניט בענקען.
פון דאַנען שטרעק איך אויס צו אייך מיין האַנט:
— טייערע, באַפליגלטע, ניט קרוינט אונדז!

זיסקינד ליעוו

קריג

אַ קרוג מילך

זעקס טעג האָבן מיר גערוט אין דער אַלטער לוצקער פעסטונג — אויס־געצעמענטירטע נידעריקע ווענט און פּאָדלאָגעס, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. אַ פּירעקיקער פּלאַץ, גרויס ווי אַ קליין שטעטל, מיט אַ סך פאַרשידענע זייטיקע וועגן — דאָס איז געווען די פעסטונג. אַרום דער איינגעפאַלענער פעסטונג האָבן זיך געשפּרייט ווייסע פלאַכע פעלדער, פון דער ווייטנס האָבן זיך אַרויסגעהויבן רויטע דעכער, שפּיציקע טורעמס פון קלויסטערס: די שטאָט לוצק.

עס איז געקומען דער טאָג, ווען מיר האָבן געדאַרפט צוריק גיין אויפן פראָנט. פאַר טאָג האָט מען אונדז געוועקט. דאָרט ווו די זון איז יעדן טאָג אויפגעגאַנגען, האָט זיך קוים געזילבערט דער הימל. איך האָב מיך געוואַשן אין אַן עמער מיט פרישן וואַסער, זיך געזעצט עסן. נישט ווייט פון מיר איז געזעסן שלמה שטיין, דער קאָלבושעווער פורמאַן, און דערציילט זיין פוילישן שכן:

— אז די צוויי פערד האָבן זיך אַ ריס געטאָן, איז נאָר ווי די צוויי לייבן. האָסט זיי נישט געקאָנט מער צוריק האַלטן. כאָטש די לייצעס האָב איך געהאַלטן פעסט איןביידע הענט, נאָר די צוויי גניאַדעס האָבן ניט געקוקט דערויף, זיי האָבן מיך געטראָגן אין איינעם מיטן וואָגן גלייך אַ שוואַרץ יאָר וואָלט אַריין אין זייערע פיס. דאָס זענען דיר געווען פערד. — ער האָט געזיפצט און געריסן שטיקער פון ברויט. — נאָר דערנאָך, אז די שטייערן האָבן זיך צו מיר גענומען, זאָל זיי שוין דער שלאָק טרעפן! האָבן מיך אויפגעגעסן צוזאַמען מיט די ביינער. אַז אפילו קיין פּיצל פערד איז מיר נישט איבערגעבליבן. אַן אַלטע קליאַטשע האָב איך מיר געקויפט דערנאָך, אַן אָפּגעשונדענע נבילה. און איצט האָט מען מיך פאַרשלעפּט קיין לוצק, פונקט ווי מיין אַלטע קליאַטשע. איין מאָל איך האָב געפירט מיט איר מעל, האָט זי זיך אויסגעצויגן אין מיטן וועג און אויפן אָרט איז זי געפּגרט. ווו וועל איך אויסשטרעקן די פיס?

פלאַמען האָבן זיך געשפּרייט אַנטקעגן אונדז אויפן הימל. מיר האָבן אַלע געקוקט שווייגנדיק צו די פלאַמען.

די זון איז אויפגעגאַנגען איינגעהילט אין רויך.

מיט דער סטעזשקע, וואָס פירט אין שטאָט אַריין, איז פאַרבייגעגאַנגען אַ יונג מיידעלע — זי איז אַלט געווען אפשר צען אָדער צוועלף יאָר — באָרוועס, אַ לייכט זומערדיק קליידל, אַ שוואַרץ צעפּעלע, אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַן ערדן קריגל.

א זעלנער האָט זי געפרעגט, וואָס זי האָט דאָרט אין קריגל. מילך, האָט איינער פון זיי געזאָגט. דאָס מיידעלע האָט געקוקט אויף די זעלנער מיט גרויסע אויגן, און אירע דינע פיס האָבן געציטערט. ווייַנענדיק האָט זי געזאָגט, אַז די מילך מוז זי אָפּטראָגן אין שטאָט אַריין. איינער האָט געזאָגט, אַז מע זאָל זי נעמען צוזאַמען מיט דעם קריגל מילך. און ווידער האָט איינער צו איר געזאָגט, זי זאָל גיין ווייטער און נישט קיין מורא האָבן. דאָס מיידעלע האָט דערשראָקן געקוקט אויף די זעלנער, זי האָט אויסגעווישט די טרערן פון די אויגן און פּאַמעלעך געגאַנגען ווייטער מיט דער סטעזשקע.

דעמלט איז אַרויסגעקומען פון זיין געצעלט דער לייטענאַנט ווערמוט, א פריש אָפּגעגאָלטער, זויבערלעך אָנגעטאָן. ער האָט נאָכגעפרעגט בּאַ די זעלנער, וואָס מע שטייט דאָרט. איינער האָט געוויזן מיט דער האַנט צו דער סטעזשקע, וואָס פירט קיין לוצק, דערציילט וועגן מיידל מיטן קריגל מילך. זי איז דאָרט געגאַנגען מיט שנעלע טריטעלעך, אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן דאָס קריגל מילך.

— ווער פון אייך וועט קאָנען אַראָפּשיסן דאָס קריגל פון קאָפּ? — האָט דער לייטענאַנט ווערמוט געפרעגט ביי די אַרומיקע.

עס האָט זיך געמאָלדן איינער, אַ צווייטער — דער לייטענאַנט האָט אַרויס־געריסן ביי אַ זעלנער די ביקס און אין דער זעלבער רגע זענען געפאַלן צוויי שאָסן, איינער נאָכן אנדערן. צוערשט איז דאָס קריגל אַראָפּגעפאַלן פון קאָפּ, דערנאָך איז דאָס מיידעלע אומגעפאַלן. דער לייטענאַנט האָט געזאָגט:

— דער שאָס אויפן קריגל איז געווען מיינער.

לעבן מיר האָט שלמה שטיין, דער קאַלבושעווער פורמאַן, געזאָגט אין דער שטיל:

— זי ליגט.

וויטשער

צום סוף פון קריג, אָנהייב נאָוועמבער 1918, איז מען כסדר אַרויסגעלאָפן פון די שוויענטע סאַרנער כאַטעס און געקוקט אויף אַלע וועגן: צי קומט נישט עמעצער? קוים אויפגעכאַפּט זיך פאַר טאָג, נאַרוואָס אַרויפגעכאַפּט אויף זיך די הויזן, דאָס קלייד, איז מען גלייך אַרויסגעלאָפן און מיט פאַרשלאָפענע אויגן געדרייט דעם קאָפּ אין אַלע זייטן.

קיין שוויענטע סארנע איז דער ערשטער אָנגעקומען וויטשעך. וויטשעך גזשדולא. עס איז געווען פאַר נאַכט, די מענטשן זענען געשטאַנען אויפן וועג, וואָס פירט פון דער שטאָט, זיי האָבן געפלאַפּלט נארישקייטן, כדי צו פאַרטרייבן די פוסטקייט. ווען זיי האָבן פון דער ווייטנס דערזען אַ מענטשן קומען פון שטאָט, האָבן זייערע באַקן באַקומען אַ פרישע פאַרב און זיי זענען געוואָרן מיט אַ מאָל פריילעך. זיי האָבן געפרווווט טרעפן ווער עס קומט, געפרווווט טרעפן וועמעס גאַנג דאָס איז. זיי האָבן זיך לעבעדיק דערמאָנט אַלע מענטשן, וואָס זענען אוועק אין מלחמה, די

אַלטע און די יונגע, זיך דערמאָנט, ווי אַזוי יעדער פון זיי פלעגט גיין מיט זיין באַזונדערן גאַנג.

נאָר זיי האָבן נישט געקאָנט צוגלייכן צו דעם מענטשן, וואָס האָט זיך געוויזן פון דער ווייטנס, קיין איינציקן פון די דאָרפישע באַקאַנטע. זיי האָבן גערעדט, געפּלאַפּלט, געלאַכט — און שטיל געוואָרן. דער מענטש, וואָס האָט זיך אַרויסגעשיילט אַלץ קלאָרער, צוגעקומען אַלץ נעענטער, האָט געקלאַפּט מיט אַ הילצערנעם פוס אויפן האַרטן וועג.

די דאָרפישע מענטשן האָבן אַראָפּגעלאָזט די אויגן, אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, געשוויגן. זיי האָבן זיך אָפּגערוקט פון מיט וועג, געבליבן שטיין אויף ביידע זייטן אין צוויי לאַנגע שורות מיט געבויגענע קעפּ. וויטשעכט הילצערנער פוס האָט געקלאַפּט הויך, געקלונגען: שווער און טעמפּ אין די אויערן. ער איז פּאַמעלעך געגאַנגען צווישן די צוויי שורות מענטשן, אין געשמייכלט. זיינע קליינע אויגן האָבן זיך געקנייטשט און געשמייכלט. אָבער ער האָט נישט אַרויסגערעדט קיין איינציק וואָרט. מיט דער לינקער האַנט האָט ער צוגעהאַלטן דאָס שטיק האָלץ אונטערן אָפּגעהאַקטן פוס און אַזוי פּאַמעלעך געגאַנגען זיין וועג. די צוויי שורות דאָרפישע מענטשן האָבן אים נאָכגעקוקט, ביז ער איז פאַרשוווּנדן פון די אויגן.

דעמלט האָט איינער געזאָגט שטאַרק בלייך אין פּנים:

— אי לום, אי שטום.

די מענטשן זענען שווייגנדיק געגאַנגען יעדער אין זיין כאַטע.

אין צווייטן עק דאָרף איז געשטאַנען וויטשעכס שטוב, ער האָט געמוזט אויסמעסטן מיט זיין הילצערנער קוליע דאָס גאַנצע דאָרף. קינדער זענען אַנטלאָפן פון וועג און פאַר מורא אויך געקוויטשעט. דערוואַקסענע זענען אַרויסגעקומען פון די שטיבער, אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געשוויגן. ווען ער איז צוגעקומען צו זיין כאַטע, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אָפּגעדעכעט, אָפּגעווישט דאָס פּנים און אַריינגעגאַנגען אין שטוב.

נאָר אין שטוב איז זיין ווייב מאַרגאַשע נישט געווען. ער איז צוגעגאַנגען צום טיש, געזעצט זיך אויף דער באַנק אָפּגעבונדן דאָס שווערע שטיק האָלץ פונעם פוס. דאָס בעט איז געשטאַנען אויפן אַלטן אָרט. דער טיש איז געשטאַנען אויפן אַלטן אָרט. און דאָרט איז געשטאַנען דער רויטער קופּערט, דאָס קליינע וואַסער־פעסל, די פּאַליצקע מיט געשיר, און ביים אויוון די קורצע באַנק, און אויפן אויוון די איבערגעדרייטע ערדענע טעפּ. אַלצדינג איז געשטאַנען אויף די זעלבע אַלטע ערטער. פון שטיקל וואַנט צו שטיקל וואַנט האָט וויטשעך געקערעוועט זיין גרויסן קאָפּ, פון איין עק שטוב צום אַנדערן עק און דערנאָך ווידער צוריק. דער פענצטער־ראָמען איז געווען אַרומגעקלעפּט מיט פרישן ליים. די ערדענע פּאָדלאָגע איז געווען פריש אויסגעשמירט און ציכטיק אויסגעקערט. אויף דער פּאַליצקע איז געלעגן אַ גרויס האַלב ברויט.

נאָך עטלעכע מאָל אַזוי אַרומקערעווען מיטן גרויסן קאָפּ איבער דער שטוב האָבן זיך וויטשעכט קליינע אויגן צוגעקלעפּט צום גרויסן, האַלבן ברויט און

נישט געוואָלט זיך מער אָפּקלעפּן. דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען, זיך צוגע־שלעפּט צו דער פּאָליצקע און אַראָפּגענומען פון דאָרט דאָס האַלבע ברויט. ער איז ווידער געזעסן ביים טיש. פון דער הויזנקעשענע האָט ער אַרויסגענומען אַ קליין קיילעכיק קניפּעקל, אויפגעעפנט און אָפּגעווישט דעם אויסגעריבענעם קלינג אָן די הויזן.

און ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביים לעצטן רעפטל, האָט די אייזערנע קליאַמקע פון דער טיר געגעבן אַ קלאַפּ, די ברייטע טיר האָט זיך געעפנט און מאַרגאַשע, זיין ווייב, איז אַריינגעקומען אין שטוב.

וויטשעך האָט געקייט אַ שטיק האַרטע רעפט, ער האָט געקוקט צו מאַרגאַשען. זיינע צעצוינענע מויל־ווינקלען האָבן געוואָלט שמייכלען. נאָר מאַרגאַשע האָט זיך איבערגעציילעמט, דערנאָך האָט זי געזאָגט:

איך בין געווען ביי יאַדוויגען, איר קינד איז קראַנק.

זי איז צוגעגאַנגען צום אויוון, אָנגעגאָסן אַ טעפּל מילך און עס צוגעטראָגן צום טיש. דאָ האָט זי דערזען זיין אָפּגעהאַקטן פוס און דאָס שטיק האָלץ, וואָס איז געבליבן אויף דער ערד. זי איז געבליבן שטיין, ווי געליימט, לאַנג געקוקט אויפן שטיק האָלץ און אויפן אָפּגעהאַקטן פוס. נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. נישט פאַרקרימט דאָס קיילעכיקע פּנים. אירע אויגן זענען געווען גרויס — אין זיי האָט זיך געשפּיגלט דער שטומער געשריי פון אַ שווייגנדיקן מענטשן.

וויטשעך האָט געטרונקען די מילך און געשמייכלט מיט דעם זעלבן שמייכל פון פריער, ווען ער איז געגאַנגען איבערן דאָרף צווישן די צוויי שורות דערשראָ־קענע מענטשן.

* *
*

זיסקינד ליעוו

געבוירן אין שעדישעוו, מערב־גאַליציע. 1896 — אַרעסטירט אין 1937. אומגעקומען אין לאַגער, ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן אין 1914. געשריבן לידער און דערציי־לונגען. פון זיינע ביכער: "דער ווידעראויפבוי פון ארץ ישראל" — ווין 1919. "פּוילן — אַ שעכטהויז פאַר מענטשן" ניו־יאָרק 1933. "אויפגאַנג", ווילנע 1924. "פיר מענטשן זוכן די רעוואָלוציע" (ראָמאַן), מינסק 1933. "פון וועלט צו וועלט" מאָסקווע 1936.

משה קולבאַק

1896—1940

וועלט!
איך וויל צעגאַנגען זיין
אין טיפן ניגון,
פון הויט און ביינער
אויסגעטאָן,
זיך ציטעריק צעוויגן —
אַ לויכטנדיקער טאָן,
כאָטש כ׳מעג אַ שטיין פון דיינע שטיינער
אויף אַ בית-עולם ליגן...

יאַנואַר 1920

חצות

עס האָבן די גלעקער געקלונגען!...
און בראָנזענע יונגען
באַפאַלן איז דעמאָלט אַ ווילן
צו שטילן
דעם צאָרן
פון יאָרן,
וואָס זיינען פאַרלאָרן...

און ס׳האָבן די גלעקער געקלונגען!...

העי, לאָמיר גיין! לאָמיר גיין!
לאָמיר דאָ איבערלאָזן די שוואַכע...

די טירן פון ווייט זיינען ברייט, זיינען פריי,
אונדזער וועג איז באַהויכט מיט אַ טוי און איז ניי,
לאָמיר צייכנען די טריט — יעדן טראָט מיט אַ שטיין —
לאָמיר גיין! לאָמיר גיין!
לאָמיר דאָ איבערלאָזן די שוואַכע...

לאָמיר עפנען די טרוימען און שמידן די וואָר,
לאָמיר זוכן דאָס ליכטיקע ליד פאַרן דור,
אפשר היט שוין אַן איינזאַמער זינגער זיין בעט,
אפשר וועבן זיך קלאַנגען פון נייעם געבעט,
אפשר הויבן זיך האַמערס סיי דאָ און סיי דאָרט,
און עס גליט און מע שמידט דאָס באַפליגלטע וואָרט,
לאָמיר קינדער פון שטראָם
און פון נאַכט און פון תהום...

לאָמיר גיין! לאָמיר גיין!
לאָמיר דאָ איבערלאָזן די שוואַכע...

ווען ס׳לעשט זיך דער אָפקלאַנג פון אָדלערס געשריי,
לאָמיר, טרעטנדיק ווייטער, אַ ריי נאָך אַ ריי,
טרינקען מוט פון די בערג, זינגען ס׳ליד פון דער נאַכט,
און מיט מוט און מיט וואוט לאָמיר זוכן די שלאַכט,
לאָמיר דאָ איבערלאָזן די שוואַכע...

און ס׳האָבן די גלעקער געקלונגען...

פון טיפנאַכט געדרונגען,
זיי גייען, זיי גייען,
אין פינצטערע רינגען,
אין אומקלאָרע רייען,
צוזאַמען,
צוזאַמענגעדרייט
האָט זיך ס׳פאַלק מיטן הייליקן טויט
און ווי צונגען
אין פלאַמען
פאַרלאָרן —
אַן איינגוס געוואָרן — — —
זיך פלוצים צעפלאַטערט אין רויט-ברייטע פענער,

זיך פלאַמיק צעשמעטערט,
אַלץ העלישער-העליש צעבלעטערט,
אַלץ שטראַליקער, בלוטנדיק-שענער...

און ס'האָבן די גלעקער געקלונגען...

העי! נעמט מיך מיט!
זאָל אין פינצטערן גאַנג אויך מיין לויטער געמיט
שוויגן שטום, ציילן פינצטערע טריט
ביי דעם תהומיק געזאַנג...
ס'האָט מיין קיזלשטיין-שטאַם
פון די קוואַלן מיט סם
שוין געטרונקען פון לאַנג — — —
איך גיי מיט מיט מיין העל-נייסטן ליד,
פון מיר הערט זיך די נאַכט,
נאָר מיר לייכט שוין די זון אין געמיט — — —

און ס'האָבן די גלעקער געקלונגען...

פון "רייסן"

א

דער זיידע מיט די פעטערס...

אַ, דער זיידע פון קאַבילניק איז אַ ייד אַ פשוטער,
אַ פויער מיט אַ פעלץ און מיט אַ האַק און מיט אַ פערד...
און מיינע זעכצן פעטערס און מיין טאַטע —
יידן פראַסטע, יידן ווי די שטיקער ערד,
טרייבן פליטן אויף די טייכן... שלעפן קלעצער פון די וועלדער...
און דעם גאַנצן טאָג געהאָרעוועט ווי כלאָפּעס,
עסט מען וועטשערע פאַר נאַכט צוזאַמען פון איין שיסל,
און מען פאַלט אַנידער אין די זעכצן בעטן ווי די סנאָפּעס.
דער זיידע, אַ דער זיידע קלעטערט קוים אַרויפעט אויפן אויוון,
ער איז דער אַלטיטשקער ביים טיש אַנטשלאָפן שוין געוואָרן,
נאָר די פיס — זיי וויסן, פירן זיי אַליין אים אָפּ צום אויוון...
דעם זיידנס גוטע פיס, וואָס דינען אים פון כמה יאָרן...

ב

מען קאַסיעט היי...

אין פעלד האָט געגומען שוין ציען מיט נעפּלען פון אָסיען...
אַרויס איז דער זיידע פאַר טאָג צום געמויזעכץ דאָס היי אַראָפּקאָסיען,
איז מען ביים שאַריען אויף טאָג שוין געווען בגילופין אַזוי ווי די אמתע קלעזמער,
מען האָט זיך צעשטעלט זאַלבעאַכצעט, דער זיידע בראש, און אַוועק איז אַ מזמור:
אַ שפּרייז, און אַ קער מיט די פּלייצעס, אַ סווישטש, פונקט עס טאַנצן אין זומפּ אַרום בליצן.
פאַר דאָס שטיקעלע ברויט — האָט דער זיידע געזאָגט — מוז מען, קינדערלעך, שוויצן...
און ס'האָבן זיך בלאַנקער די קאָסעס צעפּייפט, די קאַפּאָטעס אַראָפּ, מיט באַוואַקסענע גלידער,
אַזוי ווי די האַריקע יאַדלעס — אַ טאַטע אַן אַלטער מיט זיבעצן לייבלעכע ברידער...
עס צופּן די קאָסעס, ס'צעשפּריצט זיך דער טוי, און עס פאַלן די גרעזער אויף גרעזער אַנידער,
אַ פייגעלע זינגט אויף אַ נוסבוים דערביי, אַז דער זיידע קען פּשוט קיין אָרט ניט געפינען:
"וואָס זאָגסטו דערצו? נאַ דיר גאָר אַ קאַנאַריק, אַ חזן, אין מיטן דערינען"...
דאַ נעמט מען זיך טאַטשען די קאָסעס, פאַררייכערט מען, כאַפּט מען אַ זופּעלע קוואַס פונעם קריגל,
דערנאָך שטייט מען אויף מיט אַ קרעכץ... פּאַמאַהיי באָך! אַ קלונג, און עס טוט זיך די קאָסע אַ שפּיגל,
באַווייזט זיך פאַרשווינדט צווישן גראָז, טוט אַ בלאַנק — אַכצן קאָסעס כסדר...
און ס'בייגן זי. זיבער די הענט, אָ, עס קנאַקן די שענקלען, און פעסט זיצט איעטוועדער גדר — — —
אַזוי ביז דער עולם דערזעט, ווי דער רויטער פאַרנאַכט לייכט זיך אָפּ אין די קאָסעס,
טוט חברה אַ שמייכל. מען זעט שוין דעם הערינג דעם ברייטן, דער באָבעשיס קעז-סאַלטענאָסעס,
דערלאַנגט מען אַ נעם די קאַפּאָטעס, מע גייט און מע הערט צו די וואַכטלען וואָס שרייען,

מע גייט מיט די קאַסעס פאַרלייגט אויף די פּלייצעס, מע קוקט און מע שווייגט ווי די שלייען...

* *
*

אַ בן מלך האָט זיך פאַרשטעלט אין אונדזער געגנט פאַר אַ פאַסטעך.
האָט ער געפּיטערט אויפן טאַטנס לאַנקעס זיינע שאָף.
עס האָט געשמעקט זיין פּעלצל און זיין לייוונטענע טאַרבע
מיט שטאַרקע קרייטעכצער פון וואַלד און פליין,
ער האָט גענעבכטיקט אויף די פּעטע נעפּלפעלדער,
דאָס פרישע פאַסטעכל, דער בן-מלך אַליין!

ער פלעגט אין ווייטן טאָל באַגלייטן די לבנה
און אויף אַ הויכן בוים באַגעגענען דעם מאָרגנרויט,
ער האָט זיין דאָרשט געשטילט ביי קלאָרע וואַסערן
און פלעגט מיט פייגל טיילן זיך זיין ברויט.

איין מאָל איז צו אים זיין בת-מלכה געקומען,
און אַ פאַרבלוטיקט שעפעלע געטראָגן,
און געדאַרפט אַ זיסע בשורה אים אָנזאָגן,
האָט דער בן-מלך, דאָס פרישע פאַסטעכל, געשוויגן
און נאָר דאָס שוואַכע לעמעלע אַרומגעבונדן.
ער האָט זיין שטילע טשערעדע אין וואַלד פאַרטריבן
און ס'איז דער בן-מלך, דאָס פאַסטעכל פאַרשוואונדן — — —

עשרה דבריא

געהאַט האָט דער זיידע אַ קרוב אַ טרייבער פון בערן;
אַ ייד, וואָס פלעגט מאַכן קאָנצערט אויף די גרויסע ירידן.
דעם בער פלעגט דער קרוב ביי טאָג אויף די קייטן פאַרשמידן,
ביי נאַכט פלעגט ער טאַנצן מיט אים ביי דער שיין פון די שטערן.

מען האָט אים געגעבן דעם נאָמען עשרה דבריא,
די קנאַביקע הענט ביז די קני, מיט אַ שאַרבן אַ גלאַטן,
אַן אַלטער פאַרשלומפּערטער קאָפּ אויף אַ גוף אַ האַרבאַטן,
און דאָס האָט געטראָגן מיט פעל און מיט שווייס, ווי אַ חיה.

איז ער געגאַנגען ביי נאַכט מיט דעם בער אויף די וועגן;
עשרה פאַרויס, און דער בער פלעגט אים הינטן באַגלייטן,

און טאָמער אַ באַרוועסער פּויער קומט זיי אַנטקעגן
אַ בורטש האָט געגעבן דער בער און אַ קלונג מיט די קייטן,

עס זיינען געשטאָרבן פון פּיין ביי עשרהן די ווייבער;
ביי נאַכט פלעגט ער אויסטאָן זיי נאַקעט און אָנהייבן שלאָגן,
דאַן האָט זיך געהערט אויפן דאָרף אַ פאַרטייעטער קלאָגן,
און חברה-קדישא פלעגט וואַשן די בלוט פון די לייבער.

די דרייצנטע ווייב האָט געשמט פאַר אַ וועדמע אין ליטע,
זי האָט אים אַ טאָכטער אַ יאָר נאָך דער חופּה געבאָרן,
עשרה דבריא האָט אויסגעצאַפּט שטיל אירע יאָרן,
מען האָט פון דער וועדמע די ביינער געלייגט אויף דער מיטה.

געווען איז עשרה דבריא אַ טרייבער פון בערן;
אַ ייד, וואָס פלעגט מאַכן קאָנצערט אויף די גרויסע ירידן.
דעם בער פלעגט עשרה ביי טאָג אויף די קייטן פאַרשמידן,
ביי נאַכט פלעגט ער טאַנצן מיט אים ביי דער שיין פון די שטערן.

דאָס יאָר 1917. אומאַן. דריי דיכטער: **משה כאַשטשעוואַצקי** (פון רעכטס) — געפאַלן אין שלאַכט קעגן די דייטשיש־פאַשיסטישע אָקופּאַנטן אין יאָר 1943. **לייב קוויטקאָ** (אומגע־בראַכט דורך די סאָוועטישע נאַציסטן דעם 12טן אויגוסט 1952) און **עזרא פינינבערג** געשטאָרבן אין יאָר 1946 פון די ווונדן באַקומענע אין "ריזיקן פייער" פון דער 2טער וועלט־מלחמה.

זעליק אַקסעלראָד

1941—1904

זאָל זיין געבענטשט די לויטערע מינוט
וואָס האָט מיר שטיל און קלאָר אַזוי דערהויבן
געשאָנקען מיר אי מענטשלעכקייט, אי גלויבן
אין טריף אין הייסן פון מיין יוגנט-בלוט.
אָט די רגע אָט די לויטערע מינוט,
ווען געגומען האָט מען זידלען מיך און לויבן,
אין די שורות קוקן, ווי אין דיינע שויבן,
ווי זעט עס אויס: שלעכט איז דאָ, צי גוט...

זוכט אַלץ נאָך

זוכט אַלץ נאָך אין הייליקן אָרון אַ טאַטע
אליהו דעם נביאס אַ כוס —
כאָטש שטאָט האָט געצייכנט אויף הימלען
מיט קינדער-נשמות אַן אות.

ערד האָט פאַרלאָרן אין וועלט-דראַנג אַ טאַטן,
וועלט האָט צעריסן אַ האַרץ,
און ברודער פירט שטיל זיין געגנבעטע שוועסטער
דורך שוואַרץ-שוואַרצן מאַנטל פון גאַס...

זוכט אַלץ נאָך אין הייליקן ארון אַ מאַמע
אליהו דעם נביאס געזיכט,
ווען ס׳קייקלען זיך געטער אין בתי-מדרשים,
ווי חלבענע טראָפּנס פון ליכט.

1922

שטייט אַ שטאָט

שטייט אַ שטאָט
אין ווייסע ליילעכער געוויקלט ווייס
און מורמלט בלאָס איר לאַנגזאַמע תפילה
פון דעבער בלעכענע צערונענע אין מילך
מיט פּאַסן לייוונטענע, מיט אַלטע שטילע —

איך בין היינט סקולפּטאָר פון אַ פּערל-נאַכט!
אויף קאַלטע תכלתדיקע קופּלען
גיס איך אויס
פון פאַרבן העל אַ גיפּסן גיפּסענע לבנה
און רויק טריפט דער לויטער אייל
פון קוימענס ציגלנע אויף ערד זאַכטער פּאַרטראַכט —
אין לאַנגע ליילעכער געוויקלט ווייס
שטייט סודותדיק אַ בלאַסע שטאָט
און דוכנט שטום מיט מיר אויף זילבערנער לבנה...

1922

אין בלוט פון לייב

אין בלוט פון לייב איז מיר פאַרבליבן
שטורעם העלער פון צעלאָזטער ערד,
ווי זאָל איך וויינען, ווי זאָל איך ליבן,
היינט דאַרף מען אַנדערש, און אַנדערש איז שווער.

ווייסער שניי האָט יאָרן דאָ פאַרדעקט
און יאָרן ווען זיך צוריק ניט קערן...
כ׳דאַרף ניט וויסן פאַרויס מיין וועג,
מיין בלוט מיין טריפנדיקס וועט אים דערהערן.

איך ליב אויף מויל אַ העלן שמייכל,
אויך נאָענט, ליב מיר ברודערס אַ געוויין...
דערפאַר/פּאַר פרעמדע איז מיין וועג באַצייכנט
מיט בלויקייט טונקעלער: „ער בענקט״.

צו ווייסער רו וועט ווער מיך ניט פאַרפירן,
בלוט פון לייב איז שטענדיק אויף דער וואַר,
אַלע מאָל וועט דערקענען מיינע טירן,
די פרייד די העלע, וואָס קומט דורך נאַכט...

כ׳ווייס ניט, וואָס אין טיף באַהאַלטן אַלע,
ווי יעדן גרינג איז קומען און פאַרגיין.
אויף מיר, זאָגט מען, איז שטילער ווי געפאַלן
און עלטער בין איך פון זיך אַליין...

שעם איך זיך פאַר בלי פון מיינע אויגן,
מיין אייגן האַרץ ווערט אָפט מיר פרעמד...
ווי אַלע יונגע טראָג איך דאָך מיין גלויבן
מיט בלוט פאַרשניטן און צו שיין געווענדט...

1924

קיינער וויל ניט

קיינער וויל ניט הערן אָוונטיקן קלאַנג,
ווען אין שויבן קלאַפט שוין אָן דער טאָג...
זיך אַליין דאַרף איך אַ סך נאָך זאָגן,
פרעמדע, ווייטע האָבן מיר שוין אַלץ געזאָגט.

מיין אייגן קאָפּ כ׳הייב אָן צו היטן,
אויף אַנדערע פאַרלאָזן זיך — גענוג...
אַ ווייטער ווינטער האָט מיך געזאָלט פאַרשיטן,
פון דעמאָלט אָן בין איך געוואָרן קלוג...

מיר זיינען דאָ געוווינט מיט טויזנטער צו ריידן,
שרייען, ברייען ביז די ווייסע ציין...
זאָל אָוונטיקער פייער זיך פאַרשפרייטן,
שוין צייט אַ רעד טאָן מיט זיך אַליין.

מיין לינקער אויג איז שוואַרצער, גרעסער,
קוק איך ווען ניט איז אַזוי אויף זיך...
איך וויל ניט, איך וויל גאָרניט קיין בעסערס,
נאָר קענען שרעק פון אייגענעם געזיכט.

עס רוט אויף מיר דער וויינענדיקער שמייכל,
מיין רויטער אויסגעשריי אין ווייסן פראָסט...
רוסלאַנדס ערד האָט אויף מיר פאַרצייכנט
אַזאַ שטילן, לויטערן פאַרדראָס...

שרעק איך זיך פאַר קומענדיקן וואָגל,
פאַר מיין שטייגן אין אַ ווייטן טאָג...
זיך אליין דאַרף איך אַ סך נאָך זאָגן,
פרעמדע, ווייטע האָבן מיר שוין אַלץ געזאָגט.

1926

גוט זיינען

גוט זיינען פרימאָרגנדיקע רייד,
נאָר ליכטיקער איז אָוונטיקער שווייגן —
אַזאַ ווען אין בלויקייט איז פאַרשפּרייט
אויף פאַלן און אויף שטייגן...

לאָז איך איבער אָן אָפענע מיין טיר,
קיינעם, קיינעם וויל איך מער ניט הערן...
ס׳האָט מיין אָטעם ווידער אָנגערירט
אַזאַ שיין און אזוי פיל שמערץ...

גיי איך אום און ס׳וויקלט זיך דאָ איבער
וואָס עס איז געווען און וואָס עס דאַרף נאָך זיין...
קענטיק אויף לאַנג האָט זיך צו מיר פאַרקליבן
אָט דער שטילער אָוונטיקער שיין...

אַ ווײלע ציט זיך אויס פאַר מיר דער טויט,
אָדער ס׳טראָגט זיך גאָר פון ווייטן שטייגן...
גוט זיינען פרימאָרגנדיקע רייד,
נאָר לויטערער איז אָוונטיקער שווייגן.

1926

זיי געבענטשט

זיי געבענטשט, מיין פאַרלאָזענע היים!
האָסט געוויס מיר די ווילדקייט פאַרגעבן...

איך רייד שוין אַזוי פיל פון זיך אַליין,
ביז כ׳פאַרגעס אונדזער אַלעמענס לעבן . . .

אַזוי ציטערדיק-שטיל איז מיין ליד,
ווי זי וואָלט מיר אָן אָוונט דערמאָנען . . .
אַז מען שטעלט נאָך די ערשטע טריט,
איז אַלעמען ליב דער נאָמען . . .

מ׳יך אויך האָט מען ליב — מען גריסט און מע גריסט,
ווי יונג ער איז נאָך און גלויביק . . .
גלייך מיין ווילדער, קינדערשער ריס
פאַרגייט אין געזאַנגען אויף אייביק . . .

בין איך איצטער אַ גאַסט אין מיין היים,
אַ גאַסט אַזאַ ליבער און מילדער.
רייד איך ווידער פון זיך נאָר אַליין
מיט מיין פלאַפל און גאַנצן געפלידער . . .

אַזוי ציטעריק-שטיל איז מיין ליד
און איך בין אַזוי ניט באַשיידן . . .
אַז מע שטעלט נאָר די ערשטע טריט,
ווילט זיך ריידן און ריידן . . .

1926

נייע ביכער

יוסף קלעניצקי (יאָשקע) — אַזאַ איז געווען זייער גורל.
פאַראַלעלע איבערזעצונג אין עברית. באַהאַנדלט דאָס גורל פון יידן צווישן די רוסלענדישע פעלקער, באַזונדערס — דאָס לעבן און שאַפן פון די אומגעבראַכטע יידישע שרייבער. מיט אייניקע פון זיי (זעליק אַקסעלראָד, ש. ראָסין, שמואל האַלקין) איז דער מחבר במשך לאַנגע יאָר געווען זייער נאָענט. אַרויסגעגעבן פון מחבר. תל־אַביב 1977, 167 ז״ז.
דאָס בוך וועט רעצענזירט ווערן אין ״ירושלימער אַלמאַנאַך״.

האינטליגנציה היהודית בברית המועצות — אַרויסגעגעבן דורך דעם קאָאָרדינירקאָמיטעט פאַר די רעכט פון סאָוועטישע יידן. רעדאַקטאָר דוד פּריטל; עברית מיט קורצע אַנאָטאַציעס אין ענגליש. די טעמע: פראָבלעמען פון נאַציאָנאַלער קולטור ביי יידן אין ראַטנפאַרבאַנד, עליה און גייסטיקע אַבסאָרבציע פון רוסלענדישע יידן אין ישראל. אין בוך באַטייליקן זיך אָנגעזעענע אינטעלעקטואַלן — עליה־אַקטיוויסטן פון ראַטנפאַרבאַנד, ווי אויך שוין געקומענע קיין ישראל. תל־אביב, אב תשל״ז, אויגוסט 1977. 126 ז״ז. וועט אויך רעצענזירט ווערן אין אונדזער אויסגאַבע.

ד. ספֿאַרד

די יידיש־סאָוועטישע שרייבער

ווען מיר זענען ביים אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה אונטער הימלען, וועלכע האָבן געדרעגנט מיט פֿייער און טויט, אַנטלאָפֿן פֿון דער היטלע־רישער בעסטיע אין פּוילן קיין ראַטנפֿאַרבאַנד, האָבן מיר דאָרט גלייך דערפֿילט, אַז מיר זענען נישט קיין גאָר ליבע געסט און אַז יעדער אונדזער טראָט ווערט באַוואַכט און יעדער אונדזער טאָט ווערט אויפֿגענומען מיט חשד. מיר זענען טאַקע געקומען פֿון דער "אומגערעכטער רויבערישער און מענטשנפֿיינטלעכער וועלט", דאָך אַנגעשטעקטע מיטן סם פֿון באַשטימטע בורזשואַזע פֿרייהייטן פֿון מענטשלעכן געדאַנק און מענטשלעכער האַנדלונג, וועלכע זענען מסוגל אַנצו־שטעקן אויך אַנדערע.

פֿאַר די הונדערטער טויזנטער געוויינלעכע יידישע און פּוילישע פּליטים האָט מען שנעל געפֿונען אַ לעזונג: מ'האָט זיי אָפּגעזונדערט אין די סיבירער טייגעס ביי שווערע וואַלד־אַרבעטן, ווו מענטשן געוווינען זיך אָפּ צו טראַכטן וועגן נאַרישקייטן, אָדער בכלל פֿון טראַכטן. אָבער די שעפֿערישע אַרבעטער — שרייבער, אַקטיאָרן, קינסטלער — זענען פֿון אַ באַזונדערן ראַנג אין די סיסטעמען, ווו דאָס שיינע געשריבענע, אָדער גערעדטע וואָרט און דאָס שיינע בילד האָבן די וויכטיקע אויפֿגאַבע צו מאַסקירן די מיאוסע טאָט. זיי האָט מען איבערגעלאָזט אין די "מערב־געביטן", אונטער אַ דיסקרעטער אָבסערוואַציע פֿון געהעריקע אָרגאַנען, צו זען, ווער ווי עס וועט זיך אויפֿפֿירן.

דאָס אַלץ האָבן זייער גוט געוווּסט די פֿיל־דערפֿאַרענע און פֿיל־געפּרוּווטע יידישע שרייבער פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, ספּעציעל נאָך די אַרעסטן און רציחות פֿון די אַנגעזעענסטע פּאָעטן, פּראָזאַיקער און קריטיקער אין דער מיט פֿון די דרייסיקער יאָרן. און דאָך, נישט געקוקט אויף די סכּנות, וועלכע עס האָט געדראָט יעדע דערנענטערונג מיט די מענטשן פֿון "מערב" — אומבאַפֿעהענגיק פֿון זייער פּאָליטישער איינשטעלונג — האָבן די סאָוועטישע יידישע שרייבער אויפֿגענומען זייערע קאָלעגן פֿון פּוילן מיט אויסערגעוויינלעכער חברישקייט און האַרציקייט, נישט קאַרגנדיק קיין שום מי און אָנשטרענגונג צו העלפֿן זיי מיט וואָס נאָר עס האָט זיך געלאָזט — סיי מאָראַליש, סיי שטייגעריש. די צוויי שטעט פֿון די "מערב־געביטן" — ביאַליסטאָק און לעמבערג — ווו עס האָבן זיך קאָנצענ־טרירט די יידישע שרייבער־פּליטים פֿון וואַרשע, לאָדזש און גאַליציע, זענען אַן אויפֿהער געוואָרן באַזוכט פֿון די מאָסקווער, קיעווער און מינסקער שרייבער,

יידישע און אויך נישט יידישע, וועלכע האָבן אַלץ געטאָן, כדי צו פאַרלייכטערן דאָס איינאָרדנען זיך פון די שרייבער־פליטים.

איך אליין בין געווען אין ביאַליסטאָק און איך קאָן נישט פאַרגעסן די האַרציקייט און חברישקייט, וועלכע עס האָט אַרויסגעוויזן דער איידעלער אָריגינע־לער פּאָעט און נאָבעלער מענטש זעליק אַקסעלראָד צו יעדן איינעם פון די יידישע שרייבער פון פוילן. ס'איז נישט געווען אַזאַ שווערער, אָדער אַפילו געפערלעכער ענין, ער זאָל נישט לויפן זיך משתדל זיין ביי די "באַלעבאַטים", ווי ער פלעגט רופן די מענטשן פון דער פּאַרטיי און דאָס איז שוין געווען נאָך דעם מאָרד איבער זיין נאָענטסטן חבר, דעם הויך־באַגאַבטן פּאָעט איזי כאַריק און פיל אַנדערע. זעליק אַקסעלראָד, פונקט ווי אַלע אַנדערע סאָוועטיש־יידישע שרייבער, האָבן געוווּסט אומפאַרגלייכלעך מער פון אונדז, ווי "טריף" מיר זענען, באַזונדערס די מיטגלידער פון דער געוועזענער פאַנאַנדערגעלאָזטער "פּראָוואָ־קאַטאָרישער" קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פוילן. פון דעסט וועגן האָט ער איינגע־לייגט וועלטן פאַר יעדער קלייניקייט לטובת יעדן איינעם פון די געקומענע יידישע שרייבער.

ענלעך האָבן געהאַנדלט לייב קוויטקאָ, פּרץ מאַרקיש. איציק פעפער און אַלע אַנדערע.

צי איז די דאָזיקע באַציונג מצד די סאָוועטיש־יידישע שרייבער געווען סתם גוטסקייט, רחמנות, מענטשלעכקייט? אויך דאָס, פאַרשטייט זיך, אָבער נישט בלויז דאָס. עס איז אין דעם געקומען צום אויסדרוק די דערשטיקטע אין משך פון צענדליקער יאָרן בענקשאַפט צו אויטענטישער יידישקייט און צו אויטענטישע יידן, וועלכע האָבן זיך אויסגעלעבט פולשטענדיק ווי זיי זענען געווען אין זיך — נישט געשפּילט און נישט מאַסקירט. עס האָט אין דעם אַ רעד געטאָן יענץ "פּינטעלע ייד", וואָס קיין שום פייערן קאָנען דאָס נישט פאַרברענען און קיין שום וואַסערן קאָנען דאָס נישט דערטרונקען.

די דאָזיקע פאַרבאָרגענע "יידישקייט" האָט געריזלט, ווי אַן אונטערערדישער קוואַל אין אונטערטעקסט פון ס'רוב שאַפונגען פון די סאָוועטיש־יידישע שרייבער און אין פיל פון זיי זיך אויך אַנטפּלעקט דיסקרעט, אָדער טייל מאָל אַפילו אָפן און דרייסט. אין די ערשטע באַגעגענישן נאָך צענדליקער יאָרן מיט זייערע ברידער און קאָלעגן פון אונטער דעם "אייזערנעם פאָרהאַנג" איז די דאָזיקע "יידישקייט" אויפגעטרעטן פראַנק און פריי, יעדנפאַלס אין די ערשטע יאָרן, ווען עס האָט זיך געדאַכט, אַז די שרייבער פון פוילן זענען געקומען אויף צו בלייבן.

איך דערמאָן זיך פאַרשידענע עפּיזאָדן פון דעם פעריאָד, וועלכע קאָנען אויסזען אין פלוג צופעליקע, אָבער אין דער אמתן זענען זיי בלימעלעך, וואָס האָבן געקאָנט אויפשפּראָצן נאָר אין אַ קלימאַט פון אינערלעכער אינטימער צוגעבונדנקייט צו אַלץ, וואָס איז יידיש.

אויף איינער פון די ערשטע באַגעגענישן מיט די סאָוועטיש־יידישע שרייבער

האָט איינער נאָך גאָר ווייניק באַקאַנטער קריטיקער פון פּוילן, וועלנדיק, זעט אויס, געפינען חן אין די אויגן פון די נייע באַלעבאַטים אַנגעהויבן פּלוצעם כאַראַקטעריזירן זיינע פּוילישע קאָלעגן אויף אַ "באָלשעוויסטישן" אופן באשר ראובן איז אין תוך גענומען אַ מענטש מיט ציוניסטישע סימפּאַטיעס, וועלכער האָט די גאַנצע צייט מיטגעאַרבעט אין דער ציוניסטישער פּרעסע, שמעון־ווידער האָט ליב זיך צו גריבלען אין אַ קליינבירגערלעכער טעמאַטיק און כאָטש ער מאַכט דאָס זייער טאַלאַנטירט, וועט ער דאָך מוזן... אָבער דאָ האָט אים איציק פעפער צאָרנדיק איבערגעריסן:

— מי שמך? ווער האָט עס אייך באַשטימט פאַר אַ פּוסק? אין דעם טראַגישן מאָמענט האָט איר שוין נישט קיין אַנדער טעמע, אויסער ווי באַרעדן אייערע קאָלעגן? נישקשה, מיר קענען זיי אַלע בעסער פון אייך און מיר דאַרפן נישט קיין פירשפּרעכער.

דער רעדנער איז געבליבן זיצן אַ געפּלעפטער, און אַלע אַנוועזנדיקע שריי־בער, וועלכע זענען בשעת זיין רעדן געווען אין גרויס פאַרלעגנהייט און אפשר אויך אַ ביסעלע דערשראָקן, האָבן מיטאַמאָל אויפגעלעבט, דערפילט, אַז זיי זענען אַרומגערינגלט פון חברים און פריינד.

אַ צווייטער כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד:

אַ צוזאַמענפאָר פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. דער זאַל איז פאַרפולט פון הונדערטער חשובע דעלעגאַטן כשרים שבכשרים, ציווילע און מיליטערישע. יעדער איינער פון די רעדנער און דיסקוטאַנטן הייבט אָן און ענדיקט מיט אַ ברכה און דאַנק פאַר דעם "פאָטער פון אַלע פעלקער" און אין דער מיט שטעלט ער פאַר די גלענצנדיקע פּערספּעקטיוון, וועלכע דערוואַרטן דעם יידישן פאָלק אין ראַטנפאַרבאַנד, ווו אַלע מענטשן זענען גלייך און אַלע פעלקער זענען גלייך און די גערעכטיקייט איז גרויס און די פרייהייט איז גרויס א. א. וו. א. וו. און אין מיטן דרינען — — דוד האָפשטיין באַקומט דאָס וואָרט, און ער זאָגט נישט מער און נישט ווייניקער, אַז די צוויי פּאָזיטיווע גרויסע היסטאָרישע געשעענישן פון אונדזער דור זענען — דער זיג איבער דעם היטלעריזם און דער קאַמף אין ישראל פאַר אַ זעלבסטשטענדיקער יידישער מדינה. כ'האָב דערפילט, ווי ביי אַלע הונדערטער דעלעגאַטן איז מיט אַ מאָל אָפּגעפלאָסן דאָס בלוט פון האַרצן און עס איז אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון. אַ שטילשווייגן, אַז מען קאָן הערן ווי אַ פליג זשומעט ערגעץ אין אַ ווינקל. דאָס פּרעזידיום זיצט פאַרגליווערט, אומבאַוועגלעך. האָפשטיין אַליין איז צעשראָקן, קוקט זיך אַרום אַ ווײַלע צעטומלט און רופט אויס פּלוצעם כמעט פריילעך:

— פאַרשטייט זיך, אַז אַ פּראָגרעסיווע, פאָלקס־דעמאָקראַטישע יידישע מדינה געשטיצט פון אונדזער גרויסן ראַטנפאַרבאַנד! — — און דער זאַל איז מיט אַ מאָל צוריק געוואָרן לעבעדיק און פריילעך, ווי ס'זאָל האָבן פּלוצעם פאַרשוווּנדן אַ סכנה, וועלכע איז געווען מסוגל אַראָפּצושטויסן אַלעמען אין אַ תהום.

אָבער איך האָב בעת דער שטילקייט און דער נאָך בעתן טומל זיך איינגעהערט

בלויז אין הארץ פון יידישן דיכטער דוד האָפשטיין און דערהערט זיין שטיל געוויין, וואָס ערשט אַט, נאָך דעם מאַקאַברישן אומקום פון זיין פאָלק, טאָר ער אַפילו זיין אומגליקלעכן רעשט קיין ברכה נישט געבן, פרייען זיך מיט זיין טיילווייזער טרייסט...

און נאָך אַ בילד קאָן נישט אַרויס פון מיין זכרון.

כ׳בין איינגעלאַדן פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט צו דערציילן אויף זיינער אַ פּלענאַרער זיצונג, ווי דער יידישער קאָמיטעט ביי דעם "פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן" פּלאַנירט איינצואָרדענען די פּוילישע יידן אויף דער חרובער פּוילישער ערד נאָך זייער רעפּאַטריאַציע פון ראַטנפאַרבאַנד. דאָס פּלענום איז געווען אין זיין פולן באַשטאַנד, מיט אַלע זיינע שרייבער, וויסנשאַפטלער, גענע־ראַלן און געזעלשאַפטלעכע טוער. בעת מיין 40מינוטנדיקן פאַרטראַג בין איך געזעסן לעבן מיכאָעלסן דער נאָך איז געווען אַ קורצע הפסקה און איך בין אריבערגעגאַנגען אויף דער קעגנאיבערדיקער באַנק, אויף וועלכער עס זענען געזעסן מאַרקיש, קוויטקאָ און, דאַכט זיך, קושניראָוו. בעת דעם המשך האָב איך מיט איבעררייסן שטיל געשמועסט מיט מאַרקישן.. מאַרקיש האָט מיך איבערגע־פרעגט, וועלכע ידיעות מיר, ד.ה. דער קאָמיטעט ביים "פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן", האָבן וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אין ארץ־ישראל, פון וועלכע לענדער קומען איצט יידן? צי אויך פון די מזרח־לענדער, פון תימן? און פּלוצעם האָט זיין שיין געזיכט באַקומען אַ באַגייסטערטן אויסדרוק און ער האָט צו מיר אַ זאָג געטאָן זייער שטיל: — שטעלט אייך פאָר, ווען איך זאָל האָבן די מעגלעכקייט אָנצושרייבן אַ פּאָעמע, ווו איבער טויזנטער קילאָמעטער גייען דורך זאַמדן און מדבריות גאַנצענע משפחות תימנער יידן צוריק צו זיך אַ היים! איר שטעלט אייך פאָר, וואָס אַ פּאָעמע דאָס וואָלט געווען?

מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיין שטים ברעכט זיך. און אפשר האָט זיך מיר דאָס בלויז אויסגעדאַכט. כאָטש אין אַ צייט שפּעטער האָב איך געהאַט אַ געוויסע באַשטעטיקונג אין דער הינזיכט.

אין נאָמען פון "פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן" בין איך געגאַנגען אויפן וואָקזאַל באַגעגענען אַ צוג פון ווייטן מזרח, וועלכער האָט געפירט פּוילישע פּליטים, יידן און פּאָליאַקן, צוריק קיין פּוילן. דאָס מאָל בין איך געגאַנגען פּריוואַט, וויל מיט דעם זעלבן צוג איז אָפּגעפאָרן קיין פּוילן ישראל אַשנדאָרף. עס איז געווען אַ טריבער נאָכמיטאָג. די פאָרנדיקע יידן, וועלכע האָבן שוין געוווּסט, אַז זיי פאָרן אויפן בית־עולם פון זייערע נאָענטע, אויף וועלכן עס זענען אַפילו קיין קברים נישטאָ, האָבן זיך אַרומגעדרייט אויפן פּעראָן, ווי אבלים, אָדער געשטאַנען אין קליינע גרופּן און שטיל געשמועסט צווישן זיך. איך בין געשטאַנען מיט אַשנדאָרפן און גערעדט וועגן דעם, וואָס עס דערוואַרט אונדז אין פּוילן. מיר האָבן געשמועסט וועגן דעם ליטעראַרישן זשורנאַל "יידישע שריפטן", וועלכער דערשיינט שוין אונטער דער רעדאַקציע פון לעאָ פינקעלשטיין און וועגן דעם פאַרלאַג פון יידישע ביכער, וועלכן איך פּלאַניר צו שאַפן, ווי נאָר

איך וועל קומען. און פלוצעם האָב איך דערזען שטיין צווישן צוויי וואַגאַנען אויף די "טעלער" — פּרץ מאַרקישן. דאָס קעלנערל פון רעגן־מאַנטל — אויפגעשטעלט און דעם קאַפּעלוש אַראָפּגערוקט טיף אויפן שטערן. מיר זענען גלייך צוגעגאַנגען צו אים און אים אַנגעקוקט אַ ביסל פאַרווונדערט. אין זיין קומען איז געווען געוואַגטקייט און סכנה. די יידישע שרייבער, וואָס פאַרן אַפּ פון ראַטנפאַרבאַנד, זענען נישט קיין זיכערער עלעמענט. פון פוילן האָבן זיי די מעגלעכקייט צו פאָרן ווייטער אויף מערב און זיך אַרויסוויזן אַנטיסאָוועטיש. אויפן פעראָן איז זיכער אַנוועזנד דאָס "וואַכנדיקע אויג", וואָס זעט אַלץ, פאַרשרייבט אַלץ און ביי דער פאַסיקער גלעגנהייט — דערמאָנט אַלץ. מאַרקיש קוקט אונדז אָן פאַרשטייענדיק און ער ענטפערט אויף אונדזער נישט געשטעלטער פראַגע מיט אַ מאָדנער טרויעריקער און שטילער שטים, ווי רעדנדיק צו זיך אַליין:

— פאַרט אַ דיכטער צו זיין אויסגעהרגעט פאָלק, איז ווי קומט מען נישט זיך געזעגענען, מיטגעבן אַ גרוס די איינצלנע אָפּגעראַטעוועטע ?

מאַרקישעס קול און דער אויסדרוק פון זיין פּנים זענען געווען אַזעלכע, אַז סיי ביי מיר, סיי ביי אַשנדאָרפן זענען די הערצער געוואָרן פאַרקלעמט און מיר האָבן נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט. נאָר מאַרקיש אַליין האָט גלייך געמאַכט אַ פריילעכע מינע, אַ קלאַפּ געטאָן אַשנדאָרפן אין פלייצע און געזאָגט כמעט האָפערדיק:

— — נישקשה, עס וועט נאָך זיין גוט !

איך האָב דערנאָך געבלאָנדזשעט אָן אַ ציל איבער די מאָסקווער גאַסן און געטראַכט וועגן דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור און אירע שעפער. ווי פּרימיטיוו־פּראָפּאַגאַנדיסטיש מיר האָבן פאַרשטאַנען די דאָזיקע ליטעראַטור אין אונדזערע קאָמוניסטישע קרייזן פאַר דער מלחמה. די אויפגעצוווּנגענע טראַפאַרעט־פּראָגראַמאַטישע פרייד האָט פאַר אונדז פאַרשטעלט איר טיפן יידישן טרויער די מאַסקע פון אָפּיציעלן אָפּטימיזם — דעם ליכטיקן און הומאַניטאַר־גלויביקן יידישן בטחון און די טעאָריע וועגן אַ צעברעקלטער מענטשהייט נישט בלויז לשם פּראַקטישע צילן, נאָר ווי אַ וועלטאַנשויונג — איר אינערלעך גרויסן יידישן חלום פון באחרית־הימים.

די אַלע יסודותדיקע מאָמענטן האָבן זיך מיר אויסגעוויזן צו זיין ביז גאָר אייגן דעם גרויסן שרייבער און גרויסן מענטשן פּנחס קאַהאַנאָוויטש, באַקאַנט אונטער דעם פּסעוודאָנים "דער נסתר". אפילו ריין אויסערלעך, פאָרמעל, האָט ער קיין מאָל נישט געמאַכט דעם מינדסטן אָנשטעל, אַז אין לאַנד פון "אָקטאָבער" האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעטאָן פון אים דער עול פון גלות. ער איז נישט געגאַנגען מיט קיין דעמאָנסטראַטיוו־אויפגעהויבענעם קאָפּ און מיטן הויפּט־שליאַך, נאָר שטענדיק מיט אַ ביסל אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, זייטיק, ווי ער זאָל קומען פון אַ ווייטער סודותדיקער וועלט. ער האָט מיר אויסגעזען ווי אַ "משולח", ווי דער "גייער" פון זיינע צויבערדיקע מעשה'לעך, וואָס זוכט זיין ווייטערדיקן וועג.

און אַזוי זייטיק, שטיל און סודותדיק פלעגט ער צוקומען צו מיר און אַ פרעג טאָן:

— וואָס הערט זיך דאָרט?

"דאָרט" האָט ער געמיינט אין ארץ־ישראל, ביי די יידן אויף דער גאָרער וועלט.

זיין פראַגע און זיין גאַנצע געשטאַלט האָבן תמיד אַרויסגערופן אין מיר אַן אומרו, אַ שטיל האַרץ־קלאַפּן. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס פרעגט נישט ער אין זיין אייגענעם נאָמען, נאָר אַלס געהיימער שליח פון אַן אַנאָנימען כלל, פון כל־ישראל.

צי האָט זיך דאָס מיר בלויז געדאַכט? די גאָר לעצטע יאָרן האָבן באַוויזן, אַז די פראַגע האָט דורכן נסתר ווירקלעך געשטעלט דער רוב פון די סאָוועטישע יידן — סיי די, וועלכע זענען זיך היינט אָפן און דרייסט מוסר־נפש פאַר די רעכט צו לעבן און קעמפן מיט זייערע ברידער אין ישראל און אין דער גאָרער וועלט, סיי די, וואָס דער דאָזיקער חלום האָט נאָך נישט דערגרייכט ביי זיי די מדרגה פון קאָנען אָפן און דרייסט פאָדערן זיינע רעכט. אָבער אין די הערצער פון דער איבערוועגנדיקער מערהייט פון די סאָוועטישע יידן האָט דער חלום נישט אויפגעהערט צו לייכטן, ווי דער סנה אין דער מדבר, און זיין שיין האָט זיך פאַרהיט אין די טיפענישן פון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור אין אַלע צייטן.

נייע ביכער

הירש אָשעראָוויטש — **געזאַנג אין לאַבירינט** — לידער און פּאָעמעס. פאַרלאַג "ישראל־בוך" תל־אביב תשל"ז, 315 זייטן. דאָס בוך איז איינגעטיילט אין זעקס לידער־אָפּטיילן.

אַהרן אַלפּרין — **חיים של שליכות** — ביאָגרפיה של ד"ר ישראל גולדשטיין. הוצאת ראובן מס. ירושלים. איבערזעצט פון יידיש ש. שחריה. ביאָגראַפיע פון באַוווסטן ציוניסטישן עסקן און פובליציסט ד"ר ישראל גאָלדשטיין. 382 זייטן.

ב. שלעווין — "**וווּהין גייסטו, דאַניעל?**" ראָמאַן בוך־קאָמיט. פּאַריז 1977. 288 זייטן.

יונה בערקמאַן — **ווייפרייד** — לידער. אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון אליעזר פּינעס־פאָנד. פאַרלאַג י. ל. פרץ. תל־אביב 1977. 160 זייטן.

חיים מאַלטינסקי — **מיין מאַמעס אַנבליק** (לידער) די צווייטע זאַמלונג אין ישראל. פאַרלאַג י. ל. פרץ. תל־אביב 1977. 176 זייטן.

אהרון קושניראָוו

1949—1890

(...) פאַר לעבעדיקע און טויטע
געפאַלן אויף אונדזער חלק
געירשנטע אַלטע הויטן
פון זיך און פון אַנדערע שיילן,
די שפּורן אויף אונדזער וועג
ווערן פאַרצויגן מיט רויכן,
און נאָר די אויגן — זיי לויכטן
מיט אָפּגלאַנץ פון יענע טעג.

פון דער זאַמלונג "ברויז" (1928)

פאַר יוגנט פאַרשייטער און דרייסטער,
וואָס האָט אירע האָפנס
אויף שיפן פון אומזין פאַרביטן,
וואָס דענקט ניט און ווייסט ניט
פון זיכערע רויקע ברעגן, —
וואָס טויגן דערפאַרונג און וויסן
פון אַלטע געמאָסטענע וועגן...

פון מילדע פון זאָרגנדע מוטערשע בליקן
אויף אייביק, אויף אייביק צו שטורעמס זיך ווענדן...
פאַראַן ערגעץ ריזיקע, רייצנדע גליקן,
נאָר ניט אין די פאָטערשע לענדער.

פאַראַן ערגעץ ברייטן און לענגן, און ווייטן —
אויף וועלטן צו שאַפן...
פאַר שיפן פון אומזין פון יוגנט פאַרשייטער —
דאַרטן אַ האַפן!

* *
*

אין ווייטן לאַנד, אין לאַנד געטרוימטן
רוף פון פייערן אויף אַלע ברעגן —
פאַר אַלטער שיף,
וואָס האָט דורך יאַם צעשוימטן
דורכגעטראָגן אירע יוגנט-זעגלען.

אין אַלע שטורעמס איינס נאָר ניט פאַרלירן —
האַרטע שיין פון אומרו און פון שטרעבן.
אַ, יוגנט-זעגלען, פעסטע דרייסטע פירער,
אויף וועגן פריידיקע פון שטרייט און לעבן.
פאַר אַלטער שיף,
וואָס האָט דורך יאַם צעשוימטן
דורכגעטראָגן אירע יוגנט-זעגלען
אין ווייטן לאַנד, אין לאַנד געטרוימטן —
רוף פון פייערן אויף אַלע ברעגן.

* *
*

פון ווייטן אויפגאַנג-לאַנד
ביז גרינע מערב געגנטן,
ווו ס׳גליוועט נאָך דיין רוף
אין רוימען ניט דערוועקטע,
אַ, וויפל אומעטיקע וועגן
קרייצן דורך די ברייט
פון דיינע שטרעקעס.

אַלע, אַלע וועגן
ציען זיך אַזעלכע לאַנגע,

און אַ בענקשאַפט שטייט ניט אָפּ
פון זיי קיין טראַט ניט,
גרויע בענקנדיקע קינדער דיינע
זיינען דאָרט געגאַנגען
און זיי האָבן דאָרטן
זייער מידן קלאַנג צעשאָטן.

ניט דערוואַרט און ניט דערהערט
פון דיינע שטורעם-פערד דאָס טאָפּען,

*   *
*

דורך טירן און פענצטער פאַרקייטלטע
באַלאַגערט, באַלאַגערט מיך האַרבסט,
פון זאַפטיקן, ברויזנדן ווייטיק
וועל איך היינט ניט באַהאַלטן מיין האַרץ.

זאָל אומעט מיך פליקן אויף שטיקער,
זינען, דאָס האָט ניט צו דיר...
פאַר וויַנטן, וואָס קענען פאַרשיכורן
וועל איך ברייט צעעפענען מיין טיר.

1920

*   *
*

אַלץ, וואָס לעבט און אָטעמט אונטער זון דאָ,
איז צו ערד מיט וואָרצלען צוגעשמידט.
מיר זיינען שטייף מיט אונדזער ערד פאַרבונדן
און איר אָטעם לעבט אין אונדזער ליד.

אין אַ צייט פון בויען און פאַרניכטן
זיינען מיר איר ברויזיקער געשריי.
אָט דערפאַר אויף אונדזערע געזיכטער —
ווען אַ שמייכל, ווען צונויפגעקריצטע ציין.

ווען באַגעגענען מיך מיין מאַמע
מיט אַ שטילן און בליענדן וואָרט.

כ'וועל מיין מאַמען איר פרייד ניט פאַרשטערן,
ניט פאַרטונקלען דאָס גליק, דאָס געגאַרטס, —
זיך ניט קלאָגן — פאַרשווייגן, ווי שווער איז
אויף לידער צו בייטן דאָס האַרץ.

וועט זי גיין אויף גאַסן און מאַרקן
און דערציילן פאַר שכנים און פריינט,
אַז איר צאַרטן, איר ליבן אַרקען
האָט גאָט באַהעלט מיט זיין שיין.

שטאַרב, מיין גֶעשריי

אַ מתנה האָפשטיינען

שטאַרב, שטאַרב מיין געשריי, וועסט ממילא
אין הימלען נישט ווערן דערהערט...
נאַכט האָט פאַרמאָסטן דעם מולד,
ווי אַ מעסער איבער האַלדז פון דער ערד.

באַלד וועט שטילקייט זיך אָנהויבן וואַרגן
מיט הינטישן צערייצטן ביל...
אָבער נאַכט וועט נישט אויפהערן הרגענען,
אָבער קיינער וועט נישט קומען צו הילף.

איז פאַר ווענען, פאַר ווענען איצט פאַלט מען
בעטן רחמים פאַר זיך און פאַר אייך,
ווען דערשראָקענע שטערן באַהאַלטן זיך
אין די שטאָלענע קנייטשן פון טייך.

* *
*

טעג און ווינט! איר האָט געוויס פאַרווישט שוין
יענע שפורן אויף די וועגן, ווו ניט לאַנג

האָט אַ וואָיענדיקע קויל געגישטערט
אויף פאַרזיגלען אונדזער אומרויק געזאַנג.

איצטער נייע שפּורן איבער נייע וועגן,
רו און מי האָט אונדזער ליד פאַרשעפּט,
נאָר מיר בלייבן גרייט זיך וואַרפן אין געשלעגן
סיי מיט פויסטן, סיי מיט זינגענדיקע קעפּ.

* *
*

שפּעטער האַרבסט, מיט ווינטן מיך פאַרינגל,
איך און ווינט — געוועז געטרייע ברידער...
איך האָב לאַנג אַזוי שוין ניט געזונגען,
לאַנג אַזוי שוין בענקען נאָך מיר לידער.

גרויסע טרייהייט וויל מיט ווינט ניט הויזן.
אַך, איר לידער, לידער, מיינע יאַטן,
נאָר מיט אייך האָב איך געלעבט דאָך און געברויזט דאָך,
קיינמאָל ניט געפּעלשט אין אייך און קיינמאָל ניט פאַראַטן.

יעדן וואָרט, וואָס איז אי קלאָר, אי וואָגיק,
האָב איך טריי און צאַרט געשענקט מיין ליבע.
ווערטער-בילדער — אינהאַלטפולע לאַגלען,
ווער איז נאָך אַזוי אייך טריי פאַרבליבן!

אַך, מע דאַרף ניט, שפּעטער האַרבסט, זיך מאַטערן
עפּעס אומקערן און עפּעס צו באַנייען.
וועלן מיר דען ניט פאַרגעבן ווערן
מיינע ווינטיקע פאַראַטן
פאַר דער דאַזיקער מיין גרויסער טרייהייט.

* *
*

אויף שלאַכט-פעלדער וויסטע
וואַלגערט איר זיך...
געשאָכטענע
דערשטאָכענע,

מיט אַרויסגעפּאַלענע גדרים
ווי אויף מיסטיקע קופּעס
זשומען אום פליגן אויף אייך,
פאַרקריכן אין אייערע אָפענע מיילער
און לעקן
דאָס פאַרטריקנטע בלוט
פון אייערע שמוציקע וווּנדן.

ציין,
פאַרגליווערטע אין לעצטער אָנשטרענגונג
שטשירען זיך קעגן דער זון,
און זון
פון דער הויך קוקט אַראָפּ
אויף אייך און אויף גרעזעלעך יונגע...
פאַרשניטענע ברידער!
ווער האָט אייך פאַרוּרטיילט?...
אין וועמענס אַ גאַרגל
איינזויגן זיך מיט פאַרגיפטעטע ציין
פאַר שלאַכט-פעלדער וויסטע,
פאַר אייערעליידן...

* *
*

גרויער האַרבסט בייזערט זיך און רעגנט,
קנעט די שטויבן אויף שטאַטישן שטיין...
נעם מיך ערד אויף די הענט פון וועגן
און טראָג מיך אָפּ אַהיים.

כ'האָב פאַרשעפּט היינט פון ווינטישע הויפנס
אַ ווייטן און העלן געררוס.
און איך בענק, און איך בענק ווי אַן עופהלע
נאָך אַ צאַרטער און וואַרעמער ברוסט.

דאָרט, ווו טרעפל פון הילצערנעם גאַניק
האָט שוין לאַנג ניט באַזונגען מיין טראָט,
און ווינטן, פון לינקס און אויף רעכטס,
ווי דעם אומרו ביים זייגער מיך וואַקלט.

איך ווייס, אַז מיין לעצטער געשריי,
וואָס רייסט זיך צו פינצטערע הימלען,
ווי אין וואַסער אַ פאַרוואָרפענער שטיין,
וועט אין חושך מיט קאָפּ זיך פאַרכלינען.

— — — — — — — — — — —

נאָר איך וועל ניט פאַרלעשן מיין ליכט,
מיין טויער פאַר אייך ניט צעפּראַלן!
איז באַלאַגערט מיך, נעכט,
פון פאָרנט, פון זייט און פון נאַקן,

מאָסקווע, 1946

אויף אַן אויפנאַמע אין יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט.
פון רעכטס אויף לינקס: אהרון קושניראָוו, דוד בערגעלסאָן, בן־ציון גאָלדבערג, איציק פעפער, שמואל האַלקין, פרץ מאַרקיש, אברהם סוצקעווער.

יוסף קערלער

הזכרה

(וועגן דיכטער אהרון קושניראָוו)

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער ווי שלמה מיכאָעלס האָט אויף דער בינע פון מאָסקווער יידישן מלוכה־ טעאַטער אַרויסגערופן צום לעבן דאָס אויף ס'ניי אויפ־טרייסלענדיקע געשטאַלט פון שעקספּירס קעניג ליר, האָט אַ באַרימטער רוסישער פאָלקס־אַרטיסט פון מאָסקווער ״מאַלי טעאַטער״ אפשר ניט מיט קיין קלענערער קראַפט צו נישט געמאַכט אַלע ביז־איצטיקע טעאַטראַלע קאַנאָנען און פאַרעלטערטע באַגריפןביים אויסגעשטאַלטיקן זיין ״אָטעלאָ״־ראָל.

דאָס איז געווען דער דאָן שוין ווייט ניט יונגער און לחלוטין טויבער אַלעקסאַנדער אָסטוזשעוו; אָבער ניט זיין פיינפולער מום, ניט זיין באַיאַרטקייט איז נישט געווען צו מערקן בעת זיינע מוסטערהאַפטע האַנדלונגען אין יענעם ספּעקטאַקל, נאַטירלעך ביז געניאַליטעט איז געווען זיין רעאַקציע אויף דער מינדסטער רעפּליק פון בינע־פּאַרטנער; אַפילו מיט דער פלייצע האָט ער בליץ־שנעל זיך אָפּגערופן אויף יעדער וואָרט, געשפּירט אפילו יעדער זשעסט און תנועה פון זיינע מיטשפּילער.

באַוועגט האָט ער זיך יונג, עלאַסטיש און אַ באַפליגלטער פון גרויסער ליבע צו זיין דעזדעמאָנאַ. ס'קלינגט אין מיר ביז היינט די שטים פון אָסטוזשעווס אָטעלאָ. ער האָט ווי אויסגעזונגען יעדער שעקספּיר־פּראָזע און די אומדערהערטע יונגע איינגעהאַלטענע מעלאָדישקייט האָט זיך געדאַכט נאַטירלעכער פון יעדער מין שטייגער־רעאַליזם וועלכער איז געווען כאַראַקטעריסטיש גראָד פאַר דעם טעאַטער אין וועלכן אָסטוזשעוו האָט געשפּילט.

ביז דאַן און אויך איצט טראַקטירט מען דאָס אָטעלאָ־געשטאַלט ווי די טראַ־געדיע פון אייפערזוכט; ווילד־צעשטורעמטע אייפערזוכט פון אַ מאָור, אַ שוואַרצן אַפריקאַנער אין דער ציוויליזירטער ווענעציעלער רעפּובליק...

אָסטוזשעווס אָטעלאָ איז געווען כמעט דאָס איינציקע מענטשלעכע געשטאַלט צווישן די ווייסע וואַנדאַלן פון דער ״פּראַקטיקער ווענעציע״. דאָס איז געווען אַ צערטלעך, אַ פאַרגלויבט און פאַרטרווילעך נאַטור־קינד...

אָסטוזשעוו האָט אויסגעזונגען און אויסגעשטאַלטיקט די גרעסטע טראַגעדיע פון אונדזער (סאָוועטישער)ווירקלעכקייט — די טראַגעדיע פון אָפּגענאַרטן צו־טרוי, פון פאַרשוועכטער ליבע און גרענעצלאָזער טרייהייט.

אין לעבן טרעפן צופעליקייטן, וואָס מיט יאָרן שפּעטער קאָנען זיי אויסזען

*) מאָסקווער מלוכישער (געוועזענער אימפּעראַטאָרישער) אַקאַדעמישער קליינער דראַ־מאַטישער טעאַטער.

ווי סימבאַליש: גראָד אויף יענער פאַרשטעלונג איז מיר באַשערט געווען זיך געזעגנט באַקאַנען מיטן דיכטער אַהרון קושניראָוו און יעדעס מאָל, ווען איך קלער וועגן אים, אַהרון קושניראָוון ז״ל קומט מיר שטענדיק אויפן זינען אַסטור־זשעווס אַטעלאַ־געשטאַלט...

ער איז, ווי מיר דאַכט, מער פון אַלע זיינע מיטצייטלער געווען אַ צערטלעך, אַ פאַרגלויבט און פאַרטרוילעך נאַטור־קינד.

אַזוי איז לעבן אַזוי — אין די בעסטע זיינע דורכדרינגלעכע געשליפענע פּאָעטישע פערזן, פול מיט געצוימטן פלאַמיקן אומרו.

שווערער פון אַלץ איז זיך פאַרשטעלן קושניראָוון, איינעם פון די אייגנאַר־טיקסטע דיכטער אונדזערע, אויסער דער מחנה פון זיין דור, אויסער דעם גאַנצן שעפערישן קאָלעקטיוו פון יידישע פּאָעטן אויף רוסישער ערד — אָנהייבנדיק פון דעם יונג־געפאַלענעם אין בירגער־קריג קעגן די ווייסע און דערפאַר אָפּיציעל קאַנאָניזירטן ״גרונטלייגער פון דער יידיש־סאָוועטישער פּאָעזיע״ — דעם ניט רעאַליזירטן און דאָך וווּנדערלעכן עכט־נאַציאָנאַלן ליריקער אַשר שוואַרצמאַן און ענדיקנדיק לײדער, לײדער און להבדיל מיט דער געגראַמטער ״יידיש־אָפּשטאַמי־קער״ אַנטי־יידישקייט פון... אַ ווערגעליס.

צווישן די אָנגעזעענסטע פון דער קיעווער יידישער שרייבער־גרופּע איז קושניראָוו אפשר דער איינציקער וואָס האָט קיין מאָל ניט פאַרלאָזט סאָוועטן־רוסלאַנד. ער האָט פון סאַמע אָנהייב דורכגעפאַקט און דורכגעמאָזלט אַלע צרות און אַלע אומגליקן פון לאַנד, צוזאַמען מיטן ״פינפשפּיציקן שטערן״, ער האָט פיבערהאַפט געזוכט זיין וועג אין דער דיכטונג און נישט איין מאָל פאַרפלאָנטערט זיך און אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין הייסן שטראָם פון ביי־ליטעראַרישן געווירבל פון פאַרשיידענע גרופּקעס און גרופּקעלעך, וועלכע האָבן פאַרביטערט געראַנגלט זיך איינס מיטן אַנדערן פאַר דער ״פּראָלעטאַרישער העגעמאָניע״ אין דער יידישער ליטעראַטור.

ס׳איז אים, ווייזט אויס, ניט איין מאָל נמאס געוואָרן ביז צו חלשות די געראַנגלענישן און די פּראָווינצעלע קליינלעכקייט פון פאַרשיידענע יעווסעקישע ״אידעאָלאָגן״. און ווער ווייסט, אפשר דערפאַר טאַקע — אַזוי פיל בענקשאַפט אין פיל פון זיינע לידער:

> ״פאַראַן ערגעץ ברייטן און לענגען און ווייטן / אויף וועלטן צו שאַפן... / פאַר שיפן פון אומזין פון יוגנט פאַרשייטער — / דאַרטן אַ האַפן!״
>
> צי: ״אין ווייטן לאַנד, אין לאַנד געטרוימטן / רוף פון פייערן אויף אַלע ברעגן — / פאַר אַלטער שיף, וואָס האָט דורך ים צעשוימטן / דורכגעטראָגן אירע יוגנט־זעגלען.

צי רופן זיך צומאָל ניט איבער די דאָזיקע ״יוגנט־זעגלען״ מיט לערמאָנטאָווס ״איינזאַמען זעגל״ וואָס פלאַטערט אַ ווייסער אין דער ווייטקייט צווישן בלויען ים און הימל?

און צי האָט קושניראָווס ״אומרו״ און ״ברויז״ ניט קיין ווייטע שייכות צום יונג־פאַרשניטענעם רוסישן געניאַלן דיכטער־ראָמאַנטיקער וואָס האָט זיך אויך געשטיקט, וועלנדיק זיך אַרויסרייסן פון דער רוסלענדישערווירקלעכקייט נאָך צוריק מיט אַ יאָרהונדערט: ״און ער, דער מורד, בעט אויף שטורעם, באַגלייך אין שטורעם דאָ איז רו...״.

די פראַגע, יעדנפאַלס איז ווערט מע זאָל זיך גענויער אַריינקלערן אין איר...

קושניראָוו איז בטבע געווען אַ מילדער מענטש, אים און זיין דיכטונג האָט מען ליב געהאַט; מע האָט זיך געפרייט מיט זיינע דערגרייכונגען און שטיל מיטגעפייניקט זיך מיט זיינע דורכפאַלן.

ס׳געדענקט זיך מיר ניט קיין איין מיטצייטלער זיינער, אויך ניט קיין איינער פון שפּעטערדיקן נאָכוווקס, וואָס זאָל געווען אַרויסווייזן אַ שפּור פון גרינגשעצונג צו זיינע פּאָעטישע ״בענטשערלעך״, ווי דוד בערגעלסאָן פלעג מיט ליבשאַפט אָנרופן קושניראָווס מיינסטנס דינינקע לידער־זאַמלונגען.

צו זיין ערשט ״בענטשערל״, וואָס באַשטייט אין גאַנצן פון 37 זייטעלעך אַ. ב. ״וועגט״ (מלוכה־פאַרלאַג יידסעקציע, קיעוו 1921) איז געגעבן בימקום אַ פאָרוואָרט — אַ בריוול פון דוד האָפּשטיין צום מחבר — ״טייערער אַרקע״ אַזוי פאַנגט אָן האָפּשטיין און דערציילט אויף זיין האַרציק באַחנטן אופן וועגן דער ערשטער באַגעגעניש צווישן אים, האָפּשטיינען, שוואַרצמאַנען און קושניראָוון ווען... ״אויף זוניקע וויגן פון אקראַינער פעלדער האָט מיט אונדזערע קינדערשע טעג אַ שטאַרקן שפּיל געטאָן די פאַרפירערישע שטילקייט״... ס׳לוינט זיך אַרויסשרייבן די שורות דירעקט געווענדעט צו קושניראָוון:

״און דיר האָט דאָס לעבן געגעבן גאָר אַ באַזונדער שול פון עכטער ניכטער־קייט... סיביר, רוסישע קאַזאַרמעס, דער נאָך פראָנטן. און אומעטום מיטן ליד, וואָס האָט זיך געטראָגן פון רוסלענדישע טיפן, מיט אָט דעם ליד, וואָס האָט שטענדיק געהאָלפן אַרויסזאָגן גרויסע שותפותדיקע ווייען־פריידן.

געניוג און איבערגעניוג!

האָסט דאָס פולע רעכט מיט דיין זינגענדיקער נשמה פאָדערן ביים לעבן, וואָס האָט אָפּגעזאָגט אין שטילקייט, האָסט דאָס רעכט פאָדערן ביים לעבן עס זאָל ניט איילן זיך מיט זיין צוויטן געשאַנק — פאַרגעסנהייט פון איבערגע־לעבטן...״

די דאָזיקע שורות גיבן אונדז, ווי מיר דאַכט דעם אמתן שליסל צו דער קאָמפּליצירטער דיכטערישער וועלט פון אהרן קושניראָוון. די דאָזיקע האָפּשטיין־ברכה, וואָס באַגלייט אַרויס אין וועג קושניראָווס ערשטלינג איז עכטער און אמתדיקער ווי די יידיש־סאָוועטישע קריטיק — די ״פּראָלעטאַרישע״, די, יעווסעקי־שע פון, לאָמיר זאָגן, יאַשע בראָנשטיין — דעם פּאָנאַטיש־מאַרקסיסטישן, אָבער טייוולאָניש־באַגאַבטן קריטיקער (אויך אומגעבראַכט אין די דרייסיקער יאָרן), ביז דער היינטצייטיקער ״סאָצרעאַליסטיש״־צבועקישער פון ה. רעמעניק.

פאַרשטייט זיך, אַז דוד האָפּשטיין האָט אין זיין שוין דערמאָנטן פאָרוואָרט

צו קושניראָווס ביכעלע "וועגט" געהאַט אין זינען, ניט אַזוי די 15 לידער, וואָס אַט די זאַמלונג אַנטהאַלט ווי די ווייטערדיקע עליה פון קושניראָווס פּאָעזיע... דאָס איז געווען אַ טיף־דיכטערישער כאַטש גאַנץ נעפּלהאַפטער פּאַרגעפיל, אַז ער, קושניראָוו, וועט אונדז ערשט "דערציילן און וועט אונדז באַוווסטיקן פון געשעענעם און פון געוועזענעם".

שוין אין יענעם ביכעלע האָט זיין מחבר דער ערשטער אין דער יידיש־סאָוועטישער דיכטונג געוואַגט זיך אַ קער צו טאָן פון "אומבאַשטימטן דראַנג צו שטורעם" (בראַנשטיין), פון די אַבסטראַקט־דעקלאַמאַטאָרישע "וועגט", "עקראַן" צו דער באַזיניקונג, אַז די אַקטיאַבער־איבערקערעניש איז אייגנטלעך אַ קאָנקרעט־רוסישע דערשיינונג ("ראַסיאַ", "אויף רויטן פּלאַץ, ווו שאַרף פון האַק"...) — אַ געדאַנק, וואָס איז ערשט אָפּיציעל "געכשרט" געוואָרן כמעט מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר שפּעטער. שוין אין "וועגט" איז פאַראַן דער קער פון "פּילטויזנטער בליק פון המון" — פון דער מאַיאַקאָווסקי־פּאַטעטיק, צוריק טאַקע צו רוסלאַנד פון לערמאָנטאָוו און בלאָק און צום דיכטערס "איך" אין אָט דער מדינה — קושניראָווס ריין־יידישער "איך" אין בלוטיקן געווירבל פון דער ריין־רוסלענדישער רעוואָלוציע —

"וואָס בין איך, ווער בין איך און וועמעס, / ווען היינטיקער טאָג איז דער שטאַרקער. / איך וואַרף אייך אין פּנים דעם אמת, / אַז איך בין אַ קעסט־קינד פון מאַרקן. / איר ווייסט דען וואָס הייסט זיך רייבן / ביי טירן פון וועלטישע קראָמען / און שטענדיק און שטענדיק פאַרבלייבן / מיט לײדיקן זאַק פון נשמה". /

און דער עיקר —

"ווי בלייבט מען אין דיין געווימל / איין איינציקער קלאַנג אַ צאַרטער..."

דאָס ליד "ווער בין איך" איז שפּעטער אַריין מיט וועזנטלעכע ענדערונגען אין זיין שטאַרקסטן פּאָעזיע־ציקל "הזכרה", וועלכע זיין עלטערער פריינט דוד האָפשטיין האָט, אַזוי קלערן מיר, אינטויטיוו פאַרויסגעשפּירט.

"הזכרה" איז קושניראָווס פּאָעטישער אויפשטייג אויפן העכסטן באַרג־שפּיץ. אין נאָרמאַלע אומשטענדן וואָלט אויך געדאַרפט קומען אַ צייטווייליקער באַרג־אַראָפּ, אָבער אין ר"פ, אין די צייטן פון "פאַרשטאַרקטן קלאַסן־קאַמף", איז די שרעקלעכע יאָרן פון שטייגנדיקן טאָטאַליטאַרן טעראָר — סיי פיזיש, סיי גייסטיקן האָט געמוזט קומען דער גאָר טראַגישער קלימאַקס פון קושניראָווס דיכטערישער ירידה.

יאָשע בראַנשטיין, וואָס באַצייכנט גראָד די "הזכרה" אַלס "עטאַפּ פון אידעאָלאָגישער ירידה", אַנקניפּנדיק צוערשט אָט די "ירידה" צו דער גאַנגבאַרער דאַן פאָרמול פון דער "מאַרקסיסטישער" קריטיק, וועגן די אַנטווישטע קליינבירגערלעכע ראַדיקאַלן בשייכות מיטן "ראַפּטומדיקן קער פון דער רעוואָלוציע אויף די רעלסן פון נעפּ", גיט אָבער שפּעטער, אַ גלענדנדן און מוטיקן אַנאַליז

פון די אמתע סיבות פון אַט דעם צוריקגאַנג: "נאָך די "טעג פון די פאַנען" זענען געקומען די "טעג פון פּאָגראָמען"... "די יידישע ראַדיקאַלע אינטעליגענץ האָט מיט היתפעלות זיך געוואָרפן אין די אָרעמס פון דער רעוואָלוציע, וועלכע האָט געזאָלט פאַרוויקלעכן אירע נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע אידעאַלן פון אַ "פרייען ייד און בירגער" אָבער דער "ברודער גוי" האָט אַנטוישט"... "די שאַרף פון טרוים" איז פאַרטעמפּט געוואָרן" די "גויאישע" פאַנען האָבן פאַרראַטן: "אויף העלן רוף פון דיינע פאַנען האָב איך מיט לייב און האַרץ געוואָגט, / נאָר האָסט געצלמט מיין עקשנות / מיט צאַרטע פינגער פון אַ האָק..." "די אינטערווענץ פון דער האָק, זאָגט ווייטער בראַנשטיין, דער קאָנפליקט צווישן "מזרח־בלוט" און "ווילדן זאַד פון שנייען" שטעלט פאַר קושניראַוון, ווי פאַר אַ גרויסן טייל פון דער יידישער פּאָעזיע פון יענער קריזיס־צייט, די פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלן קיום אין דער רעוואָלוציע.

דער "אָפּקלאַנג פון שווערע, פון שטייפּע, פון אייזערנע טריט", וואָס קוש־ניראַוו האָט אַזוי ריטאָריש באַזונגען אין "וועגט", ווערט איצט פאַרהילכט דורך אַ צווייטן אָפּקלאַנג, וועלכער קומט פון די טיפענישן פון "מזרח־בלוט":

"אַ קול נאָר הערט זיך אין רמה,
רחל וויינט אויף אירע קינדער..."

און עס ציט צוריק אַ היים, צו מוטערשן "רוף פון פייערן" אויף זיכערע ברעגן...*)

נעמט אַראָפּ ערגעץ ווו די כלומרשט איראָנישע "געענדזנפיסלעך" און ס'־באַקומט זיך אַ גאַנץ אָביעקטיוו בילד פון דעם, וואָס דער זעלבער קריטיקער רופט "אידעאָלאָגישע ירידה", וואָס שייך דער קינסטלערישער מייסטערשאַפט פון דער "הזכרה" איז בראַנשטיין, וואָס איז, דאַכט זיך, באַרופן צו שעלטן לשם מאַרקסיסטישער אידעאָלאָגיע, טוט ער אָבער דאָס זעלבע וואָס אַמאָל בלעם — זיינע רייד זענען פול מיט לויב און מיט בענטשונג: "קושניראַוו דערהויבט זיין דיכטערישע שורה ביז די העכסטע טעכנישע דערגרייכונגען פון אונדזער פּאָ־עזיע... פאַרשטייפט זיין דיכטערישע סטראָפע מיט אַזאַ שטרענגקייט אַז איר קאָנט פון דאָרטן קיין זילב ניט אַרויסוואַרפן...

אַזאַ ראַפינירט פאַרטיפט בילד ווי: "נאָר די טיר פון מיין אייגענעם שבת / האָט וואָך מיט אַ שטערן פאַריגלט" וועט אויף לאַנגע יאָרן פאַרבלייבן אַן אידעאַל פון קאָמפּליצירטן פּאָעטשן וואָרט". און פריער אָנוויזנדיק, אַז קושניראַוו ווערט "צוגלייך מיט האָפשטיינען פאַררעכנט אַלס דער פייאיקסטער באַוואָקסט פון דער יידישער ליריק", פאַרגעסט נישט בראַנשטיין פאַרצייכענען דערביי אַז. "קוש־ניראַוו ווי האָפשטיין זעטיקט אָבער גאַנץ שטאַרק אַן, זיין דיכטערישע שורה מיט אַלטער יידישער קולטור־טראַדיציע, — ס'איז אייגנטלעך אויך אַ מין

*) י. בראַנשטיין "אַטאַקע" ז. 145—146. צענטראַלער פעלקער־פאַרלאַג מאָסקווע־כאַרקאָוו — מינסק, 1930.

„צוריקקער אַ היים" אין געביט פון פּאָעטיק (אַ דערשיינונג, וועלכע איז געווען גאַנץ פאַרשפּרייט אין יענעם נאַציאָנאַליסטישן פּעריאָד פון דער קיעווער ייִדישער פּאָעזיע)"... דאָס שטערט דאָך ניט אונדזער מאַרקסיסטישן קריטיקער אָנערקענען, אַז קושניראָווס „הזכרה" גיט „אַ גלענצנדיקן מוסטער פון פולשטענדיקער קינסט־לערישער גאַנצקייט"... „דאָס שטרענגע און געזעצמעסיקע בילד־וואָרט, די פאַרהאַרטעוועטע ליידנשאַפט פון „האַרבסטיקער בענקשאַפט" — מאַכן דאָס דאָזיקע ליד (גיכער לירישע פּאָעמע) פאַר אַ שעדעווער". *)

וואָס שייך דער היינטצייטיקער עפּיגאָנישער קריטיק פון „סאָוועטיש היימ־לאַנד". חזרט זי איבער גאַנץ בלייך בראַנשטיינס טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיק פון קושניראָוון דעם קינסטלער, אָבער דערביי קומט למשל ה. רעמעניק צו גאָר אַן אויסטערלישן, וואָלט איך אײדל געזאָגט, אויספיר אינטערפּעטירנדיק די „הזכרה" שיער ניט ווי אַן אנטירעליגיעזע פּאָעמע, ווי „אַ געזאַנג, וואָס באַצייכנט אַ שאַרפן קער אין לעבן פון פאָלק, דאָס איז טאַקע אַן אַנטשיידענע געזעגענונג מיטן אַלטן צו וועלכן ס'איז שוין ניט פאַראַן קיין אומקער..." *)

טאַקע נאָר היינטיקע „ייִדיש־אַפּשטאַמיקע" ליטעראַטור־פאַרשונג קאָן זיך דערלויבן אויף אַזאַ משונה־ווילדער טראַנספאָרמאַציע פון „צוריקקער אַ היים" אויף „אַנטשיידענע געזעגענונג מיטן אַלטן"...

קושניראָוו אַליין, דער דיכטער פון געצוימטער און אַ מאָל פּשוט פאַרבאָרגע־נער ייִדישער ליידנשאַפט, האָט זייער גוט געשפּירט, אַז „הזכרה" איז אַ לירישע פּאָעמע, וואָס טראָגט אַ גוואַלדיקן רעזערוו פון נאַציאָנאַלער אנגעלאָדנקייט, דאָס איז ניט „יעדער פולווער־קאַסטן" אין וועלכן ער האָט זיין „זינדיקן, פאַרשטויסע־נעם" און פאַרשייטן קאָפּ" געטראָגן אויף צו שליידערן ווי אַ פונק", — דאָס איז ער טאַקע דער איינציקער פולווער־קאַסטן איבער וועלכן ער האָט טאַקע און באמת געקאָנט פאַרלירן זיין אומרויקן און ברויזיקן קאָפּ אויף שטענדיק...

קושניראָוו דער ייִד האָט שטיל און גליקלעך געוויינט, ווען עמעצער האָט אים בסוד־סודות איבערגעגעבן אַז אין ערגעץ איינעם פון די נייע ייִדישע קבוצות אין דער ווייטער פּאַלעסטינע האָבן חלוצים זיצנדיק ביים שייטער אויף אויסווייניק פאַרחזרט זיין „שטאַרב, שטאַרב מיין געשריי, ווערסט במילא / אין הימלען ניט ווערן דערהערט..." /

און

„צעמאָלט מיך, צעמאָלט ווי אַ קערנדל,
מילשטיינער פון אַלע צייטן,
אויב דורך דעם וועט ווערן נאָר
דער מאָרגנשטערן, ווי אַן עפּל צייטיק".

זיי, די חלוצים, האָבן דאָס אויפגענומען ווי דעם שטאַרקסטן אויסדריק פון

*) דאָרט ז. 147.
*) „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ' 3, 1967. ה. רעמעניק „אונדזער דיכטונג אין נאָכאָקטיאָ־בער־פּעריאָד".

זייער אייגענעם געמיט — אַ מיין ייִדישער גילגול פון עכט־רוסישן קרבנותפולן אידעאַליזם.

קושניראָוו, וועמען מען האָט שפּעטער פּראָקלאַמירט ווי אַ זינגער פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, ווי אַ פאַרגייער פון פעפערן, קושניראָוו דער קאָמוניסט, וואָס איז צייטנווייס אַפילו געווען אַ ״פּירער״, וואָס... האָט זיך געלאָזט פירן, פאַרפירן ביז ער האָט זיך פול שרעק אַרומגעקוקט, אַז דווקא אין דער ״הזכרה״ שטעקט די גרעסטע סכנה ניט נאָר פאַר זיין איבערגעטריבענער פּראָלעטאַרישקייט, נאָר פאַר זיין אייגן לייב־און־לעבן פאַר ״ליבע צו ווייב און צו קינד״ און פאַר ״חברים פון זיין דור״, דער זעלבער קושניראָוון האָט דאָך געלאָזט דרוקן אין מיינסטנס פון זיינע ווייטערדיקע זאַמלונגען די ״הזכרה״ איבערשטעלנ־דיק דאָ און דאָרט אַן אַנדער אויסדרוק אָדער וואָרט, אַריינשטעלנדיק דאָ און דאָרט אַן אַנדער ליד, אָדער גאָר צעשיטנדיק באַזונדערע לידער איבער אַנדערע ציקלען, כדי צו באַשטעטיקן דעם פּאָעטישן טעזיס פון ״איצט זענען מיר באַוואָרנט און באַפרייט פון רוישן צווישן הארבסטיקן געבלעטער״, געווען, הייסט עס, אַ קריזיס, אַ ״ירידה״ אָבער ״איצט זענען מיר באַוואָרנט און באַהיט פון איבערזאָגן שוין געזאָגטע ווערטער״...

ס׳וועט אויף ווייטער און אויף שטענדיק פאַרבלייבן קושניראָווס ״פּאַרשטייפּ־טער פּערז״ זיין געצוימטע לײַדנשאַפט, ס׳וועט ערגעץ ווו נאָך אַ קלינג טאָן דער ליריש־אומאַנזשיניסטישער מינאָר, ס׳וועט פאַרבלייבן די נאָגנדיקע בענק־שאַפט פון ״יוגנט פאַרשייטער און דרייסטער וואָס האָט אירע האָפנס אויף שיפן פון אומזין פאַרביטן״. באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז, אין דעם פּרט די ליד ״אשר שוואַרצמאַן״ (זע די זאַמלונג ״מיזרח און מעריב״ מלוכה־פאַרלאַג ״עמעס״ 1940).

אָבער איצט ווערן די אַבסטראַקטע סימבאָלן פון רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנ־טיק: ווינטן, שטורעמס, ברויזיקע טיפן, יאָגנדיקן אומרו, אייביק־זוכנדיקע שיפן, — באַגריפן אַבסטראַקטע און דאַכט זיך גאַנץ אָפּגעריבענע, וואָס קושניראָוו האָט אַ דאַנק דעם גרויסן כישוף פון פּאָעטיש־תמימותדיקער אויפריכטיקייט און פאַרג־לויבטקייט, אַ דאַנק דער סקולפּטאַרישקייט פון בילד, און געשליפענעם פּערז — אומגעקערט פון באַנאַליטעט צו דער פרישקייט פון ערשט אַרויסגעבראַכטן וואָרט, אָט די סימבאָלן ווערן זינט דעם ליד ״הארבסט״ (1926) אַ ליד אַ ווייטיקפולע וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ מין פאַרענטפערונג, אַז ״יעדער מענטש פאַר בענקשאַפט האָט אין האַרץ אַ נעסט״ און וואָס פאַרמאָגט נאָך אַזעלכע שורות ווי: ״אַ, מיין אַלטע היים צוקאָפּנס פרעמדער גאַס, / ווו הימל האָט געטריפט מיט רו. אויף שטויב פון געסלעך / אַלע שאַרפשטיינער פון ליבע און פון האַס / האָבן אויסגעשאַרפט אויף דיר אַ מעסער״. /

און צי באַוווסטזיניק, צי געצוווּנגען, נאָר דער דיכטער קאָנסטאַטירט: ״ניט צוריק איז בליק מיינער געווענדט איצט / אויף צו זען טייערס און געגאַרטס / און אויף שטילער שיין פון אַלטע פענצטער / ציט מיך ניט צו וואַרעמען דאָס האַרץ״.

אַט ווי רעמעניק וואָלט געווען גערעכט! אַט דאָ האָט דער דיכטער פאַרראַטן זיך אַליין, אַוועק בארג אַראָפּ נישט נאָר פון דער „הזכרה״ נאָר אויך פון זיין „יוגנט פארשייטער״...

און פון דאַנען שוין די אמתע ירידה צו סאָצרעאַליסטישע צייטונגס־באַנאַליטעטן פון אַזעלכע לידער ווי „פרילינג״ „נאָך אַ רייזע״ „באָלשעוויסטיש וואָרט״ „קיראָוו״ „רום פון מיין לאַנד״ „די שטים פון פאָלק״ דער געגראַמטער בריוו־אויסטויש צווישן אים און פעפערן, וואָס וואָלט אויסגעזען צו זיין קאָמיש, ווען ס׳וואָלט געווען בלויז אַ שפּיל אַזאַ, אַ קאָמעדיע, ווען די מחברים וואָלטן דאָס ניט געמיינט גאַנץ ערנסט. ערנסט, טויט־ערנסט ווי די שרעקלעכע גרימאַסע פון יענער צייט...

באַזונדערס טראַגיש איז דער פּרווו פון קושניראָוון אַנצושרייבן אַ פּאָעמע אונטער דעם פיינעם נאָמען „גענעראַלע ליניע״ דאָס ערשטע קאַפּיטל א. נ. „מיין צווייטער העלד״ איז אָפּגעדרוקט געווען אין מאָסקווער ליטעראַרישן אַלמאַנאַך „סאָוועטיש״ (פאַרלאַג, „עמעס״, 1934 / און פאַרמאָגט שוין עלעמענטן פון דעם „נייעם שעפערישן מעטאָד״ פּראָסט־פּשוט — אַ בלייכע קאָפּיע פון פעפערס „מאָנומענטאַלע״ „געוועטן״ „פלאַסטן״, „גרויסע גרענעצן״...

צייטנווייס געפינט ער נאָך אַ באַהעלטעניש „פון טיפער רו״ אין איבערדיכטונגען פון אינטערנאַציאָנאַלע פאָלקלאָר־מאָטיוון און באַזונדערס — סלאַווישע און בפרט רוסישע, וועלכע זענען אים טיף איינגעבאַקן אין האַרץ — די פּראַכטיקע איבערדיגטונגען פון „גצואַנג וועגן איגראַס חייל״ (מיטלאַלטערלעכער רוסישער פאָלקס־עפּאָס), די איבערדיכטונג פון לאָפּע דע וועגאַס דראַמע „שעפּסן־קוואַל״. זיין דראַמאַטישער טאַלאַנט בליצט אויף מיט אַ באַזונדער קראַפט אין דער איבערדיכטונג פון זיין באַליבטן לערמאָנטאָוו, פון יענעמס יוגנטלעכער דראַמע „שפּאַניער״, וועלכע גיט אים אַ מעגלעכקייט ווידער אומקערן זיין טיפסטע ליידנשאַפט צום אייגענעם געדריקטן און געשטיקטן פאָלק ישראל.

צווישן דעם טאַראַראַם פון זיין ביראָבידזשאַנער ציקל „ווייטער מזרח״, קומט אומגעריכט אַ ליד „די סאָסנע״:

„אויף ווילדן פעלדז, אויף העכסטן שפּיץ / אַ סאָסנע שטייט און רוישט. / מיט גרינעם קאָפּ אין קעלט און היץ / פאַר זון פאַר ווינט אנטבלויזט. שוין וויפל דונערס דאָ געקנאַלט / און שטורעמס דאָ פאַרביי / און זי מיט יאָרן זאַט און אַלט, / זי שטייט און רוישט דאָ פריי. /

„נאָר פּלוצלינג בלייבט זי שווייגן שווער / און אָטעמען ניט וואָגט, / זי קוקט מיט שרעק: ווי קומט אַ הער / אַ מענטש... און מיט אַ האַק ? !״ („מזרח און מעריב״).

אַט די ליד טיילט זיך אויס פון דער אויפגעבלאָזענער „ביראָבידזשאַן־עפּאָפּייע״ אין דער יידיש־סאָוועטישער דיכטונג, ווו ס׳ווערט באַזונגען דאָס אויסקאַרטשעווען די ווילדע וועלדער (טייגע). און דאָ... ווי זשע קומט אַהער

אַזאַ דערכדרינגלעכער מיטלייד צו דער סאַסנע, וואָס בלייבט אין איינע שרעק:
"ווי קומט אַהער אַ מענטש... און מיט אַ האַק?!"

דאָס ליד איז דאַטירט: 1938, ווען ערשט ניט לאַנג האָט די האַק זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די סאַמע נאָענטע חברים פון זיין דור — כאַריק, קולבאַק, מאַקס עריק, ליטוואַקאָוו, בראַנשטיין און נאָך און נאָך...

און אפשר איז דאָס אַ רמז אויף די ווייטער קומענדיקע טראַגישע געשעענישן, ווער ווייסט? און...

אין 1939 — 1940 שרייבט ער אַן זיין דראַמאַטישן פּאַלסיפיקאַט "אין אַ וויגע", ווו ער אידעאַליזירט די שטורמישע רעוואָליוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט" פון איינעם אַ... יונגן יוסף דזשוגאַשווילי (סטאַלין) —

אַזאַ מין פאַרשוועכונג פון אייגענער "יוגנט פאַרשייטער און דרייסטער" איז, בין איך זיכער, אַן אָנגעצוואונגענע טאַקע אויס מורא פאַר דער בלוטיקער האַק פון זעלבן דזשוגאַשווילי.

מיר ווייסן נאָך פון דוד האָפשטיינס שוין דערמאָנטער הקדמה צו "ווענט", אַז שוין דאַן, ביים סאַמע אָנהייב פון קושניראָוס דראַמאַטישן דערנער-וועג אין דער יידישער דיכטונג אויף רוסישער ערד, האָט ער, דער דיכטער שוין געהאַט הינטער זיינע פּלייצעס אַ שווערע און אַ העלדישע לעבנס-דערפאַרונג: "סיביר, רוסישע קאַזאַרמעס, דער נאָך פראָנטן". פונקט ווי זיין יוגנט-חבר אשר שוואַרצמאַן האָט ער פריער אָנטייל גענומען אין דער ערשטער וועלט-מלחמה, דער נאָך זיך אַנגעשלאָסן אין בירגער-קריג טאַקע אויף איין פראָנט מיט שוואַרצמאַנען אין די שלאַכטן קעגן די ווייס-פּאָליאַקן.

ערגעץ ווו, אין באַזונדערע לידער איז די דאָזיקע דערפאַרונג קוים קוים רעאַליזירט געוואָרן, ווייל צו פיל האָט זיך "געצאיילט דאָס לעבן", לויט האָפּש-טיינס אויסדרוק, און קושניראָוו איז גראָד ניט געווען פון יענע פּאָעטן, וואָס האָט צו אַזאַ צייט געקאָנט פאַרדייען אַלץ וואָס דאָס לעבן האָט פאַרקאָכט... אומזיסט איז געווען זיין דעקלאַראַטיווע בראַוואָדע, מיט וועלכן ער הייבט אָן זיין ציקל "רוף" אין דער זאַמלונג "ברויז" (1928).

ווייל צו די, וואָס קומען צו דער צייט
ווייל צו די, וואָס האָבן ניט פאַרשפּעטיקט

די יידיש-סאָוועטישע ליטעראַטור-קריטיק האָט מיט גרויס היתפּלות אויפגע-נומען די דאָזיקע בראַוואָדע אַלס באַווייז ווי סאָוועטיש-פאַרגעשריטן, ווי פאַר-טייאיש, אונדזער קושניראָוו איז געווען, ברענגענדיק אַלס באַווייז די "סאַצרעאַ-ליסטישע" באַנאַליטעטן וועגן וועלכע מיר האָבן שוין דערמאָנט און וועלכע זענען צו אונדזער מזל נישט צו פיל פּראָדוצירט געוואָרן דורך דעם גרויסמייסטער פון דער יידישער דיכטונג.

יאָ, דאָס לעבן האָט זיך געצאיילט מיטן "צווייטן געשאַנק — פאַרגעסנהייט פון איבערגעלעבטן". קושניראָוו איז גאָר זעלטן "געקומען צו דער צייט". ער

האָט אָבער אַ פּאָר מאָל איבערגעיאָגט די צייט. באַזונדערס מיט זיין אומשטער־בלעכער "הזכרה".

און דאָס איז שוין "געננג און איבערגעננג!" און דאָס לעבן האָט ווייטער געיאָגט אין האַלדז־און־אַקן און אָט ברעכט אויס די צווייטע וועלט־מלחמה דער דאַן שוין באַיאָרטער אהרון קושניראָוו וואַרפט זיך פּרייווילליק אין די שלאַכטן קעגן נאַציזם, ער גייט אַוועק אויף דער פראָנט־ליניע, אין סאַמע פייער. ער האָט זיך העלדיש געשלאָגן ניט נאָר פאַרן יידישן פאָלק, וועמען די נאַצי־דייטשן האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אויסצומאָרדן. ער האָט אויך געקעמפט פאַר דער רוסישער ערד, וועלכע ער האָט ליב געהאַט בלב ונפש...

ערגעץ אין אַ פּראַסטיקן פעברואַר 1942 האָבן אין די בריאַנסקער וועלדער אַרומגעוואָגלט רעשטן פון די אַרומגערינגלטע און צעשמעטערטע דורכן שונא, סאָוועטישע אַרמיי־טיילן. פאַרפרוירענע הונגעריקע, באַוואַקסענע אַנגעטאָן אין צעשליסענע שמאַטעס...

מיינסטנס פון זיי האָבן שוין לאַנג פאַרוואָרפן זייער געווער און געשטרעבט זיך איבערגעבן אין געפאַנגענשאַפט צו די דייטשן.

איינעם אַן עלטערן שוין אָבער ענערגישן פאָלקאָווניק צוזאַמען מיט אַ קליינער גרופּע באַוואָפנטע אָפיצירן, האָט זיך איינגעגעבן צונויפזאַמלען אַ גאַנץ היפּשע טייל פון אָט די דעמאָראַליזירטע און איבערגעלאָזטע אויף הפקר סאָוועטישע סאָלדאַטן. אויסגעשטעלט זיי אין אַ שערענגע האָט דער אַלטער פאָלקאָווניק באַ־פוילן:

— זאָלן אַרויסטרעטן פון דער ריי די, וואָס ווילן מיט שלאַכטן זיך דורכברעכן צו אונדזער אַרמיי.

קיינער האָט זיך פון אָרט נישט גערירט.

— פאַרטיי־מיטגלידער און קאָמסאָמאָלצעס — איין טראָט פאָרויס!

קיינער האָט זיך פון אָרט נישט גערירט.

מיט צאָרנדיקער לײדנשאַפט האָט שוין דער פאָלקאָווניק ניט באַפוילן אויף די הויכע טענער, נאָר איינגעהאַלטן, כמעט שעפּטשענדיק אַ פרעג געטאָן: — צי דען איז צווישן אייך נישט פאַראַן קיין איין עכטער רוס, וואָס איז גרייט זיך מקריב זיין פאַר רוסלאַנד?...

און דאַן איז אַרויסגעטראָטן דער ערשטער — אַ גרויליעכער, אַ נידעריקער מאַן און קענטיק, לויט די כוחות, ניט קיין גרויסער גיבור. דאָס איז געווען דער יידישער דיכטער אהרון קושניאָוו...

איינע פון זיינע שלאַכט־אויסצייכענונגען האָט דער דיכטער באַקומען, ווייל ער איז געווען צווישן די ווייניקע, וואָס האָבן זיך צוזאַמען מיט יענעם פאָלקאָווניק דורכגעבראָכן צו די פאָדער־ליניעס פון דער סאָוועטישער אַרמיי. דער קאַפּיטאַן קושניראָוו האָט דערביי באַוויזן אַרויסצוטראָגן פון דער פיינטלעכער אַרומרינגלונג אַן איבערפולטן פלאַנשעט מיט וויכטיקע אָפּעראַטיווע שטאַבס־דאָקומענטן.

וועגן דעם האָבן געוווּסט זייער פיל יידישע און רוסישע שרייבער. וועגן דעם האָט אָבער קיינער קיין מאָל ניט גערעדט און ניט געשריבן. מען האָט זיך בלויז געשעפּטשעט אין די ווינקעלעך, ווייל ס׳איז דאָך געווען אַ געפאַר צו זאָגן אַז אַ ייד האָט געקאָנט זיין מער פּאַטריאָט פון פיל רוסן...

צווישן די לעצטע לידער קושניראָווס לויכט זיך פאַרצייכענען זיין זאַמלונג „פּאַטער־קאָמאַנדיר" (אָגיז, מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס 1948). מלחמה־לידער, געלייטערטע אין טיפסטן צער, געשריבן אין אַ שטילן דורכזיכטיקן מינאָר — „פּאַטער־קאָמאַנדיר", „סאָלדאַטישע פיס" „קיינעמס ערד", „אומהיימלעכע מלחמה", וועגן דעם געפאַלענעם זון „יוניק" „ליבע צו ווייב און צו קינד" „די מוטער רחל" — לידער, וואָס לאָזן זיך אַזוי גרינג נישט פאַרגעסן.

און דאָס לעבן האָט ווייטער געיאָגט. 1949. איצט איז אהרון קושניראָוו שוין לאַנג נישט קיין רעדאַקטאָר פון אַלמאַנאַך „היימלאַנד": דער 8ער נומער איז ליקווידירט געוואָרן צוריק מיט אַ יאָר, צוזאַמען מיטן פאַרלאַג „עמעס". דער מו־טיקער גוואַרדיע־קאַפּיטאַן אהרון קושניראָוו שלעפּט זיך אום ווי אַ שאָטן — אַן אַלטער צעבראָכענער ייד. אַלע חברים פון זיין דור האָט מען שוין לאַנג צוגענומען — וועמען אויף קנעכטשאַפט און וועמען אויף אומקום... אַפילו פיל יינגערע פון אים האָט מען שוין אַרעסטירט.

אין אַ קילן רעגנדיקן טאָג האָב איך אים צופעליק באַגעגנט ניט ווייט פון שרייבער־הויז אויף וואָראָווסקי־גאַס, געהויקערט, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָלנער, אַ שוץ פאַר רעגן און ווינט.

— האַ? — האָט ער פאַרווונדערט אויפגעהויבן אויף מיר זיינע אויגן און אַ צעפּייניקטן שמייכל געטאָן:

— גוט וואָס מע טרעפט נאָך אַ היימיש פּנים... און כמעט מיט אַ מין איינגעהאַלטענער כליפּעריי:

— אָבער פאַר וואָס קומען זיי ניט נאָך מיר, קערלער? כ׳בין דען ערגער פון אַלע מיינע פריינט? בין איך דען אַזאַ אויסוואורף?...

אַזוי אנערעך האָט ער צו מיר גערעדט און איך געדענק שוין ניט, צי האָב איך אים געהאַט וואָס צו ענטפערן.

מער האָב איך אים שוין ביים לעבן ניט געזען. דערציילט האָט מען מיר שפּעטער, אַז דעם טאָג ווען מען האָט אים אַרויסגערופן אויף אַ פאַרטיי־פאַרזאַמ־לונג, וווּ מען האָט באַדאַרפט באַהאַנדלען די פראַגע וועגן די „שונאים פון פאָלק" צווישן די יידישע שרייבער, האָט ער בעת עסן פרישטיק צעבראָכן די ציין־פּראָטעזע און ווען זיין פרוי ליובע האָט זיך שטאַרק געערגערט, האָט ער מיט פאַרלייכטערונג זי געטרייסט: נאַרעלע, דאַנקען גאָט — נישטאָ מיט וואָס צו ריידן...

און ווען אויף דער פאַרזאַמלונג האָט מען אים אַרויסגערופן צום פּרעזידיום־טיש: זאָל ער טאַקע זאָגן, ער, דער „קאָמוניסט", ער, דער יידישער שרייבער, ער

דער ייִד, וואָס איז אַזוינס געשען מיט די שרייבער פון זיין נאַציע זיי זענען דאָך אַלע זיינע נאָענטע חברים געווען...

איז ער, קושניראָוו אַרויס אַ בלייכער, האַלטנדיק אין איין האַנט דעם צעבראָכענעם פּראָטעז און מיט דער צווייטער אָנווייזנדיק אויפן אַנציינקן מויל:
— נישטאָ מיט וואָס צו ריידן...

אין זאַל איז אויסגעבראָכן אַ ווילד געלעכטער. דער דיכטער האָט זיך אַ וואָקל געטאָן און זיך אָנגעכאַפּט ביים האַרץ...

געשטאָרבן איז ער, דאַכט זיך, דעם זעלבן חודש. געשטאָרבן דערפאַר, ווייל מען האָט אים צו דער צייט ניט גענומען אין אַרעסט, גלייך מיט אַלע גרויסע יידישע דיכטער אויף דער ליבער און פאַרשאָלטענער רוסישער ערד.

פון אַלמאַנאַך צו אַלמאַנאַך...

אויפנאַמע לכבוד יהודה עלבערג

אין הויז פון אסתר און לייב ראָכמאַן איז פאָרגעקומען אַן אויפנאַמע פון ירושלימער שרייבער לכבוד יהודה עלבערג פון קאַנאַדע, צו זיין באַקומען דעם היי־יעריקן מאַנגער־פּרייז פאַר אַ יידיש־שאַפער אין חוץ־לארץ.

געעפנט די מסיבה, וואָס איז פאָרגעקומען אויך מיט דער באַטייליקונג פון אַ גאַנצע ריי העברעישע שרייבער פון ירושלים, האָט לייב ראָכמאַן און דער נאָך האָט זיך אַנטוויקלט אַן אינטערעסאַנטער שמועס נישט בלויז וועגן דער שאַפונג פון יהודה עלבערג נאָר אויך וועגן דער ראָל און פאַרנעם פון דער הײנטצייטיקער פּראָזע בכלל. אינעם דאָזיקן שמועס האָבן זיך באַטייליקט פּראָפ׳ דב סדן, זיאַמע טעלעסין, און מאיר חרץ. יוסף קערלער האָט לכבוד דעם גאַסט געלייענט פון זיינע לעצט־אָנגעשריבענע לידער. מיט אַ רירנדיק שלוס־וואָרט איז לסוף אַרויסגעטראָטן יהודה עלבערג וואָס האָט האַרציק באַדאַנקט פאַר דער וואַרעמער חברישער אויפנאַמע.

אויפנאַמע פון פּען־קלוב לכבוד לייב ראָכמאַן

אין דער היים פון די שרייבער פועה און חיים תורן אין ירושלים איז פאָרגעקומען אַן ענגע מסיבה לכבוד לייב ראָכמאַן צום דערשיינען פון זיין בוך "מיט בלינדע טריט איבער דער ערד" אין דער העברעישער איבערזעצונג פון אַ. ד. שפּיר. פאַרלאַג "עם־עובד". געעפנט די מסיבה אין נאָמען פון פּען־קלוב האָט חיים תורן מיט אַן אָפּשאַצונג וועגן דער אייגנאַרטיקייט פונעם דאָזיקן פּראָזע־ווערק וואָס איז אין דער קלאַסישער איבערזעצונג אַ גרויס קולטור־ווערט פאַר אונדזער ליטעראַטור. אַ לענגערע אָפּהאַנדלונג האָט דערנאָך געגעבן פּראָפ׳ דב סדן. גערעדט האָבן אויך די שרייבער אריה ליפשיץ, שלום קרעמער, עליע שעכטמאַן און יהודה עלבערג. דער איבערזעצער חנוך קלעי האָט זיך באַזונדערס אָפּגעשטעלט אויף די פּראָבלעמען פון איבערזעצונגען פון יידיש אויף העברעיש. לסוף האָט לייב ראָכמאַן געענטפערט מיט אַ וואָרט וועגן זיין שרייבערישן קרעדאָ.

שמואל האַלקין

1960—1897

באַרויק זיך, מיין פריינד, קיין ציטער
כ׳וועל ניט טאָן,
ווען איך וועל אויספילן דעם פסק פונעם
גערינבט ;
כ׳האָב זיך צו אים געגרייט, כ׳האָב זיך
אויף דעם געריכט —
ניט יעדערער אַ טויט זיך אויסקלייבן ער
קאָן.
און מיר, זוי האָבן פאָרט אין דעם געטאָן
צו ליב, —
זאָל זיין פון זייער שוואכקייט, ניט פון
גרויסמוט וועגן, —
אלץ איינס, דו זעסט, ווי רויק כ׳גיי דעם
טויט אַנטקעגן . . .

פון די ערשטע און פון די לעצטע לידער...

*　*
*

ווען איך ווייס ווי אַזוי ענפערט מען אַ וועלט,
וואָס האָט איצט טענות צו אַ מענטשן . . .
און איך — איך קאָן נאָר בענטשן,
אַ ברכה ליגט מיר אויפן צונג.
נאָר איצט בין איך נאָך יונג,
ווי קאָן איך אָפּטאָן אַזאַ זאַך
אין מיטן העלן טאָג
פאַר זון פאַר הויך,
אַז אַלע זאָלן זען
ווי איך אַ אינגסטער צווישן זיי
זאָל עפענען אַ מויל.

אויף גרויסער וועלט —
פֿאַרנאַכט,
ווען זיין איך וועל
מיט דיר אַ, וועלט,
נאָר אויג אויף אויג
באַנאַנד,
וועל איך אויף דיר אַרויפֿלייגן מיין רעכטע האַנט...

* *
*

די ליפּן ביים טאָטן, ווי עמיצן בענטשט ער,
די אויגן צום האַרט-גרינעם מערב געהויבן,
די טויט-קאַלטע פֿאַרהיינגלאַך ער הייבט אויף פֿון פֿענסטער
ווישט אויס מיט די פֿינגער פֿאַרלאָפֿענע שויבן...
צוויי שטערן — צוויי שפּילקעס אין הימל פֿאַרשטאָכן,
באַזילבערטע בלאָטעס צעגרייזלען די זשאַבעס,
אָ, זאָל מען דעם טישטוך ניט לייגן דעם וואָכיקן —
זאָל דאָ נאָך בלייבן אַ זכר פֿון שבת...

1922

ווי וואָלט איך לעבן דאָרט?

ווי וואָלט איך דאָרט אָן גרויסער ליבשאַפֿט קאָנען לעבן?
פֿון שענסטער ברודערשאַפֿט ווער וואָלט פֿאַרפֿולט דאָס אָרט?
וו ס'האָט געררוישט אַ וואַלד, איז איצט אַ מדבר דאָרט,
און איך — אויף מענטשן-שפּראַך כ'וואָלט דאָרטן ניט געטאַרט
דעם דור פֿארשניטענעם מיין תּיקון געבן
און אָפּשטעלן מיט געוואַלד מיין לעבן — כ'וואָלט אַ מאָרד
באַגיין, וואָס קיינער וואָלט מיר אפשר קיינמאָל ניט פֿאַרגעבן.

ווער וואָלט געגלייבט: אין ליבן רינג פֿון פֿרוי און קינדער —
אָן אבל בין איך, און אז עס זויגט מיין מאַרך אַ שלאַנג:
אז אפשר, גאָט ווייסט ווו, פֿאַרדאַרבן איז מיין גאַנג,
און אפשר ערגעץ-ווו געבליכן כ'בין אַהינטער,
און ס'איז מיין אָטעם לופֿט ניט ערלעך אַ פֿאַרדינטער,

אויב איך בין ניט מיט די, וואָס זענען אָפּ אויף לאַנג
אין לאַנד פון שניי און וויי און גרווילנדיקן ווינטער.
די לעצטע זענען אָפּ — ס'האָט זייער טראָט פאַרשלונגען
דאָס אייביקע געטופּ פון פיס, וואָס לעבן הייסט,
און ווי יתומים ווי פאַרשעמטע, ניט געטרייסט —
די לידער זייערע, וואָס האָבן אַזוי דרייסט געקלונגען,
אַוועק אין קלעם אויף קיינמאָל ווערן אויסגעלייזט,
און אַלע זייערע די שענסטע בעסטע טואונגען —
פאַרשוואַרצט, פאַרמעקט, פאַרעכנט זיי פאַר אַלדאָס בייז...

איז ווי וואָלט איך דאָרט עפּענען דאָס מויל צו זאָגן:
גוטמאָרגן, קינדער, אייך; גוט אָוונט, ליבסטע פרוי.
כ'וואָלט ווי אַ באַרג געשטומט, און ווי אַ פעלד אַן טוי
געוועלקט, און אויב אַ קוואַל וואָלט זיך אַדורכגעשלאָגן,
אַ שטראַלנדיקער קוואַל — ער וואָלט געוואָרן גרוי,
פון קוק מיינעם אויף אים — ער וואָלט פאַרקילט אַזוי,
אַז ער וואָלט שפּילעוודיק זיך ווייטער נישט געטראָגן:

מיין וועלט איז חרוב, און כ'זע זי ניט אין אויפגעבוי.
כ'וואָלט דאָרט געזאָרגט: ווער וועט דעם גרונטשטיין לייגן ווידער?
די זיילן שניצן, פענצטער שניידן צו דער זון?
און איצט אַ לויב צו גאָט, איך בין באַפרייט דערפון:
איך שפּאַן אין יאָך מיט אַלע מיינע פריינט און ברידער,
און גרינגער ווערט מיין צער און לינדער איז מיין וויי;
און ס'טרעפט, איך זאָג צו זיך אַליין און אויך צו זיי,
אַז אונדזער גרויסע בראָך אַמאָל מיר טוט ניט באַנג.
ווייל די, וואָס זייען איצט מיט טרערן דעם פאַרזיי —
זיי זייען זיך דאָס רעכט צו שניידן מיט געזאַנג.

ס'האָט די קלעם מיך ניט צעבראָכן

איך וועל נאָך אַמאָל דערלעבן
יענע גוטע שעה
ווען כ'וועל דיר אַן ענטפער געבן:
לאַנד מיינס, איך בין דאָ!

כ'בין נאָך אויף דער ערד פאַרבליבן,
ס'אָטעמט נאָך מיין דיך —

אויף צו לעבן, אויף צו ליבן,
אויף צו לויבן דיך.

ס׳האָט די קלעם מיך ניט צעבראָכן,
ניט געמאַכט מיך קליין,
כ׳בין ארויס מיט אַ נצחון
איבער זיך אליין.
כ׳האָב דאָ דיינע פיינט געטראָפן,
שונאים — ניט פון היינט;
קאָפּ צו קאָפּ בין איך געשלאָפן
מיט די ערגסטע פיינט.

און גאנצפרי אויף ס׳ניי באַגעגנט
זיי אויף יעדן קער:
ווען דו האָסט קיין אַנדער וועג ניט —
מוז דיין וועג זיין דער.
ניין, צו זיי כ׳האָב ניט געטהנעט —
צעפּיל זיך געשעצט;
זייער שאָטן אויף מיין שיין האָט
זיך ניט אָפּגעזעצט...

כ׳האָב דאָ דיינע פריינט געאַרעמט,
ס׳האַרץ זיי אויסגערעדט:
איינע — האָבן מיך דערוואַרעמט,
אַנדערע — געפּלעט.

עלטסטע פריינט — די קעפּ געבויגן
און ביז בלוט — געקלעמט:
איין די צווייטע אין די אויגן
קוקן זיך געשעמט...

זייער וויי פלעגט מיך באַצווינגען.
מיט פארפרעסטע ציין,
אָנשטאָט וויינען פלעג איך זינגען,
זינגען ביז געוויין.

זי — מיין לעבן האָט געלייטערט,
זי — מיין ריינסטע ליד,
אל דאָס שלעבטס פון מיר דערווייטערט
און מיך אויסגעהיט

פון פאַרצווייפלונג, פון שגעון,
מיר געשטאַרקט די הענט,
אין די פינצטערסטע פון שעהן —
צו דיין ליכט געווענדט.

איך זאָל נאָך אמאָל דערלעבן
יענע גוטע שעה,
ווען כ'וועל דיר אַן ענטפער געבן:
לאַנד מיינס, איך בין דאָ.

1952

"יוגנט, יוגנט..."

הינטער קיעוו 1917. פון לינקס — די יונגע דוד האָפשטיין און אָשר שוואַרצמאַן צווישן פריינט און פריינדינס.

אין יאָר 1921 האָט האָפשטיין דערמאָנט זיין געפאַלענעם יוגנט־פריינד: "זאַרגלאָז, ווילד האָט אַ זינג געטאָן אשר שוואַרצמאַן און ניט באַוויזן פאַרשרייבן דאָס געזאַנג — מיט פאַרעקשנטער הכנעה איז ער אַריין אין קאַזאַרמע זיך געברידערט מיט גרויע רייען, פאַרשווענדעט כוח אין דאָרפישע געוועטן, אין דרעסירן ווילדע פערד..."

אשר שוואַרצמאַנס "אַלע לידער" זענען דערשינען שפּעטער אין קיעוו 1923.

ד. האָפשטיין

יאָרן
(פראַגמענט)

אַ קורצע הקדמה

זעלטן ווער עס ווייסט, אַז דוד האָפשטיין האָט געשריבן אויך פּראָזע.

זיינע ערשטע פּראָזע־נאָטיצן "אין יענע טעג" און "פרימאָרגן" זענען געוועזן אָפּגעדרוקט אין מאַרץ 1918, אין דער קיעווער צייטונג "אין אונדזער צייט".

דאָס אויטאָביאָגראַפיש ביכל "פון קינדער־יאָרן" איז דערשינען אין קיעווער פאַרלאַג "קולטור־ליגע" 1920.

"קינדער פון יידישן דאָרף" — אַזוי האָבן געהייסן די פּראָזע־פאַרצייכענונגען אינעם זשורנאַל "סאָוועטישע ליטעראַטור" נומ. 9, קיעוו 1941.

נאָך דער מלחמה, אין יאָר 1946 האָט האָפשטיין דורכן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט געשיקט אין "איקוף" אַ זאַמלונג זכרונות וועגן זיין היים־שטאָט קאָראָסטישעוו. דער כתב־יד איז אָבער אַהין ניט דערגאַנגען, מעגלעך, אַז מע האָט אים אפילו ניט אָפּגעשיקט.

די אויטאָביאָגראַפישע קאַפּיטלעך "יאָרן" (געדרוקט אינעם זשורנאַל "פאַרמעסט" אין יאָר 1935, זענען אַן אָנהייב פון אַ גרעסערער זאַך, וואָס האָפשטיין האָט, ליידער, ניט פאַרגעזעצט.

וועגן זיין אַרבעט איבער "יאָרן" האָט ער דערציילט אין "יונגע גוואַרדיע" (נאָ־ועמבער 1935) א.נ. "איבער וואָס אַרבעט איך".

פייגע האָפשטיין



מאָסקווע, 1922, פון רעכטס אויף לינקס: דוד האָפשטיין, פייגע האָפשטיין, מלכה רזיכל, אהרון קושניראָוו.

מיט אַכט און דרייסיק יאָר צוריק איז דער העלד פון מיין ווערק געבוירן געוואָרן. האָט ווי איך זע אים, דעם פרימאָרגן, ווען זיינע עלטערן האָבן געקלערט, וואָס פאַרא נאָמען אים געבן.

זיי האָבן רויק געקלערט, דערפאַר מאָל איך אַזוי רויק דאָס בילד פון דעם פרימאָרגן.

אַ קאַלטער רויטער פאַס האָט קוים פאַרזוימט דעם הימל. די נעפּלען אויף די פעלדער האָבן אָנגעהויבן זוכן נידעריקע פאַרבאָרגענע ערטער. אַ יונג האָרבסטיק ווינטל האָט זיך אויפגעכאַפּט.

דאָס ווינטל איז געווען אַ קאַלטס, אָבער פאַרט אַ יונגס — און ס'האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך.

ס'האָט אַ שוועב געטאָן איבערן פּוסטן פעלד, אַדורכגעשניטן דעם ברייטן שליאַך, אַ קנייטש געטאָן דערביי אַ טונקעלע קאַליוזשע און אַוועק אַראָפּ, אַראָפּ...

דאָרטן, אין טאָלעכל, האָבן זיך פונעם נעפּל אַרויסגעזען אַשגרינלעכע אַטשערעטינעס, דאָס ווינטל האָט געטריבן אַ נעפּל-קנויל און אַ שאָר געטאָן איבערן אַטשערעט...

פור—ר—ר—ר...

אַ געזינדל קוראַפּאַטקעס, וואָס האָט אין דער נאָענט גענעכטיקט האָט שווער אויסגעשאָסן אין דער בלוי-רויטער הייך און איז באַלד פאַרשווונדן געוואָרן...

און דאָס ווינטל האָט אויף אַ ווײַלע פאַרלאָרן זיין גאַנצע שטיפערישע תקיפות און איז שטיל געבליבן...

פון וואַלד האָט זיך אָנגעטראָגן אַ האַרט טופּען און ווען-ניט-ווען אַן אייזערנער קלונג. קליינע פויערישע פערדלעך האָבן אין קייטן-פּענטע גענעכטיקט אויף אַ שטיקל ניט לאַנג אַראָפּגענומענער פּראָסע, און מע פירט זיי איצט אַהיים אין נאָענטן דאָרף.

האָט זיך גאָר פאַרטראַכט דאָס ווינטל, דעם אָטעם פאַרכאַפּט און געקלערט ווי טיף אין וואַלד קלאַפּט זיך אָפּ דער לויטערער קלינג-קלאַנג...

פון מזרח איז דערווייל אַ רויטע, אַ ביסל פאַררייכערטע זון אַרויס, אַלצדינג אויפן פעלד האָט זיך צו איר נאָך אין האַלבשלאָף אויסגעקערעוועט. די נעפּלען זענען זיך צעשוווּמען און אין גאַנצן פאַרשווּמען געוואָרן...

עדגעץ נאָענט האָט זיך דערהערט אַ גערודער.

צווישן צוויי הויכע מעזשעס, אויף אַ צעגראָבן פּאַסיקל ערד, צווישן צוואָר־פּענע קאַרטאָפל-הודענעס ליגט אַ ליידיקער זאַק פאַרקנייטשט און אין אָנמאַכט. אַ חנעוודיק פויעריש מיידל —

ווי קומט זי אהער? — נעמט פון אַקסל אַראָפּ אַ לובן קיישל פון וועלכן סע קוקט אַרויס דער העלער שאַרף פון אַ סאָפּקע... אַ וואָרף געטאָן דאָס קיישל אויף דער ערד, פאַרהויבן די הענט, זיך א צי געטאָן אַנטקעגן דער יונגער זון.

האַ־האַ־האַ האָט אַ געשמאַקן גענעץ געטאָן. אַ גאַנץ שטיק פּעלד אַרום האָט זיך אויפגעכאַפּט.

פון יענער זייט וואַלד ביי אַ ניי דורכגעריבענעם וואַלד־וועגל, האָט אין דער צייט אַן איינזאַמע יידישע שטוב, וואָס אַלע דאָ ארום האָבן זי "האַדיכער קאַנטאָר" גערופן, נאָך פון דער נאַכט געקוקט מיט פאַרגעסענער לאָמפּנשיין דורך מידע געל־בלויע פענצטער.

אַ גאַנצע שטערנדיקע נאַכט האָט די טיר געפּראַלט, ס׳האָט געסקריפּעט די הויכע קאַראַמיסלע פונעם ברונעם און די שוואַרצע וואַסער אין אים האָט אויסגעוויגט א הויכן שטערן... אָט האָבן ווידער איינס נאָך אַנאַנדער ביידע קליאַמקעס אָפּגעקלונגען. פון שטוב איז אַרויס די ניט־אויסגעשלאָפענע יאַוודאָכע, געטראָגן פאַר זיך אַ מולטער מיט היי. זי איז אין שטוב און דאָס אַרומגעוואַלגערטע שטעלכל אַרומגעגאַנגען און פון דער מולטער דאָס היי אין אַ זאַמדיק גריבל אַרויסגעשאָטן. זי האָט מיטן פוס דאָס גריבל פאַרשאַרט, אַ רגע געשטאַנען, ווייט איבערן שפּיץ פון דער וואַלד־וואַנט געקוקט, אַ ציטער געטאָן מיטן גאַנצן רייפן צעשווימענעם קערפּער און פאַמעלעך צוריק געגאַנגען אויף אייגענע שוואַרצע טריט צווישן גרויע טוי־זוימען.

אין שטוב, אין ערשטן, צערודערטן אַנגעשטעלטן צימער, האָט שוין אַ שעה צייט היין און צוריק געשפּאַנט נחום דעם קאָסיר. צווישן אבי־ווי אוועקגעשטעלטן איבעריקן מעבל איז עפּעס ווי אָפּגעגנב׳עט געוואָרן פון זיין מיטעלער ווקס און פון זיינע ברייטע פּלייצעס. אויף זיין מידן בלאַסן פּנים מיט טונקעלע שאָטנס אַרום די אויגן האָט זיך מאָדנע געהאַלטן זיין שוואַרץ בערדל — ס׳איז ווי שטענדיק געווען צעקעמט אין ביידע זייטן און ס׳האָט פון גאָרנישט ניט געוואָלט וויסן.

שוין אַ שטיק צייט האָט ער פאַרלוירן די אָנגעשטרענגטקייט, וואָס האָט אים פון נעכטן פאַר נאַכט ווי אין קלאַמערס געהאַלטן, ווען יעדע מינוט האָט ער אויף עפּעס געוואַרט, איז געווען גרייט צו יעדן באַפעל, וואָס גייט אַרויס פונעם קליינעם פאַרהאַנגענעם אַלקערל, און צו יעדער אומגעוויינלעכער אַרבעט. איצט האָט ער ניט געוווסט, ווו אַהינצוטאָן זיין שרעקלעך גרינג־געוואָרענעם קערפּער, גלייך ווי פון זיין גאַנצן גוף מיט קאַלטע הענט, מיט פיס אין הויכע שטיוול — פון דעם אלעמען איז עפּעס אַ דינס, אַ גרינגס און ציטעריקס געוואָרן, און אין מיטן, דאָרט ווו ביי א מענטשן איז דאָס האַרץ, האָט עפּעס זיס און וווּנדערבאַר־ביי גענאָגט.

ערגעץ גאָר נאָענט איז אַ טאָג געשטאַנען מיט נייע אומקלאָרע זאָרגן, און פון יעדער זאַך, אין וועלכער ס׳האָט אים דערמאָנט דער קומענדיקער טאָג, האָט אין זיין לערן פאַרנעפּלטן מוח זיך געצויגן א צעשווומענע סטענגע געדאַנקען און זכרונות.

אין איין עק שטוב אויפן טיש האָט מיד און שולדיק געברענט א צוועלפער לאָמפּ מיט אַ האַלב פאַררייכערט גלעזל. יעדעס מאָל, ווען נחום איז ביזן טיש

געקומען, האָט דאָס פּייער אַ ציטער געגעבן, ווי פון א נערוועזן, שלאָף און אַ שאָטן איז איבערגעלאָפן איבער א פריש אָנגעשריבן בייגעלע פּאַפּיר, וואָס איז אין מיטן טיש געלעגן. נחום האָט יעדע ווײַלע אַ קוק געוואָרפן אויף דעם בייגעלע פּאַפּיר. אויף דעם גרויסן "מזלטוב", וואָס האָט די ערשטע שורות פאַרנומען, און האָט ווייטער געצויגן די צעשוווּמענע סטענגע פון זיינע געדאַנקען.

צוויי טעג, ניט מער וועט דער בריוו גיין... דער טאַטע וועט געוויס קומען... אין די לעצטע קאַרטלעך זיינע פּילט זיך אזא חרטה...

און נחום האָט עפּעס אַזאַ וואַרעמקייט דערפילט צו זיין פאָטער, צו אָט דעם הויכן שטרענגן יידן, דעם גוטן סטאָליער, וואָס איז אויף דער עלטער געוואָרן אַ פרומער שול־ייד און אַ מיטגליד פון צוויי חברות: חברה משניות און גמילת חסד. ערשט פאַר צוויי יאָרן האָט דער פאָטער אים אָפּגעלאָזט א פּאַטש פאַר אַ רוסישער גראַמאַטיקע, וועלכע ער האָט ביי אים אין אלקער געפונען. ס'איז שוין געווען אַ יאָר נאָך דער חתונה. ער, נחום, האָט שוין געהאַט אַ שטיקל שטעלע אין ווערדל, אויף דער צענטער ווערסט פון דעם גרויסן שאָסיי, און האָט שוין אַ פּאָר מאָל ביים טאַטן אין שטוב אויף אַ האַלבער שעה אַרויסגעכאַפּט אויף זיך אַ ווייסן אַלפּאַגאַענעם פּידזשאַק, אין וועלכן ער האָט זיך געפילט נאָך גאָר ניי, גלייך ווי ער ווערט מיט דריי קעפּ העכער.

דער גאַנצער רוגז, וואָס האָט אזוי פלוצלינג אויפגעפלאַמט, איז שוין לאַנג אויסגעוועפּט געוואָרן: נאָך אויף די ערשטע ימים נוראים האָט ער פונעם פאָטער דאָס ערשטע קאַרטל באַקומען, און די מוטער, וואָס פלעג אים אויך אויסרעדן פאַר די "בייע גענגלעך", האָט פון שטענדיק אָן געהאַלטן זיין צד, ווי ס'איז נאָר צו אַ קריג געקומען. אַז זי האָט נאָר דערפילט, אַז די שנור וועט צו איר אין שטאָט אַריין אויף קימפעט ניט קומען, האָט זי באַצייטנס געגעבן צו וויסן, אַז זי וועט קומען צו זיי, געבעטן אין ערגעץ זיך ניט ריגעווען — גאָט איז אומעטום, דאָ, און ער וועט עס איר העלפן מיט אירע אַלטע הענט דאָס ערשטע אייניקל נעמען ביי איר־איין־און־איינציקן זון...

פון אַלע וואַלד־מענטשן, וואָס וועלן זיך צונויפקומען צו אים, ווייסט קיינער ניט, ווי אַזוי ער, נחום אושערענקאָ, דער קאַסיר פון האַדיכער וואַלד, איז כמעט פון דער בית־מדרש־באַנק צוויי יאָר צוריק איינער אליין אין דער גרויסער וועלט אַרויס. זיין פאָטער וועט ביי אים זיין איצט אַ שיינער אָנגעלייגטער גאַסט.

ער האָט דערזען דעם פאָטער דאָרט אין שטעטל איינעם אַליין אין דער גרויסער שטוב מיט דער האַלב־פּוסטער סטאָליאַרניע, אין וועלכער ער פלעג בן־יחידיש באַלעבאַטעווען...

ס'איז אים אומעטיק געוואָרן, עפּעס אַ רחמנות האָט ער צו דעם אַלטן טאַטן דערפילט, און געוואָלט אים וואָס גיכער זען. ער האָט זיך דערמאַנט, אַז וואָסיל דער פּאַבערעזשניק, וועלכן ער האָט נאָך אַ פור געשיקט, האָט שוין געמעגט זיין צוריק, און ס'האָט אים באַנג געטאָן, פאַרוואָס ער האָט פריער מיט אַ פּאָר וואָכן, אויף דעם יאָריד, פון די הענט אַרויסגעלאָזט דעם הויכן קאַשטאַן, וואָס איז ביים גלייכן געלט

געשטאַנען. ביים וואָקזאַל אין נאָענטן דאָרף וואָרט שוין מן הסתם דאָס ניי־אָנגע־קאָוועטע בריטשקעלע...

נאָך האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אין שטאָט פאָרנדיק דאָרף ער זיך אין דער האַליכע אָפּשטעלן און בעטן צירלען, דעם אַלטן פּרצעס טאָכטער, זי זאָל אויף אַ קליין שטיקל צייט צו אים גיין און דער אַלטער מאַמע העלפן...

און זיינע געדאַנקען האָבן זיך אָנגעהויבן וועבן אַרום דעם כוטער האַליכע, אַרום דער אַלטער אַמאַליקער קאַנטאָר, וואָס איז מיט סוקעלעך און שטעלעכלעך באַוואַקסן געוואָרן און האָט שוין פאַרלאָרן איר אַמאַליקע צורה.

אַמאָל אַ קאַנטאָר געווען, אַרום און אַרום אַ הונדערטיעריקער וואַלד געשטאַנען, אין וואַלד האָבן זיך יאַרנלאַנג סמאַליאַרניעס געדרייכערט, און דער בראַוער ניקאָלייעווער סאָלדאַט, דער אַלטער פּרץ (ער איז שוין לאַנג אַן אַלטער) האָט אין וואַלד געקאָמאַנדעוועט. דער וואַלד איז שוין לאַנג אויסגעהאַקט געווען. אַלע אַנגעפּאַרענע שטאָט־לייט זענען זיך צעפאָרן און נאָר ער, דער אַלטער פּרץ, איז דאָרט פאַרבליבן. זיין ווייב, וואָס איז מיט אַ יאָר פערציק יינגער פון אים, גייט אַלע וואָך אַרום די אַרומיקע דערפלעך און נעמט אָן אַרבעט פאַר אירע דערוואַקסענע מיידלעך, וואָס האָבן שוין לאַנג אויסגעצאָלט צוויי זינגער־מאַשינעס.

נחום האָט דערזען דעם גאַנצן פאַס יאָרן, וואָס דער אַלטער גרייז־גרויער פּרץ האָט דאָ אין די וועלדער דורכגעצויגן, און אים איז ווידער עפּעס אומעטיק געוואָרן.

פונעם פאַרהאַנגענעם אַלקער האָט זיך באַוויזן נחומס מוטער. זי האָט געוואַרט, ביז דער זון האָט צו איר צוגעשפּאַנט, און מיט אַ ווייך קול אים אַ זאָג געטאָן:

— שפּאָר זיך צו אַ ביסל! אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען! אַלעס בשלום!

איר אַלטער פייכטער בליק האָט ביזן לאָמפּ דערגרייכט און זי האָט צוגעגעבן:

— פאַרלעש דעם לאָמפּ: ס'איז שוין גרויסער טאָג!

נחום האָט זיך שוין אויסגעקערעוועט און שפּאַנט ווידער פאַרביי.

זי וואָרט ניט אויף קיין ענטפער — זי גיט אַ קוק אויפן זונס פּלייצעס און שלעפּט זיך צוריק אין אַלקערל אַריין.

גיטל די באָבע זיצט שוין ביי דער שנור גאַנצע דריי וואָכן. די אַלטע ווייסט איצט ניט, וואָס עס טוט זיך מיט איר. היינטיקע נאַכט האָט זי זיך אין דעם וואַלד פלוצעם דערפילט ווי אַ פאַרוואָרפענע אין דער פרעמד. אין אַט דער שטוב, ווו זי ווייסט שוין יעדעס ווינקעלע, האָט איר פלוצעם אַלץ אָנגעהויבן אויסזען ווי ניי. דאָרט ביי איר אין שטעטל פילט זי זיך אין אַזעלכע נעכט ווי אַ באַלעבאָסטע אין יעדער שטוב, ביים רייכסטן, ווי ביים אָרעמסטן. מיט רויקע פאַמעלעכע ווערטער שאַפט זי זיך מיט אַלע בני בית, און דאָ ביים זון אין שטוב האָט זי אַ לאַנגע נאַכט אָפּגעטאַנצט ווי אַ יונגע אַקושערקע אויף דער ערשטער פּראַקטיקע און איז עטלעכע פעלערן באַגאַנגען. דעם זון האָט זי שוין צוויי מאָל פאַרגעלייגט זיך צוצושפּאַרן און אַליין שלעפּט זי זיך אַרום באַלד אַ שעה, אַ צעשלאָגענע פון פרייד און מידקייט. זי טראַכט אַלץ וועגן נאָמען, וואָס וואָרט פון דער שנורס צד פאַר דעם נייגעבוירענעם קינד, וואָס ליגט אין אַ קישן צופוסנס ביי דער שנור...

אין דער טיף פון דעם אַלקערל אויף אַ ברייטער יאַסינאַוועד בעט מיט קיילעכי־קע וועגטלעך איז אונטער אַ וואַטעגער קאָלדרע געלעגן די שנור אירע, גאַלדע קיוועלעס, מיט גרויסע פאַרמאַכטע אויגן אויפן בלאַסן פּנים.

זי האָט שטאַרק געפילט די מאַסע פון דער קאָלדרע און אין דער זעלבער צייט אין יעדן פינטעלע פון איר איבערגעקומענעם קערפּער געשפּירט עפּעס אַ ווונדער־באַרע מונטערקייט.

אַלע פאַרבן, וואָס ערד און הימל פאַרמאָגן, האָבן זיך איר געמישט אין קליינע רעדעלעך אויף די שווערע ווייס פון אירע פאַרמאַכטע אויגן, און אין איר פאַר־וואַרפענעם ליידיקן קאָפּ האָט זיך שוין ווי פון אַ לאַנגער צייט געוועבט אַ גרויסער געדאַנק, וואָס דריקט זיך אויס בלויז אין איין וואָרט:

— אַ זון...

אין דער שטוב, אין וואַלד־קאַנטאָר, ווען דאָס ניי־געבוירענע קינד האָט גע־שמאַק געזויגן די מוטערשע ברוסט און דערביי טיף געצויגן דורך שמאַלינקע נאָזלעכער די האַרבסטיקע וואַלד־לופט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן דורך דער ברייטער דאָרפישער טיר און דורך די שפּאַלטן פון די ניט־פאַרקלעפּטע פענצטער, האָבן די עלטערע געקלערט און צוגעקלערט דעם נאָמען פונעם קינד — אַ נאָמען פון שטעטל אַ געבראַכטן — שלמה.

אוקראַאינישע אָרעמע פויערים אין די אַרומיקע וואַלדישע דערפלעך און כוטע־רעס האָבן געטראָגן די נעמען איוואַן און סטעפּאַן. און נאָר די נעמען, אַ הייפּעלע געוווינהייטן און באַדערפעגישן האָבן די מענטשן פון דער וואַלד־שטוב אָפּגעזונ־דערט פונעם אַרום. דאָס לעבן האָט דערנעענטערט, געברידערט.

דאָס קליינע יידישע געזינדל פון וואַלד־קאַנטאָר האָט זייער גוט געפילט, אַז דער וואַלדישער דרויסן, די שנייען, די זאַווערוכעס אום ווינטער, די זון און די פרישע לופט אום זומער, די רויטע לענדערקע, דאָס קעלבעלע, די ערד־פידלאָגע אין קיך, וואָס מ׳האָט אַלע פרייטיק געשמירט מיט רויטער ליים, דאָס אַלץ האָט פעסט געבונדן דאָס קליינע געזינדל מיט די אָרעמע אוקראַאינישע דערפלעך, מיט וואַסיל דעם פאַבערעזשניק, וואָס האָט מיטן ריח פון זיינע פאַסטעלעס און סוויטע פאַרנומען אַ גאַנץ ווינקל אין קאַנטאָר, מיט די הונדערטער טשייקיווקער, סירקיער, רודניער, בערעזעווקער, טאַסנאַווקער פויערים.

דעם ניי געבוירענעם ייִנגעלעס מאַמע האָט זיך נעענטער צוגעקוקט צום אַרומיקן לעבן, זי האָט מיט איר יונג מוטעריש האַרץ זיך נאָך מער פאַרבונדן מיט די אַרומיקע דערפלעך. זי האָט גוט געדענקט, וויפל קינדער האָט געהאַט וואַסיל דעם פאַבערעזשניקס ווייב, וויפל זענען לעבן געבליבן. זי האָט גוט געדענקט, אַז די עלטסטע טאָכטער וואַסילס איז אַ ביסל יינגער פון איר, זי איז אַלט ניינצן יאָר, און שוין צוויי יאָר, אַז מע גרייט איר און מע קאָן נאָך אַלץ ניט פאַרגרייטן דעם אָרעמען גרוי־לייוונטענעם בדן.

אין אַזעלכע זומערדיקע טעג איז זי שוין אין גאַנצן געווען אַ היגע, אַ וואַלדישע די יונגע קאָסירקע, ווי די פויערים האָבן זי גערופן.

אין ווינטערדיקע פראַסטיקע טעג נאָך זאַווערוכעס, ווען אַלע וועגן אַרום זענען פאַרווייעט, פלעג מיט פרייד באַגעגנט ווערן דער אינדערפריענדיקער פויערישער "דיען דאַברי", וואָס געקומענע פלעגן אַריינברענגען אין דער וואַרעמער שטוב.

מענטשלעך־ליב איז געווען דער הויף פון זייערע פאַרפרוירענע מיילער, די צעפּלעך אייז פון בערד און פעלצן, און דאָס גרויסע שותּפות, וואָס איז פאַראַן אין לעבן, האָט דורכגעדרונגען די גאַנצע וואַלד־שטוב.

דאָס שותּפות אין האַרעווען און דאָס שותּפות אין שטאַרק ניט ליב האָבן דאָס גבירישע הויז אין דער גובערניאַלער שטאָט, וואָס איז געקנופּט און געבונדן מיטן פּריצישן הויף, ווען דער וואַלד און דער באָדן אונטערן וואַלד מיט גראָז און טייך געהער.

אומבאַמערקט האָט זיך גאַלדע אַ ביסל אָפּגעריסן פון אירע אַרבעטן און געקוקט, ווי איר מאַן דער קאַסיר שרייבט קוויטלעך אין גרויסן קוויטאַרעס, געהערט די דינגעניש פאַר אַ קאָפּיקע, פאַר אַ האַלבער קאָפּיקע אויף אַ שטיק טיאַסקע, און אַ וואָרעם געכאַפּט די בליקן, וואָס האָבן זיך געווענדעט אויך צו איר.

צוגעלאָזט איז געווען דער מאַן צו די אָנגעפּעלצטע מענטשן. ער האָט לייכט געלאָזט אויסדינגען אַ האַלבע קאָפּיקע פון פענקאָווע, און קיינער איז ניט אַרויס־געגאַנגען אומצופרידן פון דער אָנגעהייצטער שטוב אין סקריפּענדיקן פאַרפראָשעטן דרויסן.

ס'איז אַוועק דריי יאָר.

שטייפע סוף־זומערדיקע רעגנס האָבן שוין דאָס דריטע מאָל אָפּגעשווענקט די ווענט פון האָדיכער קאָנטאָר און האָבן דאָס גאַנצע ווייסקייט זייערס פאַרטריבן אונטער די סטריכעס. די פרישע סאָסנענע ביישטידלעך זענען פאַרטונקלט געוואָרן — די זון האָט שוין אַרויסגערופן פון זיי די לעצטע טראָפּנס סמאָלע און פאַר־עלטערטע שפּאָלטן ציען זיך אויף זייער גאַנצער לענג.

די ווענט פון דעם אבי־ווי אויסגעבויטן שטעלכל זענען שוין מיט שטרוי באַצייטנס אַרומגעמוליעט — דאָרט שטייט שוין נאָך איין לינדערקע. אַ רויטע, אַ יונגע מיט קורצע דיקעס אין דעם קיילעכדיקן צאַרט־האַריקן אייטער. דאָרט, ווו דער וועג פאַרקערעוועט זיך צו דער קאָנטאָר צו, אויף אַ צווייג פון אַן איבער־געבליבענער סאָסנע הוידעט זיך אַ פאַרשוואַרצט בינטל היי: די הויכע סאָסנע האָט זיך פאַרוואונדערט, ווען זי האָט דערזען די צוויי גרויסע פורן היי, וואָס נחום האָט אין נאָענטן דאָרף געקויפט, און האָט זיך אויך אַ זשמענקע גענומען. איצט שטייט די סאָסנע אין אירס פאַרטיפט.

קאַיאַר שטייט אויף נחום, ער האָט ליב געקריגן די אינדערפריעדיקע שעהען. אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט ער אַנטדעקט גאָר אַ קלייניקייט — די נייע לענדערקע, וואָס האַלט זיך אין שטאָל נאָך, ווי אַ גאַסט, און האָט דרך ארץ פאַר דער אַלטער קו, קלאַפּט אַן מיטן האָרן אין טיר, ווען זי הערט, אַז מענטשן דרייען זיך שוין אַרום. פון יענעם פרימאָרגן, איידער ער באַטראַכט זיין טאָג־אַרבעט, איידער ער נעמט זיך צו די גרויסע בויגנס, וואָס זענען געדיכט באַשאָטן מיט ציפערן, גייט ער

זיך דורך אַ פּאָר מאָל פאַרביי דער שטאַל, ביז ער דערהערט דעם ביינערנעם קלאַפּ אין טיר. מיט אַ ברייטקייט גרייטקייט לייגט ער אָפּ דאָס דרענגל, מיט וועלכן די טיר איז פאַריגלט, און לאָזט דורך די לענדערקע. אין שטאַל איז טונקל, אַ ריח פון נאָך וואַרעמען מיסט קיצלט די נאָזלעכער. דאָס ברוינע האַלב־יאָריקע ביקל, וואָס נחום האָט אַזוי לאַנג זיך געקליבן דאָס פאַרקויפן, ביז ס'איז פאַרבליבן אַזוי וואַקסן, אויף וואָס ווייסט ער ניט, ציט זיך לאַנג און נעמט זיך פּלוצעם גיך שפּאַנען צו דער טיר, גלייך ווי ערשט אין מיטן ציען האָט זיך עס דערמאָנט אין פרישן דרויסן.

נאָך האָט נחום באַמערקט, אַז זינט די נעכט זענען לענגער געוואָרן, גייט דאָס ביקל אָפּט אַרויס מיט פריש אויסגעלעקטע קאַראַקולענע קרייזלעך אויפן שטערן. די אַלטע קו, די מאַמע זיינע, האָט זיי אים אויסגעלעקט. מיט אָט דער לעצטער אַנטדעקונג האָט זיך נחום געטיילט מיטן ווייב, ווען זי איז נאָך געלעגן אין בעט, מיטן קינד ביי דער זייט, און ער האָט זיך אַ ביסל איבערן בעט איבער־געבויגן. ער האָט איר אַלצדינג דערציילט און איז שוין אַנטשוויגן געוואָרן, האָט ער ערשט דערזען, אַז אויף איר האָט עס קיין שום איינדרוק ניט געמאַכט. זי האָט ווי פון עפּעס נאָר אירס געטראַכט און געקוקט אים גלייך אין די אויגן. נאָר איידער ער האָט זיך נאָך אַרומגעקוקט, האָט זי מיט אַ צאַרטער נאַקעטער האַנט אים איבערן אַ ביסל פאַרלאָזטן בערדל אַ גלעט געטאָן.

— וואָס דען מיינסטו, נאַרעניו.

נחום האָט זיך מיט דעם ענטפער באַנוגנט, האָט זיך גענומען אין צווייטן צימער אויף גיך פוצן די שטיוול און איז שטיל אַרויס פון שטוב.

גאָלדע האָט דערפילט, אַז אַ שטיק רויקייט איז געבליבן אין די צימערלעך נאָך נחומס אַוועקגיין. דאָס קינד האָט זיך היינט עפּעס פאַרשלאָפן, איילן זיך אויפצושטיין איז ניט געווען וואָס, נאָר זי האָט זיך שטיל אַרויסגעגליטשט פון בעט און מיט אַ מונטערן בליק באַטראַכט דאָס צימערל.

— ער איז אַזוי רויק, נחום — זי מוז זיך מודה זיין, ס'איז איר אויך מילדער געוואָרן די קאַנטאָר־שטוב, דער ניט געפאַרבטער דיל אין די צימערלעך איז געוואָרן אַ מאַטעווער, אַ טונקעלער און דאָס ברוינע קינדערשע בעטעלע האָט גאַנץ היימלעך געמאַכט דאָס קליינע אַלקערל. גאָלדע האָט שוין פאַרגעסן די פּאָר צופאַלן, ווען דאָס קינד איז קראַנק געוואָרן ווען זי האָט זיך עלנט דערפילט דאָ אין וואַלד און האָט באַוויינט נחומען און אים באַשווירן, אַז זיי פאָרן אַרויס פון וואַלד.

זי גייט אַריין אין קיך, כאַפּט אַ קוק אויף די פריש־אָנגעגאָסענע קריגלעך מילך, נעמט מיט זיך אַ פּולע האַנט פּראַסע און גייט אַרויס אין דרויסן, אָטעמט טיף אָפּ, קוקט זיך אַרום און פילט, ווי מיט אַן אומזיכטבאַרן פאָדעם איז זי צוגעבונדן צום אַלקערל, ווו דאָס וויגעלע שטייט. און אָט לויפט שוין צו איר אַ הון, די צווייטע, זי שיט די פּראַסע, קוקט אַ ווײַלע אויף די הינער און גייט צום שטאַל צו.

אין די אַרומיקע קליינע דערפלעך האָט זי שוין באַקאַנטע פויערטעס, וואָס באַזאָרגן זי מיט אַלעם נייטיקן. איינע האָט איר שוין פירגעהאַלטן, פאַרוואָס זי

האַלט קיין קלייטעלע ניט אי זיי וואַלט געווען בעסער, אי איר עפּעס אַ פּאַרדינסט...
זי האָט געלאַכט פון דעם און דערציילט נחומען.

מיט פעסטע טריט גייט איצט נחום אַרום איבערן וואַלד. דער אַלטער וואַסיל שפּאַנט אים קוים נאָך. ער דולט דעם אַלטן ווינציקער דעם קאָפּ, קריכט ווינציקער אַרום ווי פריער, און האָט זיך איין מאָל איבער אַלע מאָל אָפּגעזאָגט פון זיינע באַנאַכטיקע שפּאַצירונגען איבערן וואַלד מיטן רעוואָלווער אין קעשענע.

אַלע פּויערים אַרום וויסן שוין, אַז נחום איז אַ בראַווער פּאַרשוין, באַרייסט ניט, קריוודעט ניט.

מע האָט געהאַקט די וועלדער, מע האָט געטעסעט טיאַסקע, מע האָט געזעגן ברעטער, מע האָט געשניטן האָלץ. דאַרפישע פערדלעך האָבן געשלעפּט, האָבן געפירט אַלץ אַהין און שטאָט, צום וואָקזאַל. ברייטע פּאַרובעס האָבן זיך געשפּרייט צווישן די וועלדער. פון ווייטע געגנטן, פון געדיכטע דערפער זענען פּויערים אַהער געקומען, האָבן די פּאַרובעס פּאַרנומען, גענומען קאַרטשעווען די פּענקעס, געבויט קורינעס און הייזלעך און נייע יישובימלעך האָבן זיך צעשטעקט אין דער וואַלד־געגנט.

אין גרויסן וואַלד פונעם דאָרף "וויסאָקאָ פּיטש" האָט מען אַ זעגמיל אָוועקגעשטעלט. עלעקטרישע לעמפּלעך האָבן אָנגעהויבן פינקלען אויפן ברייטן פּלאַץ אַרום דעם זאַוואָד, העלע הויפנס מיט זעגעכץ, ריזיקע שאַכטלען ברעטער האָבן דאָ פאַרפילט דעם פּלאַץ. ס'האָט ניט געררוט ניט ביי טאָג, ניט ביי נאַכט. דער דינינקער פּייף פונעם זאַוואָד האָט זיך ווייט צעטראָגן איבער דער וואַלד־געגנט און געגעבן צו וויסן, אַז אייזן דרינגט אַריין אין דער שטילער הילצערנער וועלט.

אַרום די לאַנגע זעגן, אַרום די קיילעכיקע צירקוליאַרקעס, אַרום די הויכע שאַכטלען קלעצער, ברעטער און אבזעלן אויפן ברייטן פּלאַץ פונעם זאַוואָד האָבן זיך געפּאַרעט צענדליקער יונגע פּויערים, די פּויערישע סוויטקעס זייערע אין שמיר־אייל געשוואַרצט. דאָס קליינע אַפּטייקל אין קאָנטאָר האָט אָפט געגעבן מאַרליע און יאָד פאַר צעשניטענע און אָפּגעקוועטשטע פינגער, און די ניי־געעפנטע שקאָלניע אין נאָענטן דאָרף האָט גוט געלייזט, און אַלע פּויערים אין ברייטן אַרום האָבן געשאָקלט מיט די גרויע בערד און געזאָגט, אַז די יוגנט ווערט אויסגעלאַזט און די וועלט גייט אונטער.

פּופּציק ווערסט פון וואַלד אויף צוויי בערג מיטן קלאָרן טייך טעטערעוו אין מיטן ליגט די גובערניאַלע שטאָט. דאָרט וווינען אַ פּאָר טויזנט גענעראַלן און כמו־גענעראַלן פון אַלערליי אַמטן, וואָס האָבן זיך שוין אויסגעדינט דאָרט אין די הויפּטשטעט און זענען אַראָפּ אויף רו אַהער אין דער דרומדיקער גרינער שטאָט, אויף די שטילע ברייטע גאַסן מיט סעדער און גערטנער, מיט אַ זאַטן לעבן אויף אַלעם גרייטן.

אין דער שטאָט וווינען די גרויסע סוחרים, די ברידער פּרענקעל. זיי פּאַרמאָגן דאָ גרויסע הייזער מיט פיל קליינע געפּאַקטע דירהלעך, מיט קראָמען אין די ערשטע שטאָקן, מיט יידישן דחקות און קליין־הענדלערישן טומל. מיט דעם פּריץ

פירן זיי שוין לאַנג פאַרשיידענע געשעפטן. זיי האָבן נאָך געקאָנט דעם אַלטן גראַף, וואָס האָט געוווינט אין זיין הויף צען ווערסט פון וואַלד.

דאָס זונדל דעם גראַפס, ווי זיי זאָגן, דינט נעבעך דאָרט אין פעטערבורג און צו דער דינסט לייגט מען אים צו די שיינע עטלעכע קערבלעך פון דעם מאַיאָנטעק. דאָס העלפט ער דאָרט באַקומען דערלויבענישן אויף האַקן די וועלדער, וואָס לויטן געזעץ וואָלטן זיי געדאַרפט נאָך שטיין און וואַקסן. בכלל אַ ווילער פריץ, אָבער אַז ער בעט געלט, איז אָן שאלות: עס קומט, צי ניין — גיב, און זיך רעכענען ווערסטו דערנאָך...

אַזוי דערציילן זיי די גבירים וועגן דעם זונדל, און דאָ שטייט דער הויף מיט היוכע אַלייעס, מיט דינער, מיט פערד, מיט הינט און מיט אַ ביסל שוין אָפּגע־בליאַקעוועטער פריצישער גאווה.

איין מאָל אין יאָר קומען אַראָפּ די גבירים די בעלי־בתים, די ברידער פרענקעל, אין וואַלד אַ קוק טון. דעם גרעסטן צימער פון קאַנטאָר גיט מען זיי אָפּ און אַלע קלייבן זיך איבער אין די זייטיקע צימערלעך און אין קיך. אַלע טאָג פאַרט מען אין דאָרף וויסאָקאָפּיטש צום שוחט קוילען עופות. גאָלדע שלאָגט זיך אַרויס פון די כוחות.

היינטיקס יאָר זענען זיי געקומען אָנהייב מאַרט. שלוימקע איז געווען אַ ביסל צוגעקילט און האָט געמוזט זיצן אין שטוב. ער האָט זיך געריסן אין דרויסן, גאַנצענע טעג געכליפּעט און קיינעם ניט געלאָזט צורו.

דער עלטערער פרענקעל מיט זיינע שטעכיקע אויגן אונטער די געדיכטע ברעמען האָט באַזונדערס בייז געקוקט אויף אים, נחום האָט דאָס מאָל געפּרוווט פאַרוואַרפן אַ וואָרט וועגן העכערן די שכירות, וועגן צובויען נאָך אַן אַלקער צו דער שטוב, ווייל דאָס געזינדל איז געוואָרן גרעסער...

דער עלטערער פרענקעל האָט זיך גענומען נאָכפרעגן וועגן נחום׳ס עלטערן, האָט אַ זאָג געטאָן, אַז אייגנטלעך קאָן גאָלדע וווינען אין שטאָט. אַ קינד דאַרף מען אָפּגעבן אין חדר. דינגען אַ מלמד צוליב איין קינד איז אַ גרויסע הוצאה.

גאָלדען איז פון דעם גאַנצן שמועס ניט היימלעך געוואָרן, אין דער שטוב, וואָס זי האָט שוין גערעכנט פאַר אַן אייגענער — איר דערמאָנט, אַז ס׳איז ניט מער ווי אַ קאַנטאָר, אַז דעם וואַלד, טראָגן זיך קלאַנגען, וויל מען פאַרקויפן, נאָר דערפאַר, ווייל מע דאַרף קויפן אַן אַנדערן, אַ גרעסערן צי אַ בעסערן, ווייסט זיי דער רוח דאָרט, די בעל־בתים...

אויב שלמה׳ס מוטער גאָלדע האָט טיף פאַרגעדענקט די געצוווּנגענע צע־שיידונג, האָט דער קליינער שלמה ערשט שפּעטער פאַרשטאַנען אָט די באַליי־דיקונג, וואָס זייער פאַמיליע האָט באַקומען פונעם בעל־בית פרענקעל. אין זיין קינדערשן מוח זענען פאַרבליבן גאָר אַנדערע בילדער פון יענע קינדערשע יאָרן: שלמה געדענקט, ווי ער צעשיידט זיך מיט זיין מוטער. ער פאַרבלייבט אין קליינעם שטעטעלע, ביי דעם זיידן און ביי דער באָבען, און די מאַמע פאָרט אַוועק צום טאַטן, אין וואַלד, ערגעץ אין אַ נייער קאַנטאָר.

רחל בוימוואַל

שטיקער נעכטן

צווייַ מאַטיוון

״דאָס וועט זיין אונדזער לעצטער
און אנטשיידענער שטרייט״. *)
כ׳האָב געגלויבט אין די ווערטער
אַזוי פיל צייט!

נאָר מיט מאָרד און מיט בלוט
ווערט ניט זאַט אָט די מאַכט.
״כ׳האָב געמיינט, אַז ס׳איז טאָג,
און צום סוף איז גאָר נאַכט״. *)

מאָסקווע, יאַנואַר, 1960 יאָר

* *
*

געווידמעט נפתלי-הערץ קאָן, וואָס אין צוואַנציק יאָר אָפּגעזעסן אין די לאַגערן.

דו ביסט געשטאָרבן.
געירשנט איך האָב דיין פּאַפּיר...
שרייב איך אויף דעם,
איז עס פּונקט ווי כ׳וואָלט ריידן מיט דיר.

טייל מאָל דערשרעקט מיך:
כ׳פּארנעם מיט די שורות דאָס אָרט,
וואָס, ווען דו לעבסט,
וואָלט געאָטעמט אויף דעם דיינס אַ וואָרט.

ווילד איז די טבע
פון גורל, פון אָרט און פון צייט.
מיין וואָרט אויף דיינעם
לחלוטין איז ניט קיין פאַרבייט.

*) פון באָלשעוויסטישן הימען
*) פון אַן יידיש פאָלקס-ליד

דיין ניט פֿאַרשריבן וואָרט
איז אַן אייביקער סוד.
מיינער וועט אויך זיין אַ סוד.
נאָר ער האָפט נאָך אויף גנאָד...

דו האָסט געהאַלטן
די בויגנס פּאַפּיר אין די הענט...
העלף מיר, מיין פריינט,
כ׳זאָל ווי דו זיין פֿאַרגלויבט און פֿאַרבלענדט...

ירושלים, פעברואַר, 1976 יאָר.

צו מאַנדלשטאַמען

צוליב דיין שטאַם (עס שטאַמען פון אים מאַנדלען)
האָט מען מיט דיר געוואָגט אַזוי צו האַנדלען. —
דיך מיט די וואָרצלען אויסראָטן פון באָדן.
ווייל פרעמדע מאַנדלען קאָנען אָנטאָן שאָדן.

יענץ ציגעלע קאָן פֿאָרן מיט זיי האַנדלען
אין יענעם ליד פון ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,
וואָס איז געווען באַוווסט דיין טאַטנס מאַמען,
וואָס האָט געוויגט דיין טאַטן — מאַנדלשטאַמען.

ירושלים, 8 יוני 1977 יאָר

* *
*

קלאַפּט צו אונדז אַן דוד האָפּשטיין —
„אַ מיידעלע שרייבט דאָ לידער?"
זיין באַנד, איידער אַוועקצוגיין,
לייגט ער פאַר מיר אַנידער.

און אַט שוין פופציק יאָר נאָכאנאנד
האַלט זיך מיין שטוב, וואָס שפּאַרט אונטער זיין באַנד.

ירושלים יוני, 1977 יאָר

ווי דער פייער-לעשער

וואָס איז מיט דיר געשען איצט, מיין זכרון?
אַ מאָל פלעגט בלויז מיך פרייען דאָס געדענקען.
נאָר אַט ביסטו געוואָרן מיט די יאָרן
אַ וועג, וואָס פירט צו אַלץ, וואָס קאָן נאָר קרענקען.
נאָר כ׳זע די וועלט ניט דורך פאַרטרערטעברילן
פון בלוטלאָזן באַקרעבצן און באַקלאָגן.
ווי אַ נר תמיד ברענט אין מיר דער ווילן
דעם אמת וויסן און דעם אמת זאָגן.

און ווילסטו, מיין זכרון, מיך פאַרניכטן,
וועט זיך ניט איינגעבן דיר בשום אופן.
איך וועל דיין גרויל אין לידער איבערדיכטן.
דו וועסט ניט צווינגען מיך פון דיר אַנטלויפן!

דעם תמוואָטן שמייכל פון פאַרגעסן
וועסטו פון מיר זיך קיין מאָל ניט דערוואַרטן.
נאָך יאָרן, איינגעפרעסטע אין מעת-לעתן,
אַ פאַנצער האָב איך איצט אויף זיך אַ האַרטן.

אַרויסבאַקומען דאָס וואָס איז מיר טייער
וועל איך פון דיר אום יעדער פרייז אַצינדער —
אַט ווי אַ פייער-לעשער שלעפּט פון פייער
האַלב-לעבעדיקע אָפּגעברענטע קינדער...

די לופט אַליין איז פאַר מיין קאָפּ אַ קאַסקע,
ווען כ׳קלעטער אויף די ברענענדיקע שטיגן.
אוועקזעצן זיך וויינען? — כ׳בין ניט מסכים!
אַלצדינג איז שוין פאַרפאַלן? — ס׳איז אַ ליגן!
דאַרפסט קאָנען אויסהאַלטן, מיין האַרץ מיין אָרעמס.
דו ביסט געוווינט צו אייביקע געפעכטן.
אַנו, שטעלט אונטער, מענטשן, הענט און אָרעמס —
איך וואַרף אייך לעבעדיקע שטיקער נעכטן.

ירושלים יוני, 1977 יאָר

דב סדן

צו די אָנהויבן פון דער נסתר

א

צו די אָנהויבן פון דער נסתר, וואָס באַווייזן שוין, אין מיניאַטור, זיינע באַזונדערע און אייגענע זוכענישן, איז לעצטנס צוגעקומען אַ וואַגיק געפינס — דאָס קליינע בינטל העברעישע לידער זיינע, וואָס דער יונגער ליטעראַטור־פאָרשער אברהם נאָווערשטערן האָט אָפּגעזוכט אין נחום סאָקאָלאָווס אַרכיוו, אין צענטראַלן ציוניסטישן אַרכיוו אין ירושלים. דאָס בינטל, אין פנחס כהנאָוויטש (קאַגאַנאָוויטש) עצם כתב־יד "פרחי נוער" (= יוגנט־בלומען), איז שוין איצט אַ רשות־הרבים — עס איז אָפּגעדרוקט אין "בחינות", אַ צייטשריפט פאַר שטודיעס און פאָרשונגען פון די פּראָבלעמען פון די יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד און אין מזרח־אייראָפּע (באַנד 7, 1977, ז"ז 134—143). איך האָב דאָרט געבראַכט אַ קורצן אַריינפיר (ז"ז 128—133), ווו איך האָב אָנגעוויזן אויפן חשיבות פונעם כתב־יד, סיי לגבי דעם מחבר און זיין כוונה זיך צו לאָזן אויפן וועג פון צוויי־שפּראַכיקער שאַפערישקייט, ווי זי איז אָנגעגאַנגען אין דער ליטעראַטור, ביי אירע דעמאָלטיקע שפּיצן (מענדעלע, שלום־עליכם, דוד פרישמאַן, נחום סאָקאָלאָוו, י. ל. פּרץ, ח. נ. ביאַליק); סיי לגבי דער מחבר׳ס פּאָעטישער און שפּראַכלעכער גאָר אָריגינעלער באַזונדערקייט, אין פאַרגלייך מיט דער דעמאָלטיקער נייערער העברעישער פּאָעזיע. דאָס בינטל לידער איז לויט די דאַטעס, וואָס זענען אָנגעגעבן ביי עטלעכע פון זיי (1902—1903), מסתמא אַנטשטאַנען אין דער ערשטער העלפט פון איצטיקן יאָרהונדערט; סיי לגבי דער טאָפּעלער קשיא: 1. אַ היפּאָטעטישע — וואָס וואָלט געווען, ווען דער נסתר וואָלט געגאַנגען אויפן צווייִשפּראַכיקן וועג; און דאָ, פאַרשטייט זיך, קענען זיין מער אָדער ווייניקער באַגרינדעטע השערות, אָבער אַלץ בלויז השערות; 2. אַ ממשדיקע — וואָס איז געשען מיט זיין העברעישן פאַרמעג און זיינע פּאָטענציעלע אויסדרוק־מעגלעכקייטן, און דאָ, פאַרשטייט זיך, בעטן זיך אחריותדיקע פאַרלאָזלעכע שטודיעס און אַנאַליזעס.

ב

נישט וועלנדיק זיך איבערחזרן, בעט איך דעם לייענער אַ קוק דערלאַנגען אין דעם דערמאָנטן אַריינפיר מיינעם, בעיקר קאַפּיטל ג׳ און ד׳, ווו איך פּרוּוו אַנאַליזירן די שפּראַכלעכע קאָמפּאָנענטן און דעם אָריגינעלן באַשטרעב זיי צו אינטעגרירן, און דערלויב מיר דאָ צו ברענגען דעם עיקר רעיון פון קאַפּיטל ד׳, אַזוי־צו־זאָגן: אַ פאַרגלייך צווישן דער העברעיש־פּאָעזיע פונעם מחבר, אין דערמאָנטן כתב־יד, און צווישן דער יידיש־פּאָעזיע זיינער אין זיין ערשטלינג, וואָס איז אַרויס אין דרוק "געדאַנקען און מאָטיוון" (תרס"ז), שוין אָפּגעשמועסט פון זיין קומענדיקן בוך "געזאַנג און געבעט" (תרע"ג),

באווייזט אַ שטאַרקן חילוק פון ניווא און מדרגה, — זיין העברעיש־גאַנג, מיט זיין גאַנצער אָריגינעלקייט, דערגרייכט נישט זיין יידיש־גאַנג. אַט אַזאַ חילוק לאָזט זיך, אין יענע יאָרן, מערקן ביי אַן אַנדערן מחבר, וואָס איז געגאַנגען אַ פאַרקערטן וועג אין פּראָזע — עס איז ש״י טשאַטשקעס, שפּעטער עגנון, וואָס זיין אָנהויב איז געווען אויף יידיש, אָבער דער המשך און סוף בלויז העברעיש, און וואָס זיינע פּראָזע־ערשטלינגען ווייזן אַ פאַרקערטע פּראָפּאָרציע — די העברעיש־פּרוון דערגרייכן ווייט נישט די לעבע־דיקייט און דעם חן פון די יידיש־פּרוון זיינע, און איך האָב מיך שוין באַמיט צו דערגיין דעם סוד פון דער דיאַלעקטיק. משמע, פּונקט ווי לויטן בינטל לידער און דערציילונגען אין בוטשאַטשער "וועקער" וכדומה, איז שווער זיך משער זיין, אַז ש״י טשאַטשקעס וועט ווערן ש״י עגנון, אַזוי איז, לויטן בינטל "פּרחי נוער", שווער משער צו זיין, אַז פּנחס כהנאָוויטש וועט ווערן דער נסתר, ווי ער אַנטפּלעקט זיך, נאָך ווייניק יאָרן, אין זיין פּאָעזיע, וואָס איז בדרך כלל נישט זיין מאַקסימאַלסטע מעגלעכקייט, ווי עס איז זיין פּראָזע. לגבי ש״י עגנון ווייסן מיר קלאָר, ווען ער האָט אָנגעשריבן זיינע ערשטע, סיי יידישע, סיי העברעישע, לידער און דערציילונגען, און מיר קענען פאַרגלייכן, וואָס איז געווען די מדרגה פון זיין אויפטו אין ביידע שפּראַכן אין דער זעלבער צייט (צווישן תרס״ד און תרס״ט) — און איך שטעל זיך דערויף ברייטלעך אָפּ אין מיין אַריינפיר צו ש״י טשאַטשקעס חיבורים, וואָס ער האָט גרונטיק געשריבן יידיש, און וואָס וועלן בקרוב דערשיינען — אָבער נישט אַזוי לגבי פּנחס כהנאָוויטש: דאָ קענען מיר ניט ציען אַזאַ פאַרגלייך און קענען ממילא נישט באַשטימען, אויב זיין שפּרונג אין דער הויך, ווי מיר באַמערקן אים אין "געדאַנקען און מאָטיוון" איז שוין פירגעקומען בשעת ער האָט מחבר געווען דאָס העברעישע לידער־בינטל, אָדער שפּעטער; אָבער עס איז קלאָר, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ נישט איבעריק גרויסן צייט־אָפּשטאַנד — ווייל צווישן תרס״ב — תרס״ג און צווישן תרס״ז ליגן בלויז ווייניקע יאָרן.

ג

וואָס עס דערוועקט דעם באַזונדערן אינטערעס אונדזערן, איז די קשיא, צי האָבן מיר שוין אין "פּרחי נוער" צו טאָן מיט מאָטיוון, וואָס זענען, ווי קערנער פאַר אַ שפּעטערדיקן וווקס און אַנטוויקלונג. איך האָב, אין דערמאָנטן אַריינפיר, שוין אָנגעוויזן אויף אַן עראָטיש צוויי־טייליק ליד, און וויל איצט מיין דאָרט אַרויסגעזאָגטן געדאַנק עפּעס מער אויסברייטערן. דער ערשטער טייל פון ליד גייט:

– לִבֵּךְ גַּן־רָטוֹב, גַּן רַעֲנָן!
עֲרֻגוֹתָיו – שָׁדַיִךְ,
שְׂפָתַיִךְ – וְרָדָיו, לְחָיַיִךְ – שׁוֹשַׁנָּיו,
עֵינוֹתָיו – עֵינַיִךְ.

– ״אַךְ מַדּוּעַ כֹּה בֹּשֵׁשׁ הַמְשׁוֹרֵר?
״מַכֵּה הַצַּמֶּרֶת, שַׁח, נוּגֶה הָאָמִיר,
״אֲבֵלִים הַסְּבָכִים, מַר בּוֹכִים הַתְּלָמִים. –
״יָבוֹא וִיזַמֵּר זְמִירוֹתָיו הַזָּמִיר!״

טייטש: דיין האַרץ אַ פֿייכטער גאַרטן, אַ צווייגהאַפּטיקער גאַרטן:
זיינע בייטן — דיינע בריסטן; דיינע ליפּן — זיינע רויזן:
דיינע באַקן — זיינע ליליעס; זיינע קוואַלן — דיינע אויגן;
אָבער פֿאַרוואָס זוימט אַזוי דער זינגער (דיכטער); בּידעריק דער בוים־שפּיץ, געבויגן,
אומעטיק, אומעטיק דער בוים־שפּיץ, אומעטיק די קוסטן, ביטער וויינען די בייטן. זאָל קומען דער זינגער און זינגען זיינע געזאַנגען דער סאָלאָווי.

מיר גיבן, פֿאַרשטייט זיך, אַ געטרייען, יידיש פּראָזאישן און, ממילא אָרעמען און פֿאַראָרעמדיקן, איבערזעץ־נוסח, וואָס שפּיגלט נישט אָפּ דעם מקור, נישט זיינע אַסאָציאַטיווע רמזים, נישט זיינע סינאָנימע ניואַנסירונגען, און נישט זייערע כוונות, און מחמת דעם דערלויבן מיר זיך אויף עטלעכע פֿון זיי אָנצוווייזן, כדי אָנצוווינקען, ווי אַזוי די עראָטיזאַציע פֿון דער נאַטור איז דאָ צוגעגאַנגען, און דאָס איז דער פֿאַרעם פֿון אַ טאָפּעלעם משל און נמשל: אַ גאַרטן אין צעבלי, אַ בוים און אַ פֿעלד אין צעפּאַל. די פֿאַרגלייכן זענען שכיח אין דער פּאָעזיע, פֿון דער עלטסטער ביז דער ייִנגסטער, דערונטער קאַנוועגציעס, וואָס ווילן אויפֿפרישן דעם גרונטיקן טעם, אַ זאַך, וואָס עס געלינגט זעלטן, און דאָס בלויז ביי אמתע פּאָעטן, און צו יענער צייט זיינען עס, אין דער העברעישער פּאָעזיע, געווען בעיקר ביאַליק און טשערניכאָווסקי, וואָס האָבן ערשט ניט לאַנג אַרויסגעגעבן זייערע ערשטע ביכלעך.

ד

לבד גן רטוב, גן רענן — דער תנ״ך האָט דער אַדיעקטיוו **רטוב** (פֿייכט) בלויז איין מאָל, און דאָס אין שייכות מיט גאַרטן, לשון נקבה פֿון גן — גנה (גאַרטן), און דער פּסוק גייט: ״רטוב הוא לפני שמש ועל גנתו יונקתו תצא״ (איוב ח׳, ט״ז). טייטש: פֿייכטיק איז ער פֿאַר דער זון און אויף זיין גאַרטן גייט אַרויס זיין שפּראָץ. דער פּסוק איז אַריינגעפֿלאָכטן אין דער תוכחה פֿון איובֿ׳ס פֿריינד, בלדד השוחי, אין אַ כלל־בילד פֿון אַ נעגאַטיוון מענטשלעכן באַשטאַנד. אָבער אין דער שפּעטערער שפּראַך איז **גן רטוב** אַ סעקסועל־עראָטישע מליצה, און דער גראַם מזל טוב — **כגן רטוב** באַשיינט דעם שטר פֿון תנאים און חופּה־וקידושין. **גן רענן** — אין היינטיקן שפּראַך־באַנוץ מיינט דער אַדיעקטיוו: רענן — פֿריש, אָבער דער אמתער באַטייט גייט, ווי אין טייטש: צווייגהאַפּטיק, און פֿון זיינע אַכצן באַנוצן אין תנ״ך האָט דאָס רוב צו טאָן מיט אַ בוים, צומאָל אַ באַשטימטן בוים, זיין טייל (בלאַט), אָדער פּראָדוקט (בוימל). אין דער נמשל האָט צו טאָן מיט מענטשן, וואָס ווערן פֿאַרגליכן מיטביימער, און גאָר בולט זענען צוויי באַנוצן — דעם צדיק וואָס בליט און דער רשע וואָס פֿאַרבליט. די נעגאַטיוו־סעקסועלע נאָטע, וואָס

באגלייט דאָס וואָרט **רענן**, נעמט זיך פון דער אַפּטער מליצה: **תחת כל עץ רענן**, וואָס ווערט אַנגעווענדעט לגבי אַן אויסגעלאַסענער פרוי אָדער איר נמשל; אָבער אין דער שפּעטערער פּאָעזיע האָט זיך אויסגעבילדעט אַ פּאָזיטיוו־עראָטישע נאָטע מחמת דעם פסוק אין שיר־השירים: הנך יפה רעיתי, הנך יפה עיניך יונים / הנך יפה דודי אף נעים אף ערשנו רעננה (א׳, ט״ו—ט״ז) טייטש: שיין ביסטו, מיין פריינדין, דיינע אויגן [זענען] טויבן, שיין ביסטו, מיין פריינד, אויך ליבלעך, אויך אונדזער שפּאַן־בעט איז צווייג־האַפּטיק (לויט יהואש: גרין איז אונדזער געלעגער).

און סוף־סוף איז דאָך שיר־השירים דער גרויסער אַנשפּאַר פאַר דער עראָטיזאַציע פון דער נאַטור; אַ ראיה די באַקאַנטע פאַרגלייכן, וואָס האָבן זייער אַ רייכן אָפּקלאַנג, נאָכקלאַנג און איבערקלאַנג אין דער פּאָעזיע, און אויך דער נסתר גייט זיי נאָך אין דעם געבראַכטן קליינעם ליד, און נאָך מער אין אַ פּאָעמע אין "געזאַנג און געבעט", ווו ער פאַרמעסט זיך אויף אַ רייכער און פיקאַנטער פּאַראַפראַזע פון שיר השירים אשר לשלמה. אָבער צוריק צו אונדזער קליינעם ליד, כדי אויפמערקיק צו מאַכן אויף דעם מחבר׳ס שפּראַך־שפּילן: קודם כל מיט דעם זעלבן שורש: **עינותיך — עניך** — דאָס וואָרט **עין** באַטייט סיי אַן אויג, און זיין לשון רבים איז **עינים**; סיי אַ קוואַל, און זיין לשון רבים איז **עיינות**, נאָך מער **יבוא ויזמר זמירותיו הזמיר**, ווו דער שרש **זמר** האָט אַ דרייִקן באַטייט: זינגען, געזאַנג, זינגפויגל, און גייט אויך פון שיר־השירים. **עת הזמיר הגיע**, וו דער גרונט־באַטייט פון וואָרט הזמיר האָט גיכער צו טאָן מיטן ווערב **זמר**, וואָס מיינט שניידן, און באַטייט: די צייט פון שניט, ווי טרויבן־שניט וכדומה, אַזוי איז **זמיר** געבויט ווי **חריש** (צייט פון אַקער), **קציר** (צייט פון תבואה־שניט), וכדומה, האָט זיך אָבער אין מדרש, איינגעקויפט דעם באַטייט פון זינגען און געזאַנג, אַזוי אַז ער, דער מדרש, וואַקלט זיך אין אויסטייטש פון עת הזמיר — עס איז צייט צו זינגען (שירת־הים), עס איז די צייט פון פאַרשניידן (פרעה און זיין חייל), און אין מיטלעלטער איז צוגעקומען דער באַטייט פון אַ זינגפויגל, און ערשט אין דער גאָר מאָדערנער צייט האָט זיך באַפעסטיקט דער באַטייט פון נאַכטיגאַל, סאָלאָוויי.

אינטערעסאַנט זענען אויך די פּאַראַלעל־באַנוצן: **רטוב־רענן**; און בעיקר: **ורדיו — שושניו**, וואָס באַטייטן אין פּאָפּולער־באַנוץ די זעלבע בלום, די רויז, אָבער זענען גרונטיק פאַרשיידן, דען דאָס מישנה־וואָרט ורד מיינט טאַקע "ראָזאַ", אָבער דאָס תנ״ך־וואָרט שנה מיינט "ליליאַ" מעגלעך אַז דער מחבר האַלט זיי אידענטיש, אפשר מיט אַ חילוק פון פאַרב, ווי עס פּאַסט זיך: טיף־רויט פאַר ליפּן, בלייך־רויט פאַר באַקן. וואָס שייך **צמרת־אמיר** זענען זיי אויך אין פּאָפּולער־באַנוץ אידענטיש; בוים־שפּיץ; די עלטערע טייטשן האָבן פאַר **צמרת** — העכסטער צווייג, אויבערשטער צווייג, וואָס געפינט זיך בלויז אין יחזקאל, און פאַר **אמיר** — האָבן זיי שפּיץ פון אויבערשטן צווייג, און געפינט זיך בלויז אין ישעיהו (און מעגלעך בלויז איין מאָל, ווייל **החורש והאמיר** זענען אפנים אַ פאַרגרייז פון צוויי פעלקער־נעמען **החוי והאמורי**, און אפילו רש״י רעדט דאָרט וועגן ערי האמורי, און מעגלעך אַז אויך **ערוגות** און **תלמים** זענען אידענטיש און מיינען בייטן, אָבער דער ערשטער באַנוץ גייט אין אַן אויפגעלעבטער אַטמאָספער, און זיין מקור איז אין שיר השירים: **לחייו כערוגת הבושם** (ה׳, י״ג), טייטש: זיינע באַקן [זענען] ווי אַ בייט

בשמים; דער אַנדערער באַנוץ ווייטער גייט אין אַן אומעטיקער אַטמאָספער, און זיין מקור איז איוב: אם עלי אדמתי תזעק ויחד תלמיה יבכיון (לא ל״ח), טייטש: ווען איבער מיר וועט שרייען מיין ערד און צוזאַמען וועלן אירע בייטן וויינען. סינאָנים זענען אויך די ווערבן: **מכה** (הצמרת) — שח (האָמיר), וואָס בײדע מיינען נידעריק, געבויגן, — דער ווערב פון שורש **מוך**, פון וועלכן **מכה** איז געבילדט, געפינט זיך בלויז אין ויקרא און מיינט דורכוועגס אָרעם זיין, אָבער פון ענלעכן שורש **מכך** מיינט עס טאַקע נידעריק זיין.

די שאלה: **אך מדוע כה בושש המשורר**, שפּאַרט זיך אַסאָציאַטיוו אָן אויף די צוויי איינציקע תנ״ך באַנוצן פונעם ווערב אין דער פּיעל־פאָרעם: **בושש**, **און דאָס אין** קאָנטראַסט: 1. לגבי משה רבינו: וירא העם כי **בושש** משה לרדת ויקהל העם על אהרן (שמות, ל״ב, א׳). טייטש: און עס האָט געזען דאָס פאָלק, אַז עס זוימט זיך משה אַראָפּצוגיין, האָט זיך דאָס פאָלק פאַרזאַמלט אַרום אהרן; 2. לגבי סיסרא, ווען דבורה הנביאה לייגט אַריין אין מויל פון זיין מאַמע: **מדוע בושש** רכבו לבוא, **מדוע אחרו** פעמי מרכבותיו (שופטים ה׳, כ״ח). טייטש: פאַרוואָס זוימט זיך זיין רייטוואָגן צו קומען, פאַרוואָס פאַרשפּעטיקן די טריט פון זיינע רייטוועגן. די שאלה איז, אין אונדזער ליד, געווענדט צום דיכטער, וואָס האָט פאַרשפּעטיקט דעם אויפבלי און קומט שוין צום אָפּבלי, און ווערט אויפגעפאָדערט צו זינגען, מסתמא פון אַ געהיימער האָפענונג, אַז ער קען דעם אָפּבלי אָפּרופן.

ה

אַז די האָפענונג האָט זיך אויף וואָס סומך צו זיין, ווערט קלאָר פון צוווייטן ליד, ווו מיר האָבן אַן אַנדערן, שאַרפערן פאַרגלייך — אַן עראָטיזאַציע פון בית המקדש:

– אַתְּ כֻּלֵּךְ בֵּית מִקְדָּשׁ! לִבֵּךְ הָאָרוֹן,
לוּחוֹתָיו – שָׁדַיִךְ,
מִצְחֵךְ – פָּרָכְתּוֹ, עֵינַיִךְ – כְּרוּבָיו,
כַּנְפֵיהֶם – עַפְעַפַּיִךְ.
– ״אַךְ כֹּהֵן אֵין בּוֹ – בְּכֵן מִזְבְּחוֹ שָׁמֵם:
״אֵין מַקְרִיב קָרְבָּנוֹ, אֵין מַקְטִיר לְבוֹנָתוֹ,
״עוֹלָה אֵין מַעֲלֶה, מִנְחָה אֵין מַגִּישׁ. –
״יָבוֹא הַכֹּהֵן וִיכַהֵן כְּהֻנָּתוֹ!״

טייטש: דו ביסט אין גאַנצן (בית) מקדש; דיין האַרץ — דער ארון; זיינע לוחות — דיינע בריסטן; דיין שטערן — זיין פּרוכת, דיינע אויגן — זיינע כרובים; זייערע פליגל — דיינע וויעס, אָבער אַ כהן איז אין אים נישטאָ — איז טאַקע זיין מידבר וויסט; קיינער איז ניט מקריב זיין קרבן; דעמפּט נישט זיין ווייראַך; ברענגט נישט קיין קרבן

עולה, דערלאַנגט נישט קיין קרבן מנחה; זאָל קומען דער כהן און מכהן זיין אין זיין כהונה. דאָ האָבן מיר בפירוש צו טאָן מיטן גאַנג פון מדרש אויף שיר־השירים, ווו די אַלעגאָריע פאַרנמשלט סאַקראַל דאָס עראָטישע משלים־וואַרג. דער חילוק צווישןביידע טיילן ליד באַטייט דערינען, וואָס אין ערשטן טייל האָבן מיר פאַר זיך די פרוי — אַ גאָרטן, וואָס וואַרט אויפן משורר, וועלכער זוימט זיך צו קומען און איז גורם אַן אָפּבלי און אָפּפאַל, און ווערט אויפגעפאָדערט צו קומען און זיין אויפלעבעדיקן געזאַנג צו זינגען; אין אַנדערן טייל ווייטער האָבן מיר פאַר זיך די פרוי — דאָס בית־מקדש, וואָס איז חרוב ונחרב, און וואַרט אויפן כהן, ער זאָל קומען און מחדש זיין די כהונה. וואָס שייך די ביידע אויפפאָדערונגען, סיי: יבוא ויזמר, סיי יבוא הכהן, גייט די ערשטע פון שיר השירים: **יבוא דודי לגנו**, טייטש: זאָל קומען מיין פריינד אין זיין גאָרטן, און די אַנדערע גייט פון תורת כהנים, ווו מיר האָבן: **ואחר כן יבוא הכהן לראות** (ויקרא י״ד, ל״ו); **בזאת יבוא אהרן אל הקודש** (דאָרט, ט״ז, ב׳) וכדומה.

מען דאַרף נישט קיין איבעריקע ראיות, אַז דער נסתר זעט נישט בלויז דעם משורר, נאָר אויך, און אפשר בעיקר, דעם כהן אין זיך אליין — געגנוג דורכצולייענען זיין פּאָעמע וועגן חורבן און די כהנים און זייער שליחות, און נאָך מער זיין דערציילונג "בייגייסט", ווו ער טרעט אויף מיט זיין אייגענעם נאָמען: פנחס, דער זון פון מנחם הכהן, ווי אַ באַנייער פון בית מקדש און מזבח, אַזוי אַז מיר זעען, וואָס דער קערן פון דעם קליינעם לידל אין כתב יד האָט שפּעטער אויסגעצייטיקט.

אָבער צוריק צום קליינעם ליד. כדי צו באַמערקן, אַז די עראָטיזאַציע פון די בגדי־כהונה איז אַ גלגול פון זייער קאָסמיזאַציע, ווי מיר האָבן זי אין ספר בן סירא, אין קאַפּיטל וועגן שמעון בן יוחנן הכהן, און אין פיוט מיטן רעפריין: מראה כהן, וואָס מיר זאָגן צו מוסף אום יום כיפור. אוודאי וואָלט כדאי געווען דעם מאָטיוו נאָכצוגיין, ווי ער שפּיגלט זיך אָפּ אין דער ליטעראַטור, אין די לעצטע דורות, וואָס פאַרמאָגן סיי ענלעכע, סיי פאַרקערטע דוגמות, אפילו אין דער שפּעטער השכלה־דיכטונג — ווי אַ קליינער משל יעקב **ביבערינג**, וואָס, באַשרייבנדיק אַן אָוונט־שטימונג, זאָגט ער: **ככהן** משוח בהיכל התפארת / בא הערב בריח קטורה / בצניף מלוכה ומעטה אדרת / וכאסיפת הלויים במקום מה נורא! / ינצחו הצלילים הגווני כנורות / והקורא יהי! / והתגוללו המאורות" ("אגודת־ שושנים", ווין תרל״ו, ז׳ 80). טייטש: ווי דער כהן דער געזאַלבטער אין טעמפּל פון פּראַכט, קומט דער אָוונט מיט געשמאַק פון דעמפונג, אין אַ קיניגלעכער טיאַרע, און אַ מאַנטל־היל, און ווי אַ געזעמל פון לויים אין אָרט וואָס איז אַזוי שרעקלעך (יעקב אבינו׳ס אויסרוף נאָך זיין לייטער־חלום אין בית־אל), וועלן קלינגען די געברומען פון פידלען דעם וואָס רופט: זאָל זיין, און עס וועלן זיך אָפּוויקלען די ליכטער. שוין אָפּגעשמועסט פון פאַלקישער דיכטונג — אַ קליינער משל אברהם **גאָלדפאַדען** ("שבת, זונטיק און ראש חודש"), לא כל שכן מאָדערנע דיכטונג — אַ בולטע דוגמה ח. נ. ביאַליק ("על לבבכם השמם"), ווו מיר האָבן אַ סמיכות: על מקדש לבבכם, משמע: אויפן בית־מקדש פון אייער האַרץ, אַן ענין וואָס פאַרדינט אַ באַזונדערע שטודיע.

און מיר וועלן פאַרענדיקן מיט אַ גאָר יונגער דוגמה לגבי דעם פאַרגלייך: פרוי — קאָסמאָס — עס איז דאָס ליד פון מ. מ. **שאַפיר**: סימעטריע — מיסטעריע ("מיט צוגעניגטע

רייד״, מאָנטרעאַל, 1977, ז׳ 75), לאמור: ״סימעטריע פֿאַרמאָגט די אותיות פֿון מיסטעריע /. גאָטס חכמה — נישט נאָר ווונדערלעך און גוט איז זי, / נאָר אויכעט שיין. / אַ פּאַראַדיגמע איז דער קערפּער פֿון דער פּרוי — מע דאַרף נישט מיין. // מיט דריי משולשן / האָט גאָט געבויט דעם קערפּער פֿון דער פּרוי — / אַזוי: — / די אויגן מיטן מויל — איז דריי, / און גאָט איז דאָ דער פּערטער — / ער האָט זיי געהייסן, מיט די שטילסטע ווערטער, / אַז דאָס מויל זאָל זיין / דאָס קול פֿון דער נשמה לאָזן שיין צו הערן; / און די אויגן — אויף צו זען, און קוקן גינציק, / און אַמאָל צו לאָזן גוטע טרערן. // אויך די פּאַכוועס מיטן נאָפּל זיינען דריי: / אויך דאָ איז גאָט דער פּערטער — / ער איז דאָ אין אַלע שטילע ערטער. // אויך די טראַכט און ביידע מילעכקוואַלן / זיינען דריי, וואָס ווייזן גאָט / אין זיין חסדיקער סודותדיקער שטראַלונג. // יאָ, ביי אַלע אָט די דריי / איז דאָ דער לעבעדיקער גאָט דערביי — / ער ווייזט זיך אונדז אין אַלערליי געשטאַלטן, /נאָר ער ליגט באַהאַלטן״.

ו

מיר וואָלטן זיך געמיטן מיט אונדזער חוב, מיר זאָלן נישט אונטערשטרייכן, אַז דער כהן — און כהונה־קאָמפּאָנענט ביי דער נסתר, וואָס איז אין דעם קליינעם ליד געבונדן מיטן ליבע־מאָטיוו, און איז, מחמת זיין אייגענעם יחוס, אויסגעוואָקסן צו אַ כהן — און כהונה־קאָמפּלעקס, גייט אויף דער ליניע פֿון זיין היסטאָריאָזאָפֿישער קאָנ־צעפּציע, וואָס נעמט אָן אַ דיאַלעקטישן צוזאַמענגוס פֿון אַלטן שליחות און רעוואָלוציאָנערן צייט־גייסט, וואָס איז, בעצם, א ביי־גייסט, ווי ער האָט זיך אַנטפּלעקט אין וועלט־געשיכטלעכע אַנטשטייד־שעהן, סיי גאָר ווייט, סיי גאָר נאָענט.

סיי גאָר ווייט — מיר האָבן שוין דערמאָנט זיין חורבן־פּאָעמע אין ״געבעט און געזאַנג״, און מיר ווילן איצט באַטראַכטן די ראָל, וואָס ווערט דאָ, האַלב קלאָר, האַלב־פֿאַרנעפּלט, צוגעשריבן דעם אותו איש. פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר זענען מחויב צו געדענקען, אַז וואָס שייך ברית־חדשה־מאָטיוון, וועלכע זענען אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער יידישער ליטעראַטור (און האָבן, מחמת פּאָלעמישער איבערגעלאָדנקייט עד היום נישט געקריגן דעם רעכטן, שאַרפֿן און ערנצטן באַהאַנדל), פֿאַרמאָגט זיי שוין דער נסתר פֿון סאַמע אָנהויב, אין זיין בוך ״געדאַנקען און מאָטיוון״, — אויב אין ״דער לעצטער מענטש״ לאָזט ער, אין אַ מין היציקער פֿאַנטאַסמאַגאָריע, כריסטוסן זיך טומלען צווישן אַהאַסווער בודדאַ און מעפּיסטאָפּעלעס (ער שרייבט: מפּיסתופס, אפשר לויטן אויסלייג: מפּיסתופל, ווי מאיר לעטעריס ברענגט עס אין זיין ״אלישע בן אבויה״, ווו ער האָט, כידוע, פֿאַראַרבעט גערטע׳ס ״פֿאַוסט״), טאָ האָבן מיר אַ קלאָרן אותו־איש־ענין אין ״מרים״, וואָס זיין אונטער־טיטל גייט: ״אַ פּירוש אויפֿן מאָטיוו פֿון ״מאַליטוי דיעווי״ משמע: תפילות פֿון דער בתולה, און מיר האַלטן נאָך איידער שלום אַש האָט געהאַט זיין באַגעגעניש אויפֿן וועג קיין בית־לחם, איידער פּ. לעווערטאָוו האָט אַרויסגעלאָזט, אין לאָנדאָן, דעם עברית־איבערזעץ פֿון אויגוסטינוס וידויים, און ישראל פּופּס דערוועקט אַ שטיקל שטורעם מיט זיינע פּראָ־קריסטלעכע דעות אין ״השלח״, אָבער די גאָט־זוכענישן אין דער רוסישער ליטעראַטור, מיט זייער קריסטלעכן אונטערשלאָג, שפּאָרן

אויך אַן אין קרייזן פון דער יידישער אינטעליגענץ, און ווי משה קליינמאַן, וואָס האָט אַמאָל געוווינט און טעטיק געווען אין בערדיטשעוו, האט עס מיר, אין אַ שמועס, דערקלערט: ווי עס האָט זיך דעמאָלט געקריסטלט, אזוי האָט זיך געיידלט, און אַז ביי זיי האָט זיך היפּער־געקריסטלס, האָט זיך ביי אונדז, לפּחות, עפּעס געקריסטלט. ווי און אויף וויפל די וואַריאַציעס אויף די תפילות פון דער בתולה געהערן אַהער — דאַרף נאָך דורכגעפאָרשט ווערן, אָבער אַזוי ווי זיין ערשט ביכל איז פּאָרט אַ טיר פון זיין צווייטן ביכל, בעט זיך אַכט צו לייגן אויפן ענין פון שטערן, וואָס ווערט דערוואַרט: "אַ שטיק צייט שוין / אַז מען זעט / זאָגן פאַסטוכער פון לאַנד /, וואָס זיי פּאַשען / אויף די בערג / און זיי נעכטיקן מיט פי / אונטער הימל־הויך, — / א שטיק צייט שוין, / אז מען זעט / הויך אין הימל, / עפּעס גייט / ווי אַ שטערן / אום ביינאַכט / היין, צוריק / און לויפט און לויפט / העל און ליכטיק / און געשווינד / הויבט זיך אויף / און פאַרשווינדט / הויך און העכער / און נישט בלייבט" (ז' 18). און צום באַטייט פון שטערן, הערן מיר ווייטער: "און פון ווייט די חכמים / פון דער וועלט / פון אַתונאַ / פון דער שטאָט / און פון הודו / ווייטן לאַנד / שטייען זעערס אַלטע לייט — — / פרעגן, פרעגן וואָס באַטייט / יענער שטערן פון ביינאַכט / וואָס מען זעט אים / אַלע נאַכט / פון אַ לאַנגער צייט / שוין לאַנג" (ז' 20).

ז

שליסנדיק פון שפּעטערן אויפן פריערן דער נסתר, פאַרשטייען מיר, אַז ער האָט, אויף זיין דור, פּאַראַיצטיקט אַן אַלטע מסורה וועגן גאולה־דערוואַרט און משיח־דערוואַרט, און מיר האַלטן, אַז עס איז די לעגענדאַרע מסורה, ווי מיר האָבן זי אין ברית חדשה: "און ווען ישו איז געבוירן געוואָרן אין בית־לחם — זענען חכמים געקומען פון מזרח קיין ירושלים, או האָבן געזאָגט: ווו איז דער, וואָס איז געבוירן געוואָרן דער מלך פון די יידן, וואָס מיר האָבן געזען זיין שטערן אין מזרח — האָט הורדוס גערופן די חכמים שטילערהייט און האָט ביי זיי גוט אויסגעפאָרשט די צייט, ווען דער שטערן האָט זיך באַוויזן — זענען זיי אַוועקגעגאַנגען און זע, דער שטערן, וואָס זיי האָבן געזען אין מזרח, איז פאַר זיי געגאַנגען, ביז ער איז געקומען און געבליבן שטיין איבער דעם אָרט, ווו דאָס יונגע קינד איז געווען, און ווען זיי האָבן געזען דעם שטערן, האָבן זיי זיך געפרייט זייער אַ גרויסע פרייד —" (מתי ב', א'—י'). נאָך מער: "און זיי זענען פאַסטעכער געווען — וואָס האָבן געגעכטיקט אויפן פעלד, און האָבן געהיט זייער טשערעדע ביינאַכט, און אַ מלאך פונעם האר איז ביי זיי געשטאַנען און די פּראַכט פונעם האר האָט אַרום זיי געלויכטן, און זיי האָבן זייער מורא געהאַט. האָט דער מלאך צו זיי געזאָגט: האָט נישט קיין מורא, ווייל איך ברענג אייך אַ גוטע בשורה פון פרויס פרייד פאַר אַלע פעלקער, ווייל היינט איז געבוירן געוואָרן דער רעטירער — און זיי זענען אייליק אוועק און האָבן געפונען מרים און יוסף און דאָס קינד ליגנדיק אין אַ זשלויב" (לוקאַס, ב', ח'—ט"ז).

ווי מיר זעען, גייען דאָ צוויי מסורות, איינע וועגן די חכמים פון מזרח, וואָס גייען

נאָך דעם שטערן, און איינע וועגן די פּאַסטעכער, וואָס דער מלאך גיט זיי איבער די בשורה. ביי דער נסתר זעען סיי די חכמים פון דער ווייט, סיי די פּאַסטעכער פון דער נאָענט, דעם שטערן און גייען אים נאָך. באמת, האָט די עוואַנגעליע־אינטערפּרעטאַציע געזוכט ביידע מסורות אויסצוגלייבן, און אַ שטייגער, יאָהאַן פּעטער העבעל, האָט אין זיין ביבל פּאַרן פּאָלק און פאַר קינדער, דערציילט צוערשט וועגן די פּאַסטעכער און שפּעטער וועגן די חכמי מזרח אַזוי צו זאָגן: "עס זענען געקומען אויך פון גאָט דערמאָנט, מיט קעסטלעכע מתנות קלוגע מענער פון מזרח, פון אַ פרעמד לאַנד קיין ירושלים, און האָבן געפרעגט: ווו איז דער נייגעבוירענער זון, קיניג פון די יידן, מיר האָבן זיין שטערן געזען אין מזרח־לאַנד און זענען געקומען אים צו אָפּכפּערן. זיי האָבן געמיינט, אַז ער איז געבוירן אין ירושלים, ווו עס האָט דעמאָלט געוווינט דער אומפרומער קיניג הורדוס. זיי האָבן נישט אַנדערש געקלערט, נאָר אַז גאַנץ ירושלים וועט זיין פול פרייד, און יעדעס קינד אויף דער גאַס וועט קענען געבן אַ תשובה אויף זייער קשיא. ווי האָבן זיי זיך פאַרוואונדערט, אַז אַלץ איז געווען אַזוי שטיל. אַלץ איז געווען אַזוי שטיל, גלייך עס וואָלט גאָרנישט געשען. ווען זיי האָבן געפרעגט, האָט ער גאָרנישט געוווסט פון דעם נייגעבוירענעם וווּנדער־קינד. זיי זענען געקומען ביזן קיניג הורדוס. ער האָט אויך נאָך גאָרנישט געוווסט, ער האָט ערשט געמוזט פון לאַנדפרעמדע מענטשן זיך דערוויסן, וואָס די מלאכים האָבן מבשׂר געווען צו די פרומע פּאַסטעכער" (רהיין־פּאַרלאַג, באַזל־לייפּציג, ז' 135).

לויט דער נסתר וואַנדערט דער שטערן, וואָס איז מבשׂר אַ וועלט־געשיכטלעכן איבערבראָך, און איז אַ זיך איבערחזרנדיק פענאָמען, און דאָס האָט ער פון אַ היימישער מסורה — וואָס הייבט זיך אָן מיט אברהם אבינו, וועגן אים ברענגט דאָך דער מדרש, אַז ווען ער איז געבוירן געוואָרן, האָט זיך באַוויזן אַ שטערן פון מזרח, וואָס האָט איינגעשלונגען פיר שטערן פון די פיר עקן פון דער וועלט, האָבן די חכמים געזאָגט נמרודן, אַז תרח וועט האָבן אַ זון, וואָס פון אים וועט ארויס אַ פּאָלק, וואָס וועט אַרבן ביידע וועלטן, און האָבן אים געעצהט, ער זאָל אים הרגענען. אונדזערע באָבעס האָבן דאָס געלייענט אין עלטערע אויסגאַבן פון צאינה וראינה; אונדזערע זיידעס ווייטער האָבן געלייענט אין "ספר הישר": "ויהי בלילה ההוא עת הולדת את אברהם ויבואו כל עבדי תרח וכל חכמי נמרוד וכל חרטומיו ויאכלו וישתו בבית תרח וישמחו עמו בלילה ההוא / ויהי בצאת כל החכמים והחרטומים מבית תרח וישאו את עיניהם השמימה בלילה ההוא אל הכוכבים / ויראו והנה כוכב אחד גדול מאד בא ממזרח שמש וירץ בשמים ויבלע ארבעה כוכבים מארבע רוחות השמים" (פרשת נח). טייטש: און עס איז געווען אין יענער נאַכט, בשעת אברהם איז געבוירן געוואָרן, זענען געקומען אַלע קנעכט פון תרח און אַלע חכמים פון נמרוד און אַלע זיינע כשופמאַכערס, און האָבן געגעסן און געטרונקען אין תרח'ס הויז, און האָבן זיך מיט אים געפרייט אין יענער נאַכט; און ווען אַלע חכמים און כישופמאַכערס זענען אַרויס פון תרח'ס הויז, האָבן זיי אויפגעהויבן זייערע אויגן צום הימל אין יענער נאַכט, האָבן זיי געזען, אַז איין גרויסער שטערן קומט פון מזרח־זייט און לויפט אין הימל און פאַרשלינגט פיר שטערן פון די פיר זייטן הימל.

וואָס שייך דעם בילד — כדאי צו ברענגען אַ פּאָעטישע ווערסיע פון אַ מאָדערנעם

דיכטער, ישראל אפרת: ״ליל תכלת זרוע כוכבים אז היה על שדמות בית־לחם / ליל דממה, הזאבים לא בכו, התנים לא נשאו את קולם, / הרוחות הציעו משכבם על גלי הירדן השקטים, / ונדמה, היקום מטה אוזן ומקשיב ומחכה ומחכה... / ופתאום וכוכב־פז מזהיר בפאתי המזרח / ויגדל הכוכב ויגדל, / ראה! ״מגן־דוד״ של זהב... / קול רינה באהלי בית־לחם, בן יולד משורש בן ישי / הלא הוא משיח ישראל וגאולת העולם בידו...״ (״נא שירי בת־הלאס״, אחיעבר תקפ״א, ז׳ 5). טייטש: אַ נאַכט אַ בלויע, שטערן־באַזייט, איז דעמאָלט אויף די פעלדער פון בית־לחם; אַ נאַכט פון שטילקייט, די וועלף האָבן ניט געוויינט, די שאַקאַלן האָבן נישט אויפגעהויבן זייער שטים, די ווינטן האָבן זייער געלעגער אויסגעבעט אויף די שטילע אינדן פון ירדן, און עס דוכט זיך, דער וועלט־באַשטאַנד נייגט אַן אויער און וואַרט און וואַרט; און פלוצים באַווייזט זיך אַ גלאַנציקער גאָלד־שטערן אין די ראַנד פון מזרח, און דער שטערן וואַקסט גרויס און גרעסער, און זע: אַ מגן דוד פון גלאַנץ; אַ שטים פון געזאַנג אין די געצעלטן פון בית לחם, אַ זון געבוירן פון וואָרצל בן־ישי, עס איז דאָך דער משיח פון ישראל און די גאולה פון דער וועלט איז אין זיין האַנט.

אגב, דער ענין פון מגן דוד איז לגבי יענער ווייטער צייט א מין אַנאַכראַניזם — אַזוי פרי האָט מען דעם העקסאַגראַם, ווי א דוד־שילד אדער דוד־שטערן, נישט געקאַנט. אמת, טולו נוסענבלאַט האָט געפרווט באַווייזן, אַז די מחנות פון די שבטים אין דער מדבר האָבן געבילדט די פאָרם פון אַ מגן דוד (ייוואָ־בלעטער 1938, באַנד 13), אָבער דאָס האָט ניט קיין שום האַפט, און כדאי וועגן דעם פּראָבלעם דורכצולייענען די שטודיע פון גרושם שלום (אָמערשט אין ״לוח הארץ״, תש״ט, שפּעטער אויסגעברייט אין זיין בוך ״יודאַיקאַ״ (1936) — צווישן די פאַלשע השערות, וואָס ער איז מבטל, געפינט זיך אויך די הנחה פון ר׳ משה גאַסטער, אַז רבי עקיבא האט עס דעם מגן דוד איינגעפירט ווי אַ סימבאָל אין דער באַפרייונגס־מלחמה פון בר־כוכבא (זון פונעם שטערן), בשעת ר׳ יעקב רייפמאַן האָט געהאַלטן, אַז עס איז ביי יידן אַ פרעמד געוויקס. אָבער כאָטש גרשום שלום באַווייזט, ווי יונג דער סימבאָל איז, האַלט ער, אז נאָך דעם ווי ער איז, אין אונדזער דור, דורך יסורים און שרעק, געהייליקט געוואָרן, איז ער ראוי צו באַלייכטן דעם וועג צום לעבן און צום אויפבלי.

נאָך דעם באַמערק בעט זיך צו פאַרצייכענען, אַז ישראל אפרת באַנוצט זיך מיט אויטענטישע משיח־אַסאָציאַציעס — בן יולד משורש בן ישי — די ווערטער: ילד יולד לנו בן ניתן לנו (ישעי׳ ט׳ ה׳). טייטש: דען אַ קינד איז אונדז געבוירן, אַ זון איז אונדז געגעבן, זענען, כידוע, דער אויפטאַקט צום באַשרייב פון דער משיחישער געשטאַלט אויף דודס שטול אין זיין קיניגרייך, און זענען, פאַרשטייט זיך, אין דער קריסטאָלאָגיע שטאַרק אויסגענוצט געוואָרן. ווייטער צו די ווערטער: משורש בן ישי — האָבן מיר: שורש ישי אשר עומד לנס עמים (ישעי׳ י״א). טייטש: דער וואָרצל ישי, וואָס שטייט ווי אַ פאַניר פון די פעלקער, און איז דער שלוס־טאַקט פון דער גראַנדיאָזסטן באַשרייב פון דער משיח־געשטאַלט, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: ויצא חוטר מגזע ישי ונצר משורשיו יפרה (דאָרט, א׳), טייטש: און עס וועט אַרויס אַ ריטל פון שטאַם ישי, און אַ שפּראָץ פון זיינע וואָרצלען וועט זיך פרוכפערן און אויך דאָס איז, פאַרשטייט זיך,

קריסטאַלאָגיש גאָר היפש עקספּלאָאַטירט געוואָרן. און די דאָזיקע עקספּלאָאַטאַציע שאַפט אַ שטאַרקע שפאַנונג ביים צוזאַמענשטויס פון יידישער און קריסטלעכער אינטערפּרעטאַציע.

ח

מיר קערן זיך אום צוריק צום שטערן, דעם מבשר און סימבאַל פון דעם גואל און דער גאולה, וואָס לויכט אויף אין די וועלט־געשיכטלעכע אַנטשייד־שעהן, כדי צו באַמערקן, אַז, בעצם, לויכט ער תמיד, — זאָגט דאָר נסתר, אין זיין פּאָעמע "מיר", וואָס איז אַ מין אכזריותדיק היסטאָריש־אַקטועלע אַליין־קריטיק פון יידישן פאָלק אין זיין וואַנדל איבער צייטן און ערטער, לאמור: / "דאָך מיר שלעפן / אונטערטעניק / און מיר קלאָגן זיך פאַר קיינעם /נאָר מיט אויגן / שטילע קוקן /אַלע נאַכט / ארויף צום הימל / און מיר קוקן נאָר / און זוכן / שטערן־שטערנדל / פון אויבן /דאָס אין הימל / ניט פאַרלירן / אין דער נאַכט / דאָס — אונדזער — הויכע / אונדז אין תפילה / און אויף וועג" (ז' 9). הייסט עס, אַז דער אויסקוק אויפן גאולה־שטערן איז אַ שטענדיקער, און ער קען אַ יעדע שעה און רגע ווערן דער גרויסער איבערקערערישער ממש, אין גייסט און זינען פון אחכה לו בכל יום שיבוא, טייטש: איך וועל אויף אים וואַרטן אַ יעדן טאָג ער זאָל קומען, און דער חילוק איז בלויז צווישן לאַטענטן און מאַניפעסטן שטערן־שטאַנד. אַזוי ווי ער איז אָבער, אין געשיכטלעכן וואַנדל איין מאָל, און אפשר אפילו עטלעכע מאָל, מאַניפעסט געווען, פרעגט זיך די קשיא, ווי פאַרהאַלט זיך אַזאַ באַנעם לגבי דער מסורה, וואָס ווייסט נישט פון קיין משיח־לשעבר, נאָר בלויז וועגן אַ משיח לעתיד־לבוא. און עס איז אַ קשיא, וואָס פירט ביים באַזונדערן דער־נסתר־קאָמפּלעקס, דער כהונה זיינער, צו אַן אַנדערער, נישט ווייניקער קאָמפּליצירטער קשיא — ווי פאַרהאַלט זיך דער באַנעם פון כהונה־אויפלעב, וואָס מיינט ממילא דעם בית־מקדש־אויפלעב, און דעם שאַרף אויטאָביאָגראַפיש צוגעשניטענעם פרווו עס צו רעאַליזירן, און דאָס נישט אין זיינע מסורהדיק היסטאָריש־געאָגראַפישע געמאַרקן: אויפן הר הבית; האָבן מיר דאָך אין "ביי־גייסט" דעם כהונה־און־מקדש באַניי — דער באַנייער, און דאָס איז דער דיכטער אַליין, מיט זיין אייגענעם פולן נאָמען, און אין אַ קלאָר אויסגערעכנט יאָר, פינף טויזנט זעקס הונדערט און אכציק (1920), עטלעכע יאָר נאָך זיין באַנייטער נבואה, גייט ער אַרויף אין הימל, ווו עס געפינט זיך דער משכן, און באַגעגנט זיך מיט ר' ישמעאל, דעם לעצטן כהן גדול פון דעם בית שני, כדי זיך לבסוף פון אים צו דערוויסן, אַז זיין, פנחס הכהנס אָרט, איז נישט צו באַדינען דעם משכן אויבן, נאָר אַראָפ אונטן, כדי דאָרט אַן אַנדערן, אַ נייעם משכן אויפצובויען. עס איז נישט אַזוי לייכט פון דעם סימבאָלישן און אַפּאָקאַליפטישן דין, דין־פאַרפלאָנטערטן, וויזיאָנאַרן געשפין, וואָס דער דיכטער לאָזט דאָ אויפפלימערן, אויסצושיילן די רעאַליטעט, אין וועלכער דער נייער משכן ווערט געבויט, אָבער זי איז געבונדן אין, אָרט און צייט, ווו און ווען די דיכטונג איז געשאַפן געוואָרן — גענוג אַ קוק דערלאַנגען אין חנאַ שמערוק'ס אַריינפיר צו "הנזיר והגדייה" (תשכ"ג), כדי צו הערן, אַז פרילינג אָדער זומער 1920, איז דער נסתר מיט זיין משפחה אַוועק פון קיעוו קיין מאָסקווע, און זיי האָבן אַ שטיקל צייט געוווינט, מיט מאַרק שאַגאַל, אין יידישן יתומים־הויז אין דעם נאָענטן מאַלאַכאָווקע,

און אז "ביגייסט" איז צוערשט געדרוקט געוועז אין "שטראָם" (העפט 4, 1923) און איז געחתמעט: מאַלאַכאַוועקע, זומער 1920. ווילן מיר דערצו באַמערקן, אַז עס וואָלט מסתמא געווען אַבסורדאַל אָנצונעמען, אַז דער אַנדערער, נייער משכן, האָט צו טאָן מיט הר הבית און זיין אָרום. מעגלעך, אַז צוליב דעם טראַנספּאָרטאַבעלן כאַראַקטער פונעם בית המקדש, ווערט דאָ פאָוואָריזירט דער באַצייכן: משכן, און די טראַנספּאָרטאַבליטעט איז, כידוע, אַ שאַרפער מחלוקת־פונקט, און דאָס אפילו, און אפשר בעיקר, אין די לעצטע דורות אין דער יידישער טעאָלאָגיע, און ווי אָרום די מעריב־אייראָפּעישע יידישע רעפאָרם־באַוועגונג און דער מזרח־אייראָפּישער סאָציאַליזם האָבן זיך דאָ, ווי אויך אין אַנדערע פונקטן, באַגעגנט, איז אַ פּיקאַנט קאַפּיטל פאַר זיך.

ט

אָבער, ווי עס טרעפט זיך אָפט, קומט אַ בולטער פּרט און מאַכט אַ שטריך אין חשבון. עס איז דאָס בילד פון פוקס (אָדער שאַקאַל) אין דער חורבה, וואָס שלייכט זיך אַריין אין "ביי־גייסט" דער וויזיע פון דער חופה, ווען דאָס גאַנצע פאָלק יובלט צו דעם מלך, אונדזער מלך המשיח, און הייליקט זיך צום הייליקן מזרח. איז עס אַ זייער אַסאָציאַטיוו־באַלאָדן בילד — עס איז קאָמבינירט פון צוויי פסוקים: א. כשועלים בחרבות נביאיך ישראל היו (יחזקאל י"ג, ד'), טייטש: אַזוי ווי פוקסן (אָדער שאַקאַלן) אין די חורבות זענען דיינע נביאים געווען, ישראל; ב. על זה היה דוה לבנו על אלה חשכו עינינו / על הר ציון ששמם שועלים הילכו בו (איכה, ה', י"ז—י"ח), טייטש: אויף דעם האָט געש־מאַרצט אונדזער האַרץ, אויף די זענען פאַרפינצטערט געוואָרן אונדזערע אויגן, אויפן באַרג ציון, וואָס איז פאַרוויסט, פוקסן (אָדער שאַקאַלן) שלענדערן אויף אים. די אגדה לאָזט ר' עקיבא און זיינע חברים עולה זיין קיין ירושלים, און אַרויפגיין אויפן הר הצופים און, מחמת אבלות רייסן זיי קריעה, און ווען זיי זענען געקומען צום הר הבית, האָבן זיי געזען אַ פוקס (אָדער שאַקאַל), וואָס איז אַרויס פון קדשי־קדשים, האָבן זיי געוויינט און ר' עקיבא האָט געלאַכט; האָט ער זיי געפרעגט, פאַרוואָס זיי וויינען, האָבן זיי געענטפערט: דאָס אָרט, וואָס עס שטייט: 'והזר הקרב יומת' (במדבר א', נ"א), טייטש: און דער פרעמדער, וואָס וועט גענענען, וועט געטויט ווערן, שלענדערן דאָרט איצט אַרום פוקסן (אָדער שאַקאַלן), ווי אַזוי זאָלן מיר נישט וויינען. האָבן זיי אים געפרעגט, פאַר־וואָס ער לאַכט, האָט ער געענטפערט: איך לאַך, ווייל עס שטייט: ואעידה לי עדים נאמנים את אוריה הכהן ואת זכריה בן יברכיהו (ישעיה ח' ב'), טייטש: און איך וועל פאַר עדות נעמען צוויי געטרייע עדות, אוריה הכהן און זכריה בן יברכיהו, וואָס פאַר אַ שייכות האָבן זיי, איינער איז דאָך געווען ביים בית ראשון און דער אַנדערער ביים בית שני, נייערט דער פסוק האָט ביידע נבואות צוזאַמענגעבונדן — הייסט עס דאָך לגבי אוריה: לכן בגללכם ציון שדה תחרש וירושלים עיים תהיה והר הבית לבמות עיר (איכה ג', י"ב), טייטש: דערפאַר, וועגן אייך וועט ציון ווי אַ פעלד פאַראַקערט ווערן און ירושלים וועט זיין אַ הויפן חורבה־שטיינער און דער הר הבית — וואַלד־הויכן; ביי זכריה ווייטער הייסט עס: עוד ישבו זקנים וזקנות בחוצות ירושלים (זכריה ח' ד'), טייטש: עס וועלן נאָך זיצן אַלטע מענער און פרויען אין די ירושלימער גאַסן; ביז עס איז ניט מקוים געוואָרן

אוריה״ס נבואה, האָב איך מורא געהאַט, אַז זכריה״ס נבואה וועט נישט מקוים ווערן. איצט, אַז עס איז מקוים געוואָרן אוריה״ס נבואה, איז וויסיגלעך, אַז זכריה״ס נבואה וועט מקוים ווערן. האָבן זיי אים געזאָגט אין דעם לשון: עקיבא נחמתנו, עקיבא נחמתנו, טייטש: עקיבא, דו האָסט אונדז געטרייסט.

יאָ, מיר האָבן דאָס דערמאָנט לגבי דעם בילד פון דעם פיקסל אין ״ביי־גייסט״, אָבער דער עיקר כוונה דערביי איז צו פאַרצייכענען, אַז דאָס בילד קערט זיך ביי אים אום, און דאָס נאָך צוויי און צוואַנציק יאָר — אין זיין סקיצע ״האָס״, וואָס ער האָט אָפּ־געדרוקט אין ״אייניקייט״ (29 יוני, 1944), האָבן מיר אַ שמועס מיט אַ זעכצן־יאָריק ינגל, וועלכן ער רופט אָן שלמה אַליצקי, וואָס איז שוין ביי דרייצן יאָר געווען אַ פּאַרטיזאַן, און האָט זיך געלאָזט קיין ארץ־ישראל. עס איז נישט קיין אויסגעטראַכטע פיגור — דאָס יינגל האָט באמת געהייסן שלמה פערלמוטער, און איז טאַקע געקומען צו אונדז אין לאַנד אריין און מיר האָבן אים דאָ געקענט — סיי ווי דער לעצטער סעקרעטאַר פון יעקב פיכמאַן, סיי ווי אַ תלמיד אין ירושלימער אוניווערסיטעט, און חנא שמערוק, וואָס האָט די סקיצע, וועלכע איז פריער נישט אריין אין בוך־טאָוולען, געבראַכט אין דעם דערמאָנטן אַריינפיר צו ״הנזיר והגדייה״, אַז ער האָט פון פערלמוטער געהערט וועגן פאָן פון דעם נסתרס געזעגן־ווערטער, ווו מיר הערן: ״ויהי ביום ההוא — ווילט זיך דאָ נוצן דאָס פייעלעכע נביאים־וואָרט — וועלן מיר זיך זען צווישן די בויער און אויפריכטער פון יענע חורבות אויף אונדזער באַרג, ווו פריער, ערשט־אַ, האָבן אומ־שפּאַצירט די שאַקאַלן; מיר זעען זיך טראָגן ליים און ציגל פאַרן פאָלקס־בנין, מיט וועלכן מיר וועלן זיך גרויסן, ווי אַלע מיט אַלע אויפגעריכטע בנינים...״

דאָס איז, ווי געזאָגט, געשריבן און געדרוקט אין דער מאָסקווער ״אייניקייט״ דריי יאָר פאַרן דעם אויפקום פון מדינת־ישראל.

פון אַלמאַנאַך צו אַלמאַנאַך

לכבוד פּראָפעסאָר דב סדן

אין פּרעכטיקן זאַל פון וואַן־ליר איז אָנהייב יולי 1977, פאָרגעקומען אַ פייערלעכער אָוונט לכבוד פּראָפ׳ דב סדן צו זיין 75טן יאָר עד מאה ועשרים.

ס׳האָט זיך צוזאַמען געגומען אַ שיינער עולם: חוץ די שטענדיקע באַזוכער פון דער ירושלימער יידישער קולטור־געזעלשאַפט זענען אויך געקומען אָפּמערקן דעם דאָזיקן קולטור יום־טוב יידישע און העברעישע פען־מענטשן, פּראָפעסאָרן פון ירושלימער העברעישן אוניווערסיטעט ווי אויך פילצאָליקע תלמידים פון אונדזער בעל יובל.

וועגן די גרויסע און חריפותדיקע אויפטועון פון דב סדן אין געביט פון שפּראַך־וויסנשאַפט און ליטעראַטור־פאָרשונג, וועגן זיינע צענדליקער ביכער סיי אין עברית, סיי אין יידיש האָבן אינטערעסאַנט גערעדט דער פאָרזיצער ד״ר גרשון וויינער און דער דעקאַן פון העברעישן אוניווערסיטעט פּראָפ׳ אברהם האַרמאַן. גענויער האָט אַנאַליזירט דב סדנס שעפערישן לעבנס־גאַנג דער יידישער דיכטער און פּראָפעסאָר פון תל־אביבער אוניווערסיטעט י. ח. בילעצקי. דער גרויסער עולם איז באַזונדערס באַווירקט געוואָרן פון דב סדנס שלוס־וואָרט, אַ וואָרט פול מיט חכמה, וויסן און פאָלקסטימלעכן הומאָר.

בלוט הינטער די קוליסן...

קעניג ליר און זיין לץ
(מיכאָעלס און זוסקין) קינסטלער אַ. טישלער

שלמה מיכאָעלס נאָך דער פאַרשטעלונג פון "200.000", אין דער ראָל פון שימעלע סאָראָקער. פאָטאָגראַפירט מיט זיין עלטערער טאָכטער נאַטאַליע.

נאַטאַליע מיכאָעלס

דער מאָרד פון מיכאָעלסן
(פראַגמענט)

דיין לעצטער אויפטריט פאַרן פאָלק
צווישן בראָכשטיקער מיט שניי באַשאָטן.
נאָר — אָן דיין וואָרט, נאָר — אָן דיין
קול.
בלויז דיין פאַרקילטער אָטעם . . .

אָבער מיר הערן אויך אַצינד, ווי אַלע
מאָל,
דעם אומזיכטיקן שאָרך פון אָדלער-
פליגל דיינע
וואָס אָנגעטאָן האָט דיר דאָס פאָלק,
זאָלסט זיין זיין טרייסט, זיין אָפּקלאַנג
און זיין טענה.

פּרץ מאַרקיש — ״ש. מיכאָעלס — אַ נר תמיד ביים אָרון״.

פון דעם טעאַטער-הויף פאָרט אַרויס אַ מאַשין, אין וועלכער איך באַוויז צו באמערקן זוסקינען. אונדזער דעזשורנע טוט זיך פון מיר אַ וואָרף אין א זייט. איך געדענק ניט, ווי איך האָב זיך אויפגעהויבן אויף די טרעפּ און אריינגעגאַנגען אין קאַבינעט. פון דעם געזעמל אקטיאָרן לאָזט זיך צו מיר זוסקינס פרוי.

— וואָס איז געשען?

זי דריקט מיך צו צו זיך אָן ווערטער.

אין דער ארומיקער שטילקייט הערט ניט אויף צו קלינגען דער טעלעפאָן. עמעצער ענטפערט מיט א פארטויבטער שטימע:

— דאָס איז אמת. דאַכט זיך, אָן אויטאָ-קאַטאַסטראָפע.

אַט אזוי האָבן מיר צום ערשטן מאָל דערהערט וועגן דעם אומקום פון אונדזער פאָטער. ער איז, לויט דער אָפיציעלער ווערסיע, דערהרגעט געוואָרן אין אן אויטאָ-קאַטאַסטראָפע.

פון וואַנען האָט זיך גענומען די דאָזיקע ווערסיע? ווער האָט דער ערשטער אָנגעהויבן זי פאַרשפּרייטן?

דאָס איז באַוווּסט געוואָרן ערשט מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער פון סוועטלאַנאַ אַלילויעוועס *) בוך "בלויז איין יאָר". אָט וואָס זי שרייבט:

"אין איינער פון די דעמאָלט שוין זעלטענע באַגעגענישן מיטן פאָטער, ביי אים אויף דער דאַטשע, בין איך אריין אין צימער, ווען ער האָט מיט עמעצן גערעדט דורכן טעלעפאָן. איך האָב געוואַרט. מע האָט אים וועגן עפּעס אינפאָרמירט, און ער האָט אויסגעהערט. דערנאָך האָט ער אַלס רעזומע געזאָגט: "נו, אַן אויטאָמאָביל־קאַטאַסטראָפע". איך געדענק גוט די אינטאָנאַציע. דאָס איז געווען ניט קיין פראַגע, נאָר אַ באַשטעטיקונג, אַן ענטפער. ער האָט ניט געפרעגט, נאָר פאָרגעלייגט: אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע נאָך דעם, ווי ער האָט פאַרענדיקט דאָס געשפּרעך, האָט ער זיך באַגריסט מיט מיר און שפּעטער אַ ביסל געזאָגט: "אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע איז געהרגעט געוואָרן מיכאָעלס"... מע האָט אים געהרגעט און קיין שום קאַטאַסטראָפע איז ניט געווען. אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע — דאָס איז געווען די אָפיציעלע ווערסיע, פאָרגעלייגט דורך מיין פאָטער, ווען מע האָט אים ראַפּאָרטירט וועגן דעם, אַז ס'איז אויסגעפירט... עס האָט מיר גענומען האַקן אין קאָפּ. איך האָב צו גוט געוווּסט, אַז דעם פאָטער דוכט זיך אומעטום "ציוניזם" און פאַרשווערונגען. ס'איז ניט שווער אָנצושטויסן זיך, פאַרוואָס מע האָט אים נאָכן אויספירן מיטגעטיילט".

וואָס אָנבאַלאַנגט אונדז, האָבן מיר די ערשטע צייט אפילו ניט פאַרטראַכט זיך איבער דעם, ווי אַזוי עס איז פאָרגעקומען. מיר האָבן נאָר געוווּסט, אַז מיר האָבן זיך צעשיידט אין גאַנצן אויף עטלעכע טעג, ניט האָבנדיק, קיין אַנונג אַז מיר צעשיידן זיך אויף שטענדיק.

...ס'איז שרעקלעך אוועקגיין פון טעאַטער און אומקערן זיך אַהיים. אַלץ, וואָס עס קומט פאָר, באַנעם איך דערווייל ווי אין אַ קאָשמאַר, ווי אַ פינצטערן חלום, אין וועלכן איך בין ניט אין שטאַנד צו גלייבן.

די טיר עפנט אונדז דעם טאַטנס פרוי אַסיאַ פּאָטאַצקאַיאַ. דאָס איז נאָך איר געפאַרן זוסקין, ווען איך האָב אים באַגעגנט. איך און אַסיע זאָגן איינער דער צווייטער גאָרניט. פון קאָרידאָר הער איך די שטימע פון מיין ייִנגערער שוועסטער נינע: — איך ווייס שוין אַלץ!

נינע האָט זיך געלערנט אין דער יידישער טעאַטראַלער סטודיע. ווען עס איז דאָרטן באַוווּסט געוואָרן וועגן דעם וואָס עס האָט זיך געטראָפן, האָט די דירעקציע באַשלאָסן אָפּשיקן נינען מיט עפּעס אַ תירוץ. מע האָט זי אַרויסגערופן פון עקזאַמען און ערגעץ געשיקט אין דער באַגלייטונג פון אירע מיטשילער.

אויפן וועג האָט זי זיך דערוווּסט וועגן דעם אמת, וועלכן מע האָט פון אָנהויב געוואָלט פון איר אויסבאַהאַלטן...

*) סוועטלאַנאַ אַלילויעוואַ — סטאַלינס טאָכטער.

... מיר שטייען נעבן פענצטער, הינטער וועלכן עס ווייעט א שניי־ווינטער (?)... מיר שטייען נעבן פענצטער, הינטער וועלכן עס ווייעט א שנייי־וויכער. פון דעם פאָדער־צימער דערטראָגן זיך באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע שטימען. די שטוב ווערט גיך פאַרפולט מיט מענטשן. עס קומט אַריין אַ פאַרווײַנטער מיכאיל סטעפּאַנאָוויטש גריגאָריעוו — אַ פּראָפעסאָר פון רוסישער ליטעראַטור און מיט אים — אַ גאַנצע גרופּע אומבאַקאַנטע פאַר אונדז מענטשן. זיי זענען געקומען פון עפּעס אַ קאָנפערענץ, וואָס איז אין יענע טעג פאַרגעקומען אין וו. ט. א. *) אין מיטן דער זיצונג איז איבערן זאַל אַדורך אַ קלאַנג — געשטאָרבן מיכאָעלס. די זיצונג האָט זיך איבערגעריסן, און די מענטשן האָבן זיך, ניט צונויפגערעדט, אַ לאָז געטאָן צו אונדז אַהיים. שפּעטער האָבן אייניקע פון זיי דערציילט, אַז זיי האָבן גלייך "אַלץ פאַרשטאַנען". איך ווייס ניט, איך בין ניט זיכער. און אויב זיי האָבן אַפילו "פאַרשטאַנען", צווייפל איך, צי זיי וואָלטן ריזיקירט טיילן זיך מיט זייערע געדאַנקען, ווי זיי האָבן עס שפּעטער באַהויפּטעט.

מיר האָבן ניט פאַרשטאַנען אַפילו דעמאָלט, ווען אין אונדזער אָנגעשטאָפּטער מיט מענטשן דירה איז אין דעם זעלבן אָוונט געקומען יוליאַ קאַגאַנאָוויטש — די פּלימעניצע פון לאַזאַר מאָיסייעוויטש קאַגאַנאָוויטש — מיט איר מאַן, דעם באַוווּסטן פידלער.

זי האָט אונדז אַריינגעפירט אין וואַשצימער — דאָס איינציקע אָרט, ווו מע האָט נאָך געקאָנט פאַרבלייבן אַליין, און האָט שטיל געזאָגט:

— דער פעטער האָט געבעטן איבערגעבן אייך אַ גרוס... און ער האָט אויך געראָטן, אַז איר זאָלט קיינמאָל קיינעם וועגן גאָרניט ניט פרעגן.

אָט אַזאַ איז געווען די וואָרענונג (אָדער דירעקטיוו ?) פון דעם איינציקן יידן — מיטגליד פון פּאָליטביוראָ קאַגאַנאָוויטש. וואָס עפּעס האָט ער פּלוצעם באַשלאָסן אַרויסווייזן זאָרג פאַר אונדז ? אָט האָט ער דאָך ניט געהאַט קיין רחמנות אויף זיין ברודער — יוליעס פאָטער, מיכאיל מאָיסייעוויטש קאַגאַנאָוויטש, דעם געוועזענעם נאַרקאָם, און געשיקט אים אויף אומקום.

מיט קאַגאַנאָוויטשן האָט זיך דער פאָטער צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין זעקס־און־דרייסיקסטן יאָר, ווען דעם "אייזערנעם נאַרקאָם" איז אייגעפאַלן פּלוצעם צו באַזוכן דאָס יידישע טעאַטער.

ס'איז געגאַנגען די פּרעמיערע פון משה קולבאַקס "בויטרע". קולבאַק אַליין איז שפּעטער אומגעבראַכט געוואָרן אין די סטאַלינישע לאַגערן.

בויטרען — דעם אַנטלאָפענעם רעקרוט, וועלכער ראַבעוועט אויף די וועגן רייכע יידן כדי צעטיילן זייער גוטס די אָרעמע, האָט געשפּילט זוסקין. געשפּילט האָט ער אויסגעצייכנט, ווי שטענדיק, באַצויבערנדיק דעם צושויער מיט זיין לירישקייט, פּלאַסטישקייט און מיט זיין חן. די פאָרשטעלונג איז געווען אוועק־געשטעלט, ווי אַ טראַגי־גראָטעסק.

קאַגאַנאָוויטשן האָט דער ספּעקטאַקל אויפגעבראַכט, אַרויסגעפירט פון די כלים.

*) אַלרוסלענדישע טעאַטראַלע געזעלשאַפט.

— ווו האָט איר געזען אזעלכע קריפּלען, אזעלכע קרומע און לאָמע יידן? — איז ער ניט בכוח געווען צו איינצוהאַלטן זיין גרימצאָרן.

קאגאנאָוויטשעס אויפגערעגטקייט האָבן מיר דעמאָלט ניט געקאָנט באַנעמען. דער איינגעשטעלטער סאָוועטישער סטאנדארט איז געווען אויסגערעכנט אויף א בולטער מחיצה ביים שילדערן דעם ביז־סאָוועטישן און סאָוועטישן פּעריאָד. ס׳איז געווען אָנגענומען, אז אויב די האנדלונג אנטוויקלט זיך אין "צארישן רוסלאנד", האָט מען געקאָנט זיין א ביסל פריירער. ס׳איז אפילו ניט געווען פארבאָטן צו ווייזן פאַרשיידענע פּלאָגן, וואָס זענען אייגנטימלעך דער "עקספּלאָאַטאָרישער" געזעלשאַפט, און אין דעם אויך "קרומע און לאָמע יידן".

נאָר דאָס איז שוין געווען ערב דעם זיבן און דרייסיקסטן יאָר, און קאגאנאָ־וויטש האָט, ווייזט אויס, אויף יעדן פאל, געפונען פאַר נייטיק אַרויסצוווייזן וואַכ־זאַמקייט און אַנבייזערן זיך.

מיכאָעלס האָט זיך אומגעקערט אַהיים פון דער פּרעמיערע אַ דערשלאָגענער. ער האָט פארשטאנען מיט וואָס קאָן זיך אויסלאָזן די אומצופרידנקייט פון איינעם פון די נאָענסטע מענטשן פונעם פּירער.

די ערשטע נאכט. זוסקין האלט אין איין קלינגען ערגעץ. (סטאלינען, ווי באוווסט, האָט זיך ניט געשלאָפן, און די גאנצע מלוכה־מאשין האָט געארבעט דורך די נעכט). צום סוף דערוויסן מיר זיך פון אים:

— ניין, זיי דערלויבן ניט.

עס גייט וועגן דעם, אז ווי נאָר עס איז בעקומען געוואָרן די ידיעה, איז זוסקין אַוועקגעפאָרן אויפן אַעראָדראָם נאָך בילעטן קיין מינסק. מע האָט אים געבעטן ווייזן דעם פּאס — בילעטן אויף צו פליען האָבן זיך דעמאָלט פארקויפט נאָר לויטן פּאס — און גלייך אָפּגעזאָגט אָן שום דערקלערונגען. שוין נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אומגעקערט פון עראָדראָם, האָט ער ווידער גענומען קלינגען פון טעאטער אין פארשיידענע אינסטאנצן און בעטן א דערלויבעניש אויף צו ארויספליען קיין מינסק. (א נאטירלעכע ביטע אין אזא פאל). מע האָט אים ווידער אָפּגעזאָגט.

... צוויי מעת־לעת גייען דורך, ווי אין א נעפּל. אומאויפהערלעך קלינגט דער טעלעפאָן, און יעדן מאָל ענטפערט עמעצער: "דאכט זיך, אַן אויטאָ־קאטאס־טראָפע..." אַ סך קומען און בלייבן. אייניקע גייען אַוועק און קערן זיך אום צוריק.

שפּעט ביינאכט קומט אומגעריכט צו גיין דער מאן פון אסיע׳ס שוועסטערקינד דער אַקאַדעמיקער אַלעקסאַנדער יעווסייעוויטש בראַנשטיין. ער האָט זיך געפונען אין א סאנאטאָריע דרייסיק קילאָמעטער הינטער מאָסקווע, ווען ער האָט דערהערט דורך ראַדיאָ וועגן דעם "פריצייטיקן טויט פון דעם אָנפירער פון יידישן טעאטער סאָלאָמאָן מיכאילאָוויטש מיכאָעלס". א געפּלעפּטער, איז ער געבליבן שטיין אין מיטן צימער. דערנאָך האָט ער זיך אָנגעטאָן און איז ארויס. די צוגן זיינען צוליב דעם נאָכאנאנדיקן שניי, וואָס האָט פארשאָטן די וועגן, ניט געגאנגען, און ער האָט זיך געלאָזט קיין מאָסקווע צו פוס. ניט געקוקט אויף זיין ערנסטער קרענק — ביי

אים זענען געווען קראַנק די אָרגאַנען פון גלייכגעוויכט און ער האָט ניט געקאָנט גיין אין דער פינצטער — האָט ער זיך דאָך דערקליבן צו אונדזער שטוב. אינגאַנצן א באַשאָטענער מיט שניי, א פארפראָרענער, קוים באַוועגנדיק מיט די בלויע פון קעלט ליפּן, האָט ער אלץ געהאלטן אין איין איבערחזרן:

— וואָס האָט מיט אים געטראָפן?

...פון צייט צו צייט רופט מען מיך אָדער ניגען ארויף אין אונדזער דירה, ווו אקטיאָרן און פריינט באַגעגענען און באַגלייטן דעם אומענדלעכן שטראָם מענטשן. עס קומט צו גיין שאָסטאַקאָוויטש און דערציילט, אַז דעם זיבעטן יאַנואר האָט מען אין צע־קאַ אַרויסגערופן פּראָקאָפיעוון, מיאַסקאָווסקען, אים, שאָסטאַקאָ־וויטשן און נאָך עטלעכע קאָמפּאָזיטאָרן. דאָ האָבן מיר זיך דערמאָנט, אַז אויפן וואָקזאַל, דעם זיבעטן, האָט עמעצער וועגן דעם שוין געזאָגט דעם פאָטער און ער האָט אַ פאַרביטערטער באַמערקט:

— איך האָב מורא, אַז זיי וועלן האָבן צו זינגען און צו זאָגן.

ער איז געווען גערעכט. די באַשטימונג וועגן דער אָפּערע פון מוראַדעלי "די גרויסע פריינטשאַפט", מיט וועלכער עס האָט זיך אָנגעהויבן די קאָמפּאַניע "קעגן פאָרמאַליזם אין מוזיק", האָט געצווונגען א ריי אָנגעזעענסטע קאָמפּאָזיטאָרן, צווישן זיי אויך שאָסטאַקאָוויטשן, אנשוויגן צו ווערן אויף לאַנגע יאָרן.

...אויבן און אונטן טוישן זיך די מענטשן. און אין דעם פאָטערס קאַבינעט איז נאָך אלץ ווי געווען. עס ציט צו דעם בליק דער לוח, אין וועלכן עס איז מיט זיין האַנט פאַרצייכנט (און דערנאָך פאַרשטרייכט) וועגן עפּעס א געשעפטלעכער באַגעגעניש, אַן אָנגעמערקטער אויף דעם צוואַנציקסטן יאַנואר. אויף דעם שרייבטיש ליגט אַ ניט דערלייענטער "דער פירשט" פון מאַקיאַוועלי. אין יענער צייט זענען אין טעאַטער געגאַנגען די רעפּעטיציעס פון בערגלסאָנס פּיעסע "פּרינץ ראובני" און דער פאָטער האָט, ווי שטענדיק, ארבעטנדיק איבער דער פאַרשטעלונג, שטודירט די עפּאָכע.

דער טויט קלעפּט זיך אַזוי ניט צו זיין געשטאַלט, עס זעט אויס אַזוי ווילד און אומבאַגרייפלעך, אַז אין דער אַלגעמיינער שטימונג פילט זיך מער פון אלץ איבערראַשטקייט און פארלוירנקייט.

מיין חברטע פלאָראַ ליטווינאָוואַ פאַרנעמט זיך מיט מיין איין־יאָריק טעכ־טערל. צום ערשטן מאָל ווייס איך ניט, מיט וואָס מע האָט זי אָנגעקאָרמעט, ווער האָט זי געלייגט שלאָפן. עמעץ פרוווט אונדז צוויגען עפּעס איבערכאָפּן, עמעץ פּרוווט טרייסטן. און פון קאָפּ טרעט ניט אָפּ דער געדאַנק: צי האָט ער באַוויזן פארשטיין, אַז ער שטאַרבט? און ס׳איז אומדערטרעגלעך טראַכטן וועגן זיין איינזאַמקייט אין די לעצטע מינוטן.

דעם פערצנטן יאַנואר ביינאַכט קומען אָן פון מינסק די ערשטע ידיעות. דער פאַרטיער פון האָטעל, ווו דער פאָטער איז איינגעשטאַנען, דערציילט, אַז דעם צוועלפטן, א זייגער צען אין אָוונט, האָט מען מיכאָעלסן ארויסגערופן צום טעלע־פאָן. ס׳האָט זיך שלעכט געהערט, אַזוי, אַז דער פאָטער האָט הויך גערעדט. דער

פאַרטיער האָט פאַרגעדענקט דעם נאָמען, וואָס ער האָט עטלעכע מאָל דערמאָנט: סערגיי אָדער סערגייעוו. זעט אויס, אז מיכאָעלסן מיט זיין מיטפאָרער גאָלובאָוון האָט מען ערגעץ גערופן. נאָכן ענדיקן דעם טעלעפאָן־געשפרעך, איז מיכאָעלס מיט גאָלובאָוון אוועק פון האָטעל. איז עטלעכע שעה אַרום האָט מען זיי געהרגעט.

ווער איז געווען דער סערגיי? ניט קיין סערגיי און ניט קיין סערגייעוו איז ניט געווען צווישן די באַקאַנטע. אמת, ס׳איז געווען איינער — דער גענעראַל סערגיי דמיטריעוויטש טראָפּימענקאָ. דער פאָטער און אסיא האָבן זיך באַקאַנט מיט אים אין דער צייט פון דער מלחמה אין טאַשקענט. נאָך דער מלחמה איז טראָפּימענקאָ נאָמינירט געוואָרן אלס קאָמאַנדיר פון דעם ווייסרוסישן מיליטערישן קרייז און געלעבט מיט זיין משפחה אין מינסק.

מע האָט גענומען קלינגען צו טראָפּימענקאָ. אַנשטאָט אים האָט אויפגעהויבן דאָס טרייבל דאָס אויפגערודערט און איבערגעשראָקן ווייב זיינס. וויינענדיק, האָט זי געזאָגט, אז זי וועט קומען צו פאָרן אויף דער לוויה, נאָר געקומען איז זי ניט. עפּעס האָט זיך דעמאָלט ניט איינגעגעבן, כאָטש לויט אירע ווערטער איז דער פאָטער אין יענעם אויפדערנאָכט ביי זיי ניט געווען, און בכלל, זייענדיק אין מינסק איז ער קיין איין מאָל ביי זיי אָן שטוב ניט געווען און טראָפּימענקאָ האָט צו אים ניט געקלונגען.

פופצנטער יאַנואַר. מע גייט באַגעגענען מיכאָעלסן.

אויף דעם פּלאַץ נעבן ווייסרוסישן וואָקזאַל איז די באַוועגונג אָפּגעשטעלט. אונדזער מאַשין רוקט זיך לאַנגזאַם צווישן דער געדיכטעניש פון עולם. צענדליקער טויזנטער מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף דעם פּלאַץ און אין טיפן שווייגן וואַרטן זיי אויף דעם צוג מיט דעם טאַטנס קערפּער. סאַראַ דערשיטערנדיקע, גרויליקע שטילקייט...

עס קומט אָן דער צוג. די שטילקייט שניידט דורך עמעצנס א שטים:

— מע האָט געבראַכט די טרומנע!

טישלער *) באַשרייבט אַזוי דעם טאָג.

״דעם פופצנטן יאַנואַר אין דער פרי אין אַ פראָסטיקן טאָג האָבן מיר באַגעגנט מיכאָעלסן... מער גאָרניט ווילט זיך ניט דערמאָנען. איך וועל נאָר צוגעבן: איך האָב באַגלייט זיין קערפּער צו דעם פּראָפעסאָר זבאַרסקי, וועלכער האָט אוועקגעלייגט דעם לעצטן גרים אויף מיכאָעלסעס פּנים, פאַרמאַסקירנדיק דעם שראַם אויף דעם רעכטן שלייף. מיכאָעלס איז געלעגן א נאַקעטער, דאָס לייב איז געווען ריין און גאַנץ״.

זוסקין, וואָווסי און זבאַרסקי, וועלכע האָבן געזען דאָס ריינע און ניט געשעדיקטע לייב פון מיכאָעלסן נאָך דער ״אויטאָ־קאַטאַסטראָפע״, זענען אין גיכן אַרעסטירט געוואָרן.

*) באַוווסטער טעאַטער־קינסטלער.

בילדער און קאָמענטאַרן

1. די קאַריערע פון אַ . . . העלד.

דאָס האָט מען געקאָנט זען אין די קולואַרן פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין יאָר 1946. דאָס האָט אויך געקאָנט זיין אין 1947, עטוואָס ווייניקער פון אַ יאָר, איידער מען האָט אין אַ פינצטערער ווינטער־נאַכט, אין מינסק צעשפּאָלטן דעם שאַרבן פון שלמה מיכאָעלס . . .

זעט, מיט וויפל ברידערלעכער טריישאַפט און ליבע דער צוויי־מאָל העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד — דוד דראַגונסקי הערט זיך איין אין די רייד פון שלמה החכם.

יאָ, ס'איז געווען וואָס צו הערן, ווען ר' שלמה האָט גערעדט . . .

פאַר אַ פּאָר שילער פון דער מאָסקווער יידישער טעאַטער־סטודיע האָט אַ מאָל דוד דראַגונסקי זיך איבערגענומען:

— איך בין אויך זיינער אַ תלמיד. אַ באַליבטער תלמיד! . . .

דאַן האָט ער נאָך ליב געהאַט אַרויסצושטעלן זיין יידישע פּאַטריאָטישקייט.

מיר ווילן מיט אונדזערע קאָמענטאַרן נישט מאַכן קיין שום ווייט־גייענדיקע אויספירן. מיר ווילן בלויז אָפּמערקן אייניקע פאַקטן:

דוד דראַגונסקי איז איינער פון די ווייניק־געציילטע פּרעזידיום־מיטגלידער פון

ײדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, װאָס איז שפּעטער, נאָכן מאָרד איבער מיכאָעלסן און נאָך דער ליקװידאַציע פון קאָמיטעט, לגמרי נישט געװאָרן. פאַרקערט, ער האָט מיט דערפאָלג פאָרגעזעצט זײַן מיליטערישע קאַריערע: געװען הױפּט־קאָמאַנדיר פון דרום־קאַװקאַזער מיליטער־קרײַז, שפּעטער אָנגעפירט מיט די העכערע אָפיצירן־קורסן, װעלכע זענען באַקאַנט מיטן נאָמען ״װיסטרעל״ (דער שאָס) אױף די דאָזיקע קורסן האָט מען אױסגעשולט אױך ניט װײניק אַראַבישע מחבלים — טעראָריסטן, דיװערסאַנטן, קינדער־מערדער . . .

ס׳איז שװער צו װיסן װאָס טוט איצט, אױף דעם געביט, דער באַיאָרטער שױן גענעראַל דראַגונסקי, חוץ זײַנע עפנטלעכע ײדיש־אַפּשטאַמלערישע אַרױסטרעטונגען און װאַיאַזשן קעגן די ״ציוניסטישע בלוט־פאַרגיסער״ . . .

2. באַלױנט מיט דער סטאַלין־פּרעמיע . . .

דער דאָזיקער אומפאַרגעסלעכער ספּעקטאַקל — פאָלקס־קאַרנאַװאַל איז אױסגעצײכנט געװאָרן מיט דער סטאַלין־פּרעמיע און פּערסאָנעל — דער רעזשיסער שלמה מיכאָעלס, דער אַרטיסט בנימין זוסקין און דער קינסטלער א. טישלער.

פינאַל־סצענע פון ״פרײלעכס״
(1947)
סצענישע קאָמפּאָזיציע פון ז. שניור־אָקון
(אומגעקומען אין סאָװעטישן צװאַנגס־לאַגער).

3. הינטער דער סטאַנציע קאַזאַטין...

(1934)

אויף דער סטאַנציע קאַזאַטין האָבן בעתן בירגער־קריג פוילישע באַנדיטן צעשאָסן דעם באַקאַנטן יידישן רעזשיסער טעאַטער־טוער און דראַמאַטורג יהודה־לייב בוימוואָל. צעשאָסן אין דער אָנוועזנהייט פון זיין פרוי און פינפיעריק טעכטערל (איצט אונדזער דיכטערין רחל בוימוואָל).

אויפן בילד — אַרטיסטן פון מאָסקווער יידישן טעאַטער ביים קבר פון קדיש יהודה־לייב בוימוואָל ז״ל. פון רעכטס אויף לינקס — דניאל פינקלקרויט ע״ה, זילבערבלאַט און שלמה מיכאָעלס ע״ה.

מיכאָעלס

אַזוי אַ שטייט ער פאַר די אויגן:
אַ קליינער וווּקס, אַ גרויסער שטערן.
זיין יעדעס וואָרט איז אָפּגעוויגן
און קאָן דיך צווינגען דו זאָלסט הערן.
זיין יעדע איינציקע באַוועגונג
איז פול מיט קראַפט, מיט ציל, מיט רעגונג.

אַ גרויסער ייד אין ווייסטע צייטן.
מע זעט אים בעסער נאָך פון ווייטן,
ער שטייגט אין שאַרפערע קאָלירן —
ער ווערט אַלץ נענטער צו שעקספּירן.
ער האָט דאָס העכסטע רעכט דערוואָרבן —
זיין ניט קיין צופעליקער קרבן.
ער איז אַקאָסטא און ראובני,
ער איז רב אלטער און בנימין,
ס'איז קעניג ליר — זיין לעצטער נאָמען.

אַזאַ אַ שטייט ער פאַר די אויגן:
אַ קליינער וווּקס, אַ גרויסער שטערן,
דער קאָפּ — אַ ביסל איינגעבויגן,
דער שטערן זעט, די אויגן קלערן...
אָ, ווען איך קאָן אויף אַלע טרערן
אַ שטיין אַ ביטערן פאַרקנעטן
און מיט דעם שטיין דעם שונא פּלעטן!

מאָסקווע, דעצעמבער, 1959 יאָר

רחל בוימוואָל

א. פערלמאַן-זוסקין

מיין פאָטער —
דער יידישער אַקטיאָר זוסקין

... מן-הסתמא ליגט ער שוין פאַרשוואַרצט
אין דער קאַלטער קרקע פונעם שיינעם
מויער
און ס׳ חלומען זיך אים אַפילו ניט
דיינע זינגעוודיקע,
אייביק יונגע גלידער,
פאַרבראָכענע אין ווייגעשריי פון
טרויער...
אַוועק איז ער, אַוועק
דער קלוגער טרייער לץ,
דעם אָפּגענאַרטן קעניג
אין דער אייביקייט באַגלייטן...

יוסף קערלער — פון ליד ״עדא זוסקינאַ
טאַנצט״, 1953

בנימין זוסקין
צייכענונג פון ב. אַקימאָוו.

געוווּסט נאָר איינס האָט ער, דעם גייסט, וואָס שאַפט
און בלויז די פלאַמיקע ליידנשאַפט.

(מ. לערמאַנטאָוו)

פון וואַנען איך בין? פון מיין קינדהייט בין איך...
א. דע סענט-עקזופערי

פאַר מיר ליגט אַן אויטאָביאָגראַפיע, וואָס מיין פאָטער האָט זי אָנגעשריבן אין 1946 אין שייכות מיטן אָפּמערקן זיינע 25 יאָר אויף דער בינע. אָנגעשריבן האָט ער זי אויף דער באַשטעלונג פון אַ רוסישן זשורנאַל. נאָר די צייטן האָבן שוין דעמאָלט זיך געהאַט געביטן און די דאָזיקע אַרבעט זיינע האָט קיין מאָל די שיין ניט דערזען. אָט לייען איך זי ווידער און ווידער: אַ שטראָם געדאַנקען זיינע וועגן זיך, וועגן באַרוף פון אַקטיאָר, וועגן זיינע מער און ווייניקער באַליבטע ראָלן און איין הויפּט-געדאַנק, וואָס דרינגט אַדורך ניט נאָר די אַלע שוין פאַר-

געלטע בלעטלעך, נאָר דאָס גאַנצע וועזן מיין פאַטערס, דער געדאַנק וועגן זיין ענגער פאַרבינדונג מיט דער יידישער בינע, מיט יענעם יידישן גייסט, וואָס ער האָט געשטרעבט מיט גאָר זיין וועזן אין טאַלאַנט אַרויס צו ברענגען אין זיין שפּילן.

איך לייען די בלעטלעך און גיי דורך דאָס גאַנצע לעבן מיין פאַטערס פון טרעפּל צו טרעפּל, ביז איך קום צו צו יענער טרעפּ, וווּ דער לייטער האָט זיך איבערגעבראָכן. דאָ קער איך זיך אום און פון דאַנען באַמי איך זיך אַ קוק טאָן אויף צוריק, כדי צו דערכאַפּן און באַזיניקן. וואָס איז ער געווען מיין פאַטער? וועלכן אָרט אין דער יידישער געשיכטע פון זיין צייט פאַרנעמט ער.

אויב באַשרייבן זיין לעבן לויט דעם ווי ער אַליין האָט וועגן דעם דערציילט, קומט אויס, אַפילו אָנהייבנדיק פון זיין קינדהייט, צו רעדן ניט וועגן דעם ווי אַזוי ער האָט זיך געלערנט, מיט וועמען זיך געחברט (געוויינלעך באַשרייבט מען אַזוי די קינדהייט) נאָר וועגן איינפלוס פון זיין קינדערוועלט אויף זיין ווייטער־דיק לעבן אין דער וועלט פון יידישער קונסט. גראָד אַזוי ברענגט ער אַרויס זיינע קינדער־זכרונות און איך האָב ניט קיין רעכט עובר צו זיין אויף אָט דעם צו־גאַנג זיינעם:

מיינע קינדעריאָרן זענען אַוועק ניט אַזוי מיט פּערזענלעכע איבער־לעבונגען ווי מיט די איבערלעבונגען פון דער יידישער אָרעמקייט פון אונדזער שטאָט (פּאָניעוועזש — אַ. פּ. ז.) איך האָב ליב געהאַט אָט די פריילעכע אָרעמעלייט, עלנטע און קראַנקע, וועלכע, נישט געקוקט אויף דער נויט, האָבן זיי ניט פאַרלוירן זייער לעבנסלוסט אין די סאַמע שווערסטע צייטן, אָפּהיטנדיק אַ טיפן אָפּטימיזם און געפיל פאַר הומאָר.

"די וויכטיקסטע און שאַרפסטע איינדרוקן האָט ער געבראַכט פון זיין קינדהייט", האָט געזאָגט וועגן מיין פאַטער מיכאָעלס:

פון די פריסטע קינדעריאָרן האָט זיך ביי מיר אַנטפּלעקט אַ נייגונג צו אָבסערווירן מענטשן, אויפכאַפּן זייערע תנועות, ווערטער, אויסדרוקן און ביי אַ געלעגנהייט זיי נאָכקאָפּירן. די איינדרוקן פון מיינע קינדעריאָרן זענען מיר שפּעטער בייגעשטאַנען אין מיין אַקטיאָרישער אַרבעט.

צוקוקנדיק זיך צו דער יידישער סביבה האָט מיין פאַטער אין זיין קינדהייט, ניט בלינד קאָפּירט די אויסערלעכע שטריכן. ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט, אויב מע מעג אַזוי זאָגן, די יידישע נשמה מיט אירע פריידן, ליידן און בענקשאַפטן.

איך האָב געזען שרעקלעך אַ סך אָרעמקייט, אַ סך פאַרביטערטקייט פון מענטשן, אַריינגעפּרעסטע אין תחום תמושב.

"יעדער מענטש איז פאַר אים ווי אַ בלום פאַר אַ בין. אַ בלום, וואָס טראָגט אין זיך אַ טראָפּן האָניק און דעם דאָזיקן טראָפּן זאַפּט איין דער קינסטלער אין זיך און פאַרטראָגט עס אין זיין, זוסקינישן בינשטאָק" (מיכאָעלס).

דאָס דאָזיקע איינזאַפּן אין זיך און זיין שטרעבונג אויסצודרוקן און צו גע־שטאַלטיקן זענען באַמערקט געוואָרן פון די אַרומיקע נאָך אין זיינע קינדעריאָרן.

דער יידישער אַקטיאָר סאַקאַלאָוו, וואָס האָט דעמלט גאַרטראַלירט אין פּאָניעוועזש, האָט וועגן אים געזאָגט: "פון דאָזיקן קונדעס וועט אַ מאָל אויסוואַקסן אַ יידישער אַקטיאָר" און ס'איז אויסגעוואַקסן דער אַקטיאָר, וועגן וועלכן זוסקין האָט געחלומט וועגן זיך אין זיין קינדהייט. אַן אַקטיאָר פון לירישן קאָמעדיע־זשאַנער.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די יידישע באַפעלקערונג איז אַרויס־געשיקט געוואָרן פון די ביי־פראָנט־פּאַסן, איז די משפחה פון מיין פּאָטער אָנגע־קומען מיט אים קיין פּענזע. פון דאָרט איז ער אַוועק זיך לערנען אין סווערדלאָווער באַרג־אינסטיטוט און געשפּילט אין זעלבסטעטיקייט־ספּעקטאַקלען. אין 1921 פאָרט ער איבער קיין מאָסקווע, ווערט אויפגענומען אין דער טעאַטער־סטודיע ביים מאָסקווער יידישן טעאַטער און גלייך באַקומט ער פירנדיקע ראָלן און שטעלט זיך פון דעמלט אָן אין גאַנצן צו דינסט פון דער "יידישער מוזע".

דער ערשטער שריט אין מיין אַרבעט איז געווען די ראָל אין גאָלד־פאַדנס "די כישופמאַכערין". דער ספּעקטאַקל איז געווען דער מאַניפעסט פון יונגן טעאַטער. דאָס איז געווען אַ גרויסע ראָל, אַ הויפּטראָל און דערביי אַ טעכניש שווערע. מיר איז, פאַרשטייט זיך, אויסגעקומען אַ סך צו אַרבעטן.

איבער אַלע זיינע ראָלן האָט מיין פּאָטער אומגעוויינלעך שווער געהאָרעוועט. ביי אים איז געווען אַן איבערגעטריבן געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ניט נאָר לגבי דעם באַלדיקן אומיטלבאַרן צושויער, נאָר אויך לגבי יענער הויפּטשליחות, וואָס איז שטענדיק געשטאַנען פאַר זיינע אויגן — אויפריכטיק מיט דער פּינקט־לעכסטער מאָס אַרויסברענגען די נשמה פון פאָלק. אין דעם זין האָבן זיי געפונען איינער דעם אַנדערן — דער אַקטיאָר מיט אַלע זיינע מיטשעפער ביים שטעלן דעם ספּעקטאַקל און דער מחבר פון "די כישופמאַכערין" אברהם גאָלדפאַדן, וועגן וועלכן מיכאָעלס האָט געשריבן:

"ער איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרן מיט די טענץ פון יידישן באַלאַגאַן־טענצער, אָנגעזעטיקט מיט דער שעפערישקייט פון יידישן פאָלקס־לץ און אינספּירירט פון דער סיוזשעטישער צילגעוועגדטקייט פון פאָלקס־עפּאָס". איינער פון די קריטיקער פון יענער צייט האָט אָנגערופן "די כשופמאַכערין" "דער בראשית־טאָג פון יידישן טעאַטער" און וועגן זוסקינס שפּיל — "פּובלוטיקע טעאַטראַלישקייט".

שפּעטער זענען געקומען אויך אַנדערע ראָלן און אַן אומענדלעכע אַרבעט איבער זיך, אַרבעט מיט ביכער איבער די כללים פון טעאַטער־שפּיל און איבער יידישער געשיכטע און קולטור. מיט אָט די צוויי געביטן האָט ער זיך קיין מאָל ניט אויפגעהערט צו אינטערעסירן. דערנאָך איז געקומען יענע ראָל, וואָס האָט אים געבראַכט זיין סאַמע גרעסטן רום און אים געהאָלפן זיך פולער אַרויסברענגען און בעסער פאַרשטיין זיך אַליין. דאָס איז געווען די ראָל פון סענדערל די יידענע און "מסעות בנימין השלישי" פון מענדעלע מוכר ספרים.

מיט אַן אינטערעס ביז צום ווייטאָן באַצי איך זיך צו אַלע מיינע סצענישע געשטאַלטן דאָך שטעל איך העכער פון אַלע אין מיין אַרסענאַל די געשטאַלט פון סענדערל. עס איז די טעמע פון דאָן־קישאָט און סאַנטשאָ־

פאַנטשאַ. אין איר איז דאָ די געשטאַלט פונעם קליינעם מענטשן, וועלכער איז מיר אַמנאַענטסטן, וועלכן איך קאָן און וועלכער ציט אַממערסטן צו מיין סימפּאַטיע — סענדערל דער קליינער מענטש מיט דער גרויסער נשמה.

די דאַזיקע ראָל האָט מיין פאָטער אַמבולטסטן אַרויסגעבראַכט ניט נאָר ווי אַ קאָמעדיע־אַקטיאָר נאָר אים באַשטימט אויך ווי אַן אַקטיאָר אַ לירישן און ווי אַזעלכער האָט ער זיך באַוויזן אין אַלע זיינע שפּעטעדיקע געשטאַלטן. "קאָנען מיר רעדן וועגן אַ זוסקין־אַמפּלואַ?" — האָט געפרעגט דער טעאַטער־קריטיקער גורשטיין און באַלד דערויף געענטפערט — "דער דיאַפּאַזאָן פון זיין מייסטערשאַפט איז צו ברייט, אַז מיר זאָלן אים קאָנען אַריינשרומפּן אין די שמאָלע ראַמען פון אַמפּלואַ. מיר קאָנען אָבער רעדן וועגן אַ זוסקין־טעמע. די טעמע און דער כאַראַקטער פון קליינעם מענטשן אין פאַרשידענע גלגולים און אין פאַרשידענע סאָציאַלע סיטואַציעס". די דאַזיקע ראָל האָט, וואַרשיינלעך, אַנטשפּראָכן דעם וועלטבאַנעם פון אַקטיאָר. אַנהייבנדיק פון אָט דער ראָל האָט ער זיך "שטענדיק באַוויזן פאַרן צושויער אויף יענעם טרעפפּונקט פון דער קונסט, ווען מענטשלעכע פּיין און הומאָר גייען צוזאַמען ווי אין לעבן", האָט געשריבן וועגן אים איינער פון זיינע תּלמידים. מיר דאַכט זיך, אַז ערגעץ טיף אין דער נשמה האָט מיין פאָטער זיך אידענטיפיצירט מיט זיין העלד, וואָס איז גענייגט צו הומאָר און צו אומעט, וואָס שפּירט זיין שייכותדיקייט מיטן סאַמע וועזן פון פאָלק. ער האָט אפילו געחלומט אַ נאָמען צו געבן זיין זון —סענדערל, נאָר געבוירן בין איך — אַ טאָכטער... דערפאַר טאַקע האָב איך, געבנדיק נעמען מיינע קינדער לויט דער יידישער טראַדיציע, אָנגערופן מיין בכור אלכסנדר (סענדערל) נאָך מיין זיידן און ערשט דעם צווייטן זון נאָך מיין פאָטער — בנימין, וואָרום מיין פאָטער האָט פריער געלעבט זיינע ראָלן און ערשט דערנאָך — זיך.

די ראָל אין גאָלדפאַדנס ספּעקטאַקל איז געווען סצעניש־גורלדיק אויך מיט דעם, וואָס פאַרן צושויער איז צום ערשטן מאָל אויפגעקומען יענער דועט, וואָס ס'איז באַשערט געווען באַרימט צו מאַכן די יידישע און אַפילו די וועלטבינע און די יידישע קולטור — **דער דועט מיכאָעלס־זוסקין.**

ס'האָט מיר אָפּגעגליקט. דער גורל האָט מיר צוגעשיקט שטענדיקע טרעפעניש מיט מיכאָעלסן. ווען איך גיי שפּילן מיט מיכאָעלסן איז ביי מיר אַ געהויבענע יום־טוב־דיקע שטימונג.

"אין דאַזיקן ספּעקטאַקל האָט די באַגייסטערטע פּאָר — מיכאָעלס און זוסקין מלכותדיק געפירט די שפּיל נאָך זיך. זייער גורל אויף דער בינע איז געגאַנגען ניט לויט אַן אויסערלעכן נאָר לויט אַן אינערלעכן פּלאַן. ניט לויט דעם, וואָס סע קומט פאָר אין לעבן, נאָר לויט געשעענישן אין דער נשמה. אין לעבן זענען פאָרגעקומען קלייניקייטן, נישטיקייטן, בעת די געשעענישן אין דער נשמה זענען געווען דערהויבענע און טראַגישע. זיי זענען מסוגל געווען אַנצוזועטיקן די ראָלן מיט אַזוי פיל ציטער און וויי, אַז זייערע געפילן האָבן זיך גלייך איבערגעגעבן דעם צושויער אין זאַל און זיך צונויפגעגאָסן אין איין כוואַליעדיקן שטראָם. ס'איז דערגאַנגען צו דער

העכסטער מדרגה פון באַגייסטערונג. נאָך דער פּרעמיערע איז דער עולם ווי איין מענטש אויפגעשטאַנען, בשעת דער פאַרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. דער זאַל האָט געהילכט". אַזוי האָט דעמלט געשריבן דער אָנגעזעענער טעאַטער־קריטיקער אברהם אפרת און אַן אַנדער קריטיקער האָט אָפּגעמערקט די דאָזיקע פּרעמיערע מיט די ווערטער: "מיט זיי, מיט מיכאָעלסן און זוסקינען, הייבט זיך ערשט אָן דאָס נאַציאָנאַלע יידישע טעאַטער אין אַזאַ מאַסשטאַב, אין אַ וועלט־מאַסשטאַב".

איך באַמי זיך דאָ צו שילדערן מיין פאָטערס לעבן אַזוי ווי ער אַליין האָט זיך עס פאַרגעשטעלט און דערפאַר קאָן איך ניט, ניט זאָגן, אַז מיכאָעלס איז פאַר אים געווען ניט נאָר אַ גלענצנדיקער און באַליבטער פּאַרטנער אויף דער בינע נאָר אויך אַ נאָענטער און געשעצטער פריינד (איז דאָך ביי מיין פאָטער לעבן און בינע געווען איינס):

שפּעט ביי נאַכט. מיר זיצן איו צווייען ביי מיכאָעלסן. ס'ווילט זיך ניט אַוועקגיין, ניט געקוקט אויף אונדזער מידקייט. אָפט פלעגן מיר זיך אַזוי טרעפן. כ'האָב שוין געהאַט מיין אָרט ביי זיין טיש. רעכטס פון אים. דאָס גרעסטע פאַרגעניגן — צו זיצן אַזוי מיט אים. קוקן און אים הערן. אויפן האַרצן ווערט גרינג און גוט.

נאָך "מסעות בנימין השלישי" האָט מיין פאָטער געשפּילט פיל פאַרשידענע ראָלן פון יידישן רעפּערטואַר. געווען מיטן טעאַטער אויף גאַסטראָלן אין אייראָפּע, ווו די טעאַטער־קריטיק און דער טעאַטער־עולם האָט באַגייסטערט אויפגענומען און אָפּגעמערקט דעם דערפאָלג פון די ספּעקטאַקלען און די שפּיל פון מיכאָעלס־זוסקין.

לאַנגע יאָרן האָט מיין פאָטער געשפּילט אויסשליסלעך יידישן רעפּערטואַר. ערשט אין 1934 שפּילט ער צום ערשטן מאָל אין אַ ניט־יידישער פּיעסע, אין דער קאָמעדיע "מיליאָנער, דאַנטיסט און אָרעמאַן" פון לאַבישן אין דער שטעלונג פון ספּעציעל־פאַרבעטענעם פראַנצייזישן רעזשיסער לעאָן מוסינאַק. נאָר אויך דאָ איז מיין פאָטער געטריי זיין לירישן קאָמעדיע־נוסח. דער פראַנצייזישער שרייבער זשאַן רישאַר בלאָק, וואָס איז גראָד געווען דעמלט אין מאָסקווע שרייבט וועגן דאָזיקן ספּעקטאַקל: "זוסקין האָט פון אַ פּאַרס־פּערסאָנאַזש געשאַפן אויף זיין אופן אַן אייגנאַרטיקן פּיעראָ. אַ באַלויכטענעם מיט אַן אומעטיק־לצנותדיקן חן. מיר דאַכט זיך, אַז דער אַלטער מחבר וואָלט געווען פאַרוווּנדערט און פאַרכאַפּט פון אַזאַ דערלאַנגען די ראָל".

נאָכן דאָזיקן ספּעקטאַקל האָט זיך דער טעאַטער אויף ס'ניי, דאָס מאָל אויף אַ העכערער מדריגה געווענדעט צום וועלט־רעפּערטואַר, שטעלנדיק שעקספּירס טראַגעדיע "דער קעניג ליר" און דאָ האָט אין אַ נייעם פאַרנעם אַ לויכט געטאָן דער דועט מיכאָעלס (קעניג ליר) און זוסקין (דער לץ).

וועגן "קעניג ליר" אין מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער איז זייער אַ סך אָנגעשריבן געוואָרן. מ'האָט געשריבן וועגן אַ ניי־אַנטפּלעקטן שעקספּיר און אפילו וועגן "קליגער מאַכן" אים דורכן אַריינטראָגן דעם יידישן אייביקן טרויער און, אַז

ס'איז נאָך ניט געווען אַזאַ אַקטיאָריש־פילאָזאָפישע פּאַרטיפּטקייט ווי אין דאָזיקן ספּעקטאַקל. זייענדיק דורכגעזאַפּט מיטן גייסט פונעם אייגענעם פאָלק איז מיכאָעלסן און זוסקינען געלונגען אויך ביי שעקספּירן אַריינצודרינגען אין מחברס וועלט און זיין פאַרבינדונג מיטן פּאַעטישן אופן פון דענקען פונעם פאָלק און זיין אייביקער סטיכיע. איינער פון די סאַמע ערנסטע טעאַטער־קריטיקער האָט געשריבן: "דער טעם פון אויסגעצייכנטן דועט מיכאָעלס־ליר און זוסקין־לץ איז באַשטאַנען אויך אין דעם, וואָס אויב זוסקין האָט געגעבן צו פילן דעם גאַנצן אַראָמאַט פון בולטער שעקספּירישער פריילעכער פאָלקס־חכמה, דאָס פלעבעישע געזונטע אַרט דענקען, דאָס קאָמישע און ביטערע, האָט מיכאָעלס אַנטפּלעקט די דאָזיקע פאָלקישקייט און גראַד דאָרטן, ווו מ'איז אמווייניקסטן געווינט זי צו זוכן. אין דער פאַרצווייגטער שעקספּירישער מעטאַפאָרישקייט, אין פילאָזאָפישן תוכן פון זיינע געשטאַלטן... אינעם קאָמפּלעקס פון שעקספּירס געדאַנקען האָבן אַט די אַקטיאָרן דערזען די צונויפגעבראַכטע און אָפּגעקליבענע און אויף אייביק פאַרקריצטע חכמה פון פאָלקס באַוווסטזיין.

מיכאָעלס האָט געשריבן: "גאָר באַזונדער אין אַט דער אַרבעט אונדזערער האָט זיך אויסגעטיילט זוסקין — אַן אַקטיאָר מיט אַן אויסערגעוויינלעך בוילעטער באַגאַבונג. דער חוש פאַר הומאָר איז אומגעוויינלעך שטאַרק ביי זוסקינען און זיין הומאָר איז כמעט שטענדיק באַפאַרבט מיט אַ לירישן טאָן. זוסקין האָט זייער אָפּט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער פראַגע פון נאַציאָנאַלן קאָלאָריט אין דער שפּיל פון לץ. אין דער דאָזיקער ראָל האָט ער געוואָלט אונטערשטרייכן יידיש־נאַציאָנאַלע שטריכן. פאַר זוסקינען איז אַזאַ ווילן געווען נאַטירליך, ווייל מער פון אַלץ איז אים באַקאַנט געווען די יידישע סביבה". דער באַוווסטער אַקטיאָר און רע־זשיסער לעאָנידאָוו האָט, זעענדיק דעם ספּעקטאַקל, געזאָגט, אַז זוסקין־לץ רוקט אַרויס די ראָל אויפן ערשטן פּלאַן און אַז, אַננעמענדיק זיך מיט יידישע שטריכן, האָט ער זיי דערהויבן צום ראַנג פון אַלמענטשלעכע. נאָכן זען דעם ספּעקטאַקל האָט ער געשריבן: "מיר וואָלט זיך וועלן שטעלן שעקספּירס "האַמלעט" נאָר ווער איז "האַמלעט"? זוסקין קאָן שפּילן האַמלעט".

צו מיינע שטאַפּל־ראָלן קאָן מען אַריינרעכענען די ראָל פון לץ אין "קעניג ליר", ווו איך האָב געשפּילט די טראַגעדיע פון מאַכטלאָזיקייט. דער האַרציקער און קלוגער מענטשנקענער, דער לץ, וואָס פאַרשטייט אַלץ, קאָן מיט גאָרנישט ניט העלפן זיין קעניג — איינע פון די שווערסטע מאָמענטן אין מיין אייגן פערזענלעך לעבן...

און מיט דער העכסטער מאָס פון אויסדריקלעכקייט און טרויער זינגט דער לץ זיין קלוג לידל:

איך בין אַ לץ,
איך בין אַ נאַר
נאָר ווייסן, ווייס איך שוין דערפאַר

וואָס פּאַראַ גליק ביי דעם דערוואַרט
מיין אַלטן בלינדן קלוגן האַר *.

גענוג דערנאָך פאַרשידענע ראָלן — קאָמישע, טרויעריקע, טראַגישע. געווען די ראָל פון פאָלקס-נקמה-נעמער, דער גזלן בויטרע, דער זקן פון בר כוכבאס צייטן — רבי עקיבא, דער פילאָזאָף שלמה מיימון. ענדלעך קערט דאָס טעאַטער זיך צו דער יידישער קלאַסיק, שטעלנדיק די אינסצענירטע ״בלאָנדזשנדיקע שטערן״ פון שלום-עליכם:

די פּאָעטישע געשטאַלטן פון שלום-עליכמען האָבן באַרייכערט מיין לעבן פון די פריסטע קינדעריאָרן אָן. פון דעמלט טאָקע האָט זיך אָנגעהויבן מיין ליבשאַפט צום גרויסן שלום-עליכם, — דער מיר סאַמע נאָענטסטער שרייבער, וועמעס ווערק נערן מיך אין משך פון מיין גאַנצן לעבן.

אין דאָזיקן ספּעקטאַקל האָט מיין פאָטער געשפּילט די ראָל פון האָצמאַכן. אַ ראָל, וואָס איז פאַר אים אין אַ געוויסער מאָס אויטאָביאָגראַפיש. — האָצמאַך, פּונקט ווי זוסקין, איז מיט לייב-און-לעבן געווען איבערגעגעבן דעם טעאַטער. אויסער דעם טעאַטער איז פאַר אים ניט פאַראַן קיין לעבן. דער ספּעקטאַקל איז אויפגעפירט געוואָרן אין 1941 און איז געגאַנגען ביזן סוף פון טעאַטער אין 1948. און אַזוי האָט זיך שוין באַקומען, אַז אין די סאַמע שווערע און טראַגישע טעג פון מיין פאָטערס לעבן אין מינוטן פון דערשלאָגנקייט איז אין רעפּערטואַר פון טעאַטער אָנגעגאַנגען גראָד אָט דער ספּעקטאַקל.

אַ מאָל טרעפט, אַז מיט די ווערטער פונעם טעקסט פון דער ראָל קאָנסטו דעם צושויער דערציילן וועגן זיך. עס הענגט, פאַרשטייט זיך, אָפּ, וועלכע ראָל, פאַראַן פאַלן, ווען עפּעס גריזשעט מיך און דאָס גיסט זיך צונויף מיט דער ראָל ווי, למשל, די ראָל פון האָצמאַכן און ״בלאָנדזשענדיקע שטערן״.

אַלץ וואָס איז דורכגעטראַכט געוואָרן און געוואָרן אַרויסגעזאָגט פון מיין פאָטער וועגן זיין באַציונג צו קונסט, צו טעאַטער, צום גורל פון פאָלק, איז אַזוי אָדער אַנדערש פאַרבינדן מיט אָט דער ראָל:

אַ שטאָפּל-אַרבעט אין זין פון פאַרטיפן און בעסער פאַרשטיין דאָס לעבן איז פאַר מיר געווען ״בלאָנדזשענדיקע שטערן״. די ראָל מיינע דאַרט האָב איך געשפּילט נאָך צוואַנציק יאָר אַרבעט אין טעאַטער, נאָך אַ סך אַנדערע גרויסע ראָלן. אין איר האָב איך געוואָלט אַרויסברענגען דעם טאַ-לענטירטן פאָלקס-מענטש, דערביי אַ טיף-אומגליקלעכן. כ׳האָב געוואָלט געבן אַ טראַגישע געשטאַלט. אין אַלע מיינע ראָלן באַמי איך זיך צו געפינען דעם מענטשלעכן חלום און בענקשאַפט צו אַ בעסער לעבן. דאָס איז אַ טיף נאַציאָנאַלער שטריך...

ראָלן אין וועלכע איך טרעף זיך אָן אויף אויטאָביאָגראַפישע מאָמענטן — און דאָס איז האָצמאַך — זענען מיר באַזונדערס טייער. איך האָב אינטערפּע-טירט די דאָזיקע געשטאַלט לויט דער פראַזע פון שטאַרבנדיקן האָצמאַך, וואָס איז פאַר מיר געוואָרן אַ לייטמאָטיוו: ״דאָקטוירים זאָגן, אַז איך דאַרף רו,

לופט און דרום. צוליב וואָס טויג מיר די לופט און דער דרום? וואָס טויג מיר דאָס גאַנצע לעבן מײנס אָן דער בינע, אָנעם טעאַטער?!".

מיר זענען נאָענט און טײַער ראָלן אינטימע, לירישע, מענטשלעכע און מער פון אַלץ די געשטאַלט פון דערנידעריקטן, באַליידיקטן מענטשן, וואָס איז פאַרליבט אין לעבן, און וועלכער באַגעגנט שטרויכלונגען, וואָס ער איז ניט שולדיק אין זײ. אַזעלכער איז האַצמאַך.

דערנאָך איז געקומען די מלחמה. אויף מײן פאָטער האָט זיך אַרויפגעוואָלגערט דער אומגליק פון מיליאָנען, וואָס ער האָט איפגענומען ווי זײן אייגענעם אומגליק. דער פחד פאַרן גורל פון טעאַטער, פאַר זיך און פאַרן יידנטום איז ניט פאַריבער, נאָר זיך נאָך מער פאַרשאַרפט נאָך דער מלחמה. ווי אַ קדיש נאָך די אומגעקומענע און איינציייטיק נאָכן טעאַטער מיט זײנע אַקטיאָרן און דער צוקונפט פון זייער גורל איז געווען די פאַרשטעלונג "פריילעכס". דער גרונטגעדאַנק פונעם ספּעקטאַקל — דאָס פאָלק שטאַרבט ניט: צרות זענען געווען, צרות וועלן נאָך זײן נאָר — שפּילן מיר אַ חתונה, ווייל דאָרט ווו אַ חתונה, דאָרט איז לעבן און דאָס לעבן, טראָץ אַלעמען, ווערט פאַרגעזעצט. אַ סך נשמה האָט מײן פאָטער אַריינגעלייגט אין אָט דער פאַרשטעלונג און, אינטערעסאַנט, וואָס גראָד אין אָט דער פאַרשטעלונג, האָט ער צום ערשטן מאָל אַריינגעפירט אַ דובליאָר, אַ יונגן אַקטיאָר און דווקא אין די מער פאַראַנטוואָרטלעכע אָוונטן האָט ער אים אַרויסגעלאָזט אויף דער בינע. פאַר־וואָס? ווייל ער האָט געוואָלט, אַז וואָס סע זאָל מיט אים ניט טרעפן — דאָס טעאַטער און דאָס לעבן גייט ווייטער און אין דעם האָט ער געגלייבט ביזן סאַמע סוף.

אַ טעאַטער־קריטיקער האָט וועגן דאָזיקן ספּעקטאַקל געשריבן: "ס'איז אַ ספּעקטאַקל אַ לחיים! אַ בופאָנאַדע־ספּעקטאַקל מיט אַן אומעטיקער נאָטע. מיר גלייבן און וויסן, עס זענען פאַריבער יאָרן פון אומגליק און טרויער נאָר דאָס פאָלק וועט לעבן און זיך שטאַרקן און ס'וועלן זײן שמחות או ס'וועלן זײן חתונות, ווייל קיינער איז ניט אומשטאַנד אויסצולייזיקן און אָפּטייטן די פאָלקס־נשמת, וועלכע האָט דורכגעטראָגן דורך אַלע צרות, דורך איר פיל־דורותדיקע געשיכטע — אומגעצוימטע ליבע און מעכטיקן ווילן צו לעבן און, דאָ ווי שטענדיק, איז אויפן ערשטן פּלאַץ — זוסקין. ער איז ווידער (צום וויפלטן מאָל שוין) אין דער ראָל פון פריילעכן און קלוגן לץ און פאַרוויילער. זאָל ער דאָס מאָל הייסן בדחן. דער ווען פון דער געשטאַלט בלייבט דער זעלבער און מיר, מיר זענען ניט ווייניקער פאַר־כאַפּט און פאַרכאַפּט פון זײן כישוף און חן, פון זײן זעלטענער פעיקייט צו זײן איינציייטיק אי קאָמיש, אי טראַגיש, פון אָט דער ווונדערלעכער באַהעפטונג פון האַרציקייט און קאָמיזם, הומאָר און פּאַטאָס, אויסערלעכער באַוועגלעכקייט און אינערלעכער קאָנצענטרירטקייט".

פאַר מײנע אויגן שטייט מײן פאָטער מיטן טיכל אין דער האַנט, מיט וועלכן ער פאַרלעשט די יאָרצייט ליכט, וועלכע שטייען אויף דער בינע און — אַ גרינגער, אַ רירעוודיקער לויפט ער צו צו דער ראַמפּע און רופט אויס צום אָרקעסטער:

שפּילט קלעזמאָרים!

די דאָזיקע ראָל איז געווען דורכגעזאַפּט מיט פֿאָלקסמוזיק און מיט פֿאָלקס־ווערטלעך, מיטן גייסט פֿונעם פֿאָלק און מיט אַלץ, וואָס איז געווען אַזוי נאָענט מיין פֿאָטער.

צו זיין יעדער ראָל באַזונדער האָט ער זיך באַצויגן ווי צו אַן אָרגאַנישן טייל פֿון זיין לעבן. דערפֿאַר טאַקע האָט ער אַזוי פֿיל געאַרבעט איבער זיינע ראָלן. פּיינלעך זיך אַריינגעלעבט אין יעדער געשטאַלט, מורא האָבנדיק פֿאַר די ערשטע אויפֿטריטן. אפילו אין אָפֿיציעלן אַרטיקל וועגן אים אין דער טעאַטער־ענציקלאָפּעדיע (מאָסקווע 1963) ווערט געשריבן: „פּיינלעך שווער און אומזיכער אַרבעטנדיק איבער זיינע ראָלן, האָט זוסקין אויף די ספּעקטאַקלען גופֿא איבעראַשט מיט זיין טאַלאַנט און גלענצנדיקער אימפּראָוויזאַציע־כּוח פֿון פֿרייער שעפֿערישקייט". אין זיין אויטאָביאָגראַפֿיע אָנגעשריבןביים סוף פֿון זיין לעבנסוועג דערמאָנט מיין פֿאָטער וועגן דעם:

איצט האָב איך אָנגעהויבן גיכער צו אַרבעטן אויף דער ראָל. פֿריער פֿלעגט זיך מיר דאַכטן, אַז אין ספּעקטאַקל שפּאַן איך איבער אַ תּהום.

אין „ליר" האָב איך די גאַנצע צייט דאָס געפֿיל, אַז איך שפּיל אויף דער שאַרף פֿון אַ מעסער.

אין די לעצטע חדשים איז מיין פֿאָטער אויך אין לעבן אַרומגעגאַנגען אויף דער „שאַרף פֿונעם מעסער". דעם 13טן יאַנואַר 1948, אין טאָג פֿון מאָרד איבער מיכאָעלסן, זענען פֿון אונדזער הויז פֿאַרשוווּנדן די וויצן און די פֿריילעכקייט און אין איינעם מיטן דערפֿילן די אומגלויבלעכע אבֿידה, האָט זיך אין דער נשמה פֿון פֿאָטער אַריינגעגנבֿעט די שרעק פֿאַר זיך אַליין, פֿאַרן יידישן טעאַטער, פֿאַרן יידנטום. אין נאָוועמבער 1948 האָט מען צעטריבן דעם יידישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט, אין וועלכן מיין פֿאָטער איז געווען אַ פּרעזידיום־מיטגליד. אין דעצעמבער 1948 איז דער טעאַטער, — וועמענס קינסטלערישער לייטער מיין פֿאָטער איז געוואָרן נאָך מיכאָעלסעס טראַגישן אומקום — אַרויסגעפֿאָרן מיט גאַסטראָלן קיין לענינגראַד. ער איז ניט מיטגעפֿאָרן. זיינע נערוון זענען געווען אויף אַזוי פֿיל צעשרויפֿט, אַז די דאָקטוירים האָבן אים צוגערעדט זיך צו לייגן אין שפּיטאָל זיך צו היילן מיט דער הילף פֿון שלאָף. אַזוי האָט ער אונדז און אַלע אַרומיקע געזאָגט און מ'האָט אים טאַקע אַריינגעלייגט אין שפּיטאָל. קאָן זיין, אַז ס'איז געווען גאָר אַן אַנדער סיבה, צוליב וועלכער ער, דער אַזוי צונויפֿגעלעבטער, ממש צונויפֿגעוואַקסענער מיטן טעאַטער, האָט זיך פּונקט צו די גאַסטראָלן אַריינגעלייגט אין שפּיטאָל. קאָן אויך זיין, אַז ער האָט געגעבן אַן אונטערשריפֿט ניט אַרויסצופֿאָרן און קיין רעכט ניט געהאַט אַרויסצופֿאָרן. דאָס וועלן מיר זיך שוין ניט דערוויסן.. אַ געפּלאָגטער פֿון פֿאַרגעפֿילן און אַ הילפֿלאָזער קעגן זיינע שרעקן, האָט ער דאָך פֿאַרגעזעצט צו גלייבן, אַז דער טעאַטער וועט לעבן. פֿון שפּיטאָל האָט ער אַהיים־געשריבן צו זיין פֿרוי, מיין מוטער:

איך וויל און איך מוז געזונט ווערן פֿאַר יעדן פּרייז. דאָס איז נייטיק פֿאַרן טעאַטער. גאָר אין גיכן קער איך זיך אום צו דער אַרבעט אַ פֿולער

מיט קראַפט און מיט ענערגיע. איך וועל זיך שלאָגן פאַרן לעבן פונעם טעאַטער. זיך אין גאַנצן אָפּגעבן, ווי איך האָב ביז איצט אָפּגעגעבן אַלע מיינע כוחות. פאַר דעם צער וועלן מיר נאָך האָבן נחת.

דאָ ענדיקט זיך אַלץ, וואָס מיין פאָטער האָט געקאָנט וועגן זיך דערציילן. דעם 19טן דעצעמבער איז ער אַריין אין שפּיטאָל זיך צו היילן מיט שלאָף און דעם 23טן דעצעמבער האָט מען אים אָ שלאָפנדיקן גלייך פון שפּיטאָל פאַרנומען אין אַרעסט. ביי אונדז אין דער היים האָט מען יענע נאַכט געמאַכט אַ הויז-זוכונג און קאָנפיס־קירט די ביכער און אַלע פערזענלעכע זאַכן מיין פאָטערס. וועגן זיין ווייטערדיקן גורל איז באַוווסט, אַז פון 11טן ביזן 18טן יולי איז אָנגעגאַנגען אַ משפט ביי פאַרמאַכטע טירן און מיין פאָטער איז צוזאַמען מיט אַנדערע פּרעזידיום־מיטגלידער פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט פאַראורטיילט געוואָרן צו טויט־שטראָף. דעם 12טן אויגוסט האָט מען אים געשאָסן. איינע פון די באַשולדיקטע אויפן דאָזיקן משפט, וועלכע האָט באַקומען אַ צען־יאָריקע תפיסה־שטראָף און האָט דערלעבט אַרויסצוגיין אויף דער פריי, האָט דערציילט מיין מוטער, אַז יעדן פון די פאַר־אורטיילטע האָט מען געגעבן אַ לעצט וואָרט צו זאָגן (מ'האָט זיי באַשולדיקט אין פאַרראַטן דאָס פאָטערלאַנד) און אַז מיין פאָטער האָט אויף אַלע באַשולדיקונגען געענטפערט: "איך ווייס פון גאָרניט. איך האָב געוווסט נאָר איין זאַך: מיין טעאַטער".



שלמה מיכאָעלס
אין "טביה דער מילכיקער" (1937)

דאָקומענטן, קאָמענטאַרן...

ערשטער דאָקומענט

ПРОКУРАТУРА СССР
Главная Военная Прокуратура
ВОЕННАЯ ПРОКУРАТУРА
ВОЙСК МВД СССР
Москва, ул. Кирова, 41.

15 августа 1953 г.
№ 2/5-62556-43

При ответе ссылаться на н/№ и дату

Гр-ке БЕРКОВСКОЙ Эде Соломоновне

Казахская ССР, гор.Кокчетав,
ул.Степана Разина, 69.

На Вашу жалобу от II мая I953 года, адресованную в Главную военную прокуратуру сообщаю, что произведенной прокуратурой проверкой дела ЗУСКИНА Вениамина Львовича установлено, что он I8 июля I952 года осужден Военной Коллегией Верховного Суда СССР за совершенные им тяжкие государственные преступления.

Виновность ЗУСКИНА доказана материалами предварительного и судебного следствия.

Вы, как член семьи изменника Родине ЗУСКИНА, подвергнуты ссылке правильно и оснований к пересмотру вынесенного в отношении Вас решения не имеется.

ПОМ ВОЕННОГО ПРОКУРОРА ВОЙСК МВД СССР
ПОЛКОВНИК ЮСТИЦИИ

/НОВИКОВ/

מיר גיבן אָן איבערזעצונג פון דאָזיקן דאָקומענט פאַרן 15 אויגוסט 1953 אונטערן נומער 2/5-62556-43.

פון לינקס — דער אָפיציעלער שטאַמפּ: פּראָקוראַטור פון פסםר. מיליטערישע הויפּט־פּראָקוראַטור. מיליטערישע פּראָקוראַטור פון מ.וו.ד־חייל פון פסםר. מאָסקווע, קיראָוו־גאַס 41.

דער בירגערין בערקאָווסקי עדע סאַלאַמאָנאָווע קאַזאַכישע ס.ס.ר. שט. קאַקטשעטאַוו. גאַס — סטעפּאַן ראַזין, 69.

אויף אייער אַנקלאַגע פאַרן 11טן מיי 1953, אַדרעסירט צו דער מיליטערישער הויפּט־פּראָקוראַטור, טייל איך מיט, אַז נאָך דעם ווי די פּראָקוראַטור האָט דורכגעקאָנט־ראָלירט דעם ענין פון זוסקין וועניאַמין לוואָוויטש, איז פעסטגעשטעלט, אַז ער איז דעם 18 יולי 1952 יאָר פאַרורטיילט געוואָרן דורך דער מיליטערישער קאָלעגיע פון אויבער־געריכט פון פסרר פאַר זיינע שווערסטע פאַרברעכנס קעגן דער מדינה.

די שולד פון זוסקינען איז דערוויזן דורך די מאַטעריאַלן פון די פאַרלויפיקע און געריכטס־אויספאָרשונגען.

איר, ווי אַ משפחה־מיטגליד פון דעם היימלאַנד־פאַררעטער זוסקין, זייט ריכטיק באַשטראָפט געוואָרן מיט פאַרשיקונג און ס'איז נישט פאַראַן קיין גרונט איבערצוקוקן די אָנגענומענע אין באַצוג צו אייך, באַשטימונג.

געהילף פון מיליטערישן פּראָקוראָר ביי דעם מ. וו. ד.־חייל פון פסרר.

יוסטיץ־פּאָלקאָווניק
נאָוויקאָוו.
אונטערשריפט

*

פון דאָזיקן אָפיציעלן בריוו, געשיקט צו דער פרוי פון בנימין זוסקין, דער יידישער אַקטריסע עדאַ בערקאָווסקי, איז צו זען, אַז ער, אָט דער דאָקומענט איז פאָרמולירט געוואָרן אַ יאָר מיט דריי טעג זינט ס'איז שוין אויסגעפירט געוואָרן די מאָרד־עקזעקוציע פון 12טן אויגוסט 1952. אָבער וועגן דעם האָט מען ניט געפונען פאַר נייטיק מיטצוטיילן דעם "משפחה־מיטגליד פון היימלאַנד־פאַררעטער זוסקין" . . .

ס'איז כדאי, דער לייענער זאָל וויסן, אַז ביי אונדז געפינט זיך נאָך אַ דאָקומענט, וועלכן מיר פאַרעפנטלעכן ניט צוליב מאַנגל אין פּלאַץ. דאָס איז אַ פּראָטאָקאָל פון דער אונטערזוכונג, וועלכע מע האָט דורכגעפירט אין דער קוואַרטיר פון בנימין זוסקין תיכף נאָך זיין אַרעסט. צווישן די קאָנפיסקירטע זאַכן, וועלכע האָבן קענטיק געדאַרפט דינען אַלס באַווייז פון זיינע שווערסטע "פאַרברעכנס קעגן דעם סאָוועטישן היימלאַנד" זענען געווען:

1. דער אָרדען פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן און די באַשטעטיקונג פון דער מלוכה וועגן אָט דער הויכער באַלוינונג.
2. זיין צייגעניש וועגן דעם אַז ער איז אויסגעצייכנט געוואָרן מיטן טיטל לאַורעאַט פון דער סטאַלין־פּרעמיע.
3. זיין מאַנדאַט וועגן דעם אַז ער איז אַ דעפּוטאַט פון מאָסקווער סאָוויעט.
4. די אויסצייכענונג און די מלוכה־באַשטעטיקונג פון דעם, אַז ער האָט באַקומען דעם טיטל "פאָלקס־אַרטיסט פון דער רוסלענדישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק" און פיל אַנדערע אויסצייכענונגען פאַר זיינע פאַרדינסטן אַלס געזעלשאַפטלעכער טוער און קונסט־מייסטער . . .

*

צווייטער דאָקומענט

Форма № 30

Военная Коллегия
Верховного Суда
Союза ССР

28. ноября 1955 г.

№ 0065/52

Москва, ул. Воровского, д. 13.

СПРАВКА

Дело по обвинению ЗУСКИНА Вениамина Львовича пересмотрено Военной Коллегией Верховного Суда СССР 22 ноября 1955 года.

Приговор Военной Коллегии от II-I8 июля 1952 года в отношении ЗУСКИНА В.Л. по вновь открывшимся обстоятельствам отменен и дело за отсутствием состава преступления прекращено.

ЗАМ. ПРЕДСЕДАТЕЛЯ ВОЕННОЙ КОЛЛЕГИИ ВЕРХОВНОГО
СУДА СОЮЗА ССР
ПОЛКОВНИК ЮСТИЦИИ

/В. БОРИСОГЛЕБСКИЙ/

ОС

אין דעם דאָקומענט לייענען מיר:

פון רעכטס — "פאָרמע נומ. 30" פון לינקס: מיליטערישע קאָלעגיע פון אויבער־געריכט פון פאַרבאַנד ס.ס.ר. 28טער נאָוועמבער 1965 נומ. 0065/52. מאָסקווע וואָראָווסקי־גאַס. הויז 13.

צייגעניש

דער באַשולדיקונגס־ענין פון זוסקין וועניאַמין לוואָוויטש איז איבערגעקוקט געוואָרן דורך דער מיליטערישער קאָלעגיע פון אויבער־געריכט פון פ.ס.ר.ר. דעם 22טן נאָוועמבער 1955.

דער אורטייל פון דער מיליטערישער קאָלעגיע פאַרן 11—18יוני פון יאָר 1952 אין באַצוג צו זוסקין וו.ל., ווערט דורך די אויף ס׳ניי אַנטפּלעקטע אומשטענדן אָפּגעפּרעגט און דער ענין, צוליב דער אָפּוועזנהייט פון פאַרברעכן־באַשטאַנד איז אַנולירט.

פאַרטרעטער פון פאָרזיצער פון דער מיליטער־קאָלעגיע ביים אויבער־געריכט פון פ.ס.ס.ר

יוסטיץ־פּאָלקאָווניק

אונטערשריפט / וו. באָריסאָגליעבסקי /

ענלעכע פאַפּירלעך האָבן באַקומען אַלע משפּחה־מיטגלידער פון די אומגעבראַכטע דעם 12טן אויגוסט 1952.

פון יענעם פייער...

דער מאָסקווער באַכרושין־מוזיי איז איינער פון די רייכסטע טעאַטער־מוזייען אויף דער וועלט, באַהיט און באַוואַכט פון דער סאָוועטן־ממשלה.

ווינטער 1952 איז דאָרט פּלוצעם אויסגעבראָכן אַ שריפה, ביי זייער מאָדנע אומשטענ־דן: מיטן־נאַכט, ווען דער מוזיי איז נאַטירלעך אויף אַ שלאָס און אַלע עלעקטרישע און באַהייצונגס־איינריכטונגען זענען געווען אויסגעשלאָסן.

אָפּגעברענט האָבן אייגנטלעך בלויז די עקספּאָזיציעס און אַרכיוון פון צוויי צימערן — פון געוועזענעם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער און אַ ביסל ווייניקער — פון מייערכאָלד־טעאַטער, וואָס איז נאָך ליקווידירט געוואָרן אין 1938.

אונדז האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצוקריגן פון יענעם פייער גאַנץ־געבליבענע, ווי אויך טיילווייז אָפּגעברענטע פאָטאָגראַפיעס. אייניקע — פאַרעפנטלעכן מיר אַצינד.

"שווער צו זיין אַ ייד" פון שלום-עליכם

דאָס איז געווען דער ספּעקטאַקל, וועלכן זוסקין האָט געשטעלט מיט זיין אַרויסלאָז־קורס אין דער טעאַטער־סטודיע ביים מאָסקווער "גאָסעט". דאָס איז אפשר דאָס ערשטע און געוויס דאָס לעצטע מאָל ווען אָט די פּיעסע איז געשטעלט געוואָרן אויף אַ סאָוועטישער בינע: צו געפערלעך זעט אויס די פּראָבלעם פון יידישער אומרעכט פאַר דעם סאָציאַליס־טישן רעזשים אין ס"פ. אויפן בילד: פערטער אַקט — "ביים פּסחדיקן טיש".

פון לינקס אויף רעכטס — ישראל בעקער (איצט באַוווסטער אַרטיסט פון "הבימה"), רחל פאַנימאַיסקע, עטל קאָווענסקע (בייע עולה טרעט אַרויס מיט יידישע קאָנצערטן און שפּילט אין "הבימה"), רחל סקידעלסקאַ (איצט אין ישראל) איזיע רובינטשיק (אַרטיסט פון "הבימה") און מ. ראָזען (איצט אויך אין ישראל. פאָטאָ־קינסטלער).

„ערב יום-טוב" פון משה בראַדערזאָן און ערב חורבן...

אַ צווייטער ספּעקטאַקל וועלכן בנימין זוסקין האָט געשטעלט אין טעאַטער גופא און אַליין געשפּילט דאָרט די הויפּט־ראָל. דער מחבר און דער רעזשיסער האָבן אין אָט דעם

ספּעקטאַקל געפּרווט און געוואָגט צו שטעלן די פּראָבלעם פון ייד און יידישקייט אין דעם נאָך־מלחמדיקן רוסלאַנד, אָבער די שער פון צענזאָר האָט אומרחמנותדיק אַרומגעש־ניטן אַלע „טריפה" ערטער, וואָס האָבן געשטעלט דעם אַקצענט אויפן יידישן חורבן און יידישן נאַציאָנאַלן שטאָלץ, אַלע ווייטיקטיקע ערטער און טרעפלעכע רעפליקעס קעגן אַסימילאַציע... די אַקטיאָרן האָבן געשפּילט אַ ביסל צעטומלט, גלייך זיי וואָלטן געש־פּאַנט אויף דער שאַרף פון אַ שווערד... נישט לאַנג איז געגאַנגען דער ספּעקטאַקל...

אויפן בילד (פון רעכטס אויף לינקס) ערשטע ריי: די אַרטיסטן ספּיוואַק, האָראָוויץ, פּאָלאָנסקע, הערצבערג. צווייטע ריי: ניי, זילבערבלאַט, זוסקין, בראַדערזאָן, שאַפּיראָ, בעזווערכני, בערקאָווסקע, לעווינזאָן. דריטע ריי: סקידעלסקע די איבעריקע צוויי אַרטיסטן — נישט אויסגעקלאָרט.

*

„מסעות בנימין השלישי" לויט מענדעלע מוכר-ספרים

מיכאָעלס — בנימין השלישי, זוסקין — סענדערל די יידענע

אַ חלום

מיין באַליבטן שווישפּילער דעם וויזיאָנער און בעל-חלומות
בנימין זוסקין ז״ל

אַ פויגל — —
אַן אויסטערלישער, אומבאַקאַנטער,
איז איבער מיר אַדורכגעפלויגן
און אַ פאַרגעפּיל אַ בייזן, נישט געאַנטן,
אין מיין האַרץ צעוועקט.
און כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט אין שרעק,
אין ווינקל איז געשטאַנען אויסגעצויגן
אַ לבנה-זייל, ווי אַ לויכטנדיקער מלאך,
און די ווענט,
אויף שאָטנס אָנגעלעגטע,
ווי אויף פאַרברענטע הענט,
און אין תכריכים אָנגעטאָן פון ווייסן קאַלעך,
האָבן זיך אַלץ נעענטער און נעענטער
גערוקט צו מיין געלעגער.

ס׳האָט געשלאָגן דריי דער זייגער.
כ׳האָב זיך איינגעהערט
אין דער שטילקייט פון דער נאַכט,
אין דעם אומרו-חלום פון דער ערד
און פלוצעם האָט זיך מיר געדאַכט,
אז ערגעץ ווייט אויף פוסטע וועגן
בלאָנדזשעט אום אַן עלנטער מיין נאָמען,
ווי אַ גוף אָן אַ נשמה,
און קיינער, קומט מיר נישט אַנטקעגן.

האָט ער אויפגעפּראַלט דאָס פענצטער
צו דער פינצטערניש אַרום
און געזען: אַלע הייזער שטייען שטום,
אַלע גאַסן דרימלען
בלויז איין שטערנדל נאָך אין די הימלען
ציטערט ווי אַ טרער...

האָט ער דעם שטערנדל געפרעגט:
— אָ, חלום דו, מיין שענסטער,
צי דאָס איז שוין מיין לעצטער וועג?
צי דאַרף שוין קיינער מיך נישט מער? —
און זיינע ברענענדיקע ליפּן האָבן זיך פאַרלאָשן
אין דער קאַלטער לופט.

אָ, בעל-חלומות מיינער, ס'האָט דערמאָרדעט דיך דער רשע,
נאָר נישט געקאָנט פאַרטיליקן דיין לשון,
וואָס מאָנט נאָך אַלץ און רופט.

דוד ספאַרד

*

דער איבערגעפאָרענער ליר און זיין לץ

דעם אָנדענק פון שלמה מיכאָעלס און בנימין זוסקין

צעריבן ליגט, ליר, דיין געביין,
און דאָס האָט געטאָן דאָס געזעץ,
איין פריינד וואָלט דיך אמת באַוויינט,
איז אָבער צעשאָסן דיין לץ.

און ווו איז קענט?

זינט ליר איז געשענדט און פאַרלענדט,
האָט קענט אויף דער ערד ניט געקענט
אַ בייל טאָן אין פויסטן די הענט,
ווייל לאַנג שוין אין קייטן איז קענט.

שלמה רויטמאַן

נייע ביכער

צוויי בענדער פּאָעזיע פון דוד האָפשטיין

אין פאַרלאַג ״ישראל-בוך״ (תל-אביב, תשל״ז) זענען דערשינען דוד האָפש-טיינס ״לידער און פּאָעמעס״ אין צוויי פּראַכטפולע בענדער. פיי די הילע און סיי אַ גאַנצע ריי אילוסטראַציעס די צייכענונגען פון יונגן שאַגאַל צו האָפשטיינס בוך ״טרויער״, קיעוו, 1922. פול מיט צויבער און טראַגישער סימבאַליק איז דער אויפשריפט אין פנים-קרייז פון דער שאַגאַל-הילע: ״אַלע פאַר דער צייט פאַרש-ניטענע״...

ביידע בענדער זאַמלען איין אין זיך, צום ערשטן מאָל מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און פאַרשטענדעניש, די בעסטע שאַפונגען פון אונדזער ווונדערלעכן פּאָעזיע-קלאַסיקער, דעם פאַרשניטענעם פאַר דער צייט — דוד האָפשטיין ז״ל. אַ געניערע אָפּהאַנדלונג אין קומענדיקן נומער פון אונדזער אַלמאַנאַך.

*

פון אַלמאַנאַך צו אַלמאַנאַך...

לכבוד ״שטערן אויפן הימל״

פון מאיר חרץ

דעם 21 יולי 1977 איז אין בית־אגרון פאַרגעקומען אַ ליטעראַרישער אָוונט צום דערשיינען פון מאיר חרצס נייעם בוך פּאָעזיע ״שטערן אויפן הימל״.

מיט אַן אַריינפיר-וואָרט איז אַרויסגעטראָטן יוסף **קערלער**, וועלכער האָט אין קורצע שטריכן כאַראַקטעריזירט דעם אייגנטימלעכן פּאָעטישן גאַנג פון מאיר חרץ.

מיט גרעסערע אָפּהאַנדלונגען, וועלכע האָבן באַזונדערס אַרויסגעהויבן דעם סינטעז פון קאָמפּליצירטער בילדערישקייט און פאַלקסטימלעכער פשטות אין דער דיכטונג פון מאיר חרץ, זענען אַרויסגעטראָטן דער שרייבער **אברהם ביק** און דער דיכטער **יאָסל לערנער**.

מאיר חרץ האָט מיט דערפּאָלג פאַרגעלייענט נייע שאַפונגען.

פעליקס קאנדעל

דעם מאָסקווער יידישן טעאַטער — אַ קדיש *

(פראַגמענט)

"ניטאָ קיין שולדיקע, גלויב, קיין שולדיקע זענען ניטאָ,
קיינער באַגייט ניט קיין פאַר־ברעכנס.
איך נעם זיך אונטער יעדן ריינ־צוואַשן.
ווייל יעדערן איך האָב דאָס רעכט דאָס מויל פאַרמאַכן".
ו. שעקספּיר, "קעניג ליר"

צום ערשטן האָבן זיי געהרגעט דעם קעניג ליר.

זיי האָבן אים דערמאָרדעט אין דער שטאָט מינסק און דאָס אָנגערופן: "אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע".

זיי האָבן אים דערמאָרדעט אין יאַנואר דעם אכט און פערציקסטן יאָר און פאַרפולט די צייטונגען מיט גאַנצע פלאַכטעס פון נעקראָלאָגן. "דער פאָלקס־אַרטיסט!... דער לאַורעאַט!... דער קינסטלערישער אָנפירער!... דער פראָ־פעסאָר!... דער פאָרזיצער פון יידי־שן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט!..."

זיי האָבן אים דערמאָרדעט אין מינסק, ביינאַכט, אויף דער גאַס, גיכער פון אַלץ — מיט אַ זעץ אין שלייף, און אים געמאַכט אין מאָסקווע אַ גראַנדיעזע לוויה. מע זאָגט, אַזאַ לוויה איז ניט געווען זינט דעם טויט פון מאַקסים גאָרקי. די מערדער האָבן געוווסט ווי אַזוי צו באַגראָבן זייערע קרבנות. זיי איז עס געפעלן. אין דעם איז געווען אַ באַזונדער מין עסטעטיק.

עס האָט געקלונגען אַ טרויעריקער ניגון: "ווער וועט מיר זאָגן, ווער וועט אויסרעכענען, וויפל איז מיר געבליבן לעבן?"

אין דער ערן־וואַך זענען געשטאַנען פריינד איבערגעמישט מיט שונאים.

אַן אומענדלעכע ריי האָט זיך גע־צויגן לענג אויס דעם בולוואַר, דערנאָך איבערן געסל, דערנאָך דורכן טעאַ־טער...

אויפן דאַך פון דער לעצטער שטוב אין געסל קעגנאיבער דעם טעאַטער האָט די גאַנצע צייט געשפּילט ניט געקוקט אויף דער קעלט, אַן אומבאַוווסטער פידלער.

פאַרביי דעם פידלער זענען געגאַנ־גען די פאַרהערער פונעם קעניג.

געשטאָרבן איז דער, וואָס האָט ניט געטאָרט שטאַרבן, ניט געהאַט אויף דעם קיין רעכט. זיין טויט האָט געשטעלט אין סכנה זיינע פאַרהערער. דאָס האָט מען נאָך דאַן ניט פאַרשטאַנען. דאָס האָט מען פאַרשטאַנען ערשט נאָכ־דעם.

דער נאָמען פונעם קעניג איז געווען מיכאָעלס. שלמה מיכאָעלס, אַ קעניג — אַ ייד.

אַ חכם, אַ שאַרפריידער, אַ געבוירע־נער קאָמעדיאַנט, אַ מאָנומענטאַלער און אַ באַוועגלעכער, אַ טרויעריקער און אַ ליכטיק־שטראַלנדיקער, מיט וואַרעם־שיינענדיקע אויסדרוקספולע אוי־גן, אַ גרייטער ביז די לעצטע כוחות צו אַרבעטן און ביז צו די לעצטע כוחות צו פרייען זיך.

"זאָג, — פלעגט ער פרעגן, קוקנ־דיק אויף מאָסקווע פון אויבן, פון די וואָראָביאָווע בערג, — נו פאַרוואָס ווערט די דאָזיקע שיינקייט אַנטפּלעקט גראָד פון אויבן?! דאָרט אונטן איז דאָך געוויינלעכער אינדערוואָכן, און פון דאָ־

*) פון יידישן "סאַמיזדאַט"

נען זעט עס אויס אַזוי יום־טובדיק אַ טראַכט טאָן נאַר! — פון אינדערוואַכן ביז יום־טוב — אינגאַנצן איין קלייני־קייט — מע דאַרף זיך אַליין אויפהוי־בן!״

דער קעניג האָט שוין געוווּסט, אַז מע שפּירט נאָך אים נאָך. ער האָט גע־פילט אין דער לופטן דאָס דערנענטערן זיך פון אַן אומגליק.

״אַ מענטש — האָט ער געשריבן, — לעבט קיינמאָל ניט אַליין. אַ מענטש לעבט שטענדיק מיט עמעצן און פאַר עמעצן. בלויז דער טויט ברענגט מיט זיך פולשטענדיקע איינזאַמקייט, און דערפאַר האָט דער מענטש מורא פאַר אים. צום טויט קומט אויס יעדערן גיין איינער אַליין. אין דעם איז די טראַ־געדיע פון טויט״.

און דאָס טעאַטער? וואָס איז געוואָרן מיטן יידישן טעאַטער אין דעם מאָמענט פון דעם אלגעמיינעם ״שעפערישן אויפ־שטייג״?

דאָס טעאַטער האָט פאַרהילט אַ פינצ־טערע כמאַרע פון פחד, פון פיינלעכער אומרויקייט, פון ניט זיכערקייט אינעם מאָרגנדיקן טאָג.

איבערן שטאָט האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען וועגן ציוניסטישע פאַרשווע־רונגען אין די ווענט פון טעאַטער, וועגן אונטערגראַבונגען, וועגן געווער־אַרסענאַ־לן אין זייערע קעלערס.

יידן האָבן מורא געהאַט גיין אויף די פאַרשטעלונגען. יידן פלעגן אין יענ־עם יאָר מיט שרעק צעוויקלען אַ צייַ־טונג און אייליק צומאַכן די פענצטער. יידן פלעגן צוליב סאָלידאַריטעט קויפן אַבאָנעמענטן אין טעאַטער, נאָר די ספעקטאַקלען פלעגן געשפּילט ווערן פאַר האַלב־פּוסטע זאַלן.

סע זענען שוין אַרעסטירט געוואָרן די דראַמאַטורגן פונעם טעאַטער: מאַרקיש, האַלקין, בערגלסאָן, שנייור און דאָב־רושין. סע זענען שוין מער ניט געווען קיין נייע ספעקטאַקלען, בלויז אַפּאַטישע רעפּעטיציעס אָן קיין שום האָפענונג אויף אַ פּרעמיערע.

מע האָט ניט באַשטימט פאַר זיי קיין הויפּט־רעזשיסער — ניט נויטיק געווען. מע האָט זיי אַפילו אַ קיילעכיק יאָר ניט געצאָלט קיין געהאַלט, — בלויז נישטיקע אוואַנסן, אויף וועלכע מע האָט געלעבט ווי ס׳איז.

דורך די נעכט פלעגן די אַקטיאָרן פאַרניכטן פאָטאָגראַפיעס און בריוו, אַל־טע טעאַטראַלע פּראָגראַמען מיט די נע־מען פון מיכאָעלסן און זוסקינען, פון פּעפערן און קוויטקאָ, רייסן די ראָלן פון די פּיעסן, געשריבענע דורך די תריפ־געוואָרענע דראַמאַטורגן. אַפילו לידער־זאַמלונגען האָט מען געריסן — אויף יעדן פאַל. אַפילו ביכער פון יידישע קלאַסיקער. פאַרהיטן פלעגט יעדער אַ קלייניקייט: טראַץ דער שרעק, טראַץ די פיינלעכע וואַקלענישן, טראַץ דער אומזיכערקייט אין דעם אייגענעם גורל. אָט די ״קלייניקייט״ איז געווען דאָס סאַמע טייערסטע. אָט אַזוי זענען פעס־געשטעלט געוואָרן אמתע ווערטן.

אין די אָוונטן פלעגן זיי קושן זייערע קינדער, ווי זעגענענדיק זיך מיט זיי. פאַרן שלאָף פלעגן זיי אוועקלייגן נעבן בעט אַ קלומעקל מיט זאַכן. אויף יעדן פאַל.

דאָס זענען געווען שוין ניט קיין מענטשן נאָר שאָטנס. אין אייביקער שרעק. אין שטענדיקן אומרו. זיי האָבן יעדן טאָג געוואַרט עס זאָל שוין גיכער צופאַלן די נאַכט, יעדער נאַכט — אז עס זאָל שוין קומען דער טאָג.

ווען זיי האָבן געלאַכט אויף דער בינע, האָבן זיי עס געטאָן איבער כוח. ווען זיי האָבן געוויינט, האָבן זיי געוויינט אויף אַן אמת.

און ניט יעדערער איז ערלעך איבער־געקומען יענע ניט ערלעכע צייט. ניט יעדער האָט געטרויט יעדעמען. ניט יעדער איז ווערט געווען מע זאָל אים געט־רויען. ווייל אַלע האָבן מורא געהאַט פאַר יעדן, און יעדער האָט מורא גע־האַט פאַר אַלעמען.

ווען די צייט וואַיעט ווי אַ וואָלף, דאַרף

מען האָבן דרייסטקייט צו רעדן ווי אַ מענטש.

*   *
*

אַ פערד, אַ הונט, אַ שטשור — זיי מעגן לעבן, נאָר נישט דו, דו ביסט אויף אייביק פאַרשווונדן, אויף אייביק, אויף אייביק"!

מע האָט געשפּילט "פריילעכס".
דאָס ווונדערלעכע "פריילעכס"!
"אַ חתונה־קאַרנאַוואַל אין צוויי אַקטן".
אַ ספּעקטאַקל — אַ מעמאָריאַל.
פון אָנהייב איז די מוזיק אַ טרויעריקע, אַ ריינע, אַ שטרענגע.
זיבן ליכט אין דער פינצטער און אַן איינזאַמער שטערן.
אומבאַוועגלעכע סילועטן.
פּנימער, באַלויכטענע מיט ציטערדיקער שיין.
פּיין אין די אויגן.
אַ קדיש.
איבער די יידישע קרבנות פון אַלע צייטן.
אַ טיפע פאַרגלויבטקייט אין דער צוקונפט.
דאָס איז געווען אַ פריילעכע פאַרשטעלונג. מיט לידער. מיט טענץ.
האַסטיק האָט זיך צעוויקלט אין טאַנץ די גליקלעכע חתונה.
אַ גרויסער טייל פון דער טרופּע איז געווען פאַרנומען אין "פריילעכס".
"מיר וועלן צונויפקלייבן די גאַנצע בענקעניש, דעם גאַנצן אומעט פון דער וועלט.
און מיר וועלן שאַפן פון זיי ליבע!"
די אַקטיאָרן האָבן זיך שוין געוווּנען אַנשטויסן, אַז עס האַלט ביים פאַרמאַכן דעם טעאַטער. עס האָט שוין געהאַלטן ביים אַראָפּציען דעם אויבערדעק הינטער וועלכן עס איז געווען פינצטערניש, אי־מה, ענדלאָזע פּוסטקייט, תהו־ובהו. נאָר די פאַרשטעלונג איז געגאַנגען. די אַקטיאָרן האָבן געשפּילט אַ לעבנסלוסטיקן קאַרנאַוואַל — "פריילעכס".

עס האָבן געברענט די הזכרה־ליכט. די כלה האָט געזיפצט. געוויינט האָט די מאַמע. איבער גוואַלד האָט זיך געחכמעט דער אומדערמידלעכער יידישער בדחן. עס האָבן געקרעכצט אין אָרקעסטער די פידלען. די אַקטיאָרן האָבן זיך געזעגנט מיטן טעאַטער, איינער מיטן אַנדערן, מיט זייער איינציקער פּראָפעסיע, צוליב וועלכער עס האָט געלוינט לעבן.
עס איז געגאַנגען די לעצטע פאַרשטעלונג פון דעם מאָסקווער יידישן טעאַטער.
אַ פאַרשטעלונג — אַ געזעגענונג. אַ פאַרשטעלונג — אַ מעמאָריאַל. אַן אָנדענק וועגן מיכאָעלסן, זוסקינען, מאַרקישן, בערגלסאָן, וועגן די פריינט — אַקטיאָרן, וועגן זיך אַליין.
"לאָמיר אויסטרינקען פאַר די, וועלכע זיינען ניטאָ! לאָמיר אויסטרינקען פאַר די פריידן, וואָס וועלן זיין!"
אויף דער בינע האָט מען פאַרשייט געטאַנצט דעם פייערדיקן טאַנץ פריילעכס.
"פאַרלעשט זי ליכט, פאַרבלאָזט דעם טרויער! . . . "
אין זאַל איז געווען פּוסט און אומהיימלעך.
דער פאָרהאַנג האָט זיך פאַרמאַכט לאַנגזאַם.
דאָס מאָל — אויף שטענדיק . . .
"אויף אייביק, אויף אייביק, אויף אייביק . . . "

*   *
*

דערנאָך פלעגן זיי נאָך קומען אין טעאַטער.
פון דרויסן איז נאָך געהאַנגען דער רעפּערטואַר אויפן קומענדיקן חודש, די אויפפירונגען האָבן נאָך אַלץ פאַרקערט די בינע, דער פייערלעשער האָט אַכטונג געגעבן אויף די רויכערער, נאָר די קאַסע האָט שוין ניט פאַרקויפט קיין בילעטן.

די אַקטיאָרן האָבן זיך אַרומגעדרייט איבערן פּאַיע, געזאַמלט זיך אין קליינע רעדלעך. געשעפּטשעט צווישן זיך, ווי אויף אַ לוויה, איבערגעשראָקן געדריקט זיך צו די ווענט. אויף די דאָזיקע ווענט זײַנען אַמאָל געהאַנגען די וואַנט־געמעלן פון שאַגאַלן. אין די צײַטן פון קאַמף מיטן פאָרמאַליזם האָט מען זיי אַראָפּגענומען, צעגויפגעדרייט אין טרייבלעך און אַוועקגעפירט — ווער ווייסט וווהין. ווער האָט זיי נאָך דעם געזען?.

ענדלעך האָט מען זיי געמאָלדן דעם "פריקאַז" וועגן פאַרמאַכן דאָס טעאַטער. "אידעאָלאָגישע פעלערן, פאַרלוירן דעם צושויער, ניט רענטאַבל . . . "

אין טעאַטער זײַנען זיי אַרײַנגעגאַנגען נאָך אַלס צושויער.

די אַקטריסעס האָבן געוויינט אין די ווינקלען.

די קאָסטיומערן האָבן אַ לעצט מאָל, כלומרשט צופעליק, אַ גלעט געטאָן אַן אַרבל, אַ פאַלע פון אַ טעאַטראַלן קאָסטיום.

די גאַרדעראָב־אַרבעטער און אויפרוימערינס האָבן זיך באַראַטן צווישן זיך, ווי אַזוי גייט מען איבער אין אַן אַנדערן, מער מזלדיקן טעאַטער.

די אַקטיאָרן האָבן שוין אָפּגענומען די לעצטע שכירות, געשטאַנען אַ ווײַלע — צום לעצטן מאָל — אויף דער בינע, פאַנאַנדערגעגאַנגען זיך איבער די מאַגאַזינען — אײַנקויפן פאַר די קינדער ביי־יאָר מתנות. קינדער דאַרפן ניט זײַן אומעטיק. קינדער דאַרפן פרייען זיך.

דאָס אַלטע יאָר האָט זיך געהאַט געענדיקט.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס נײַע יאָר — דאָס פינצטערע יאָר פון טויזנט נײַנהונדערט פופציק . . .

און עס האָט זיך צעפלאַמט אין הויף אַ שײַטער.

אַ פלאַם ביז צום הימל אַרויף! . . .

פרעמדע, גלײַכגילטיקע מענטשן האָבן, טופּענדיק מיט די שטיוול, אָפּאַטיש, אָן קיין שום פאַרגעניגן געשליידערט אין פלאַם אַרײַן די טייערע רעליקוויעס: פאָטאָגראַפיעס, אַפישן, ביכער, רעצענזיעס, מאַקעטן. אין דער לופט זײַנען געפלויגן שוואַרצע שטיקער סאַזשע, אַנשטאָט די טראַדיציאָנעלע פעדער פון קישנס. דאָס אַלץ איבעריקע איז געווען, ווי אויף אַ געוויינלעכן פּאָגראָם בעתן אַלטן רעזשים.

אַלץ איז פאַרברענט געוואָרן, פאַרקוילט געוואָרן, פאַרשאָטן געוואָרן מיט אַש אַרויסגעקערט געוואָרן אויפן מיסט. פון אויבן האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ זויבערער שניי, שעמעוודיק צוגעדעקט די אומרײַנע שפּורן.

דאָס מעבל האָט מען אָפּגעפירט אין אַנדערע טעאַטערן, די קאָסטיומען — אין אַ ספּעציעלער פּראָקאָט־אָרגאַניזאַציע, וואָס באַדינט טעאַטראַלע זעלבסטטעטיקייט. און ערגעץ אין אַ סטודענטישן קלוב, האָט שוין עמעצער אין אַ צונויפגעפּאַסטריגעוועטן אויף גיך יידישן לאַפּסערדאַק וויל־יונגעריש געטופּעט מיט די אַבצאַסן אונטער די קלאַנגען פון אַן אוקראַיִנישן האָפּאַק . . .

אַזוי האָט מען פאַרמאַכט דעם מאָסקווער "גאָסעט" — דעם מלוכהשן יידישן טעאַטער.

אָן אַ נעקראָלאָג, אָן טרויער־מוזיק. אָן ערן־וואַך, אָן אַ גוט וואָרט אויף צו לעצט.

און נאָך אים האָבן שטיל, איינציקווײַז, ווי פּײַערלעך אין אַ פינצטערער נאַכט, זיך געלאָשן יידישע טעאַטערן איבערן גאַנצן לאַנד. און געווען זײַנען זיי ביז דעם — ניט איינער און ניט צוויי.

מינסקער יידישער טעאַטער,
קיעווער יידישער טעאַטער,
אָדעסער,
קרימער,
זשיטאָמירער וואַנדער־טעאַטער,
ביראָבידזשאַנער,
באַקוער,
טאַשקענטער . . .

און אין יעדערן — אַקטיאָרן. אין יעדערן — רעזשיסערן. שולן, טראַדיציעס, אייגענע צושויער. היינט וויפל זע־

נען נאָך געוועזן ליבהאָבערישע טעאַטערן!
געוועזן און ניט געוואָרן...

* *
*

אייך דוכט זיך אַז איך וויין? אַ ניין, איך וויין ניט...

אייך דוכט זיך, אַז איך וויין? איך
וויין ניט. כ'וואָלט דאַרפן וויינען,
נאָר אויף הונדערט טיילן וועט זיך
מיין האַרץ צעררייסן איידער איך
וועל וואַגן צו וויינען, לץ מיינער,
איך גיי אַראָפּ פון זינען!"

און די אַקטיאָרן האָבן אָוועקגעבלאָנזשעט אין פאַרשיידענע זייטן.

איינצלנע בלויז האָבן זיך איינגעאָרדנט אין רוסישע טעאַטערן. בלויז איינצלנע.

די איבעריקע האָט מען געזען צו באַשעפטיקן אין טעאַטראַלע אַרבעטצעכן.

אַקטיאָרן מיט אַן אַמפּלוּאַ פון ליבעהעלדן האָבן זיך אויסגעלערנט מאָלן אויף יידענע טיכלעך.

כאַראַקטער־אַקטריסעס האָבן גענומען מאַכן קינסטלעכע בלומען און פעדערן אויף דאַמען־שליאַפּעס.

ווער — ביים קלעפּן קאָנווערטן, ווער — ביים נייען קראַגעלעך — די טרופּע פון יידישן טעאַטער אין איר פולן באַשטאַנד איז אַפּגעקומען איר אומבאַגרעצנעצטע אין צייט שטראָף. ביי טעמפּער גראַשנדיקער אַרבעט איז צעבראָכן געוואָרן דאָס לעבן. מענטשן זענען בלינד געוואָרן, בייגנדיק זיך איבער די אָנצאָליקע קאָנווערטן, זיי האָבן זיך געשטיקט פון די גיפטיקע כעמישע פאַרבן. עס האָבן זיך אויסגעלאָזט די כוחות, עס האָבן זיך אָפּגעטעמפּט די פעיקייטן, די אויסגאַנגלאָזיקייט האָט אַנגעוואָרפן אויף די פּנימער אַ נעץ פון קנייטשן. ניין, דאָס איז געוועזן ניט קיין גרים!

און עמעצער האָט זיך האָפנונגסלאָז געטאָפּטשעט ביי די טויערן פון קינאָ־סטודיעס, אַנגעשפּיצט אַריינגעקוקט אין די פּנימער פון די קינאָ־רעזשיסאָרן, כדי שפּעטער דורכשווינדלען אין עטלעכע קאַדרען פון אַ שטומער "מאַסאָווקע". פאַר אַט אַזאַ טאָג אין קינאָ — גראָשנס. "הוראַ!" — דאָ איז ער איז אַ שערענגע פון רויטאַרמייער. "נידער מיט"... — דאָרט איז ער צווישן מענשעוויקעס "זאָל לעבן!" — דאָס איז ווידער ער!

צייטנווייז פלעגן זיי זיך צענויפקלייבן אינאיינעם, זיי, די געוועזענע אַקטיאָרן פונעם געוועזענעם טעאַטער, און מע פלעגט דערמאָנען די פאַרגאַנגענע צייטן. מע פלעגט רעדן, מע פלעגט זיפצן, מע פלעגט שווייגן, מע פלעגט לאָזן אַ טרער. אייניקע פון זיי פלעגן אַנלייגן וועג כדי אַן איבעריקן מאָל פאַרבייגיין די געביידע פון טעאַטער, אַנדערע פלעגן אַנלייגן וועג כדי ניט אַנקוקן אים אין די אויגן.

און עס איז ערשט פאַרגעשטאַנען דורכצולעבן אַ צייט אַ העסלעכע, אַ גרויליקע: דעם פופציקסטן יאָר, דעם איין — און פופציקסטן, דעם צוויי און פופציקסטן — דעם "אינפאַרקטנעם"... ווען מע האָט אַרעסטירט די "דאָקטוירים — מערדער", ווען מע האָט ניט אויפגעהערט צו שעפּטשען זיך וועגן צוגעגרייטע אין בּיראָבּידזשאַן באַראַקעס, וווהין מע וועט אָוועקפירן אין פראַכטעשעלאָנען, ווען ביינאַכט פלעגט מען מורא האָבן זיך לייגן שלאָפן, ווען מע האָט דורך די טעג פיבערהאַפט געהאַלטן אין איין פאַרניכטן די נאָך ניט פאַרניכטעטע פּאַפּירן.

מע האָט שוין פאַרשיקט קיין סיביר די פרויען און די קינדער פון זוסקינען און מאַרקישן, פעפערן און קוויטקאָ און בערגלסאָן. די איבעריקע, דערווייל נאָך ניט קיין אַרויסגעשיקטע, האָבן געלעבט אין תהו־ובהו. קיינער האָט ניט געוואָלט מיט זיי האָבן צו טאָן, אַט מיט די משפחות פון די פאַרשטויסענע. אין געסט איז מען צו זיי ניט געגאַנגען, די טעלעפאָנען האָבן ביי זיי ניט געקלונגען, באַקאַנטע פלעגן אויף דער גאַס אָפּקערן זיך פון זיי ווי פון

פאַרפּעסטעטע. און אויב צו דער פאַריתומטער משפּחה פלעגט קומען אויף אַ געבורטסטאָג אַ פריינט, איז עס געווען אַן אמתער פריינט.

און אין די צייטונגען האָט די שוואַרצע מאה געקערט וועלטן. די זשורנאַלן האָבן זיך אַזש פאַרכליִנעט פון רציחה. און די ראַדיאָ־טעלערס אויף די ווענט האָבן ווי משוגענע היִנט זיך שיער ניט געביסן...

און ווידער אַמאָל: ווער זיינען זיי, ווער?!

„דאָקטוירים־מערדער... אויסוואורפן פון מענטשלעכן מין... אַ באַנדע שונאים פון פאָלק... אַ מיאוסע כנופיה פון מענטשן־פּרעסער... אָנגעדונגענע מערדער, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אונטער דעם טיטל פון מעדיצין־פּראָפעסאָרן... געמיינע פאַרסמער, וואָס האָבן פאַרקויפט זייער גוף און נשמה דעם צווישנפעלקערלעכן אימפּעריאַליזם...“

וואָס זשע האָבן זיי אָנגעאַרבעט דאָס מאָל, וואָס?!

„אומבאַשרייבלעכע, ווילדע פאַרברעכנס... זיי זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער אַלוועלטלעכער יידישער בורזשואַזנאַציאָנאַליסטישער אָרגאַניזאַציע „דזשוינט“... לאַנגאָניקע אַגענטן פון דעם ענגלישן אויסשפּיר... זיי האָבן געשטעלט זיך פאַר אַ ציל דורך שעדלעכן היילן פאַרקירצן דאָס לעבן פון די אַקטיווע סאָוועטישע טוער... געפּלייסט זיך אונטערצורייסן דאָס געזונט און פּאַראַליזירן... מיט איינפירן אַ שעדלעכן רעזשים און דורך אָנווענדן ניט ריכטיק אַ ריי שטאַרקע רפואות האָבן זיי דערפירט צום טויט... אַלס קרבנות פון דער דאָזיקער באַנדע זיינען געפאַלן די חברים אַ. אַ. זשדאַנאָוו און אַ. ס. שטשערבאַקאָוו...“

און ענדלעך — די אויספירן און באַשלוסן — אויף אַ סך פריִער פאַרן געריכט, נאָך פאַרן אויספאָרשן, אַלס אָנזאָג פון דעם אומפאַרמיידלעכן און אומרחמנותדיקן גזר־דין:

„דער גרימצאָרן און דער עקל פון ערלעכע מענטשן... אַ צעשמעטערנדיקן קלאַפּ!... אונדזער הייליקער חוב... אינטריגעס פון די אונטערצינדער... ליקווידירן די שעדיקערייען... אַ סוף מאַכן צו דער אחריותלאָזיקייט און ווייכלייביקייט... וואַכזאַמקייט נאָכאַמאָל־וואַכזאַמקייט!“

די אַלע ציטאַטן זיינען גענומען בלויז פון איין אַרטיקל אין זשורנאַל „אָגאָניאָק“, (דעם 25 יאַנואַר, 1953 יאָר). און וויפל זיינען געווען אַזעלכע אַרטיקלען — ניט צום איבערציילן! וויפל האָט מען גערעדט אויף די פאַרזאַמלונגען — ניט איבערצורעכענען. היינט וויפל קרומע בליקן בעת דער אַרבעט, וויפל רעפּליקעס אין טראַמווייַ, וויפל סקאַנדאַלן אין די קאָמונאַלע דירות — פּרווו, מאַך אַ חשבון!

און מער איז שוין ניט געווען קיין יידיש וואָרט אויף דער בינע, קיין יידיש ליד דורך ראַדיאָ, קיין יידישער טאַנץ אויף דער עסטראַדע. פּונקט ווי פאַר איין נאַכט וואָלטן נעלם געוואָרן אַלע יידן, ווי זיי וואָלטן אויסגעשטאָרבן, אויסגעפרוירן, דורך אַ כישוף זיך פאַרוואַנדלט אין ניט קיין־יידן.

אַלץ איז פאַרשטומט געוואָרן, זיך פאַרטייעט — ביז צו בעסערע צייטן...

דאָס ליכט האָט זיך אויסגעלאָשן...

מאָסקווע, 1974 יאָר

איבערזעצט פון רוסיש — רחל בוימוואָל

*

אויב כ'וועל פארגעסן...

זיאַמע טעלעסין

ווייגעשריי

די דאַטע

פאַרגעדענקט למן-השם די דאַטע:
ניינצן צוויי און פופציק, צוועלפטער אויגוסט.
און נאָך אַ מאָל: פאַרקריצט אינעם זכרון
ניינצן צוויי און פופציק, צוועלפטער אויגוסט.
ווער עס ווייסט ניט פון דער דאַטע — זאָגט אים.
ווער עס האָט פאַרגעסן זי — דערמאָנט אים.
צווינגט ס'זאָל וויסן דער, וואָס וויל ניט וויסן.
אין די גאַסן שרייט פון אָט דער דאַטע.
אין די בתי-כנסת צו דער דאַטע
זאָל מען תפילות אָפּריכטן בציבור.
ביחידות — וווּ ס'איז נאָר אַ ייִד דאָ —
קדיש זאָגן זאָל ער צו דער דאַטע.
אויפן ים די שיפן צו דער דאַטע,
אויף דער טריקעניש — די באַנען צו דער דאַטע, —
יאָמערלעך זיי זאָלן זיך צעהודיען.
זאָלן וויינער וויינען,
זאָלן זינגער זינגען
אויף די העכסטע קולות אין דער דאַטע.
יונג און אַלט צום כותל זאָלן קומען.
וועלטן זאָלן איינלייגן די יידן —
אַלע זיבן הימלען זאָלן הערן, —
אַז ניינצן צוויי און פופציק, צוועלפטן אויגוסט,
האָבן זיי — די הענקער פונעם קרעמל,
די שרייבער אונדזערע די יידישע צעשאָסן!

דאָרט אין קעלער

לוביאַנקע.
שטייט אַ מויער דאָרט אַ טריבער.
אין האַנט אַ שווערד,
מיט פוסטע אויגן-גריבער
דזשערזשינסקי אַ פארשטיינטער —
קעגנאיבער.
די שווערד ביי אים —
פאַרשאַרפט פון ביידע זייטן,
ווי ביי די קרייצנטרעגער
פון די "שיינע" צייטן.
ווי ס'וואָלטן צייטן
קיינמאָל זיך ניט בייטן...
און אויסמיידן דעם מויער
קענסט ניט ,ליידער,
ווייל אויף דיין וועג
ער שטעלט זיך דיר כסדר.
דו פילסט, ווי יעדער טראָט דיינער
טוט וויי דיר.
אוי, ניט אַזוי דער מויער,
ווי זיין קעלער!
דו שרויפסט זיך איין,
ווילסט ווערן קלענער, שמעלער,
און איילסט אליין זיך אונטער:
שנעלער, שנעלער...

ווייל דאָרט
אַ לעבן האָט די ווערט אַ גראָשן.
ווייל דאָרט אין קעלער
האָט מען זיי צעשאָסן...

לייב קוויטקאָ

ווי גוט איך געדענק יענעם ווינטער,
דעם חודש, דעם טאָג און די נאַכט...

...ס'איז מאָסקווע אין שניי אַ פּאַרשפּינטע,
ס'איז לאַנג דער מעטראָ שוין פאַרמאַכט.

עס נעמט זיך אַ פראָסט. און אַ גוטער.
די גאַס איז לבנהדיק-העל.
ער גייט אין אַ פיינעם פוטער,
און איך — אין אַ פראָסטן שינעל.

אויף אים אַ מין שטריימל פון סויבל,
אויף מיר איז אַ היטל אַ רונדס.
אַ זויבערדיק-זילבערדיק שטויבל
פאַרווייעט די וויעס ביי אונדז.

אין מיין מיליטערישן אַנטאָן
איך גיי אַ ציווילער אַרום.
עס זיינען ניטאָ שוין די פראָנטן,
די מתים זיך קערן ניט אום.

מיר גייען אינצווייען און שווייגן,
מיר האָבן געגנוג שוין גערעדט.
ס'קומט אויס אונדז — מיר דאַרפן פאַרבייגיין
דעם אַלטן אוניווערסיטעט.

אַנטקעגן די וואַנט פונעם קרעמל
צעשטשירעט די שטיינערנע ציין.
מיר קערן זיך נאָך אַ געזעמל
פון דעם ליטעראַטן-פאַראיין.

די קעפ אין די קאָלנערס פאַרגראָבן,
די הענט אין די אַרבל פאַרשטעקט.
אַזוינע פאַרזאַמלונגען האָבן
מיט בלוטיקע מעשים געשמעקט.

מיר גייען. אַ וואָרט זאָל מען זאָגן.
צום גרויסן טעאַטער פאַרקערט.
אין ערגעץ ניט האַסטיק זיך טראָגן
אויף אים די טשוהונענע פערד.

דער שניי האָט פֿאַרהובלט די קאַנטן,
די קרומקייטן אַלע פֿאַרגלעט.
עס קלינגען די מאָסקווער קוראַנטן, —
אַ קלונג און אַ קלונג. ס'איז שוין שפּעט.

מיר האָבן אין געסלעך געפּלאָנטערט.
אַ סך האָט ער זאָגן געוואָלט.
און אויסריידן האָט ער געקאָנט נאָר:
— טעלעסין, סע איז האַר נישט קאַלט?

איך הער, דאַכט זיך, זיינע געדאַנקען.
עס מאַכט די לבנה אים בלאַס.
מיר מוזן פֿאַרבייגיין לוביאַנקע, —
זי ליגט אויפֿן וועג צו זיין גאַס...

פֿון אַלמאַנאַך צו אַלמאַנאַך...

דער זייפֿנבלאָז האָט געפּלאַצט...

מיטוואָך דעם 17טן אַפּריל האָט זיך באַוויזן אויף דער ערשטער זייט פֿון „מעריב" אונטער אַ שרייענדיקן קאָפּ: „ס'קומט מיט אַ וויזיט ווערגעליס..." דאָס איז געווען אַ מין פּראָבירונג־באַל: ווי אַזוי, הייסט עס, וועט רעאַגירן די ישׂראל־געזעלשאַפֿטלעכקייט אויף אַזאַ מין קלאַנג. דער קאָרעספּאָנדענט פֿון „מעריב", יוסף וואַקסמאַן וואָס האָט מיטגעטיילט דעם דאָזיקן „סקאָצל קומט" האָט זיך באַזירט אויף איינעם אַן אייזענשטאַדט, דעם פֿאָרזיצער פֿון „קאָמיטעט פֿאַר דערנעענטערונג מיטן ראַטנפֿאַרבאַנד" אַ מין שוועסטער־געשעפֿטל, פֿון רק"ח. לויט די רייד פֿון אָט דעם אייזענשטאַדט, האָט זיך דאַן דער שעף־רעדאַקטאָר געפֿונען אין אייראָפּע און ער קלערט צו די מאַיי־יום־טובים, מירטשעם. זיך אַריבערכאַפּן צו אונדז און פֿאַר איין וואָך קלייבט ער זיך אַרויסטרעטן אין ירושלים, אין חיפֿה און פֿאַרענדיקן וועט ער מיט אַ פּרעס־קאָנפֿערענץ... באמת — אַ בליץ־וויזיט.

ס'האָט זיך שוין אפֿילו שפּעטער אויסגעפֿונען אַ „ברודער" פֿון אונדזער יידיש־אָפּשטאַמיקן מחבל — איינער עפּעס „זייער אַ פֿרומער ייד" חיים בן חיים פֿון קרית היובל אין ירושלים, וועלכער האָט מיטגעטיילט, אַז דער בראַטאַק זיינער האָט שוין אפֿילו די וויזע אויף די הענט און די טעג גייט ער אים באַגעגענען אויפֿן לודער אַעראָפּאָרט ווייטער, ווייזט זיך אַרויס, אַז ווערגעליס שטאַמט גאָר פֿון... ווילנע און אַז ער, בן חיים שווערט ביי באָרד און פּאות, אַז ווערגעליס איז גאָר נישט דער פֿינצטערער עם הארץ פֿון ליובאַר, און דער ערשטער יורד פֿון ביראָבידזשאַן (ווו ס'געפֿינט זיך עד היום זיין אמתער ברודער, „דער געלער קצב", ווי מען רופֿט אים דאָרט). ער דער שעף־רעדאַקטאָר, ווייזט זיך אַרויס האָט גאָר געלערנט אין אַ ווילנער ישיבה... און אַצינד — אָט, אָט, קומט ער כּדי צו זען „ווי דער יידישער פּראָלעטאַריאַט פֿון ישׂראל פֿייערט די מאַיי־יום־טובים"...

אויף אַזאַ מין בליץ־ידיעה איז אָבער באַלד געקומען אַ בליץ־קאָנפֿערענץ פֿאַר דער פּרעסע, צונויפֿגערופֿן דורך דער אָרגאַניזאַציע פֿון די געוועזענע אַסירי־ציון אין ר"פֿ —

וועמען סע זענען גוט באַקאַנט די סאָוועטישע טורמעס און פאַרניכטונגס־לאַגערן און וועמען ס׳איז אויך גוט באַקאַנט דער מין פּראָוואָקאַטאָר ווערגעליס.

דער פּרעס־קאָנפערענץ־זאַל פון בית אגרון איז איבערפולט געוואָרן מיט עולים פון ס״פ ווי אויך מיט היגע פּרעסע־מענטשן.

אויף אָט דער פּרעסע־קאָנפערענץ איז אַרויסגעטראָטן דער פּאַרזיצער פון דער אַסירי־ציון אָרגאַניזאַציע יחזקאל פּולאַרעוויטש, דער דיכטער יוסף קערלער די פרוי אסתר מאַרקיש, דער פאַרזיצער פון ירושלימער יידישער שרייבער־גרופּע זיאַמע טעלעסין און ד״ר דוד ספּאַרד. סע זענען אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן בריוו פון באַוווסטן העברעישן שרייבער משה שמיר און פון דער אָרגאַניזאַציע פון רוסישע עולים.

די פּרעסע־קאָנפערענץ איז ברייט באַלויכטן געוואָרן אויף די שפּאַלטן פון דער העברעישער, יידישער און רוסישער פּעריאָדיק אין ישראל.

דער אויספיר: אויב אפילו ס׳איז נאָר געווען נישט מער ווי אַ קלאַנג, אַרויסגעלאָזט דורך געוויסע פאַרינטערעסירטע פאַקטאָרן, כדי אויסצוקלאָרן ווי די געזעלשאַפטלעכקייט אונדזערע וועט רעאַגירן אויף אַזאַ קלאַנג איז דער אָפּקלאַנג געווען אַ קלאָרער און דייטלעכער: דער טריפה׳נער פוס פון קגב־פּראָוואָקאַטאָר טאָר נישט באַטרעטן די הייליקע ערד פון מדינת ישראל!

*

דוד בערגעלסאָן און בנימין זוסקין

צווישן די סטודענטן פון דער טעאַטער־שול ביים מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער (1940), נאָכן אַרויסלאָז־ספּעקטאַקל לויט י״ל פּרץ ״ס׳ברענט״.

פייבוש אַראַנעס

פון מיין העפטל זכרונות

1. דב-בער סלוצקי

זומער 1945 יאָר, צום סוף פון דער מלחמה, ווען אונדזער ביראָבידזשאַנער יידישער מלוכה־טעאַטער האָט גאַסטראָלירט אין אַלמאַ־אַטאַ, האָב איך זיך באַקאַנט מיטן אַלטן יידישן שרייבער, דב־בער סלוצקי, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען אין עוואַקואַציע. דב־בער סלוצקי, ווי אויך אַנדערע יידישע שרייבער און קולטור־טוער, האָט זיך געפונען אין אַ טרויעריקן מצב. חוץ אַלע טעגלעכע זאָרגן וועגן זיין אַדאַפּטירטער טאַכטער, וועלכע ער האָט איבערגענומען ביי אַ שטאַרבנדיקער פרוי פון אַ קיעווער יידישן קולטור־טוער וועמען מע האָט אומגעבראַכט נאָך אין 1937 יאָר.

דב־בער סלוצקי האָט געפרעגט ביי מיר אַן עצה, צי וואָלט ער געקאָנט באַקומען אַרבעט אין ביראָבידזשאַן. האָב איך אים געעצהט, אַז יאָ, ס'לוינט זיך פאָרן קיין ביראָביד־זשאַן, ווו ער וועט באַקומען אַ דירה, אַ פּאַסיקע פאַר זיך אַרבעט און אויך זיין טעכטערל וועט זיין צופרידן און וועט קענען פאָרזעצן די לימודים. ער האָט מיך געפאָלגט. מיר האָבן אים באַזאָרגט מיט אַביסל געלט און קליידונג.

ווינטער 1946 יאָר, קומענדיק צוריק פון די גאַסטראָלן אין מיטל־אַזיע, האָבן מיר געפונען דב־בער סלוצקין, וועלכן מען האָט שוין באַזאָרגט מיט אַ דירה און מיט אַרבעט. ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס פאַרוואַלטער מיט דער יידישער אָפּטיילונג פון דעם געגנטלעכן מוזיי. די יידישע אָפּטיילונג איז באַשטאַנען פון פּאָטאָ־בילדער און געאָג־ראַפישע קאַרטעס פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. דב־בער סלוצקי האָט אויך אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלן ווינקל פאַר כלים פון אַלטן יידישן שטייגער און דת.

אין אַ גלאָז־אַלמער זענען געווען אויסגעשטעלט אַ פּאָר בענטש־לייכטער, אַ מענטעלע פון אַ ספר־תורה, אַ פּאָר תפילין און אַנדערע כלים (דב־בער סלוצקי האָט ניט געוווּסט, אַז אין אַ קורצער צייט אַרום וועט מען אים באַשולדיקן, אַז ער האָט פאַרוואַנדלט דעם מוזיי אין אַ „סינאַגאָגע"). ער איז געווען זייער צופרידן סיי מיט זיין אַרבעט און סיי דערמיט, וואָס ער קען רויק דערציען זיין אַדאַפּטירטע טאָכטער און פאַרנעמען זיך מיט זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. זייענדיק אין ביראָבידזשאַן האָט ער פאַרענדיקט זיינעם אַ היסטאָרישן ראָמאַן, וואָס ער האָט אָנגעהויבן שרייבן ערב דער מלחמה אין קיעוו (אגב איז דער דאָזיקער ראָמאַן געווען צווישן די באַשולדיקונג־באַווייזן קעגן אים, ווייל אַט די שאַפונג האָט לויט דער מ.ג.ב. „געטראָגן אַ ציוניסטישן כאַראַקטער").

אין 1949 יאָר, אין פּולן ברען פון דעם פּאָגראָם איבער דער יידישער קולטור און אירע טוער, האָט מען דב־בער סלוצקין, מיט נאָך ביראָבידזשאַנער יידישע שרייבער, אַרעסטירט. איך האָב זיך מיט אים באַגעגנט שוין אין דער כאַבאַראָווסקער תפיסה פון שטרענגן רעזשים, נאָך דעם ווי מען האָט מיך אין אָקטאָבער 1949 י. אַרעסטירט און מען האָט מיך "פאַראייניקט" לויטן באַשולדיקונגס־ענין מיט די ביראָבידזשאַנער שרייבער. (ס' האָט געדאַרפט הייסן, אַז מיר זענען איין "קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע אָרגאַניזאַציע...") דאָרטן האָבן מיר זיך געפונען העכער אַ יאָר אין באַזונדערע קאַמערעס. מיט דב־בער סלוצקין האָבן מיר זיך באַגעגנט צוזאַמען בלויז דריי מאָל. דאָס ערשטע מאָל, ווען מע האָט פאַר אונדזער גרופּע געלייענט דעם באַשולדיקונגס־אַקט. דאָס איז געווען אין פרילינג 1950 יאָר. דאָס צווייטע מאָל, ווען מען האָט אונדז געמאָלדן אונדזער אורטייל, אַז מיר זענען פאַרמשפּעט דורך דער מאָסקווער "טראָיקע" * (אָן שום געריכט) לויט די פּונקטן 10—58 און 11—58, צו צען יאָר תפיסה אין די לאַגערן מיט אַ שטרענגן רעזשים. ווען מען האָט אַלעמען פאַרזאַמלט אין אַ ספּעציעלן תפיסה־קאַבינעט אויף צו לייענען דעם אורטייל אין דער אַנוועזנהייט פון דער תפיסה־נאַטשאַלסטווע, האָט דב־בער סלוצקי אַרויסגעוואָרפן אַ קונץ, פון וועלכן מיר האָבן זיך אַלע צעלאַכט. ווען דער פּראָקוראָר פון דער מ.ג.ב. האָט איבערגעלייענט דעם אורטייל, האָט דער נאַטשאַלניק פון דער תפיסה געפרעגט ביי אונדז, צי האָט עמיצער וואָס צו זאָגן. אַלע האָבן געשוויגן. דעמאָלט האָט דער נאַטשאַלניק אַ ביסל נערוועיש נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט, — ווער פון אייך וויל וואָס פרעגן? אַלע זיינען ווידער געבליבן שטיל־שווייגנדיק. דעמאָלט האָט דער פּראָקוראָר שוין זייער בייז אַ פרעג געטאָן — צי דען האָט קיינער פון אייך ניט קיין שום פּרעטענזיע?.. דאָ האָט דב־בער סלוצקי זיך אויפגעשטעלט און מיט געמאַכטער העפלעכקייט געזאָגט, אַז ער האָט אַ פּערזענלעכע מעלדונג. אַלע נאַטשאַלניקעס האָבן אָפּגעעטעמט פרייער און דער פּראָקוראָר האָט זייער ווייך זיך געווענדעט צו אים: — ביטע, זאָגט אייער מעלדונג. דב־בער סלוצקי האָט צורעכט געמאַכט זיין פּידזשאַק, פאַריכט דעם האַלדזטוך און ביז גאָר איידל געמאָלדן: איך האַלט פאַר נויטיק צו בעטן אַנטשולדיקונג ביי דער ראַטנמאַכט, וועלכע האָט מיך פאַרמשפּט אויף צען יאָר תפיסה. איך בין שוין אַן אַלטער און קראַנקער מאַן און עס קען זיך נאָך טרעפן, אַז איך זאָל ניט קענען אויסזיצן דעם גאַנצן טערמין. דעריבער בעט איך, אַז די ראַטנמאַכט זאָל עס מיר מוחל זיין... דאָס איז געווען אַזוי אומגעריכט, אַז מיר האָבן אַלע אויסגעשאָסן אַ געלעכטער. די פּנימער און די אויגן ביי "נאַטשאַלסטווע" האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט און דער הויפּט־שעף האָט אַ רעווע געטאָן צו די קאָנוואָירן: " אוועקפירן און פאַרשפּאַרן אין די קאַמערעס!"

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען אונדז אַוועקגעשיקט מיטן עטאַפּ קיין אירקוטסק. מיר זענען געפאָרן אין איין וואַגאָן זאַלבעפערט: דב־בער סלוצקי, די דיכטער ישראל עמיאָט, איך און די דיכטערין ליובע וואַסערמאַן. אין אירקוטסק האָט מען אונדז פאַנ־אַנדערגעשיידט. מיך, ישראל עמיאָטן און ליובע וואַסערמאַן האָט מען פאַרשיקט קיין טיישעט־לאַג, און דב־בער סלוצקין האָט מען אַוועקגעשיקט אין דער "אַלעקסאַנדראָווער

* דריילינג — הינטעראויגיקער פּסק־דין אַרויסגעטראָגן דורך דריי אַנאָנימע "ריכטער".

צענטראַל״ — זייער אַ שטרענגע פאַרמאַכטע תפיסה, צוואַנציק קילאָמעטער פון אירקוטסק, וווּהין דער צאַר ניקאָליי פלעגט נאָך פאַרשיקן די גרויסע פּאָליטישע פאַרברעכער. איצט פאַרשיקט מען אַהין אויך פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. זומער 1952 יאָר האָט מען צו אונדז אין לאַגער געבראַכט אַ גרופּע אוקראַיִנישע סטודענטן־בענדעראָווצעס פון ״אַלעקסאַנדראָווער צענטראַל״. פון זיי האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָרט איז מיט אַ צייט צוריק געשטאָרבן אַן אַלטער יידישער שרייבער מיטן נאָמען סלוצקי. אַזוי אַרום איז טאַקע דב־בער סלוצקי ז״ל ניט אויסגעזעסן דעם טערמין.

זאָל אים גרינג זיין די ערד פון סיביר.

2. משה ראַפּאַלסקי

מיט משה ראַפּאַלסקין האָב איך זיך באַקענט ווען ער, אַן אַקטיאָר פון רוסישן טעאַטער, האָט זיך אָפּגערופן אויף דער ווענדונג פון די גרינדער פון דעם ״ערשטן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון יידישע אַרטיסטן און כאָריסטן״, וועלכער האָט גערופן די יידן אַקטיאָרן פון די רוסישע טעאַטערן איבערגיין אויף דער יידישער בינע. געווען איז דאָס זומער 1917 יאָר. איך בין דעמאָלט געווען באַפולמעכטיקט דורך דעם גרינדער פון אויבן דערמאָנטן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, יהודה־לייב בוימוואָל (דער פאָטער פון דער דיכטערין רחל בוימוואָל). מיין באַקאַנשאַפט מיט ראַפּאַלסקין, האָט זיך שפּעטער פאַרוואַנדלט אין אַ גאָר נאָענטער פריינדשאַפט, במשך פון אַ סך יאָרן. ראַפּאַלסקי איז געווען עלטער פון מיר מיט 8 אָדער 10 יאָר.

מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1918, איז אין כאַרקאָוו געשאַפן געוואָרן דער יידישער פאָלקס־טעאַטער ״אונדזער ווינקל״, ווו ראַפּאַלסקי איז געווען צווישן די גרינדער צוזאַמען מיט די דעמאָלט באַוווּסטע אַקטיאָרן און טעאַטער־טוער לייב שריפטזעצער, וואָלף זילבערבערג, נחום סטוטשקאָוו, אַראָן דימאַרסקי, אברהם לעווינסאָן, בראָש מיט יהודה־לייב בוימוואָל.

אין 1920 יאָר האָט דער טעאַטער ״אונדזער ווינקל״, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אין מינסק, אויפגעהערט צו עקזיסטירן, ווייל מייסטנס פון די אַקטיאָרן זענען געווען אָפּשטאַמיקע פון פוילן און ליטע און זיי זענען אַוועקגעפאָרן פון ראַטנפאַרבאַנד.

בלייבנדיק אין מינסק האָט ראַפּאַלסקי געגרינדעט אַ טעאַטער־סטודיע פאַר יוגנט־לעכע, וואָס איז אין 1922 יאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יידישער אָפּטיילונג ביים ווייסרוסלענדישן טעאַטראַלן אינסטיטוט. ער, משה ראַפּאַלסקי, איז געווען דער קינסט־לערישער און אַדמיניסטראַטיווער לייטער. דער אינסטיטוט האָט דעמאָלט זיך געפונען אין מאָסקווע.

פאַר די פיר לערניאָר אין מאָסקווע האָט די יידישע אָפּטיילונג ביים ווייסרוס־לענדישן טעאַטראַלן אינסטיטוט אויפגעפירט אונטער ראַפּאַלסקיס לייטונג פאָלגנדיקע פאָרשטעלונגען: ״אַן אָוונט פון איינאַקטערס״ (״חדר״, ״שיר השירים״, ״די לבנה דער־

ציילט״), אין דער רעזשי פון מ. ראַפּאַלסקי, ״סקאַפּענס שפּיצלעך״ פון מאָליערן; רעזשיסערן: ב. גלאַגאָלין און מ. ראַפּאַלסקי, ״ריסטעקראַטן״ און ״מענטשן״, אינסצע־נירונג פון פּ. אַראַנעס (לויט שלום־עליכעמען), רעזשי מ. ראַפּאַלסקי, ״אַ יום־טוב אין קאַסרילעווקע״ — סצעניִשע קאָמפּאָזיציע לויט די פּורים־ווערק פון שלום־עליכם אין דער אינסצעניזאַציע פון י. דאָברושין, איזי כאַריק און פּ. אַראַנעס, רעזשיסער אַלעקסיי דיקי (דער זעלבער אַלעקסיי דיקי, וועלכער איז געפאָרן אין 1925 קיין תל־אביב אויפפירן אין טעאַטער ״הבימה״ די פאָרשטעלונגען ״האוצר״ און ״כתר דוד״), ״שיילאָק״ פון וו. שעקספּיר, רעזשיסער וולאַדימיר סאַכנאָווסקי (פון מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער) און י.ל. פּרעץ׳עס ״אין פּאָליש אויף דער קייט״ אין דער רעזשי פון מ. ראַפּאַלסקי.

די דאָזיקע אויפפירונג האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפן קריטישן ויכוח צווישן די יידישע קולטור־טוער פון מאָסקווע. דער אינהאַלט פון ״אין פּאָליש אויף דער קייט״ איז אין אַ געוויסער מאָס ענלעך אויף אַנסקיס ״דער דיבוק״, וואָס איז אין יענער צייט געשפּילט געוואָרן אין טעאַטער ״הבימה״, (דאָן נאָך אין מאָסקווע). און אַזוי ווי די פאָרשטעלונג ״הדיבוק״ אין טעאַטער ״הבימה״ איז געווען געשטעלט פון דעם געניאַלן רוסישן רעזשיסער יעווגעני וואַכטאַנגאָוו, האָבן די קריטיקער געטענהט, אַז ראַפּאַלסקי האָט נאָכקאָפּירט וואַכטאַנגאָוון. אגב, וויל איך דאָ אונטערשטרייכן, אַז ראַפּאַלסקי אַליין האָט מיר אין פאַרשידענע שמועסן וויפל מאָל געזאָגט, אַז ער, ראַפּאַלסקי, האַלט זיך פאַר אַ תלמיד פון וואַכטאַנגאָווס טעאַטראַלער שיטה. און מען דאַרף זאָגן, אַז זיין אַ תלמיד פון וואַכטאַנגאָוון איז ניט קיין ביזיון . . . אַזוי אָדער אַנדערש, איז די פאָרשטעלונג ״אין פּאָליש אויף דער קייט״ געווען אַ באַדייטנדיקע קינסטלערישע דערגרייכונג פאַר משה ראַפּאַלסקין און איז פאַרבליבן די בעסטע פאָרשטעלונג אין ראַפּאַלסקיס רעזשיסערישן רעפּערטואַר.

אין הארבסט 1926 יאָר האָט די יידישע אָפּטיילונג ביים ווייסרוסלענדישן טעאַטראַלן אינסטיטוט פאַרענדיקט די לערע אין מאָסקווע און איז אַריבערגעפאָרן קיין מינסק, ווו זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם יידישן מלוכה־טעאַטער אין ווייסרוסלאַנד אונטער דער קינסטלערישער לייטונג פון משה ראַפּאַלסקי.

דעם 26טן אָקטאָבער 1926 יאָר איז פאָרגעקומען די פייערלעכע דערעפענונג פון דעם יידישן מלוכה־טעאַטער אין ווייסרוסלאַנד (מינסק) מיט דער פאָרשטעלונג ״אין פּאָליש אויף דער קייט״. די דערעפענונג פון טעאַטער איז געווען געווידמעט דעם פופציקיאָריקן יובילייַ פון יידישן טעאַטער. די דערעפענונג איז געווען א יומטובדיקע און עס זענען בייגעווען די רעגירונג און די חשובסטע מענטשן פון דער ווייסרוסלענדישער רעפּובליק. מיט אַ דערעפענונגס־רעדע איז אַרויסגעטראָטן משה ראַפּאַלסקי.

משה ראַפּאַלסקי האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַרן וווקס און אויפבלי פון יידישן טעאַטער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער איז געווען ניט נאָר אַ רעזשיסער, נאָר אויך אַ טאַלאַנטירטער אַדמיניסטראַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר. משה ראַפּאַלסקי האָט אַנגאַזשירט פאַר דער אַרבעט אין יידישן טעאַטער אַ באַייטנדיקע צאָל ערשטקלאַסיקע רעזשיסערן פון רוסישן טעאַטער, ווי מיכאַיל טאַרכאַנאָוו, וואַסילי סאַכנאָווסקי און אַלעקסיי דיקי פון מאָסקווער קינסט־לערישן טעאַטער. באָריס גלאַגאָלין, פון קאָרש־טעאַטער די באַוווסטע קינסטלער־דעקאָ־

ראַטאַרן, איסאַק ראַבינאָוויטש, גריגאָרי אַקולאָוו, יששכר־בער ריבאַק; פון בערלין — אלעקסאַנדער טישלער, איסאַק ראַביטשעוו. די באַוווסטע קאָמפּאָזיטאָרן אלעקסאַנדער קריין, לייב פולווער, באָריס פּאַניזאָווסקי און די זייער טאַלאַנטירטע רעזשיסערין־כאָרעאָגראַפין העלענא וואָלף.

משה ראַפאַלסקי איז אַרעסטירט געוואָרן אין 1937 יאָר, צוזאַמען מיט נאָך אַ סך יידישע קולטור־טוער פון ווייסרוסלאַנד און איז אומגעקומען אין איינעם פון די סטאַליניסטישע קאָנצלאַגערן.

כבוד זיין אָנדענק!

3. פּראָפעסאָר יוסף ליבערבערג

צום ערשטן מאָל האָב איך זיך באַקאַנט מיטן פּראָפעסאָר יוסף ליבערבערג דעם 29טן דעצעמבער 1935 יאָר אויף אַ באַגעגעניש מיט דער לענינגראַדער מלוכהשער יידישער וואָקאַלער קאַפּעליע, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט דער לענינגראַדער יידישער קאָמפּאָזיטאָר מיכאל מילנער. אין דעם טאָג איז אויסגעפאַלן דער 49טער געבוירן־טאָג פון מיכאל מילנערן און דער קאָלעקטיוו פון יידישן טעאַטער האָט איינ־געאָרדנט אַ קבלת־פּנים פאַר מילנערן מיט זיין קאַפּעליע (פּערציק זינגער און זינגערינס), וועלכע זיינען געקומען קיין ביראָבידזשאַן מיט קאָנצערטן פון יידישער מוזיק. אויף דער באַגעגעניש האָבן זיך פאַרזאַמלט ביידע קאָלעקטיוון, שרייבער און קולטור־טוער פון ביראָבידזשאַן און אויך די פּאַרטייישע און סאָוועטישע אָנפירונג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט.

די דירעקציע פון יידישע טעאַטער האָט איינגעאָרדנט אַ באַנקעט (על חשבון המלוכה, פאַרשטייט זיך), אויף וועלכן מען האָט דערלאַנגט פון כל טוב. דער ערשטער איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ באַגריסונגס־וואָרט אין אַ פּערפעקטן יידיש דער פּאַרזיצער פון געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט — פּראָפעסאָר יוסף ליבערבערג. אגב, איז ליבערבערג געווען אַ הויכער און שיינער מאַנפּאַרשוין, אַ הדרת פּנים. ער האָט גערעדט זייער שיין און שאַרפזיניק. דער עולם האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון זיינע רייד, וועלכע זענען געווען אַדרעסירט צו די יידישע קולטור־טוער פון ביראָבידזשאַן. ליבערבערג איז געווען אַ גרויסער ענטוזיאַסט און געגלויבט אין דער גוטער צוקונפט פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. געווען איז דאָס אַ יאָר זינט דער אַנטשטייונג פון ביראָבידזשאַן און דער עולם האָט נאָך געגלויבט! . . .

מיר פלעגן זיך באַגעגענען מיט ליבערבערגן זייער אָפט און אינסטיקטיוו געשפּירט אין אים אַ הייסן נאַציאָנאַל־געשטימטן ייד מיט אַ גוט האַרץ און אַ ריינער נשמה. ער האָט זייער אַ סך געטאָן פאַר די אימיגראַנטן, וועלכע זענען געקומען קיין ביראָבידזשאַן פון פאַרשידענע לענדער. געווען אַ פאַל, ווען קיין ביראָבידזשאַן איז אָנגעקומען אַ גרעסערע גרופּע יידישע יוגנט פון ליטע. געקומען זענען זיי ווי טוריסטן. און אַז עס האָבן זיך געענדיקט זייערע וויזעס, האָט מען זיי ניט געוואָלט פאַרלענגערן דעם טערמין. ליבערבערג איז ספּעציעל אַרויסגעפאָרן קיין מאָסקווע און האָט זיך דערשלאָגן, מען זאָל

זיי דערלויבן צו פאַרבלייבן ווי תושבים אין ביראָבידזשאַן. ליבערבערג איז געווען שטאַרק באַליבט ביי דער יידישער באַפעלקערונג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט.

אין 1936 יאָר האָט מען פלוצים ליבערבערגן אַרעסטירט און באַשולדיקט אין טראָצקיזם, בורזשואזן נאַציאָנאַליזם און אויך אין דעם, אַז ער האָט געוואָלט איינלאָדן די יידישע קולטור־טוער פון אוקראַינע און דורך דעם צעשטערן די יידישע סאָוועטישע קולטור אין אוקראַינע...

אין 1937 יאָר האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דער פּראָפעסאָר יוסף ליבערבערג איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די סטאַלינישע תליונים.

פון רעדאַקציע ;

די רעדאַקציע פון ירושלימער אַלמאַנאַך אַנטשולדיקט זיך פאַר אַלע מחברים, וועמענס ווערק, מיר זענען געצוווּנגען געווען צוליב טעכנישע סיבות, אַריבערטראָגן אין קומענדיקן נומער 10 פון אונדזער אויסגאַבע. באַזונדערס אַנטשולדיקן מיר זיך פאַרן באַקאַנטן ליטעראַטור־פאָרשער יצחק קאַהאַן פאַר אַריבערטראָגן דעם המשך פון זיין אַרבעט וועגן דיכטער יעקב פרידמאַן ז״ל. מיר אַנטשולדיקן זיך אויך פאַר אונדזער דיכטער חיים מאַלטינסקי וועמענס אינטערעסאַנטע לאַגער־זכרונות מיר מוזן אויך איבערלאָזן פאַרן קומענדיקן נומער.

ס׳געפינט זיך אין דרוק

״ירושלימער אַלמאַנאַך״-10

גערוידמעט חורבן און גבורה פון מזרח-אייראָפּעישן
יידנטום, גערוידמעט

30 יאָר מדינת-ישראל.

לייענט און פאַרשפּרייט ״ירושלימער אַלמאַנאַך״ —
די שעפערישע טריבונע פון יידישן שרייבער אין ישראל!

אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַן

ענדלעך אין מאָסקווע

(המשך)

נאָך איידער אונדזער צוג בלייבט שטיין אויף דער פּלאַטפאָרם פון "ווייס־רוסישן וואָקזאַל", דערזעען מיר שוין דורכן פענצטערל פון וואַגאָן גוטע מאַרגאָליס[1]. זי הייבט אויף ביידע הענט און שרייט מיט איר מענער־שטימע: "דאָבראָ פּאַזשאַלאָוואַט רעביאַטאַ!" (ברוכים הבאים, חברה!) אין דער לעדערנער קורטקע און אין דער פוטערנער טשאַפּאַיעווסקער פּאַפּאַכע, פון אונטער וועלכער ס'רייסט זיך אַרויס די קוטשמע העלע האָר, זעט מיין גוטעלע איצט אויס נאָך ברייטער און העכער, נאָך מער מאַנצבילשער ווי מיט עטלעכע יאָר צוריק אין אירע וואַרשעווער אייראָפּעישע קליידער.

דאָס האָט דער העפלעכער ריגער דזשענטעלמען איסאַק ראדאק געקלאַפּט צו איר אַ דעפּעשע וועגן מיין אומגעריכטן פאָר איר אַנקום קיין מאָסקווע.

גוטע און ביידע אבא'ס — אירע אַלטע פאַרביסענע פיינט, מיט וועלכע זי האָט זיך אין פּוילן אַרומגעריסן און געזידלט אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, ווי עס פּאַסט פאַר שאַרפע פּאָליטישע קעגנער (זיי — געוועזענע בונדיסטן, זי, אַזוי ווי איך — אַ געוועזענע פּאַראייניקטע), טרעפן זיך איצט ווי די בעסטע גוטע פריינד. אַלע פיר געהערן מיר דאָך שוין צו איין און דער זעלבער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — אַלע וועגן פירן קיין רוים.

זי וויל אַפילו נישט הערן וועגן אָפּלאָזן מיך אין דעם הויז פאַר פּאָליטישע עמיגראַנטן פון קאָמינטערן, ווו ס'וואַרט אויף מיר אַ בעטל און טאַלאָנען אויף עסן. איך בין איר גאַסט — זי האָט "איינע אַליין פאַר זיך אַ 'קאָמנאַטע'" — פאַרזיכערט זי מיט שטאָלץ מיינע שעפן, און... הונגערן וועל איך ביי איר אויך נישט!

1. גוטע מאַרגאָליס איז געווען אַ באַקאַנטע פּערזענלעכקייט אין דער יידישער סאָציאַליסטישער סביבה אין ליטע, פּוילן און אין סאָוועט־רוסלאַנד, אין איר האָבן זיך ווי אין אַ פאָקוס צענויפגעזאַמלט אַלערליי סתירות, וואָס זענען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דער יידאַרבעט: פון סאַמע עקסטרעמסטן הוראַ־באָלשעוויזם ביז די סאַמע טיפסטע נאַציאָנאַלע געפילן פון אַ יידישן פאָלקסמענטש איז זי געווען באַליבט ביי די מאָסקווער יידישע אַקטיאָרן און שרייבער פאַר איר ברייטהאַרציקייט און ליבע צו דער יידישער קולטור און אירע שעפער. זי איז אָפּגעזעסן אין אַ לאַגער 5 יאָר און צוריקגעקומען פון דאָרט אַ פיזיש צעבראָכענע, אָבער מיט ניט ווינציקער סתירות ווי פריער.

„פּאַיעזזשאַי, פּאַיעזזשאַי, בראַטאָק!“[2] — קלאַפּט מיין גוטע גוטברודעריש אין דער ברייט־אַנגעוואַטעוועטער פּלייצע פון מאַסקוועער איזוואָזטשיק. זיי האָבן זיך לאַנג געדונגען וועגן דער גרויס פון פאַרגעלט און טאַקע נאָר וואָס געקומען צו אַ הסכם. „ווידיש, דיעד, דעוושקאַ איז־זאַ גראַניצי פּרייעכאַלאַ! פּוסקאַי ווידיט, קאַק או נאַס סאָוויעטסקיע טרודיאַשטשיעסיאַ נאַ איזוואָשטשיקאַך ראַ־זיעזזשאַיוט“[3] — טענהט אין אים אַריין מיין גוטע.

מיך איבעראַשט די אוממיטלבאַרקייט און גוטברודערישקייט, מיט וועלכער זי, די ליטווישע יידישקע, רעדט אויף „דו“ צו דעם גרייזגראָען רוסישן קאַצאַפּ. ביי אונדז אין וואַרשע וואָלט מען ביי אַזאַ געלעגנהייט שוין אַ מאָל צען העפלעך געזאָגט איינער צום צווייטן: „פּראַשען פּאַנאַ!... פּראַשען פּאַניאַן!...“[4]

כ׳ווייס נישט אויף וואָס פריער צו קוקן... צי אויף די אנגעטאָנענע אין אַלץ־איינע וואַטניקעס מענער און פרויען, ס׳רוב איז טוכענע אושאַנקעס מיט אַראָפּגעלאָזענע אויערן־לאַפּן, כאָטש קיין פראָסט איז דאָ היינט ניטאָ? צי אויף די מגושמדיקע וואַליקעס אויף די פרויען־פיס? צי גאָר אויף זייערע זומערדיקע סיטצענע ספּודניצעס, וואָס קוקן אַרויס פון אונטער די שווערע ווינטערדיקע וואַטניקעס און וואָס שאַפן אַזאַ קאָנטראַסט מיט די צעפּאָרענע וואַליקעס זייערע? אַלץ איבעראַשט מיך דאָ! אַלץ איז דאָ אַזוי בונט און פאַראיינוועגס אַזוי שרעק־לעך גראָ, אַזוי אַפּגעלאָזן, אַזוי מגושמדיק ברייט, גרויס, און דאָך אַזוי אָרעם! אַלץ, וואָס איך זע, איז אַזוי אַנדערש פון דעם וואָס כ׳האָב ווען עס איז געזען אין פוילן און אין דייטשלאַנד.

...דער אַלטער איזוואָזטשיק, גרייטנדיק זיך אַ יאָג צו טאָן זיין פערד, האָט זעט אויס אויפגעכאַפּט מיין אויף טויט דערשראָקענעם בליק, מיט וועלכן איך קוק אויף דעם וואָס קומט פאָר. אין דער זעלבער רגע נישט ווייט פון דעם אַריינ־גאַנג אין דער געביידע פון וואָקזאַל: עטלעכע מענטשן ציווילע און אין מונדירן, זעט אויס מיליציאָנערן, פרווון כאַפּן און צונויפקלייבן אין איין ווינקל פון וואָקזאַל־פּלאַץ אַ צוויי צענדליק קינדער און יוגנטלעכע, אָנגעטאָנענע אין שרעקלעכע טראַנטעס מיט פאַרשמירטע אין סאַזשע פּנימלעך. אָבער יעדעס מאָל רייסט זיך עמיצער פון אַט דער באַוועגלעכער אָפּגעריסענער חברה קונציק אַרויס פון די כאַפּערס הענט, לויפט צו צו די אָנגעקומענע אויסלענדישע פּאַסאַזשירן מיט אויסגעשטרעקטע בלאַטיקע הענטלעך און אַ וויינענדיקן קול: „טיאָטיעַנקאַ!... דיאַדיענקאַ! פּאַדאַי נאַ כלעבאָק!“ „דאַי אָקוראַטשעק!...“ „דאַי זאַקוריט׳!...“[5]

2. פּאָר, ברודערל, פּאָר! (פון רוסיש).
3. רוסיש: זעסט, זיידע, דאָס מיידל איז פון אויסלאַנד געקומען! זאָל זי זען ווי ביי אונדז פאָרן סאָוועטישע אַרבעטסמענטשן אין קאָרעטעס אַרום!...
4. פויליש: ביטע, מיין הער! ביטע מאַדאַם!
5. רוסיש: מומעלע, פעטערל, שענק אַ שטיקעלע ברויט!... שענק אַ שטיקל פּאַפּי־ראָס!... גיב פאררויכערן!...

איך שטיי אַ צוגעשמידטע צום אָרט, אַ מבולבלע, אַ דערשלאָגענע. אין די ערגסטע צייטן פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָב איך אין פּוילן אַזוינס ניט געזען!... און כ'פיל מער אַרויס דעם אַלטנס בייסיקע איראָניע, איידער איך באַנעם זיין ברייטן מאָסקווער גאַוואָר: "אַ, באַרינאַ, סקאַזשי־קאַ, פּאַטשעמו עטאָ או וואָס טאָם — או בורזשויעוו — דעטישקי קאַק מוכי ס גאָלאָדו מרוט?? אַך, אַך, עטי פּראָקליאַטיע קאַפּיטאַליסטי!..." [6]

מיין גוטע האַקט אים שטרענג אָפּ:

— ניע באָלטאַי זריאָ דעד! סאַם זנאַיעש: אַסטאַטקי גראַזשדאַנקי אי גאָלאָדניך ליעט!..." און מיר וואַרפט זי צו אויף יידיש — שוין מיט אַ קרעכץ פון אַ יידישער מאַמען: "יתומימלעך, נעבעך, געלאָפּענע פון די קינדערהיימען, אַ סך יידישע קינדער פאַראַן צווישן זיי..." און אויף רוסיש, דער אַלטער זאָל הערן: "ניטשעוואָ, ווּרעמיענניע טרודנאַסטי... סקאָראָ אי עטו יאַזווו ליקוויר דירויעם..." [8]

זי זאָגט דאָס ווי אַ בעל־הביתטע, וואָס שטייט פעסט אויף איר סאָוועטישער ערד, וועלכע ווייס, אַז ביי איר, אין דער גרויסער ווירטשאַפט, איז נאָך דאָס און יענץ נישט בסדר, אָבער זי פאַלט נישט אַראָפּ ביי זיך, וואָרום זי ווייס שוין גוט, וואָס עס שטייט איר פאָר מאָרגן צו טאָן... דאָס שוואַכט אָפּ אויף אַ רגע דעם פיינלעכן שווערן איינדרוק אונטער וועלכן איך געפין זיך.

אָבער דער אַלטער, וואָס פירט אונדז איבער די מאָסקווער גאַסן, ווו ס'ליגן אויף די טראָטואַרן אָרעמעלייט מיט אויסגעשטרעקטע הענט. — ער טוט זיך זיינס. ער האַלט זיך אין איין אומדרייען אויף צוריק און באַוווּנדערט הויך אויף אַ קול... מיינע "רייכע" פּוילישע מלבושים: "אי, פּאַל'טישקאַ־טאָ נאָ באַרינע! אי, אַ שליאַפּקאַ־טאָ קאַקאַיאָ!..." [9] און איך כאַפּ זיך אַ פאַרשעמטע: מיין ביז גאָר באַשיידענער אָנטאָן זעט דאָך ווירקלעך דאָ איצט אויס ווי בגדי־מלכות!...

אויך גוטע דערזעט פּלוצים מיין "אויסגעפּוצטקייט"... "אסתר'ל, טו אויס דאָס היטעלע דיינס" (פון פאַרנט האָט עס אַן אויסגענייטן פאַרביקן ראַנד), "אהער פּאַסט עס נישט!", און איך, די זינדיקע, כאַפּ עס שנעל אַראָפּ פון קאָפּ. מער האָב איך דאָס היטעלע אויפן קאָפּ נישט געהאַט, לאַנגע יאָרן איז דאָס געלעגן אין טשעמאָדאַן ווי אַ זכר פון דער לייכטזיניקער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

"דו טראָגסט אַ פינגערל?! וויי איז מיר!" — גיט גוטע אַ פּליעסק מיט די

6. רוסיש: פּריצעלע, זאָג נאָר, פאַרוואָס ביי אייך דאָרט, ביי די בורזשויעס שטאַרבן אויס די קינדערלעך, ווי פליגן, פון הונגער?... אַך, אַך די פאַרשאָלטענע קאַפּי־טאַליסטן!...

7. רוסיש: פּלאַפּל ניט, אַלטער, ווייסט דאָך אַליין — איבערבלייבעניש פון בירגערקריג און הונגער־יאָרן!...

8. רוסיש: נשקשה, צייטווייליקע שוועריקייטן... אין גיכן וועלן מיר אויך די דאָזיקע געשוויר ליקווידירן!

9. רוסיש: אַי, און אַ מאַנטעלע טראָגט די פּריצעלע!... און וואָס פאַר אַ היטעלע!!.

הענט — "אַ פּאַרטיי־מיטגליד ? ! אסתר׳ל, ווי ווערט מען עס אַזוי פאַרמיעטשאַנע־וועט ? !"

איך בין פאַרשעמט, פרווו זיך פאַרטיידיקן : "גוטעלע, געדענקסט דען נישט מיין פינגערל נאָך פון וואַרשע ? דאָס איז דאָך די זעלבע מתנה פון מיין יינגסטן ברודערל, אברהם־שלום׳ל, זעסט ווי באַיוו איז דאָס אויסגעשמידטע קליינע הער־צעלע אויף אים ? ווערט איז דאָס גראָשנס, אָבער אַן אָנדענק אַ טייערער".

און דאָך צי איך עס אַראָפּ פון פינגער, טאַקע גלייך דאָ, פאַרנדיק דעם ערשטן מאָל איבער די מאָסקווער גאַסן. כ׳באַהאַלט עס טיף אין בייטעלע, דאָרט וו ס׳רוט דער רויטער פּאַס מייַנער.

אויסטאָן דאָס אויסגעהאַפּטענע קאַפּיטאַליסטישע היטעלע איז מיר אָנגעקומען פיל גרינגער ווי זיך צו שיידן מיטן פינגערל. אין משך פון די אַכט יאָר, זינט איך טראָג עס, איז עס שוין געוואָרן אַ טייל פון מיין אייגענער האַנט, און לאַנג האָט מיר עפּעס אויסגעפּעלט אויף איר. כ׳האָב עס מיט אבא דעם שוואַרצן צוריקגעשיקט צו מיין ברודער איזאַק קיין וואַרשע. ביידע אבא״ס זענען, ווייזט זיך אַרויס, געקומען קיין מאָסקווע אין שייכות מיט דעם 6טן אויסגעברייטערטן פּלענום פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, און וועלן אין גיכן צוריקפאָרן קיין פּוילן. אבא פּלוג האָט אויף מיר אַ פאַרחידושטן קוק געטאָן, נישט געזאָגט קיין וואָרט און אַרויפגעצויגן דעם זינדיקן אַטריבוט פון מעשטשאַנסטווע אויפן אייגע־נעם מיזיניקל.

פאַרגעקומען איז אָט דער פייערלעכער אַקט פון מיין אייגענער פּריוויליקער זעלבסט־איבערדערציונג אין פּאַיע פון רחבותדיקן זאַל אין קרעמל, ווו די סעסיע פון פּלענום איז געווען אין פולן ברען, און איך, שוין אָן דעם מיעשטשאַנסקן היטעלע, אַ גליקלעכע, האָב אַהער באַקומען אַן איינטריטס־קאַרטע אַלס פּאַר־טייישער גאַסט פון פּוילן.

אויפן זעקסטן פּלענום פון קאָמינטערן

1. ביים טויער פון קרעמל

ביים אַרויסגעבן די גאַסט־קאַרטע האָבן מיך די חברים פון דער פּוילישער פאַרשטייערשאַפט אין קאָמינטערן געוואָרנט : אויב דו ווילסט ניט פאַרשפּעטיקן צו דער זיצונג פון פּלענום, זאָלסטו קומען גאַר־גאַר פרי, ווייל די קאָנטראָל ביים אַריינגאַנג דויערט לאַנג. מ׳האָט מיר דאָס ניט באַדאַרפט צוויי מאָל איבערחזרן. כ׳בין כמעט די גאַנצע נאַכט געוועזן וואַך — נישט געטרויט מיין האַרטן שלאָף.

לאַנג און געדולדיק אין פייערלעכער דערהויבנקייט בין איך, צוגלייך מיט אַנדערע אויסלענדישע דעלעגאַטן און געסט, געשטאַנען און געוואַרט ביים טויער פון היסטאָרישן קרעמל־הויף. באַוואַכט דעם טויער פון דרויסן האָבן פיר רויטאַר־

מייער מיט ביקסן אונטער די אָרעמס. אויף יעדער ביקס איז אָנגעטאָן אַ גלאַנציקע שפּיז.

כ׳ווייס שוין פון פריער, מען האָט מיר נאָך אין פּוילן בסוד סודות מיט שטאָלץ איינגערוימט: פון יענער זייט טויער, דאָרט אינעווייניק אין דער קרעמל־קאָמענדאַטור, זיצן די סאַמע געטרייסטע פּאַרטיי־מענטשן אין מיליטערישע מונדירן מיט גרינע אָדער רויטע לאַמפּאַסן אויף די היטלען, און פירן וועגן יעדן, וואָס האָט שוין אַ דערלויבעניש אַריבערצושפּאַנען די שוועל פון קרעמל־טויער, אַ לאַנגע און גרינטלעכע אויספאָרשונג.

איצט זענען זיי זיכער פאַרנומען מיטן חוקר און דורש זיין יעדן פון די, וואָס וואַרטן דאָ, און פון מיין אייגענער פּערזאָן טאָקע אויך. כ׳ווייס — וועגן יעדן דעלעגאַט, וועגן יעדן גאַסט קלינגען זיי אין איין טעלעפאָן, אין אַ צווייטן און אין אַ דריטן. דערנאָך פאַרגלייכט מען דאָרט די דאָקומענטן, וואָס זיי האָבן שוין צוגענומען ביי אונדז, מיט די, וואָס געפינען זיך אין זייער רשות.

איך עס זיך איין מיט די אויגן אין די געשטאַלטן, לעבן וועלכע איך, די פּשוטע צישאַ־לערערקע, שטיי דאָ: ״יעדער פון זיי״ — טראַכט איך מיט יראת הכבוד — ״איז ווייניקסטנס אַ פירער פון אַן אונטערערדישער פּאַרטיי אין עפּעס אַ לאַנד״. און וועגן די, דאָרט אינעווייניק, וועלכע בודקן אַזוי לאַנג און אַזוי אייפערדיק יעדן פון אָט די קאָמוניסטישע פירער, קלער איך מיט ליבשאַפט: ״מאָלאָדצי!״[10], — אָט ווי שטרענג און זאָרגפעליק זיי באַוואַכן די זיכערקייט פון די בעסטע פּערזענלעכקייטן, וועמען דער פּראָלעטאַריאַט פון אַלע עקן וועלט האָט אַהער געשיקט״.

אָבער אומבאַמערקטערהייט גנבעט זיך אַריין אין מיין האַרץ אַ קליין ביסעלע קאַלטע שרעק פאַר דעם גרויסן אומצוטרוי און אָפענעם פּאַראַדאַקס, וועלכן מען וויזט דאָ אַן צערעמאָניעס אַרויס צו יעדן פון די זעלבע גרויסע פּערזענלעכקייטן. און עפּעס שטימט שוין ניט ביי מיר מיין אייגענער חשבון, און כ׳ווער פון דעם אַלעם אַ פּיין ביסל צעטומלט.

און זיי? די אויסדערוויילטע? אייניקע פּרוּוון שוין אַריינקוקן אין אַ צייטונג, אַנדערע קלאַפּן שוין אַ פּוס אַן אַ פּוס — אין דרויסן שטייט דאָך אַ מאָסקווער מאַרצאָווע עסעדיקע קעלט.[11]

10. טייערע יאַטן!
11. אַ טעות האָבן די וואָס מיינען, אַז ערשט מיט צוויי־דריי יאָר שפּעטער האָט זיך געלאָזט פילן די פּריקרע ״וואַכזאַמקייט״, מיט וועלכער ס׳איז געוועזן אַרומגעפּאַנצערט דער קרעמל, דער בנין פון צ. ק. פון דער פּאַרטיי און פון די איבעריקע הויכע סאָוועטישע און פּאַרטיייִשע אינסטאַנצן. שוין אָנהייב 1926 איז זי, די קלאַסישע ״סאָוועטישע וואַכזאַמקייט״, גוט געלעגן אין די ביינער פון די אַלע, וואָס האָבן באַדאַרפט אַריינקומען אין זייערע געביידעס. אמת, שפּעטער, אין די יאָרן פון דער אַלגעמיינער קאָלעקטיוויזאַציע און איבערהויפּט זינט דעם אַטענטאַט פון ניקאָלאַיעוון אויף קיראָוון אין דעצעמבער 1934, האָט די אַמאָליקע ״וואַכזאַמקייט״ פון 1926 שוין אויסגעזען אין מיינע אויגן און אין די אויגן פון יעדן סאָוועטישן בירגער ווי אַ קינדערשפּיל... אויפן סמך פון סטאַלינס לערע, אַז דאָס גאַנצע לאַנד איז אָנגע־

2. ווער איז ווער?

אודאי וואָלט איך געוואָלט אויפמערקזאַם זיך צוהערן צו די רייד פון די, וואָס שטייען אויף דער טריבונע פון היסטאָרישן פלענום, אָבער מיר איז אוממעגלעך זיך צו קאָנצענטרירן. מיך אינטערעסירט נישט אַזוי וואָס מען רעדט, נאָר ווער עס רעדט. צו שטאַרק איבערגענומען בין איך מיט דעם פאַקט אַליין, וואָס איך, די נייגעבאַקענע סאָוועטשע בירגערין, געפין זיך דאָ אינעם דעם קדש־קדשים פון דער וועלט־רעוואָלוציע, צווישן די סאַמע אויסדערוויילטסטע, ווען ס׳איז באַשערט ביי זיך אין לאַנד גאָר גיך אומצוּוואַרפן די זיילן פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. און דערפאַר בין איך ניט אומשטאַנד זיך אָפּצורייסן פון זייערע פּנימער. איך זוך און געפין, פאַרשטייט זיך, אין זיי דערהויבנקייט, גייסטיקע קראַפט און אַלץ, וואָס מיר ווילט זיך...

זיי פאַרברענגען מערער אין פאַיע און אין די קולואַרן, ווי אין דעם זיצונגס־זאַל. דערפאַר זיך איך אויך דאָרט ווייניק. כ׳וויל איינזאַפּן אין זיך די אַטמאָספער און פאַרגעדענקען יעדן פון זיי באַזונדער. יעדעס מאָל גיב איך אַ צי ביים אַרבל עמיצן אַן אַנדערן פון די פּוילישע געסט און דעלעגאַטן (זיי שטייען דאָ און לעצעווען אַ ביסל אויף פּויליש, נאָר מער אויף פּראָסט מאַמע־לשון): "ווער איז אָט דער מיטן אויסזען פון אַ מולאַט?", "פון וואַנען קומט יענער מיט אויגן ווי איילבירטן?..." — פאַרשיט איך זיי מיט פראַגעס.

דער אַלץ־וויסנדיקער פּיניע בוקסהאָרן (יוליאַן יולסקי), איצט שוין אַ תושב פון מאָסקווע און אַ היימישער מענטש אין אַפּאַראַט פון קאָמינטערן, פאַרשטייט, זעט אויס, צומבעסטן מיין צושטאַנד און ער טיילט מיר גערן צו אינפאָרמאַציעס[12]. די עטלעכע ברוין און שוואַרצהויטיקע דעלעגאַטן פאַסצינירן צום שטאַרקסטן מיין

פיקעוועט מיט אויסלענדישע שפּיאָנען און אייגענע שונאים, האָט די "וואַכזאַמקייט" ביים אַריינגיין נישט בלויז אין העכערע אָדער מיטעלע אַנשטאַלטן, נאָר אויך אין פאַבריקן און קאָנטאָרן, אָנגענומען אומדערטרעגלעכע און גלייכצייטיק קאָמישע פאָרמען. אַ חוץ דעם איז פאַר יעדן בירגער, וואָס האָט באַדאַרפט אַדורכגיין לעבן דער געביידע פון אַ וויכטיקן אַנשטאַלט, געוואָרן אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז ס׳איז גלייכער ער זאָל אַריבערגיין אויף דעם אַנטקעגנדיקן טראָטואַר. דאָס פאָלק האָט געשאַפן וועגן דער אָ וואַכזאַמקייט שאַרפזיניקע אַנעקדאָטן, פאַר וועלכע אַ סך בירגער זענען געמשפּעט געוואָרן, כאָטש מ׳האָט זיך געטיילט מיט די וויצן שטילערהייט, נאָר צווישן אייגענע. שוין אין די צוואַנציקער יאָרן האָט מען אין ראַטנפאַרבאַנד אָנגעהויבן צו באַנעמען, אַז ביי אונדז האָבן אויך ווענט אָנגעשפּיצטע אויערן.

12. וועגן יוליאַן יולסקי — דעם יידישן פּאָעט, זשורנאַליסט און קאָמוניסטישן טוער, האָב איך דערציילט גענויער אין מיין ערשטן בוך "אויף וועגן און אומוועגן", אין די פּרקים "ראַזיקע וואַלן" און "אין אַ פרעמדער נעסט", ווי אויך אין מיין אַרבעט אונטערן נאָמען "יוליאַן יולסקי", וואָס איז פאַרעפנטלעכט אין דער צייטשריפט "ביי זיך" נומ׳ 5, תל־אביב 1975. ער איז אומגעבראַכט געוואָרן אין שרעקלעכע אומשטענדן אין דעם לאַגער סאָלאָווקי אויפן ווייטן צפון.

נייגער — אַזאַ עקזאָטיק זע איך צום ערשטן מאָל אין לעבן — אין פּוילן האָב איך קיין מאָל קיין נעגער נישט באַגעגנט. יולסקי ווייס וועגן יעדן פון זיי וואָס צו דערציילן. אָט דער? ער איז דער פאָרשטייער פון דער אַפריקאַנער קאָלאָניע (כ׳געדענק שוין ניט פון וועלכער). דער? ער האָט געמוזט וואָכנלאַנג רייטן אויף אייזלען און קעמלען, שווימען אויפן וואַסער און פאָרן אויף דער יבשה, כדי זיך צו דערקלייבן אויפן שטרענג געהיימסטן אופן אַהער, אין דער רויטער הויפּטשטאָט. דער פּריילעכער יוליאַן גיט אים אַ רוף צו און אָט בין איך שוין מיט אים באַקאַנט דורך אַ "זדראַווסטוווי, טאָוואַרישטש!"[13], וועלכן ער זאָגט אַרויס שרעקלעך קאָמיש. אין גיכן וועט אָט דער העלד, אפשר מיט נאָך גרעסערע מסירות־נפש, זאָגט צו מיר יוליאַן, זיך צוריקקערן אַהיים און דאָרט אויפהייבן דעם קאַמף פאָרן אַראָפּוואַרפן דעם אימפּעריאַליסטישן יאָך פון זיינע אַפריקאַנער פעלקער. איך שלינג יעדעס וואָרט זיינס און גלייכצייטיק הער איך ווי מיינע פריינד לעצעווען... אויף יידיש מיט די דעלעגאַטן געקומענע פון אַלע עקן וועלט — פון צפון און דרום, פון מערב און מזרח. איינער שטייגט איבער דעם צווייטן אין שיטן בייסיקע יידישע אַנעקדאָטן, מערסטנטייל אַזעלכע, וואָס טרעפן גראָד אין פּינטל פון די אייגענע קאָמוניסטישע פאַרטייען אין די לענדער, וועלכע זיי רעפּרעזענטירן דאָ אין מאָסקווע.

ווען איך זאָג, אַז איך בין איבערראַשט פון דער גרויסער צאָל עמך צווישן די דעלעגאַטן, ענטפערט מען מיר מיט פראַגעס: "און אָט דער, ווער, מיינסטו איז ער? — אַ ייד!". "און דער פון איטאַליע? — אויך אַ ייד!". אַ סך אַנעקדאָטן וועגן דעם פאַריידישטן באַשטאַנד פון קאָמינטערן זענען מיר באַקאַנט נאָך פון פּוילן, היינט אָבער איבערצייג איך זיך באַשיימפּערלעך, אַז זיי זענען ניט אויסגעזויגן פון פינגער. די קאָמפּאַרטיי פון מיין געבוירן־לאַנד פּוילן מיט איר פאַריידישטן באַשטאַנד איז ניט קיין אויסנאַם. אירע שוועסטער־פאַרטייען כמעט אין אַלע לענדער פון דער וועלט האָבן דעם זעלבן מזל — יידישע ענטוזיאַסטן פאַרפילן זייערע רייען, יידן זענען אויך דאָרטן די פאַקטישע פירער זייערע. די אַנוועזנדיקע דאָ אויפן פלענום זענען דער בעסטער באַווייז דערפון.

3. די עטיק פון מיין פאַרטיי

און רות פישער, וואָס זיצט דאָרט אין זאַל ווי אַן אַפּגעשמיסענע? די פאַקטישע פירערין פון דער דייטשישער קאָמוניסטישער פאַרטיי, קעגן וועלכער ס'איז געוווענדעט דער גאַנצער פייער פון היינטיקן פלענום? ווער איז זי, מיינסטו? — אַ פשוטע יידישע יידענע. דאָס גראָד ווייס איך שוין פון לאַנג, נאָך פון פּוילן. צו אָט דער רות פישער האָב איך גרויס אינטערעס נאָך פון אַ מאָל.

אַ טאָכטער פון אַ בירגערלעכער יידישער משפחה אין דער דייטשישער קונסט־

13. רוסיש: זיי באַגריסט, חבר!

שטאָט דרעזדען, איז זי, מיט איר אויסזען פון אַ געוויינלעכער יידישער שטוב־בעל־הבית׳טע, שוין עטלעכע יאָר די הערשערין איבער די פּאָליטישע געמיטער פון די דייטשישע קאָמוניסטן און פון אַ גרויסן טייל לינק געשטימטע דייטשישע אַרבעטער.

אַ חוץ דעם, וואָס מיין אינטערעס צו פּרויען אָנפירערינס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איז שטענדיק געווען גרויס (מן הסתם דערפאַר, וואָס אַזעלכע טרעפן זיך זעלטענער ווי מאַנצבילן), איז פאַר מיר דער נאָמען רות פישער פאַרבונדן מיטן גורל פון מיינע באַקאַנטע, וואָס ווײַנען שוין אַ שטיקל צייט אין דייטשלאַנד. נאָך אין פּוילן האָב איך געוווּסט, אַז נישט געקוקט אויף איר גרויסער פּאַרנומענקייט מיט די אינערלעכע פּאַרטייישע רייסערייען אין דער דייטשישער קאָמפּאַרטיי, געפינט זי צייט מקרב צו זיין (וואָס אַן אמת, נישט שטענדיק מיט גענוג איידלקייט און טאַקט) פיל יידישע מיידלעך, געלאָפענע קיין בערלין פון דער פּוילישער און ליטווישער אַכראַנקע. זי שאַפט פאַר זיי אַרבעט און אַ פּאַסיקע סביבה.

איצט שפּאַנט רות פישער אַרום איינע אַליין אין פאַיע פון פּלענום אַן אויפגערעגטע, אַן איינזאַמע, פון אַלעמען אַ פאַרלאָזטע. ווי אַ האַלב־אָפּטריניקע פון דער גענעראַלער ליניע פון קאָמינטערן, איז זי, נאָך גרויסע קאַמפן, פּאַרט צוגעלאָזן געוואָרן צו דעם פּלענום, אָבער שוין אָן שטים־רעכט: סיי זי, סיי איר גרופּע אָנהענגער האָבן בלויז באַראַטונגס־רעכט.

אָבער כ׳זע דאָך: פּאַקטיש ווערט זי אַ באַשפּיגענע כמעט צום וואָרט ניט צוגעלאָזן. איר, דער יידישער טאָכטער פון דרעזדען, דער פּאַקסישער אידעישער פירערין פון דער דייטשישער קאָמפּאַרטיי, וואַרפט מען דאָ פאָר אירן "קלייניקייט": זי און מאַסלאָוו (אויך אַ ייד), מיט וועלכן רות פישער קאָאָפּערירט אין איר פּאָליטישער שטעלונג, האָבן מיט זייער אומגלויבן אין דעם, אַז די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד קלאַפּט שוין אין טיר, געבראַכט דערצו, אַז די קאָמוניסטישע באַוועגונג אין דייטשלאַנד האָט אין אַ גרויסער מאָס פאַרלאָרן איר ווירקונג אויף די אַרבעטער־מאַסן, און וואָס ס׳איז נאָך טויזנט מאָל ערגער — זיי ביידע זענען דאָס די שולדיקע אין דעם, וואָס די צאָל מיטגלידער פון דער דייטשישער קאָמפּאַרטיי איז צו יענער צייט באַדייטנדיק פאַרקלענערט געוואָרן.

די אַלע, וואָס זידלען היינט פון דער טריבונע אָט די רות פישער ווי "די פאַררעטערין פון אַרבעטער־קלאַס", ווי "די אָפענע דינסטמויד פון דייטשישן קליינבירגערטום" — האָבן נאָך ביז גאָר נישט לאַנג — איך ווייס עס נאָך פון פּוילן — געקוקט איר אין די אויגן אַריין ווי אַ פרומער ייד קוקט אויף זיין רבי׳ן.

איך הער זיך צו און שטוין. ביז יענעם טאָג בין איך געוווינט געווען צו דעם, אַז אונדזערע פירער אין פּוילן פלעגן וואַרפן שמוץ אויף דעם אַדרעס פון אָפענע שונאים פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

מיך האָט שרעקלעך שאַקירט די בלאָטע, וועלכע מ׳האָט דאָ עמערווייז געגאָסן אויף די קעפּ פון די אייגענע פּאַרטיי־חברים, אויף נעכטיקע פירער פון גאַנצע לאַנד־פּאַרטייען, אויב זיי האָבן נאָר די עזה צו האָבן אַן אַנדער מיינונג ווי די מאָסקווער אָנפירער (מעג עס זיין אפילו אין אומבאַדייטנדיקע פּרטים).

ערשט אין עטלעכע יאָר אַרום האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַן אָרגאַנישער טייל פון דער קאָמוניסטישער עטיק: די גענעראַלע פּאַרטיי־ליניע מוז אָפּגעהיטן ווערן פאַר יעדן פּרייז. און יעדער, ווער ס׳בויגט זיך אָפּ פון אַט דער גענעראַל־ליניע, מוז ווערן פאַרניכטעט נישט בלויז מיט ווערטער און נישט בלויז דורך דיסקוסיעס, נאָר בפועל ממש מיט פייער און שווערד.

שוין אין 1929 בין איך געווען אַן עדות פון דעם, ווי די פּאַרטיי האָט, אין איינקלאַנג מיט דער עטיק אירער, אָן רחמנות פאַרניכטעט מיינע באַקאַנטע — פּשוטע יידישע אַרבעטער פון דער קיעווער ניי־פאַבריק און פון דער שוך־פאַבריק „פּאַסאַדקע“, ווייל זיי האָבן זיך אין זייערע אַרויסטרעטונגען אויף אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט, וואָס האָט געקענט אויסגעטייטש ווערן ווי סימפּאַטיע צו לעוו טראָצקי, נאָך דעם ווי מען האָט אים אַרויסגעשיקט פון לאַנד. קיינער פון די צוגענומענע האָט זיך מער אַ היים נישט אומגעקערט.

און אין עטלעכע יאָר אַרום זענען, אין איינקלאַנג מיט דער זעלבער עטיק פון מיין פּאַרטיי, נעלם געוואָרן עטלעכע מיינע פריינד, וועלכע האָבן, צוריקקומענדיק פון זייערע קאָמאַנדירונגען אין דאָרף, ווו זיי האָבן דורכגעפירט די אַלגעמיינע קאָלעקטיוויזאַציע, געפּרוּווט אין רייקאָם פון פּאַרטיי (ווו מען האָט אויסגעהערט זייער באַריכט), אויסדריקן ספקות אין דער ריכטיקייט פון דער גרויזאַמער צוואַנגס־קאָלעקטיוויזאַציע, וועלכע האָט געקאָסט מיליאָנען לעבנס פון די זעלבע פּויערים, וואָס האָבן געקענט זיין די באַשפּייזער פון הונגעריקן סאָוועטישן פאָלק. ווי „רעכטע אָפּנויגלער“ און „קולאַקישע מיטהעלפער“ זענען זיי, די סקעפּטיקער, „איזאָלירט“ געוואָרן אין די ווייט־צפונדיקע לאַגערן.

כ׳האָב באַדאַרפט „רייכער ווערן“ מיט ביטערער דערפאַרונג אין משך פון יאָרן — איין יאָר גרויזאַמער פון צווייטן — כדי איך זאָל זיין מסוגל צו דערגיין צום ריכטיקן טייטש פון דער עטיק, לויט וועלכער מיין פּאַרטיי פירט אָן ניט בלויז מיט מיין נייער היים, נייערט אויך מיט די אונטערטעניקע אויסלענדישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען.

אָבער דעמאָלט, אין פרילינג 1926? דעמאָלט בין איך נאָך געווען גאָר אַ גרינע. האָב איך אין מיין גרויסער פּאָליטישער נאַיווקייט געקוקט אויף רות פישער בלויז ווי אויף אַ קרבן פון גראָבקייט און אומדערצויגנקייט מצד די, וואָס טרעטן אַרויס קעגן איר. זי ווערט אין מיינע אויגן פאַרוואַנדלט פון אַ פּירערין אין אַן איינזאַמער באַליידיקטער פרוי. חלש איך ממש צוצוגיין צו אַט דער אין חרם אַריינגעלייגטער פירערין, וועלכע מ׳העדט נישט אויף דאָרט אין זאָל צו פאַרוואַרפן מיט שטיינער. „כ׳וועל איבעררייסן איר נערוועזן שפּאַנען און, אגב, אָפּגעבן אַ גרוס פון די מייד־לעך, וועלכע האָבן מיר דערציילט אַזוי פיל וועגן איר...“ — גיב איך זיך אַ ריס צו איר. אָבער מיינע פריינד האַלטן מיך אָפּ אויפן סאַמע אַנטשלאָסנסטן אופן: „קריך נישט מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט אַריין!...“

און ווירקלעך, אפילו די, וועלכע האָבן נאָך גאָר נישט לאַנג צוריק געהאַלטן פאַר אַ כבוד מיט איר צו ריידן, באַמערקן זי כלומרשט אין גאַנצן נישט, זיי קוקן

אפילו נישט אין איר זייט... און זי שפּאַנט ווייטער פון איין עק פּאַיע ביז צום אַנדערן אַן איינזאַמע אַ פאַרלאָזטע...

און איך — די גרינע? איך וואַקל זיך, אָבער נאָר אַ קליינע ווײַלע, איך נעם אויף די לערע פון מײַנע דערפאַרענע חברים. אויך איך "קריך ניט מיט מײַן געזונטן קאָפּ אין קראַנקן בעט אַרײַן", כאָטש עפּעס אַ קליין ווערעמל הייבט אָן צו טאָטשען מײַן "פּאַרטייִשן געוויסן". צום ערשטן מאָל אין לעבן האָב איך דאָ, אין פּאַיע פון קרעמל־זאַל אין יאָר 1926, גיכער דערפילט ווי באַנומען מיטן שכל די טראַגישע איינזאַמקייט, אויף וועלכער די פּאַרטיי־אַנפירונג פאַראורטיילט אירן אַ מיטגליד, וואָס האָט דעם מוט אין דער הויך צו טראַכטן אַנדערש ווי זי — די פּאַרטיי — הייסט...

אָבער דעמאָלט בין איך נאָך ניט געווען בכוח זיך צו דערטראַכטן צו דעם, וואָס פאַר אַ שרעקלעכער אומגליק די דאָזיקע קינסטלעכע פוסטקייט, וואָס ווערט אַרום אים געשאַפן, איז פאַר אַ מענטשן, וועלכער האָט זײַן גאַנץ לעבן פאַרבראַכט אין ברויזנדיקער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. און כ'האָב בשום אופן זיך נאָך נישט דערטראַכט, וואָס פאַר אַ דעמאָראַליזירנדיקע ווירקונג דאָס אַלץ האָט אויף יעדן פּאַרטיי־מיטגליד באַזונדער און אויף דער פּאַרטיי אין גאַנצן גענומען. דעמאָלט האָט גערעדט אין מיר גיכער דאָס האַרץ, ווי דער לאָגישער שכל. ס'האָט געמוזט נעמען אַ סך צײַט, כדי איך זאָל קומען צום דאָזיקן טרויעריקן אויספיר.

✶

טראָץ אַלעם בין איך אַרויס פון פּלענום אין אַ געהויבענער, יום־טובדיקער שטימונג. דאָס אַלגעמיינע, דאָס "גרויסע" האָט פאַרווישט אַלע פריקרע "קליינ־קייטן". כ'האָב געהאַלטן פאַר מײַן פערזענלעכן גרויסן מזל דעם פאַקט, וואָס כ'זיץ דאָ "כמעט אויף איין באַנק" מיט די פירער פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון גאָר דער וועלט, וואָס איך אָטעם מיט דער זעלבער קרעמל־לופט, וואָס זיי.

דאָ אויפן פּלענום האָב איך זיך צום ערשטן מאָל נאָענט צוגעקוקט צו דער פּשוטער און גלייכצייטיק אַריסטאָקראַטישער באַנעמונג פון בוכאַרינען מיטן אויס־זען פון אַ טיפּישן גרויסרוסישן אינטעליגענט. אַביסל שפּעטער האָב איך צוזאַמען מיט הונדערטער מאָסקווער פּאַרטייער זיך צוגעהערט צו זײַנעם אַ ציקל פאַרטראָגן. אין זאַל האָט יעדעס מאָל געהערשט אַזאַ טויטע שטילקייט, ווי עס פּלעגט זײַן בלויז אויף די סאַמע אינטערעסאַנטסטע לעקציעס פון מײַנע וואַרשעווער פּראָפעסאָרן. נישט מער, וואָס דאָרטן אין דער היכשול זענען געזעסן יונגוואַרג און דאָ האָבן געשלונגען בוכאַרינס יעדן וואָרט אויסגעפּרוּווטע באָלשעוויסטישע קעמפער, מענטשן פון פאַרשידענעם עלטער, אַ סך באַיאָרנטע, און צוריקגעקומענע פון דער צאַרישער פאַרשיקונג. פאַר אַזאַ נפשה, ווי איך, איז באמת געווען פון וואָס נתפּעל צו ווערן.

אויף דער לעצטער באַנק אין אַ ווינקל פון זיצונגס־זאַל האָב איך געזען זיצן דעם דעמאָלדיקן פירער פון דער יאַפּאַנישער קאָמפּאַרטיי — דעם קליינוווקסיקן

קאַטאַיאַמאַ מיט עפּעס אַ נעגער, זעט אויס, אַ קאָמוניסטישן פירער אין די אַפריקאַנישע לענדער. דער נעגער קוקט אויס קעגן קאַטאַיאַמאַן ווי אַ ריז און אויך דאָס זעט דעמאָלט אויס אין מיינע אויגן ווי אַ פּאָליטישער סימבאָל...

כ׳האָב אויך צום ערשטן מאָל דאָ געזען דעם, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער לעצטער סעקרעטאַר פון קאָמינטערן — דעם בולגאַר דימיטראָוו. שוין דעמאָלט האָבן מיר געקוקט אויף אים ווי אויף אַ העלד — ער איז געווען דער אָנפירער פון דעם מיט עטלעכע יאָר צוריק דערשטיקטן אַנטי-פאַשיסטישן אויפשטאַנד אין בולגאַריע. שפּעטער אין 1933, האָט ער זיך קונה שם געווען אַלס העלד פון דעם לייפּציקער פּראָצעס, וועלכן די נאַציס האָבן אַזוי לעפּיש צונויפגעסטריגעוועט נאָך זייער אינסצעניזאַציע פון דער שׂריפה אין דייטשישן רייכסטאַג.

פאַרטיפט אין אַ שמועס האָבן שפּאַצירט אין פאָיע קאַשען — דער דעמאָלטיקער פירער פון דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי מיט גאָלאַכערן — דעם, וואָס האָט דאָ פאַרטראָטן די ענגלישע קאָמפּאַרטיי.

מיט ברייט צעעפנטע אויגן האָב איך, זיצנדיק אויפן פּלענום פון קאָמינטערן, באַוווּנדערט די געשטאַלט פון דעם ערשטן גענעראַל-סעקרעטאַר פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל — דעם ייִדן גריגאָרי זינאָוויעוו (וועמען די אייגענע פּאַרטיי האָט מיט דעם צובאָמקען פון דעם זעלבן קאָמינטערן, מיט איין צענדליק יאָר שפּעטער פיזיש פאַרניכטעט, גראָד אַזוי ווי זי האָט עס געטאָן אַ ביסל שפּעטער מיט בוכאַרינען און כמעט אַלע אַנדערע). זינאָוויעווס שטאָלצער קאָפּ באַצירט מיט דער גרויסער גריווע האָר, האָט זיך דעמאָלט ביי מיר אַסאָציאירט מיטן קאָפּ פון אַ מעכטיקן לייב, און יעדעס וואָרט זיינס, האָט זיך מיר געדאַכט, שפּריצט מיט פונקען פייער.

מען האָט גאָר נישט באַדאַרפט זיין אַזאַ גרינע, אַז דאָס אַלץ זאָל מאַכן אויף מיר אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק. כ׳האָב געזען אויפן פּלענום אַ סך אַזעלכע ווי איך — פאַרבלענדעטע דורך הויכע פראַזן און גליקלעכע פון דעם באַוווּסטזיין, אַז זיי זענען עדות פון "גאָר-גאָר אַ גרויסער פּאָליטישער געשעעניש", וואָס איז בכוח צו ענדערן דעם לעבנסגאַנג אויפן גאַנצן ערדקיילעך". דאָס איז גאָרניט שווער געווען אָראָפּצולייענען פון זייערע צעשטראַלטע פּנימער.

נייע ביכער

מאיר יעלין — דער פּרייז פון יענעם ברויט. — (דערציילונגען) אַרויסגעגעבן דורכן קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור אין ישראל. פאַרלאַג י״ל פּרץ תל-אביב 1977. 268 זייטן.

משה יונגמאַן — אין לאַנד פון אליהו הנביא — אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון אליעזר פּינעס-פאָנד. די זאַמלונג אַנטהאַלט 5 לידער-ציקלען, פאַרלאַג "ישׂראל-בוך" תל-אביב תשל״ז — 1977. 149 ז.

דוד ספּאַרד

דאָס האָבן זיי דערמאָרדעט זיך אַליין...

באַנאַנד

אין אייער שטורעמדיק געזאַנג
פון די ברויזנדיקע טעג
כ׳האָב דערהערט די טריט
פון אונדזער גאַנג
אויף דעם לאַנגן ליידנדיקן וועג,
וואָס גייט אדורך אַ יעדער ייד — —

די זעלבע אומעטיקע שיין
פון אונדזער אַלעמענס געזאַנג
האָט אויך באַלויכטן אייער וואָרט — —
די שיין פון אונטערגאַנג
אויף יעדן אָרט
און פון פאַרלענד
אין יעדער צייט,
נאָר אויך פון אייביקייט.

זיי האָבן אייך דערפאַר אין פייערן געברענט,
מיט שרעק און טויט געפּרוווט,
געטריבן אויפן וועג,
ווו אומגעגאַנגען זענען טעג
שכורע פון בלוט,
נאָר נישט געבראָכן אייער מוט.
זיי האָבן בלויז דערמאָרדעט אייער גוף,
די נשמות אייערע געבליבן זענען פריי
און דעם פאָלק אויף אַלע אייביקייטן טריי.

איז פון איצט שוין אונדז באַשערט
אומעטום צו גיין באַנאַנד — —
אויף פרעמדער ערד,
אין אייגן לאַנד — —
און ווי קינדער פון דעם זעלבן שטאַם,

געטריבענע פון דאָ און דאָרט,
באהעפטן אונדזער וואָרט
אין דעם לויכטנדיקן פלאַם,
וואָס אין אונדזער האַרצן אייביק ברענט
און ווערט קיינמאָל נישט פאַרברענט.

יאָרצייט-ליכט

נישט אייער ליד האָבן זיי דערשטאָכן
אין יענע ווילדע שנאה-טעג,
נישט די לוחות אייערע צעבראָכן,
ווי אַ שפּיגל אויף אַ שטיין — —
דאָס האָבן זיי דערמאָרדעט זיך אליין,
אין בלוט דערטרונקן זייער אייגנוועג.

שפּעטערדיקע דורות וועלן אויסדערציילן זייער שאַנד,
ווי זיי האָבן טרייע זין געטייט
אין אַן אייגן לאַנד,
קלאָרע, ווי משוגענע פאַרשפּאַרט,
און מיט ליגנערישע רייד
אַ פאָלק אַ גאַנץ גענאַרט.

נאָר אייער אָנדענק וועט אויף אייביק בלייבן
און דעם פאָלק געהערן.
און די נעמען אייערע, ווי יאָרצייט-ליכט,
וועלן קיינמאָל נישט פאַרלאָשן ווערן.

*

זיאַמע טעלעסין

"גוט, וואָס איר האָט מיך אָנגערופן יצחק..."

איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר דווקא מיך האָט איציק קיפּניס אויסגעקליבן פאַרן רעדאַקטאָר פון זיין בוך, וואָס איז דערשינען אינעם פאַרלאַג "סאָוועטסקי פּיסאַטעל" אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין 70 יאָריקן יובליי.

ווי באַוווסט, קלייבט מען זיך דאָרטן ניט אויס קיין רעדאַקטאָר. מע גיט דיר אים — וועמען זיי ווילן. ביי זיי איז דאָ אַ גאַנצער שטאַט מיט אַפּראַבירטע רעדאַקטאָרן, אויף וועמען זיי קענען זיך פאַרלאָזן. קיין איין אויפלאַגע גייט דאָרטן ניט ארויס אָן אַ רעדאַקטאָר. ס'דאַרף זיין דער קאָנקרעטער מענטש, וואָס זאָל טראָגן די אחריות פאַר יעדן געדרוקטן וואָרט. טאָמער ס'געשעט עפּעס, חס ושלום, איז דאָ וועמען צו שלעפּן אין די "געהעריקע" אינסטאַנצן. קונסט־שמונסט אינטערעסירט אמווייניקסטן דעם רעדאַקטאָר. ער איז פאַקטיש דער זעלבער צענזאָר, וואָס שטייט איבער דעם רעדאַקטאָר, כדי אָפּצוהיטן די "ריינקייט" פון די פאַרטייאישע איינשטעלונגען, וועלכע זענען דעקלאַרירט געוואָרן אויף היינטיקן טאָג. מאָרגן קענען זיין אנדערע איינשטעלונגען. איבער דעם געוויינלעכן צענזאָר שטייט נאָך אָן אָבער־צענזאָר. און אויב דער אויטאָר איז אַ "שווערער", האָט איר נאָך אָן אָבער־אָבער־צענזאָר. און אויב דער אויטאָר איז אַ "שטרייטבארער", שיקן איבער די "אָבערס" זיין כתב־יד אינעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי — אינעם קדשי־קדשים, צו די הויפּט־מומחים, וואָס פאַרשטייען זיך אויף ליטעראַטור ניט מער ווי אַ קאָטער אויף באָב. איר קאָנט זיין זיכער—אַ בוך, וואָס מאַכט דורך אַזאַ וועג, וועט שוין די ליכטיקע שיין ניט דערזען.

ס'דאַרף נאָך דערמאָנט ווערן, ווען דער אָדער יענער אויטאָר איז איינגעשלאָסן אינעם רעדאַקציע־פּלאַן, וואָס דאָס קומט אָן מיט גרינע ווערים, באַזונדערס אַ יידישן שרייבער, הייסט עס נאָך ניט, אַז דער מחבר איז שוין אויפן פערד. דער מאַנוסקריפּט ווערט פריער רעצענזירט דורך עטלעכע רעצענזענטן (אינעווייניקסטע). דער מינימום רעצענזיעס איז דריי. אויב די רעצענזיעס זענען נעגאַטיווע, גיט מען דעם כתב־יד צו נאָך עטלעכע רעצענזענטן. עס טרעפט, אַז די צאָל רעצענזיעס דערגייען ביז עטלעכע צענדליק און נאָך מער. און סוף־כל־סוף ווערט דאָס בוך פאַרשניטן ווי אַ בוים פון אַ בליץ.

דאָס איז אַלץ אגב־אורחא.

ס'איז שוין אַדורך אַזויפל צייט זינט קיפּניסעס יובליי־בוך איז דערשינען, און נאָך עד־היום פּאַטויפּעט זיך מיר ניט אין קאָפּ, ווי אַזוי האָט מען עס קיפּניסן

דערלויבט אויסצוקלייבן זיך א רעדאַקטאָר, און דער רעדאַקטאָר זאָל זיין גראַדע איך ?

איך האָב אָנגעהויבן באַקומען פון קיפּניסן א בריוול נאָך א בריוול, א קאַרטל נאָך א קאַרטל, אַז איך "דאַרף" (אין ערשטן בריוול), אַז איך "מוז" (אין דעם צווייטן קאַרטל) "ס'וועט אייך גאָרניט העלפן" (אין דריטן בריוול) און אַזוי ווייטער און ווייטער. אגב, זיינע בריוו און קאַרטלעך זענען דאַטירט געוועזן שטענ־דיק לויטן יידישן לוח. אונטערשרייבן זיי פלעגט ער "יצחק" — מיטן העברעישן אויסלייג.

קיפּניס לעבט אין קיעוו, איך — אין מאָסקווע. ניט ער האָט מיך ווען עס איז געזען פאַר די אויגן, ניט איך האָב געהאַט די זכיה אָנצוקוקן אים. איך האָב אים אין א קאַרטל געפרעגט: וואָס פאַרא נוץ קען ער אייגנטלעך האָבן פון דעם, וואָס איך וועל זיין דער רעדאַקטאָר זיינער? ערשטנס, בין איך קיינמאָל קיין רעדאַקטאָר ניט געוועזן. איך הויב ניט אָן צו וויסן מיט וואָס מען עסט דאָס. צווייטנס, בין איך ניט קיין פּראָזאַיקער. כ'האָב אויף מיין לעבן ניט אָנגעשריבן קיין איין בלעטל פּראָזע. דריטנס, כ'זאָל זיין כאָטש א שטיקל נאַטשאַלניק, וואָלט איך אפשר געקענט, כ'וויים, דורכשטופּן, דורכשלאָגן. בין איך אויף מיין לעבן קיין נאַטשאַל־ניק ניט געוועזן (א דאַנק גאָט וואָס איך בין ניט געוועזן). און לעצטנס — בין איך ביי זיי גאָרניט אַזוי כשר, זיי זאָלן קענען אָנפאַרטרויען מיר אידעאָלאָגישע "אויסגעהאַלטנקייט".

— זעט איר שוין, ליבער חבר קיפּניס, — האָב איך אים געשריבן, — אַז לויט אַלע פּונקטן טויג איך ניט פאַר דעם דאָזיקן ענין. —

נאָר ער איז פון מיר ניט אָפּגעטראָטן. אויף מיין שרייבטיש איז אויסגעוואַקסן א סטאָס מיט זיינע בריוו און קאַרטלעך, אין וועלכע ער האָט ניט אויפגעהערט באָמבאַרדירן מיך. פון דער צווייטער זייט, האָב איך א טראַכט געטאָן — אַזא שריי־בער ווי קיפּניס האָט זיך אויף דיר "אָנגעזעצט", הייסט עס, אַז כ'בין, אַלנפאַלס פאַר אים, איינער אין מאָסקווע.

מיט איין וואָרט, כ'בין געוואָרן קיפּניסעס רעדאַקטאָר.

ער האָט מיר אַריינגעשיקט א געשוואָלענע פּאַפּקע מיט מאַנוסקריפּטן. פון זיין פּאַפּקע און פון דער פּאַפּקע, וואָס כ'האָב באַקומען פונעם פאַרלאַג, וואָלט געקענט אַרויסקומען א סאָלידער באַנד געזאַמלטע ווערק צו אַזא סאָלידער דאַטע — זיבעציק יאָר פונעם געבוירן פון א שרייבער! האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן — מען האָט אים געגעבן לויט דער "ראַזוויאָרסטקע"... צוועלף דרוקבויגן. דאָס איז געוועזן פאַר אים, ווי פאַר אַ יונג אַ צוקערלעקעכל.

— סטייטש! — האָב איך גענומען שרייען — אין גאַנצן צוועלף דרוקבויגן.

און איך האָב גענומען אַרומלויפן צו די נאַטשאַלניקעס.

— קיפּניסן צוועלף דרוקבויגן! צי ווייסט איר ווער קיפּניס איז! איר ווייסט, אַז אים איז געוואָרן זיבעציק יאָר!

אויב איר מיינט, אַז ס'איז אַזוי לייכט זיך צו דערשלאָגן אָן אוידיענץ ביי אָן

״אָנפירנדיקער פערזענלעכקייט״, האָט איר אַ גרויסן טעות. ערשטנס, דאַרף מען זיך צו אים פאַרשרייבן פאַרויס מיט עטלעכע וואָכן. נאָכדעם דאַרפסטו היניען ביי אים היטער דער טיר אין דער ריי שעהן־לאַנג. ביסטו שוין דערגאַנגען צו דער גוט־אויסגעשייערטער מעשענער קליאַמקע, דערהערסטו דאָס ליבע קעלכל פון זיין סעקרעטאַרין, אז סידאָר סידאָראָוויטש (לאָמיר אים אזוי אָנרופן) איז דרינגענד ארויסגערופן געוואָרן אין צענטראַל־קאָמיטעט. מיט דער דאָזיקער ״בשורה״ הרגה׳ט מען דיך אוועק אויפן אָרט. אַ קליינּיקייט — אין צק פון אונדזער פּאַרטיי! נאָר אין דער אמתן האָט זיך סידאָר סידאָראָוויטש אַריינגעכאַפּט אינעם שרייבערישן רעסטאָראַן און מאַכט דאָרטן די פיינע כוסה מיט זיינע גוטע ברידער. זיי וועלן שוין האָבן — די גוטע ברידער זיינע — די געהעריקע צאָל דרוקבויגנס, ווייל טרינקען טרינקט ער אויף זייער חשבון און חוץ דעם, וואָס עס שטראָמט אים אריין אין האלדז, וועט נאָך אים אריינשטראָמען עפּעס וואָס אין קעשענע אריין... דאָך, האָט זיך מיר איינגעגעבן אויסצוקעמפן צוגאָבלעך אַ... האלבן דרוקבויגן. ווען ניט דער צוגעקומענער האַלבער דרוקבויגן, וואָלט אין דער זאַמלונג ניט אַריינגעקומען די פּרעכטיקע דערציילונג ״סאָראַ פריידֿ״.

וואָס דאַרף טאָן, אייגנטלעך, אַ רעדאַקטאָר, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, ווען כ׳בין צוגעטראָטן ״רעדאַגירן״ און צונויפשטעלן קיפניסעס זאמלונג. כ׳האָב תיכף געפונען אַן ענטפער: ער דאַרף גאָרנישט ניט טאָן, ער דאַרף גאָרנישט ניט טשעפען ביי דעם מחבר, ווי ס׳איז דאָרטן איינגעפירט — אבי טשעפען. צי מע דאַרף, צי מע דאַרף ניט. האָב איך אים טאַקע ניט געטשעפעט. איך האָב אים געפרעגט — ווי וואָלט ער צעשטעלט דעם מאַטעריאַל. איך פלעג אים פרעגן וועגן אַן אומבאַקאַנטן פאַר מיר לאָקאַליזם, כ׳האָב אים געשריבן צו וואָס דאַרף ער זאָגן ״פאַלקעס״, צי ס׳איז ניט גלייכער אנשטאָט ״פאַלקעס״ זאָגן ״שטעקנס״, צי ״פלאָקנס״, צי ״פלעקענער״. כ׳פלעג עס טאָן זייער אויף אַ דעליקאַטן אופן. ער פלעגט מיר עטפערן אויך זייער דעליקאַט: — מאַכט ווי איר האָט פאַרגעלייגט, אָדער — לאָזט איבער, ווי ס׳איז ביי מיר. דאָך האָט זיך מיר איינגעגעבן ארויסנעמען פיל סלאַוויזמען — ווייסרוסיציזמען. אוקראַיניזמען, פּאָלאָניזמען, וואָס ער האָט געהאַט, ווי מיר ווייסן, בשפע.

פאַר קיפניסן דעם פּראָזאַיקער האָבן ניט עקזיסטירט קיין שום ליטעראַרישע קאַנאָנען — הן אין סטיל, הן אין שפּראַך. ביי אים איז געווען זיין סינטאַקס, זיין גראַמאַטיק, ניט ווייל ער האָט דאָס אַלץ ניט געוווּסט. ער איז געווען באַלעזן און אַ יודע־ספר. גראָד מיט זיין ״סטיללאָזיקייט״ האָט ער געשאַפן זיין אייגענעם סטיל אין אונדזער פּראָזע, זיין אייגענעם גאַנג. גראָד אַ דאַנק זיין לאָקאַלקייט, האָבן זיינע ווערק באַקומען אַ ברייטן רעזאָנאַנס. ברייט איז געוואָרן זיין ״שמאָלע״ סלאָוועשנע. זיין שפּראַך־סטיכיע — די שפּראַך פון די יידיש־ריידנדיקע פון דער ווייסרוסישער און אוקראַינישער פּאָליעסיע — האָט אים אריינגעבראַכט צווישן די אנטפּלעקער פון נייע שפּראַך־פּלאַסטן פון אונדזער יידיש לשון. ס׳איז לחלוטין ניט ריכטיק, לויט מיין מיינונג, דער געדאַנק, אַז קיפניס גייט פון שלום־עליכעמען.

אייניקע זאָגן אפילו — ער מאַכט נאָך שלום-עליכעמען. ס׳איז ניט אַזוי. קיפּניס איז א זעלבשטענדיקע דערשיינונג אין אונדזער יידישער ליטעראַטור.

כ׳בין א ביסל אוועק אין זייט.

הייסט עס, אין מיין רעדאגירן קיפּניסן האָב איך זיך געהאלטן ביים פּרינציפּ ״ניט טשעפּען״. נאָר אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ שם פון אַ ״נאַציאָנאַליסט״. זיין ״נאַציאָנאַליזם״ האָט זיך נאָך אָנגעהויבן פון זיינע ״חדשים און טעג״ און אפילו אַ ביסל פריער, האָט מען פון אים קיין אויג ניט אַראָפּגענומען. ער האָט געהאַט קאַלטס און ווארעמס כמעט אלע זיינע שפּעטערישע יאָרן. ניט איין מאָל איז ער אַריינגעוואָרפן געוואָרן פון די יעווסעקישע ״פּרומאַקעס״ אין חרם אַריין. אַזאַ פּאַטעפּאלנעסט! די אריינוואַרפער ווי מיר ווייסן, זיינען אליין פארשליידערט געוואָרן אין כף־הקלע. נאָר עס זענען געקומען נייע ״אַריינוואָרפערס״ און האָבן ווידער גענומען צאַפּן זיין בלוט, אָבער שטילערהייט, אָן טומל. אַ ביס פון הינטן אָן אַ בילעריי און ... שאַ.

— פאַרשטייט זיך, איסאַק נאַכימאָוויטש (דאָס איז קיפּניס) איז אַ סאָוועטישער שרייבער, נאָר זינאָווי לוואָוויטש (דאָס בין איך), זייט זייער אויפמערקזאַם צו זיין בוך, וואָס איז אייך אָנפארטרויט צו רעדאגירן, — האָט מיך געוואָרנט דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער אָפּטיילונג פאַר נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן פונעם פאַרלאַג ״סאָוועטסקי פּיסאַטעל״. ער איז געווען, פאַרשטייט זיך, ניט קיין ייד. קיפּניסן האָט ער ניט געלייענט, נאָר ער האָט שוין באקומען די געהעריקע אינפאָרמאציע וועגן אים פון די ״געהעריקע״ אינפאָרמאַטאָרן. דאָך האָב איך, מיט גרויס מי פאַרשטייט זיך, אָפּגעשריגן זיין ״באַבי־יאַר״. אמת, דער צענזאָר האָט דערנאָך אַרויסגעשניטן פון דאָרטן אַ גאַנץ היפּשן שטיק.

— וואָס ווילט איר, חבר, — האָט ער צו מיר געזאָגט, — איך זאָל גיין צוליב אייער קאַפּריז אין טורמע ? —

דער וויי־געשריי פון דעם שרייבערס נשמה האָט ער אָנגערופן ״מיין קאַפּריז״ ביי דער צווייטער קאָרעקטור פון דעם בוך איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. פון דער אויסגעצייכנטער דערציילונג ״סאָראַ פריידל״ איז נעלם געוואָרן דער שטעל, ווו דער מחבר טראַכט אין חלום וועגן דעם, אז ביי אים וועלן זיין צווייי יינגעלעך — איינס פון זיין געזעצלעכער פרוי, ס׳וועט זיין אַ שוואַרצינקס דאָס צווייטס — פון דער רוסישער פרוי, אין וועלכער ער האָט זיך איינגעליבט, וועט זיין אַ בלאָנדינקס. און זיי, די ביידע זין זיינע, וועלן אַ גאַנץ לעבן זיך שלאָגן צווישן זיך איך בין געווען אָנמעכטיק צוריק אריינברענגען אָט דעם דאַזיקן שטעל, וואָס האָט אַזוי אויסגעפּעלט אינעם טעקסט דאָרטן.

און אָט, שוין ״אויסגערעדאַגירט״ דאָס בוך. די קינסטלערין — אַ קאָלמיטשקע, האָט זיך אַזוי אריינגעלעבט אינעם טעקסט (מע האָט איר געמוזט איבערלייענען דעם גאַנצן בוך אין דער רוסישער אויסטייטשונג) אז די געמעלן אירע, די גרויסהאנטיקע אותיות, די הילע און די אלע איבעריקע זאַכן האָבן באַקומען אַן עכט־יידישן טעם. אין דער אַרבעט האָט איר אַ סך געהאָלפן דער מאַן אירער,

וואָס איז געווען אַ ייד. דאָס בוך האָט שוין אַ נאָמען "צום לעבן", ס'איז שוין פאַרטיק די קלישע פונעם מחברס פּאָרטרעט, עס איז נאָר געבליבן אָנשרייבן אַן אַנאָטאַציע, וואָס האָט זיך געדאַרפט אַריינרעמלען אויפן אינוועניקסטן פאַרבויג פונעם סופער־טאָוול, ווי ס האָט זיך געפירט אין דעם דאָזיקן פאַרלאַג. די אַנאָטאַציע איז שוין אויך אָנגעשריבן געוואָרן. אָט איז זי:

יצחק (דאָרטן איז ייצכאָק) קיפּניס געהערט צו די עלטסטע און טאַלאַנטפולסטע יידישע שרייבער. מיט רעכט ווערט ער פאַררעכנט אלס איינער פון די גרונטלייגער פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור. דאָ ניט לאַנג איז פייערלעך אָפּגע־מערקט געוואָרן זיין זיבעציקיאָריקער געבוירנטאָג.

בעת זיין לאַנגדויערנדיקער ליטעראַרישער טעטיקייט האָט קיפּניס אָנגעשריבן אַ גרויסע צאָל ווערק. אין אַ סך פון זיי האָט ער באַוויזן דאָס איינפונדעווען זיך פון דער ראַטנמאַכט און ווי אַזוי עס איז געוואָרן איבערגעבויט דאָס אַרט לעבן פון די ברייטע יידישע מאַסן.

יצחק קיפּניס קען גוט דעם פאָלקס־מענטש, אים איז צום האַרצן דער פּראָסטער האָרעפּאַשניק, וועלכן ער האָט אַוועקגעשטעלט אין צענטער פון זיין שאַפונג. קיפּניס איז טיף נאַציאָנאַל און צו גלייך מיט דעם טיף אינטערנאַציאָנאַל. פעלקער־פריינדשאַפט איז איינע פון זיינע הויפּט־טעמעס.

אויפן רייכן פילפאַרביקן פאָן פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור טיילט זיך קיפּניס אויס מיט זיין אייגענער פּאַליטרע. זיין אומיטלבאַרקייט, זיין צויבערדיקע לירישקייט, זיין אייגנאַרטיקער הומאָר שאַפן אַ מין באַזונדערן "קיפּ־ניס־נוסח" אין דער הייַנצייטיקער סאָוועטישער פּראָזע.

דאָס בוך "צום לעבן" שליסט אין זיך איין ניט מער ווי אַ קליינעם טייל פון דעם שרייבערס רייכן פאַרמעגן. נאָר אפילו לויט דעם טייל, איז צו זען, ווי באַדייטנדיק איז די שאַפונג פון יצחק קיפּניס.

די דאָזיקע אַנאָטאַציע האָב איך אוועקגעשיקט קיפּניסן. כ'האָב אים אָנגעש־ריבן — אויב אייך געפעלט ניט עפּעס וואָס אינעם טעקסט, קאָנט איר ענדערן, פאַריכטן, אָנשרייבן אַן אנדער אַנאָטאַציע, אָבער די צאָל שורות דאַרף זיין די זעלבע און מע זאָל עס ניט פאַרבראָקירן דורך דער צענזור.

באַקום איך פון אים אַן ענטפער. קיין וואָרט ניט וועגן דער אַנאָטאַציע. אויף אַ בויגעלע פּאַפּיר איז געווען אָנגעשריבן מיט זיין שווערער האַנטשריפט: "טייַ־ערער זיאמע! איר האָט גוט געטאָן, וואָס איר האָט מיך אָנגערופן יצחק (יצחק איז געווען ניט מיטן סאָוועטישן אויסלייג) און דאָס אַלץ.

אין זיין אַרטיקל צו קיפּניסעס 80טן געבוירנטאָג "צו אַכציק ווי צו אַכצן" ("פריי ישראל", דעצעמבער 1976) שרייבט סמאָליאַר וועגן דעם, ווי ער האָט זיך געווענדט אין אַ בריוו צו קיפּניסן, אָנרופנדיק אים יצחק. האָט אים יענער געענט־פערט: "צי האָסטו פאַרגעסן מיין נאָמען? ניט יצחק, נאָר איציק הייס איך".

הערשל סמאָליאַרס בריוו צו קיפּניסן און קיפּניסעס ענטפער זענען געווען געשריבן תיכף נאָך דער מילחמה, ווען קיפּניס האָט זיך אָפּגעזוכט נאָך זיין

פאַרוואָגלעניש אין דער עוואַקואַציע. קיפּניסעס בריוועלע צו מיר איז געווען געשריבן אָנהייב 1969 יאַר, תשכ״ט ווי ער האָט אים באַצייכנט.

איך ווייס ניט פאַרוואָס. ״נאַר איציק הייס איך״ און נאָכדעם ״איר האָט גוט געטאָן, וואָס איר האָט מיר אָנגערופן יצחק״ האָט מיר אָנגערעגט אָנצושרייבן דאָס, וואָס כ׳האָב אָנגעשריבן לזכר איציק—יצחק קיפּניסן זכרונו לברכה.

נייע ביכער

מאיר חריץ — ״שטערן אויפן הימל״ — לידער. פאַרלאַג ״אייגנס״ ירושלים תשל״ז—1977. 239 זייטן. דאָס איז חרצס פערטער באַנד דיכטונג, אַרויסגעגעבן אין ישראל. ״אויף אַ שטח פון 15 דרוקבויגן האָב איך צונויפגעבראַכט איבער 300 לידער״ — פאַרצייכנט דער מחבר אין זיין קורצן פאָרוואָרט. דער באַנד ווערט איינגעטיילט אין 9 גרעסערע לידער־ציקלען.

קלמן סעגאַל — ״אַליינקייט״. ירושלים 1977. דאָס בוך באַשטייט פון צוועלף דער־ציילונגען, פון וועלכע אַ היפּשע טייל זענען צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ״ירושלימער אַלמאַנאַך״.

אברהם סוצקעווער — לידער פון טאָגבוך, פאַרלאַג ״די גאָלדענע קייט״. תל־אביב 1977. די זאַמלונג איז עסטעטיש אַרויסגעגעבן מיט אַ פּאָרטרעט פון מחבר געצייכנט פון מאַרק שאַגאַל ס׳דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז די זאַמלונג צייכנט זיך אויך אויס מיט איר אויסערלעכן אויסזען: שיין און קליין אין פאָרמאַט און קערט אונדז אום צו יענע קלאַסישע ציטן, ווען די גרעסטע דיכטער האָבן אַרויסגעגעבן קליינע פּאָעזיע־זאַמלונגען, נישט ווי איצט, ביכער וואָס זעען אויס ווי ״מאָנומענטן״, ״קלעצער״ אָדער להבדיל מצבה־שטיינער . . .

לייזער פּאָדידראַטשיק — איציק מאַנגער. עסיי. אַרויסגעגעבן דורך די יידישע קולטור־קלובן פון חולון, בת־ים און רמת־גן־גבעתיים. תשל״ז—1977. די בראָשור איז פיין און אויסדריקלעך אילוסטרירט מיט האַלץ־שניטן און פאַרזען מיט ביבליאָגראַפישע רשימות.

״אונטער יאָנקעלעס וויגעלע״ צונויפגעקליבן און אויסגעקליבן פון בנימין קאַץ און ברכה קאַפּשטיין. דאָס בוך איז רייך אילוסטרירט און פאַרפולט מיט כל המינים וויגלידער פון כל המינים יידישע דיכטער און שרייבער (העכער 300 אין צאָל!) בערך 226 זייטן. פאַראַן אויך נאָטן.

אפרים רויטמאַן — די ערד זינגט. לידער און פּאָעמעס. פאַרלאַג ״ניי ליד״ תל־אביב 1977. הילע — יוסף רויטמאַן. הייבט זיך אָן מיט אַ בריוו פון מלך ראַוויטש צום מחבר. 200 זייטן.

מאיר חרץ

געשטאלטן

אהרן קושניראוו

נִיט דער גבור שמשון אין זיין לעצטן ראַנגל
טרייסלט אויף די זיילן פון זיין שונאס פעסטונג — —״
— — — — — — — — — — — — — —
כ׳האָב צעטראָטן מיין געשיכטע מיט געזאַנגען
און געטראָגן זאַנגען צו די פרעמדע נעסטן.
האָבן זיך די פייגל אָנגעפרעסן,
זייערע שוואַרצע פליגל אויסגעצויגן
און אין זייער אויפשטייג דאָך מיך ניט פאַרגעסן
און מיר אויסגעפיקט ווי שמשונען, די אויגן.
ערשט אין בלינדקייט האָב דערזען איך קלאָרער
ווי אַ בייזער חלום קומט צו מיינע אַפּלען
און דער חלום ווערט אַלץ וואָרער — וואָרער
און אויף זיינע שלאַנגען-שטריקלער מיינע ברידער צאַפּלען.
בערגעלסאָן און האָפשטיין, מאַרקיש און דער נסתר
און עס ציט צו זיי מיך מיט מאַגנעטן:
נעמט מיך מיט מיט זיך אין אָט דער וואָר דער וויסטער,
נעמט מיך מיט, אָ, מיינע יידישע פּראָזאַיקער, פּאָעטן.
האָבן מיך די פייגל גאָר פאַרמישפּעט דווקא פריי זיין,
פריי זיין און אַליין זיין אין אַ וועלט פון תפיסות,
האָט דאָס האַרץ ניט אויסגעהאַלטן אַזאַ וויסטע פרייהייט,
אַזאַ לעבן, וואָס איז ערגער נאָך פון אַלע ארבע מיתות

איציק פעפער

״ס׳איז לויטער דער רוסישער סטעפּ
און איך בין אין סטעפּ ניט קיין פרעמדער״ — —
צווישן צעשאָסענע קעפּ,

צווישן פאַרבלוטיקטע העמדער
טרעפט איר מיין העמד און מיין קאָפּ,
בלעטלעך פון בונט און פון גבורה,
נעמט מיך פון צלם אַראָפּ,
ברענגט מיך צו יידישער קבורה.
אויב איר געפינט ניט מיין לייב,
אויב איר טרעפט ניט קיין זכר,
קריצט אַ מצבה, פאַרשרייבט —
זאָל אייער פסק זיין אַ ווייכער.
כ׳ווייס, כ׳האָב דעם עבר פאַרשוועכט,
כ׳האָב אים פאַרשריגן ווי שימל
אין קאָמסאָמאָלסקי געפעכט
אויפן זיבעטן הימל,
ביז כ׳האָב דערפילט דעם שניט
און אויסגעשריגן די בשורה:
יידן, איך בין אַ ייד! — —
ברענגט מיך צו יידישער קבורה.

דוד בערגעלסאָן

און איצט איז שוין "נאָך אַלעמען", מיר גייען אָפּ
און ס׳איז דער "אָפּגאַנג" בלוטיק ווי אַ שקיעה,
ס׳האָט פענעק קינדוויז אַלץ געזען מיטן קאָפּ אַראָפּ
און איצט האָט בערגעלסאָן אַ שוואַכע ראיה.

ס׳האָט בערגעלסאָן געשפּילט זיך מיט די קנייטשן פון דער פּאָן,
בשעת דער ווינט האָט מיט דער פאָן געשפּילט זיך,
איז זאָל דעם ווינט און זאָל דער פאָן הנאה טאָן,
ס׳האָט בערגעלסאָן אין שאָטן פון דער פאָן געהילט זיך.

דער שאָטן פון אַיעדער פאָן און פון יעדער פאַרב
איז טונקל ווי אַיעדער אַנדער שאָטן,
נאָר אַז מע הרגעט עמעצן איין טאָג איידער ער שטאַרבט,
ווערט אויך די פאָן אַ שוואַרצע ווי איר שאָטן.

הערץ ריווקין

וויפל האָט דיך אָפּגעקאָסט דער נאָמען,
וואָס דיין טאַטע, דער ציוני פון קאַפּריווקע,
האָט געגעבן דיר און דו האָסט ניט געוואָלט אים
און זיך צוגעזעצט דעם נאָמען פון דיין מאַמען — רבקה.

וויפל האָט דיך אָפּגעקאָסט דער ייחוס
פונעם שיינעם ייד, דיין טאַטן פון קאַפּרעשט,
כאָטש דו האָסט אין דיכטערישער שליחות
וועגן מאַרקס געזונגען, ניט וועגן דעם בעשט.

וויפל האָט דיך אָפּגעקאָסט די בושה —
דיין, משיח, וואָס האָט קולבאַקן צעשאָסן,
האָט צעטראָטן מיט די שטיוול די ירושה
אויך דיין מאַמעס און דיין מאַמע-לשון.

ס׳איז געווען דער ענטפער אויף די פראַגן
פון עלעגיע דיינער דער נאַיווער.
דאָס צו פרעגן נאָר נאַיווע וואַגן:
„זאָג, ווער ביסטו, פירער צי פאַרפירער?"

מער פון אַלע האָסטו נאָענט צום האַרצן
זיך גענומען אַלע קרומע זייטן
פון דיין העלן חלום, וואָס אין שוואַרצן
זיך אויך דיר באַוויזן אין סיבירער ווייטן.

דיך אַריינגעכאַפּט אין זיינע רויטע נעגל,
וואָס ער האָט זיי פאַר דער וועלט באַהאַלטן,
אויסגעמישט די שנייען מיט די וועגן
און אויף אייביק דיך פאַרהאַלטן.

שלמה רויטמאַן

יזכור־לידער

צו יידיש

דיך האָבן אַלע הערשער פּיינט געהאַט,
אין קעלערס און אין גריבער דיך פאַרטריבן,
נאָר דו ביסט שטאַרקער, גרינער פון דעם בלאַט,
אויף דיר דאָס גאַנצע האַרץ איז אונדז פאַרשריבן.
אין דיר, האָט אונדזער, אָטעם זיך פאַרקליבן,
און דער, וואָס דיך פאַרראַטן, נאָר זיך פארראַט
ביסט שוין אַזוי מיט אונדזער ווייטעק זאַט,
אַז ווייניק ווי אַ מאַמע איז דיך ליבן.
ביסט שטענדיק דאָך געווען מיט אונדז אין קאָן,
דערפאַר ביסט אַזוי אויסגעלייטערט-זעליק,
דו ביסט אין אונדזער גורל אָנגעטאָן,
און כ׳ווייס ניט ווער פון וועמען איז אַ חלק,
אויף דיר דאָך שוויגן אייביק זעקס מיליאָן,
איז דאַרפן זעבצן שרייען — דו ביסט הייליק.

1976

צו שלום-עליכמען

כ׳בין געבוירן דיך צו ליבן,
ד׳יר אַן אייגן קינד צו ווערן,
ס׳זענען מיר אין האַרץ פאַרבליבן
דיינע לאַכנדיקע טרערן.

האָסט מיר אויך די רעכט געגיבן
אָן אַ הימל זיין אַ שטערן,
מיט אַ וואָלקן זיך אַ טריבן
ווי אַ פויגל אָנצוקערן,

ס׳זאָלן בלאַנדזשען מיינע פליגל
ביז אין פעלדזן מיך צעשטערן,
ביז מיין האַרץ — דיין טרערן-קריגל —
פולערהייט איבערצוקערן,

כ׳זאָל אַ קונץ באַווייזן ברידער,
ווי מע מאַכט פון טרערן לידער.

1976

חיים נחמן ביאַליק

דיין ליד איז פעלדזן-קוואַליק,
דיין שׂרף איז שאַרף און לינד,
ביסט חיים נחמן ביאַליק
אַ נביא און אַ קינד,
ביסט שכינהדיק, ביסט שטראַליק,
זיספרידיק צעגרינט,
און ביטער, גיפטיק, גאַליק
פאַר בייסנדיקע הינט,
דערפאַר דו קענסט זיך שפּילן
מיט ווינט, מיט זון, מיט שניי,
דיין צאָרן קענסטו שטילן,
נאָר צאָלנדיק פאַר ווײ,
אויף אונדזער ווינד צו קילן
איז האָסטו הערצער צוויי.

1976

מיט דוד האָפשטיינען

ס׳דוכט אויף זונען-שטראַלן קען איך לייענען
נייע שורות — לידער פון האָפשטיינען,
פרעג איך אים, — ווו קען איך דיך געפינען ?
זאָגט ער, — ווו קיין טרער וועט מער ניט רינען.

האַפּשטיינס בוים

פון רוסישע פעלדער דער בוים פון זיין עלנט איז אויך אויסגעריסן,
זיין בוים דעם פאַרפלאַנצטן אָט דאָ אויסגעהאַקט האָט מען פראָסט פון
ניט ווייסן,
איז לאָמיר, ישראל, פאַרזעצן אַ דעמב, אַז דערמאָנען זאָל ווידער
דער שאָטן פון קרוין אין זיין ליכט, און דער פויגל אין קרוין — זיינע לידער.

4.4.1975

עזרא פינינבערג נאָך דער מלחמה

ס׳איז כמורנע פינינבערג, ווייל העל איז זיין נשמה,
ער וווינט אין מאָסקווע אויף דער גאַס, דער דיכטער-קריגער,
אויך נאָך דעם קריג דער הערשער פירט מיט אים מלחמה,
און ס׳שטאַרבט אַוועק אויף מיינע אויגן אונדזער זיגער.

ווו ליגט דוד בערגעלסאָן?

אַז די כמאַרעס זאָלן אויסווייינען זיך קאָנען,
פרעגן זיי די ערד אומזיסט אויף בערגעלסאָנען,
פאַלט דער רעגן אין דעם ים, טרערט אין אַלאַכסן,
ווייסט דאָס קבר-גראָז נישט ווו אויף אים צו וואַקסן.
5.76

דער שד, נאָר נישט פון נסתרס מעשהלעך

האָט זיך נאָר דאָס מעסער מיטן טויט צונויפגערעדט,
תיכף האָט געפונען דאָן דעם נסתר אויך דער שד,
און פון זיינע אויגן, ווו די שיינקייט האָט געוואַכט,
לעבער מיטן שרויפנציר פון וואָרעם זיך געמאַכט.
עפּיטאַפיע
גיי, דו וועסט געפינען שוין דעם נסתר
דאָרטן, ווו דאָס גראָז אַ תפילה פליסטערט.

27.6.75

שרייבער און ווערק

צו דער געשיכטע פון אַ פאַרשניטענער ליטעראַטור*

יידישע קולטור אין ס״פ איז אייגנטלעך צו אַ ברייטער געביט, וועל איך מיך טאַקע באַגרענעצן בלויז צו איין אינטעגראַלער טייל פון אָט דער קולטור, צו דער סאַמע טראַגישער צווייג אירער — צו דער יידישער ליטעראַטור.

די עלטערע, די ראשונים, די וואָס האָבן באַוויזן צו שאַפן אַ ריי וויכטיקע ווערק נאָך ביז דער רעוואָלוציע — דוד **בערגעלסאָן, דער נסתר, דוד האָפשטיין**; די ייִנגערע — **אָשר שוואַרצמאַן, פּרץ מאַרקיש, לייב קוויטקאָ, אהרון קושניראָוו** און אַנדערע האָבן אויפגענומען די אָקטאָבער־איבערקערעניש מיט גרויס באַגייסטערונג, פונקט ווי די ברייטסטע פאָלקס־מאַסע. פון וואַנען אונדזערע שרייבער און פּאָעטן זענען געקומען. זיי האָבן געזען אין דער רעוואָלוציע די איינציקע רעטער פון פאַרהאַסטן צאַריזם, פון די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע מאַסנפּאַגראָמען, זיי האָבן געזען אין דער רעוואָלוציע — סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אויסלייזונג. זיי האָבן געזען די רוסלענדישע רעוואָלוציע מיט יידישע אויגן.

כדי צו באַשטעטיקן אָט דעם געדאַנק איז גענוג ווידער אַ בלעטער טאָן די גאונישע עכט־יידישע לידער פון יענעם פּעריאָד ביי דוד האָפשטיין: ״רויטע בליטן״, ״גערעכטיקייט״, ״מיר שטאַמען פון פעלדזן״... מע קאָן ציטירן אָן אַ שיער די ווערק פון בערגעלסאָן, מאַרקיש, קושניראָוו, קוויטקאָ און אַנדערע. אָבער צוליב מאַנגל אין אָרט וועלן מיר ניט ציטירן קיין איינע פון אָט די פּרעכטיקע שאַפונגען.

כ׳וועל זיך בלויז באַגנוגענען מיט ציטירן אַן אַרטיקעלע פון נאָך איין וויכטיקן דיכטער, וועלכן כ׳האָב נאָך ביז איצט ניט דערמאָנט — דאָס איז **עזרא פינינבערג**.

צום סוף פון זיינעם אַ פּאָעטישן מאמר — ״זינגענדיקע מרידה״, געדרוקט אין דער ליטעראַרישער זאַמלונג ״אָקטאָבער״ פאַרן 7טן נאָוועמבער 1922 שרייבט ער אויף דער טעמע — די רעוואָלוציע און דער יידישער דיכטער:

״אים האָט צום אַלעם ערשטן פאַרכאַפּט, דאָס וואָס איז דער נאָענטסטער קרוב צו זיין עצם, דעם עצם פון יידישן דיכטער: דער גראַנדיעזער פאַרמעסט, דער ריזיקער מיין, דאָס הויך־גייסטיקע, **דאָס ביבליש נביאישע, דאָס וואָס ביי אים איז אין אייגן בלוט אַ ירושה פון אַמאָל, פון דורות פאַרצייטיקע.**

ס׳האַנדלט זיך וועגן רעאַליזירן אַ חלום וואָס אייגענער מזרחדיקער אוראַלט האָט זיך מיט אים אַרומגעטראָגן. איז עס הייליק. און מע דאַרף מיטגיין, מע מוז מיטגיין...״

און אָט טאַקע פאַר דעם ״ביבליש־נביאישן, וואָס אין אייגן בלוט״, פאַר דער יידישער ״ירושה פון אַמאָל, פון דורות פאַרצייטיקע״... האָבן די סאָוועטישע מאַכטגעבער קיין מאָל נישט מוחל געווען און גערודעפט די יידישע ליטעראַטור ביז צו דעם טאָטאַלן מאָרד איבער אירע גרונט־שעפער.

קיין איינער פון די אויבן־אויסגערעכנטע שרייבער און דיכטער האָט ניט אויסגעמיטן די אומרחמנותדיקע ברוטאַלע ״אַטאַקעס״ מצד די יעווסעקישע קולטור־קאָמיסאַרן — די דונעצעס, אָרשאַנ־

*) סוף פון י. קערלערס רעפעראַט א.ב. דער יידיש־רוסישער ״סאַמיזדאַט״ און די יידישע ליטעראַטור און ס״פ זע ״ירושלימער אַלמאַנאַך״, נומ. 8.

סקיס און בראַנשטיינס, "דעם שטינקפויגל מוילי", ווי לייב קוויטקאָ האָט געקרוינט דעם ראַפינירטן, דעם סאַמע אינטעלעקטועלסטן צווישן זיי — דעם "עמעס"־רעדאַקטאָר משה ליטוואַקאָוו...

און דאָך האָט די יידישע ליטעראַטור פון ס"פ אין ערשטן יאָרצענדליק פון איר עקזיסטענץ באַוויזן ניט נאָר צו בענטשן, נאָר אויך צו שעלטן. די שרעקלעכע פּאָגראָמען אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד האָבן אַרויסגערופן די ערשטע ווייטיקדיקע אַנטוישונג אין דעם פריער אידעאַליזירטן "ברודער־גוי".

אויפטרייסלענדיק זענען די קינות איבערן טויט און חורבן פון גאַנצע יידישע קהילות. אומשטערבלעך וועט פאַרבלייבן אין אונדזער ליטעראַטור די עפּאָפּייע פון נאַציאָנאַלן קלאָג און פּראָטעסט. דוד האָפשטיינס "אוקראַינע", "דאָס ליד פון מיין גלייכגילט", "אין פאַלן"... "די קופּע" פון פּרץ מאַרקיש, די פּאָגראָםלידער פון לייב קוויטקאָ, קושניראָווס "הזכרה", איציק קיפּניסעס "חדשים און טעג"...

שפּעטער, ווען אין די ניט־לאַנג פּאָגראָמירטע שטעטלעך האָט זיך אויפגעהויבן אַ צווייטע טעראָר־כוואַליע, איצטער שוין דירעקט מצד די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען — די ליקווידאַציע פון יידישן מיטלשטאַנד, דער צעיושעטער כוליגאַניזם פון די אַזוי גערופענע "קריגערישע אַפּיקורסים" ביים צעטרייבן און ליקווידירן חדרים, שילן, בתי מדרשים און אַנדערע יידיש־רעליגיעזע אינסטיטוציעס, דאָס פאַרניכטן פון די ערשטע, שוואַכע נאָך, שפּראָצונגען פון דער העברעיש־סאָוועטישער קולטור; שוין דאַן, אין דער בלי־צייט, אַזוי צו זאָגן, פון יידיש, האָט דער דעמלט יונגער נאָך שמואל האַלקין אַרויסגעבראַכט פאָלגנדיקע נביאישע שורות אין זיין ליד "רוסלאַנד": "אויף ווּהין באַשווערן איצט וואַסערן, / אויף ווּהין, צו וועלכע לענדער? / גליקלעכע רוסלענדער גאַסן / אין אייך מיר וועלן זיך ענדיקן... / ניט באַשערט געוועזן ביז היינט / זען אונדז אויסגיין אונטער ווילדער ירושה / און איצטער מיר גייען אין שפּאַן / און שטאַרבן פון אייערע קושן."

אוודאי האָבן יידישע דיכטער אונטערן פּרעס פון יעווסעקישער טעראָר־קריטיק און צייטנווייז אפשר אויך מחמת נאַיווער פאַרגלויבטקייט אין גערעכטן "מידת הדין פון "פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם", געפּרוווט פון זיך אַראָפּוואַרפן די דורותדיקע יידישע ירושה־לאַסט, מען האָט זיך געצאַפּלט פון ווייטיק, שניידנדיק פון זיך פּאַסן, און ס'גרילצט נאָך ביז היינט אין אונדזערע אויערן דאָס פאַרצווייפלטע וויי־געשריי פון שעפערישן זעלבסטמאָרד אין די צופעליק אַרויסגעכאַפּטע שורות: "פאַרגייט, פאַרגייט, איר אומעטיקע זיידעס..., "שטעטעלע, פאַרשווינד!"..., "וואָס דאַרף איך שבת...", "אַ שלאַנג זיך ציט נאָך זיידנס ניגון און פול מיט סם דעם זיידנס כוס"...

אָבער יידישקייט איז געוועזן און אויף שטענדיק פאַרבליבן ביי זיי אין בלוט און נישט אומזיסט האָט דוד בערגעלסאָן מיט יאָרן שפּעטער, שוין ערב זיין טראַגישן סוף מיט גרויס התלהבות באַגריסט דעם ניי־אויפגעגאַנגענעם שטערן פון אונדזער פּראָזע ערגעץ אין די גרויע הימלען פון דרום־אוראַל. וואָס האָט באַזונדערס גערירט ביי דער יונגער שרייבערין אַננאַ סטעלמאַך? טאַקע די גלאָריפיקאַציע פון פריער פאַרשוועכטן "זיידנס כוס" און "זיידנס ניגון"! אָבער אַנאַ סטעלמאַך האָט אויפגעשיינט און איז תיכף פאַרשלונגען געוואָרן אין דער קאַלטער פינצטערניש.

פון מיטן די דרייסיקער יאָרן הייבט זיך אויך אָן די ליקווידאַציע קודם פון די יידישע שולן, מיטל־שולן, ביבליאָטעקן, צייטונגען, מוזיי־ און קלוב־וועזן א.א.וו. אין די יאָרן 1936—1938 זענען אַרעסטירט און שפּעטער אומגעבראַכט געוואָרן אַ גאַנצע ריי שרייבער, קינסטלער, ליטעראַטור־פאָרשער, היסטאָריקער, צווישן זיי אַזעלכע באַרימטע, ווי איזי

כאַריק, משה קולבאַק, זעליק אַקסעלראָד, מאַקס עריק, ישראל צינבערג, ראַפּאַלסקי און פּיל פּיל אַנדערע ; ס׳איז פאַרניכטעט געוואָרן די יעווסעקציע צוזאַמען מיט אירע טאָנגעבער, ס׳איז ענדלעך ליקווידירט געוואָרן דער מאָסקווער ״עמעס״. . .

איצט ווייסן מיר שוין, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און איר געהיים־פּאָליציי האָט שוין דאַן פאַרפּלאַנירט איר מאָרד־אַקציע איבער דער גאַנצער יידיש־סאָוועטישער קולטור. דער אָנפאַל פון דייטשישן נאַציסטישן אָקופּאַנט און די פאָלקס־מלחמה קעגן אים האָט צייטווייליק אָפּגעשטעלט סטאַלינס בלוטיקע האַק איבער דער יידישער קולטור.

בעת דער מלחמה האָט זיך מיט אַ באַזונדער קראַפט אַנטפּלעקט דער קעמפערישער עכט־נאַציאָנאַלער גייסט פון דער יידישער ליטעראַטור. די ווערק פון בערגעלסאָן, דער נסתר, מאַרקיש, קוויטקאָ, פיני‌נבערג, קושניראָוו, האַלקין, פעפער, **ליפע רעזניק, כאַשטשעוואַצקי,** די ווערק פון דער יינגערער פּלעיאַדע שרייבער־פּראָנטלייט און פּאַרטיזאַנער האָבן געאָטעמט מיט גאָר דעם צער־און־צאָרן, מיט גאָר דעם טראַגישן גורל פון יידישן פאָלק וועלכן די נאַציסטישע רוצחים און זייערע מיטהעלפער האָבן געיאָגט צו די גאַז־קאַמערן און מאַסן־קברים.

צענדליקער יידיש־סאָוועטישע שרייבער זענען העלדיש געפאַלן אויף די שלאַכטפעלדער קעגן פאַשיזם, צום רום פון סאָוועטישן רוסלאַנד.

אין דריי יאָר אַרום נאָך איר גרויסן נצחון, האָט סאָוועט־רוסלאַנד, ווי איר ווייסט, אָפּגעצאָלט דערפאַר דער יידישער ליטעראַטור, אָפּגעצאָלט מיט מאַסן־אַרעסטן, מיט מאָרד און פאַרטיליקונג.

אַצינד, ווען מיר פירן אונטער אונדזער טרויעריקן סך הכל, דערזעען מיר ערשט, אַז די יידיש־סאָוועטישע ליטעראַטור האָט אייגנטלעך עקזיסטירט ניט מער ווי קאַרגע דרייסיק יאָר, אָבער לויט די וואָגיקע ווערק, וועלכע זי האָט געשאַפן, לויט איר שטענדיק־גליענדיקער יידישקייט, ניט געקוקט אויף דעם טאָטאַלן טעראָר, לויט איר פיינלעכן דערנער־וועג צו איר טראַגישן אומקום, וואָלט עס געקלעקט נישט אויף קיין 30, נאָר אפשר אויף 300 יאָר !

מע וואַרפט פאָר אַט דער ליטעראַטור, אַז זי איז צייטנווייז פאַרפלייצט געוואָרן דורך ״סאָצרעאַליסטישער״ גראַפאָמאַניע, אַז אירע שעפער האָבן אין זייערע ביכער געפרעדיקט די רוצחישע ״גענעראַלע פּאַרטיי־ליניע״ וועגן ״פאַרשטאַרקטן קלאַסן־קאַמף״, אַז זיי האָבן אין זייערע בלוטלאָזע אָנגעצוווּנגענע שאַפונגען געלויבט דעם ״געניאַלן פירער״, דעם גרויסן פעלקער־מערדער יוסף סטאַלין ימ״ש . . .

געווען אויך דאָס ! . . .

אָבער ס׳ווילט זיך מיר פרעגן די אַלע קלוגע יידישע פּראָקוראָרן איבער יידישע קדושים : צי דען איז די זינד פון אַזעלכע אַנעמישע, שוין לאַנג פאַרגעסענע לויב־געזאַנגען טאַקע אַ גרעסערע ווי די זינד ביי יידישע וויסנשאַפטלער, אינזשעניערן און טעכניקער, וואָס האָבן מיט זייער טאַלאַנט און וויסן געפעסטיקט די סאָוועטישע מיליטערישע מעכטיקייט, וועלכע באַדראָט איצט אונדזער קיום ?

צי דען האָט, לאָמיר זאָגן, איציק פעפער מיט זיינע נאַרישע ״פּלאַקאַטן אויף בראָנדזע״ אָנגעטאָן מער שאָדן דעם יידישן פאָלק ווי, לאָמיר זאָגן, דער אַוויאַציע־קאָנסטרוקטאָר גורעוויטש מיט זיינע ״מיג״־עראָפּלאַנען ? . . .

ס׳ווילט זיך מיר פאַרענדיקן מיט דער גרויסער האָפענונג, אַז אפשר וועט אָט דער קורצער, סכעמאַטישער איבערבליק צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין ס״פ אָנרעגן אונדזערע ליטעראַטור־וויסנשאַפטלער און קולטור־פאָרשער, זיי זאָלן ערנסטער און גרינטלעכער אויספילן אַ גרויסן נאַציאָנאַלן חוב : רעהאַביליטירן ענדלעך, די ביז איצט נישט רעהאַביליטירטע דורך קיינעם, געשענדעטע און געשאָכטענע גרויסע פאָלקס־קולטור פון סאָוועטישן יידנטום.

יוסף קערלער

ל. פּאַדריאַטשיק

די תנ״ך־אימאַזשן ביי די יידיש־סאָוועטישע דיכטער

אין דעם דאָזיקן פּרק וועלן באַהאַנדלט ווערן אייניקע ווייניק באַקאַנטע מאָמענטן אין דער יידיש־סאָוועטישער דיכטונג. און נעמלעך; די באַציונג פון די פּאָעטן צו דעם תנ״ך און דער אופן ווי זיי באַנוצן זיך מיט זיינע פאַרבן, ריטמען און בילדער.

אין די סאָוועטישע באַדינגונגען איז ניט געווען פון די לייכטע זאַכן זיך צו באַנוצן מיט תנ״ך. יעדע ״אידעאָלאָגישע״ אָפּענסיווע קעגן די יידיש נאַציאָנאַלע טראַדיציעס אין דער ליטעראַטור, זענען די ערשטע פיילן געפאַלן אויף די שרייבער, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט תנ״ך־אימאַזשן און סימבאָלן. זיי זענען דערפאַר געשטעמפּלט געוואָרן פאַר קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן און זייערע ווערק ווי ״אָפּגעלעבטע רעשטן פון אַן אַלטער רעאַקציאָנערער אידעאָלאָגיע״.[1]

בעת די אָפיציעלע קריטיק האָט געלויערט נאָך יעדן מינדסטן שמץ פון דער בילדערישקייט וואָס שטאַמט פון תנ״ך און עס דערקלערט פאַר פרעמד און שעדלעך דעם, אַזוי גערופענעם, גייסט פון סאָציאַליזם, האָבן די פּאָעטן בסתר געפירט אַ געהיימען פלירט מיט דעם ספר הספרים, געשעפּט פון אים פאַרבן און ריטמען פאַר זייער שאַפן.

אמת, ווערק אויף תנ״ך־טעמעס זענען אין דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור פאַראַן ווייניק, דערפאַר אָבער זענען איבער איר שטח צעזייט אַ שלל פון תנ״ך־אימאַזשן און סימבאָלן. זיי שאַפן אין איר אַ באַזונדערן קלימאַט און פאַרברייטערן אירע האָריזאָנטן. דער תנ״ך אור־וואָרט, מיט זיינע אייביקע ווערטן גיבן צו דער דאָזיקער ליטעראַטור געשיכטלעכע אָנגעלאָדנקייט און גייסטיקע דויערהאַפטיקייט.

״מען דאַרף זיך געפינען אונטערן שטענדיקן פּראָזשעקטאָר פון דער ביבלישער שיין האָט בשעתו געשריבן פּרץ מאַרקיש, די ביבל האָט נאָך די מענטשהייט נישט פאַרענדיקט. מען וועט זיך שטענדיק געפינען אין פּראָצעס פון שרייבן די ביבל. און ווער ס׳וועט אונדז אָנרופן דעם לעצטן ביבל־שרייבער, — פירט אויס פּרץ מאַרקיש, — דער וועט אונדז אָנרופן דעם לעצטן מענטשן פון דער ערד״...[2]

1. עוזר האַלדעס (ליטעראַטור־קריטיקער, 1890 — 1966): ״וועגן אייניקע פּראָבלעמען פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם״, אַלמאַנאַך פון יידישע סאָוועטישע שרייבער, כאַרקאָוו 1934, ז׳ 272.
2. פּרץ מאַרקיש (פּאָעט, ראָמאַניסט און דראַמאַטורג, 1895 — 1952) ״פאַרבייגייענדיק״ (עסייען), ווילנע 1921, ז׳ 41—42.

שוין ביים וויגעלע פון דער יידיש־סאָוועטישער דיכטונג, איז ביי איר צוקאָפּנס געלעגן דער תנ״ך. אין דעם באַקאַנטן ליד פון אשר שוואַרצמאַן ״דער שונא ביי די טויערן״, מיט וועלכן מען הויבט געוויינלעך אָן די געשיכטע פון דער יידיש־סאָוועטישער דיכטונג הערט זיך דער עכאָ פון די ווערטער אין תהילים: ״כי ידברו את אויבים בשער״.[3] זינט דאַן האָבן תנ״ך־מעטאַפאָרן באַגלייט די יידיש־סאָוועטישע דיכטונג אין אַלע וועגן און אומוועגן פון איר אַנטוויקלונג.

די תנ״ך־אימאַזשן, זייער אייגנציקאַרטיקע און זינלעך גייסטיקע קוואַליטעט דינען פאַר די יידיש־סאָוועטישע דיכטער נישט כדי דערלערגנען דעם עבר, נאָר ווי אידעישע קאַטעגאָריעס צו דערקענען דעם היינט און דערפילן דעם מאָרגן. ״מיר קוקן זיך אַלע ווײַלע אום אויף הינטער, — האָט באַמערקט פּרץ מאַרקיש, — כדי צו אָנקומען וואָס גיכער אין דער צוקונפט״.[4]

דאָס אַריינוועבן די אוראַלטע סימבאָלן אין די נייע סאָוועטישע לעבנס־בילדער, איז געווען אַ באַוואוסטזיניקער אַקט ביי די שרייבער, וואָס האָבן געשטרעבט שאַפן אין זייערע ווערק אַ בריק צווישן דעם רעאַלן און אידעאַלן. דאָס באַנוצן זיך מיט תנ״ך־פאַרבן און־ריטמען איז ביי זיי געווען נישט בלויז אַן עסטעטישע באַדערפעניש, נאָר, דער עיקר, אַן עטיש־אידעישע נויטווענדיקייט. אין זייערע ווערק קרייצן זיך בילדער פון אַ סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, און מאָטיוון פון נאַציאָנאַל־היסטאָרישן אינהאַלט. וואָס מער דעם דיכטער גיט זיך איין שאַפן אַ קינסטלערישע און געדאַנקלעכע איינהייט צווישן די דאָזיקע צוויי עלעמענטן, אַלס אינער־צייטלעך ווערט די ״היינטצייטיקייט״ אין זיין ווערק. פון דער האַרמאָני־שער באַהעפטונג פון בילד און געדאַנק אַנטשטייט אַ נייע גייסטיקע דימענסיע, וואָס ווירקט מיט איר עסטעטישער גאַנצקייט און עטישער טיפקייט.

דאָס ווענדן זיך, פון די יידיש־סאָוועטישע דיכטער, צום תנ״ך איז אויך געווען פאַרבונדן מיט זייער זוכן אַן אויטענטישן סטיל, מיט דער שטרעבונג צו שאַפן אַ יידישן נוסח אין בילד און געדאַנק.

די אוראַלטע תנ״ך־אימאַזשן און סימבאָלן זענען פאַר זיך אַליין, אין אינהאַלט און אין פאָרם, אַן אויספאַרמירטע און פאַרגאַנצטע בילדער־און אידייען־וועלט, זיי העלפן אַנטפּלעקן און באַזינגען דעם העכערן אמת, וואָס די ווירקלעכקייט טראָגט אין זיך. דער העכערער אמת איז דאָס טיפּישע דאָס איבערצייטלעכע, דאָס אין די טיפענישן פון דער רעאַליטעט באַהאַלטענע.

״איך גלייב, — האָט געשריבן לייב קוויטקאָ, — אַז דאָס פּנים פון דעם לעבן און דער וועלט איז נישט דאָס אמתע, ס׳איז אַ פאַרשטעלטס, אַ פאַרשלייערטס. ערגעץ אונטער די חורבות פון יאָרן און צייטן ליגט פאַרוואָרפן טאָקע דער אָריגינאַל, טאָקע דאָס אמתע. אויב דער לעבנס־וואָגן וועט אונדז נישט דערשלעפּן ביזן ״תהום פון פאַרלירער״, און די וועלט וועט זיך דערמאָנען, ווו[2] זי האָט אין

3. תהילים קכז, ד—ה.
4. פּרץ מאַרקיש: געזאַמלטע ווערק, מאָסקווע 1933, באַנד 1 ז׳ 25.

דער וועלט, גלייב איך, — פירט אויס לייב קוויטקאָ, — אַז עמעצער אַ גרויסער וועט באַקומען דעם סוד פון תחית המתים. און ער וועט מיט אַ שם המפורש אַרויסבאַקומען, פון אונטער די שווער־יאַריקע חורבות, דאָס לעבן. דאָס אמתע לעבן. דאָס ראָמאַנטישע, דאָס פֿאַנטאַסטישע"...[5]

די אימאַזשן פון דעם תנ"ך האָבן אַריינגעשטראָמט אין דער יידיש־סאָוועטישער דיכטונג, סיי דירעקט פון דעם ספר הספרים, סיי פון דעם אַלגעמיינעם שפּראַכלעכן פֿאָלקלאָר־שטראָם. די בילדער־וועלט פון דעם תנ"ך האָבן זינט יאַרהונדערטער זיך פֿאַרהיימישט אין יידיש. זיי זענען געוואָרן אַ קענטלעך און וועזנטלעכער באַשטאַנדטייל פון דער שאַבלאָנישער פֿאָלקס־פֿראַזעאָלאָגיע, וואָס האָט זיך איבערגעגעבן מדור לדור און באַפרוכפּערט דעם גייסט פון דער יידישער שפּראַך.

"די יידישע שפּראַך איז שוין אין זיך גופא אַ שטיק יידישע געשיכטע, אַ יידישע טראַדיציע, אַ שטיק יידישער פֿאָלקלאָר — — אַ לעבעדיקער אָרגאַנישער טייל פון ספּעציפיש יידיש פֿאָלקס־שאַפן, פון ספּעציפישע יידישע באַגריפן, טיף פֿאַרוואָרצלטע אין יידישע פֿאָלקס־מנהגים, יידישן אופן פון דענקען און יידישער פֿאָלקס־פּסיכאָלאָגיע".[6]

די דאָזיקע אַטאַוויסטישע קאָנטינויטעט האָט באַפרוכפּערט די יידיש־שאַפער פון סאָוועטרוסלאַנד. זיי האָבן זיך באַנוצט מיט בילדער און אידייען וועגן וועלכע דוד האָפשטיין האָט זיך אויסגעדריקט, "מיט ווונקען, מיט פונקען עס רעדט דאָס תנכ"ל".[7]

עס איז, פֿאַרשטייט זיך, נישט קיין פראַגע בלויז פון פֿאָלקלאָריסטישער פראַזעאָלאָגיע און סעמאַנטיק. עס האַנדלט זיך וועגן דער געפילן־וועלט און דעם געדאַנקען־גאַנג פון אַ גאַנצן דור יידיש־סאָוועטישע דיכטער, וואָס האָבן באַוווסטזיניק זיך ניט אָפּגעריסן פון די טראַדיציאָנעלע יידישע קולטור־ווערטן. זייער וועג איז ניט געווען קיין גרינגער; זיי זענען דערפֿאַר מיט בייסיקער בייזקייט און גרימצאָרן קריטיקירט געוואָרן.

"די בורזשואז־נאַציאָנאַליסטישע שרייבער, האָט געשריבן דער אָרטאָדאָקסאַל סאָוועטישער קריטיקער י. בראָנשטיין, פירן פון לאַנג שוין באַוווסטזיניק אַ ליניע אויף אָנשפּיקעווען אונדזער ליטעראַטור־שפּראַך מיט ביבליש־רעליגיעזע, פּאַטריאַרכאַל בעלי־גופישע, קרעמערישע בית־מדרשדיקע "וואָרט־ווערטן". אין די נאָך אָקטאָבערישע יאָרן, איז די דאָזיקע ליניע געווען אַ גאַנץ בולטע. דערמאָנט זיך האָפשטיינס "וואָרט־ווערטן" גענומען פון דער ביבל. דערמאָנט זיך רעזניקס "כוהנים און דאָס פֿאָלק שטייען אין דער עזרה" (גענומען פון יידיש־רעליגיעזן ריטואל) האָט דען דאָס העברעישע וואָרט "מהומה" נישט געטראָגן אַן אָפּן אַנטי־

5. לייב קוויטקאָ (פּאָעט, 1890 — 1952): בריוו צו משה כאַשטשעוואַצקי, "סאָוועטיש־היימלאַנד" 9, 1965 ז' 142.
6. ל. אָסטראָווסקי (בערגער — ברזילי): "02917", "די גאָלדענע קייט" 32, 1958, ז' 184.
7. דוד האָפשטיין (פּאָעט, איבערזעצער, 1890 — 1952): "געקליבענע ווערק" 1948, ז' 84.

סאָוועטישע פונקציע, ווען עס האָט פאַרביטן דאָס וואָרט רעוואָלוציע. — — — ביז דער לעצטער צייט דראָט די דאַזיקע געפאַר אַ ריי אונדזערע דיכטער — באַזונדערס פיניבערגן, טיילווייז האַלקינען. — — — אין אַ ליד וועגן טראַגישן אומקום פון פּאַליוס־פאַרשער, ראָאַלד אַמונדסען, שרייבט פיניבערג:

אוּן סע ווייסט ניט קיינער
ווו רוען זיינע ביינער...

די דאַזיקע סטראָפע איז גענומען פון דעם ביבלישן מאָטיוו־אַרסענאַל (אַזוי בוכשטעבלעך שרייבט די ביבל וועגן "משה רבינוס" טויט). אַוודאי שטעקט אין אַט די שורות אַ געוויסע טראַגישע פּאַטעטיק, אָבער גלייכצייטיק דראָט זי מיט קלעריקאַלע אַסאָציאַציעס. אין דער קאָנקרעטער יידישער סביבה, ווו די דאַזיקע ביבל־אַסאָציאַציעס זענען אין געוויסע אָפּגעשטאַנענע שיכטן, גאַנץ שטאַרק (שטאַרקער איידער אין דער נישט יידישער סביבה) איז די געפאַר פון די דאַזיקע אַסאָציאַציעס גאַנץ אַקטועל. בפרט נאָך, אַז ביי פיניבערגן איז עס אָן שום ספק אַ דראָענדיקע סיסטעם, וואָס ציט זיך פון זיין אַמאָליקער נאַציאָנאַליסטישער קולטור. און י. בראָנשטיין פירט אויס: — דער סטיכיע פון בית־מדרשדיקער פיקכענדיקער לעקסיק מוז געגעבן ווערן אַן אַנטשיידנעם ווידערשטאַנד".[8]

דער ווידערשטאַנד איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ניט נאָר מען האָט אַנטשיידן גערודפט די שרייבער, וועלכע האָבן זיך באַנוצט מיט בילדער און סימבאָלן פון דעם תנ"ך, נאָר אין לעצטן סך הכל פיל פון זיי אויך גייסטיק און פיזיש פאַרניכטעט.

עס איז באַשטימט אַן אַקט פון גייסטיקער גבורה, וואָס טראָץ אַלע געפאַרן האָבן זיך געפונען דיכטער, וואָס האָבן זיך ניט צוריקגעהאַלטן פון באַנוצן תנ"ך־סימבאָלן און זיך סאָלידאַריזירט מיט דער אידעאָלאָגיע און גייסט פון יידישן אלף בית.

אין אונדזער שריפט אין אַלטן, אין קוואַדראַטן.
האָט מיין געמיט אָט דאָ זיך אויסגעדריקט.
אין יעדן אות איז דאָ אי וויי, אי גליק, —
עס איז מיין לעבן דאָך, ס'איז מיינע טאַטן.

האָט געזונגען משה כאַשטשעוואַצקי.[9]

פון די גלגולים וואָס אייניקע תנ"ך־אימאַזשן האָבן דורכגעמאַכט, ביי פאַר־שיידענע דיכטער אין פאַרשידענע צייטן, קאָן מען אַנצייכענען דעם טראַגישן וועג פון דער דאַזיקער ליטעראַטור. מיר וועלן זיך באַגנוגענען מיט איין ביישפּיל, וועגן דער מעטאַמאָרפאָזע פון דער מעטאַפאָר: הזורעים בדמעה ברנה יקצרו.[11] מיר באַגעגענען אים שוין ביי דעם גרונטלייגער פון דער יידיש־סאָוועטישער דיכטונג, אשר שוואַרצמאַן, אין זיין נביאיש־פּאַטעטישער אָדע צו די יידישע רעוואָלוציאָנערן,

8. יאשע בראָנשטיין (ליטעראַטור — קריטיקער, 1897 — 1938): "שעפערישע פּראָבלעמען פון דער יידישער סאָוועטישער פּאָעזיע", שטערן, מינסק 1935 ז' 171.
9. משה כאַשטשעוואַצקי (פּאָעט, איבערזעצער, (1997 — 1943): "חיים און וועלט" מאָסקווע 1940, ז' 37.
11. תהילים קכו, ה—ו.

אַקטיווע אַנטיילנעמער אין דער אָקטאָבער־איבערקערעניש זינגט ער אַזוי: "זיי גייען כּיתותווייז, ווי רייען פון מלאכים, מיט זיי דער שטאָלצער גייסט — — — דעם נביאס וואָרט האָט אויפגעהויבן זיי פון גריבער און פון זומפּן — — — און וועד מיט טרערן האָט געזייט דעם פעלד פון טויט, דער קערט מיט פרייד צום שניט צום נייעם."[12]

די דאָזיקע האָפערדיקייט און גלויבן האָט אַ געוויסע צייט באַהערשט די ייִדיש־סאָוועטישע דיכטער. נאָך אין 1925 דערקלערט עזרא פיניננבערג: "אונדזער ווייטיק איז פּאַרזייט דאָ, און ס׳מוז אויפגיין אונדזער פרייד דאָ."[13] אַנדערש ניואַנסירט שוין די מעטאָפאָר מיט עטלעכע יאָר שפּעטער ביי שמואל האַלקין. ער קלינגט נישט אַזוי קאַטעגאָריש און נישט אַזוי, פּאָזיטיוו. גיכערשט דריקט ער שוין אויס נאָר אַ חלום און אַ פאַרלאַנג: "זיי ווילן זייען דאָ — שרייבט ש. האַלקין — זיי ווילן פרייען זיך, זיי ווילן קלייבן זאַמען."[14] די ווירקלעכקייט האָט זיך אָבער אַנטוויקלט אַנדערש ווי זיי האָבן געוואָלט און געהאָפט. און זייערע אַנטוישונגען און פּיין האָט מיט אַ באַזונדערער דראַמאַטישער קראַפט אויסגעדריקט פּרץ מאַרקיש, קאַרגע צען יאָר פאַר דער פולשטענדיקער ליקווידאַציע פון דער ייִדישער קולטור אין סאָוועטרוס־לאַנד, און דער פיזישער פאַרניכטונג פון אירע בעסטע בוימער און שעפער: "צי כ׳האָב געזייט, צי כ׳האָב געשניטן — וועד ווערט עס דערמאָנען? / צי אויפגעגאַן עס איז, — האָט עמעץ דען געטראַכט? / נאָר ס׳קומען שאָטנס שוואַרצע שטייער ביי מיר מאָנען, / זיי לאָזן אומבאַמערקט אראָפּ זיך נאַכט נאָך נאַכט, / ווי זיילן רויך געדיכטע פון אַ שריפה — / זיי טרייבן מיך מיט אויסגעשטרעקטע הענט; / נאָר גיט זיי לאָזן מיך אין ערגעץ ניט אַנטלויפן / און ניט זיי לאָזן מיר זיך צוטוליען צו ווענט. / ווי אין באַלאַגערונג באַזעצן זיי זיך אין מיין האַרצן, ווי וואָכערניקעס — נעמען אויס מיט מיר אַ תּנאַי: / פאַר יעדן טראָפּן פרייד, וואָס ערגעץ בלויז מיר דאַכט זיך, זאָל איך זיי צאָלן זיבן מאָל אַזוי פיל פּיין."[15]

די דאָזיקע תּנ״ך־מעטאָפאָר, וועגן וועלכן עס גייט די רייד, טויכט אויף אויפסניי אינעם טרויעריקן עפּילאָג פון זייער טראַגעדיע. אין פאַרשיקונג, אין אַ סיבירער לאַגער, דאַנקט שמואל האַלקין דער השגחה, וואָס אויך אים האָט ניט אויסגעמיטן דער גורל פון די שרייבער "וואָס זענען אָפּ אויף לאַנג אין לאַנד פון שניי און ווייַ און גרוילנדיקן ווינטער / — — (וואָס) זענען אוועק אין קלעם אויף קיינמאָל ווערן אויסגעלייזט, / און אַלע זייערע, די שענסטע בעסטע טואונגען — פאַרשוואַרצט, פאַרמעקט, פאַרעכנט זיי פאַר אלדאָס בייז". / ווייל וואָלט ער, ש. האַלקין, געבליבן אויף דער פריי, וואָלט אים שטענדיק. געפּלאָגט דער געוויסן, זיין מאַרך געזויגן וואָלט אַ שלאַנג: "אַז אפשר, גאָט ווייסט ווו פאַרדאַרבן איז מיין

12. אשר שוואַרצמאַן: "אַלע לידער", מאָסקווע 1944, ז׳ 61.
13. עזרא פיניננבערג (פּאָעט, איבערזעצער, 1899 — 1946): "ליריק", מאָסקווע 1940, ז׳ 134.
15. פּרץ מאַרקיש: "ירושה". בועגאָס־איירעס 1959, ז׳ 20.

גאַנג" און אויך ער האָט געדינט דער סטרא אחרא, געזינדיקט קעגן זיי, קעגן זיך. "און איצט אַ לויב צו גאָט, איך בין באַפרייט דערפון: איך שפּאַן אין יאָך מיט אַלע מיינע פריינט און ברידער, און גרינגער ווערט מיין צער און לינדער איז מיין וויי". דעם דיכטערס איינציקע טרייסט איז די, וואָס ער האָפט און גלויבט אַז די קומענדיקע דורות וועלן די קדושים דערמאָנען צום גוטן; געפינען אַ זכות פאַר זייער לעבן און זייער אומשולדיקן טויט: "און ס'טרעפט — ענדיקט ש. האַלקין זיין ליד — איך זאָג צו זיך אַליין און אויך צו זיי, אַז אונדזער גרויסע בראָך אַמאָל מיר טוט ניט באַנג. ווייל די, וואָס זייען מיט טרערן דעם פאַרזיי — זיי זייען זיך דאָס רעכט צו שניידן מיט געזאַנג".[16]

אויף דעם אָרט לוינט זיך אפשר מאַכן אַ קורצע דיגרעסיע; צי האָבן די דיכטער פאַרגעפילט זייער פאַרשטייענדיקע קאַטאַסטראָפע? מען קאָן מיט פולער זיכערקייט ענטפערן — יאָ! דאָס באַשטעטיקט, חוץ אַלעמען, דער שרעק־מאָטיוו, וואָס שלענגלט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם אין זייער שאַפן. נאָך בשעתו האָט שוין איזי כאַריק געשריבן: עס הילכט דאָ דערשראָקן מיין טראָט אויף דער ערד, טראָג איך זיך אום, און איך בעט זיך — זאָל טאָגן, זאָל טאָגן, זאָל טאָגן: איך קען שוין ניט מער.. און פאַר דעם דיכטער ליפּע רעזניק איז די די שרעק, געהאַנגען שטענדיק ווי אַ פאָכנדיקע שווערד (כחרב המתהפכת): "איז גרויס די שרעק. אַז זיין בין איך געבליבן נאָר אַ ציטעריקער פונק ביי תהום פון שטייגנדיקע טעג, — — — און אויסגעטראַכט איז שוין די פאָכנדיקע שווערד פאַר מיר, פאַר ערשטן איינעם אויף דער וואַקלדיקער ערד. איז גרויס די שרעק".[17]

די שרעק האָט ניט אויסגעמיטן אַפילו איציק פעפער, דער סאמע קאָנסעקווענטער סאָוועטישער פּאַטריאָט צווישן די יידישע פּאָעטן. זי, די שרעק, האָט זיך דערקליבן אויך צו זיינע שוועלן און צעשטערט אויך זיין רו; — "זי לויפט מיר נאָך, שרייבט ער — און זוכט מיך שטילערהייט, אוועקנעמען ביי מיר דאָס קאַפּל גרויע פרייד", — — — "שרעקלעך איז די שרעק, וואָס כאַפּט אַ מענטש און מאַכט פון אים אַ שנעק".[18] אויך ביי איציק פעפער זענען געווען "וועגן וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ וואַלקן" און לידער, וואָס "האָבן געוואָלט ביינאַכט זיך הענגען" און, "דערשראָקענע (יידישע) אותיות וואָס הוידן זיך אויף אַ באַלקן".[19]

די שרעק און דעם פאַרגעפיל פון דער פאַרשטייענדיקער קאַטאַסטראָפע האָט אמשטאַרקסטן אויסגעדריקט דוד האָפשטיין אין אַ ליד געבויט אויף דעם פּסוק אין דניאל: מנא מנא תקל ופרסין.[20]

16. שמואל האַלקין: "מיין אוצר", מאָסקווע 1966, ז' 91—92.
17. ליפּע רעזניק (פּאָעט, דראַמאַטורג, איבערזעצער, 1890 — 1944): "היים", כאַרקאָוו 1929. און פריער אין "סאַמעט", קיעוו 1921, ז' 29.
18. איציק פעפער (פּאָעט, דראַמאַטורג, עסעיסט און רעדאַקטאָר, 1900 — 1952): "שיין און אָפּשיין", מאָסקווע 1946, ז' 95—96.
19. ציטירט לויט "זאַמלביכער" 8 (אָפּאַטאָשו־לייוויק), ניו־יאָרק 1952, ז' 84.
20. דניאל ה, כ"ה.

״אַט איז זי די בײזע שעה, אַט איז זי װידער און בינדט און גליװערט מיר די גלידער... מיך װאַרגט, מיך שטיקט — — — איך װער אין גליװער װי דערװאַרגן, נאָר האָט אַ שטים און ס׳עקבערן צװײ װערטער: דער... נעכטן... רױך, דאַמף, אַ קױל; מיך װאַרפט אין גרױל, אין לעצטן קראַמף. װידער שטיל... אױף דער טױטער װאַנט דער בלײכער, פון די שאָטנס אין די װינקלען, פונעם גאַנצן טונקל, װאָס געװען איז דאָ פאַרבאָרגן, װאַקסט אַ צײכן, װאַקסט אַ פראַגע און צו מיר זיך קערט: מאָרגן? װער?״.[21]

װעגן דער דאָזיקער מערקװירדיקער שאַפונג פון דוד האָפשטײן האָט דער דיכטער יעקב גלאַטשטײן פאַרעפנטלעכט אַ ספּעציעלן מאמר: מיטן נאָמען ״אַ ליד צום געדענקען״. אונטער אַנדערן שרײבט גלאַטשטײן ״מיר זוכן שפּורן פון מאַראַנענטום אין אַ סדר סאָװעטישע יידישע לידער. און מען געפינט זײ נישט צופיל. אָבער אין דעם ליד, װאָס איך ברענג דאָ װײטער װי אַ דאָקומענט — אינגאַנצן, קומט דער ביטערער מצב פון דעם נישט הורא סטאַלין־שרײענדיקן פּאָעט, צום שטאַרקסטן און קלאַרסטן אױסדרוק. אין דעם ליד הערט מען דאָס געװײן אױף דער איזאָלאַציע פון סאָװעטיש־יידישן פּאָעט. — — — ס׳הערן זיך אין דעם ליד די טױט־קױלן פון סטאַלינס גערעכטיקײט. דער פּאָעט האָפשטײן זעט ״די בײזע שעה״, װאָס ״גליװערט די גלידער״. ס׳שרעקט אים, זאָגט ער קלאָר און בפירוש, ״יענעמס שטריק״. און צום סוף די פּאַטאַלע פראַגע: ״מאָרגן? װער?״. סטאַלינס ענטפער איז געקומען, מיט צװעלף — דרײצן יאָר שפּעטער, און דער ענטפער איז געװען — אַלע. די גאַנצע סאָװעטיש־יידישע ליטעראַטור. — — — דאָס ליד, פירט אױס י. גלאַטשטײן, װעט בלײבן װי אַ קלאָרער באַװײז, פון דעם קלעם, װאָס אין אים האָבן זיך גענומען װערגן און שטיקן ערלעכע סאָװעטישע יידישע שרײבער״.[22]

אַ װײסע זילבערנע לבנה, האָט אַמאָל באַמערקט ה. לײװיק, הענגט איבערן הימל פון דער יידישער פּאָעזיע אין ראַטן־רוסלאַנד. אַ װינטערדיקער הימל. קאַלט...[23] װעגן דער קאַלטקײט און װאַכעדיקער גרױקײט קלאָגן אױך די יידיש־סאָװעטישע פּאָעטן. דער אױסערלעכער געשאַל אין זײער שאַפן איז ניט מסוגל געװען צו פאַרטױבן אין גאַנצן זײער אינערלעכע שרעק און אומעט. ״גרױס איז די גרױקײט, — האָט געשריבן דוד האָפשטײן, — װאָס שטױבט זיך אָן אױפהער און פלעכט זיך און שטרײפט זיך אין האָר און אין קנײטשן פון לײב, אין רונצלען אױף אַ שטערן אַ מידן, — — — און אױך אין די טעג אין די ערשטע / װאָס באַלד נאָך געבױרן... / גרױס איז די גרױע געפּענקעניש...״.[24]

און איזי כאַריק לײגט ארײן אין מױל פון זײנע העלדן פאָלגנדיקע רײד:

21. דוד האָפשטײן: ״געקליבענע לידער״, קיעװ 1931, ז׳ 203—209.
22. יעקב גלאַטשטײן: ״אין תוך גענומען״, בוענאָס־אײראַס 1960, ז׳ 317.
23. ה. לײװיק: ״איזי כאַריק״, זאַמלביכער 8, ניו־יאָרק 1952, ז׳ 31.
24. דוד האָפשטײן: ״אין אונדזערע טעג״, קיעװ 1939, ז׳ 129.

עס רוקט זיך אָן אויף אונדז אַ גרויסער אומעט,
אַ גרויע וואַכעדיקייט נעמט אַרומעט,
מיר בלייבן נאַקעטע, מיר בלייבן הוילע,
אַ, גאָט אלמעכטיקער, אַ שמע קולנו!
האָבן שוין אלע פאַרצויגן אַ אומעטיקן ניגן:
— — ניגן — ניגן — ניגן — ניגן — ניגן
הכל הבל — אלץ איז ליגן.[25]

אַ פאַרבאַרגענע שרעק און שטילער אומעט באַגלייט די יידיש־סאָוועטישע דיכטונג פון אירע ערשטע טריט. נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן האָט לייב קוויטקאָ געשריבן אין אַ ליד, פון וועלכער עס הערט זיך ארויס אַן אָפּקלאַנג פון די ווערטער אין תנ״ך: בבוקר תאמר: מי יתן ערב. ובערב תאמר: מי יתן בוקר, מפחד לבבך, אשר תפחד וממראה עינך אשר תראה.[26] אָט ווי דער דאָזיקער מאָטיוו לייענט זיך ביי לייב קוויטקאָ:

צעפּרוירענע וואַרטן מיר אין בייזן טאָג
אויף נאַכט לבנהשער.
אויף לבנה צערטלעכער.
אַנגעשראָקענע וואַרטן מיר אין בייזער נאַכט
אויף טאָג דעם זוניקן
אויף זון דערבארמדיקער.[27]

אויך דער דיכטער זעליק אַקסעלראָד האַלט זיך אין איין קלאָגן איבער דער וואַכעדיקייט, וועגן דעם וואָס זיין לעבן איז אויסגעמישט מיט גרויע פאַרבן, און וואָס צו דער צאַפּלענדיקער וועלט פון די נביאים, געירשנט פון די זיידעס, איז ער געצוווּנגען זיך טוליען נאָר בלחש, פאַרבאַהאַלטענערהייט:

מיין לעבן איז אין ציגל און אין שטיינער אויסגעמישט
פון צפון איינס ביז דרום אויף צום צווייטן...
אַ, לאָזט מיך אַנרירן דאָס האַרץ פון צאַפּלענדיקער נביאות
מיט פינגער אויסגעדאַרט אויף שלאַכט־פעלד פון מיין זיידן [28]

נישט קוקנדיק אויף דער אַרטאָדאָקסאַלער סאָוועטישער קריטיק האָט זעליק אַקסעלראָד געשטריקט זיין ריינעם פּאָעטישן פאָדעם, וואָס ציט זיך ״פון טיפן אור כשדים״:

״ווער קריצט מיט די ציין נאָך אַ זינדיקן טאָג / און געפינט ניט קיין גרענעץ אין רוימען און רוים? / לאָזט, לאָזט זיך פאַרפירן! / — — — שטריקט ווידער די פעדים, שטריקט ווידער און שוין״.[29]

25. איזי כאַריק (פּאָעט, 1898 — 1937): ״פינף פּאָעמעס״, מינסק 1935, ז׳ 192.
26. דברים כח, סז.
27. לייב קוויטקאָ: ״1919״, בערלין 1923.
28. זעליק אַקסעלראָד (פּאָעט, 1904 — 1941): ״צאַפּל״, מינסק 1922, ז׳ 15.
29. זעליק אַקסעלראָד (פּאָעט, 1904 — 1941): ״צאַפּל״, מינסק 1922, ז׳ 5.

פון די תנ״ך־בילדער און ריטמען און דער יידיש־סאָוועטישער דיכטונג קאָן מען אויסגעפינען ווי די דיכטער האָבן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, בנסתר ובנגלה, מרמז געווען אויף זייער יידישן ייחוס, וואָס ציט זיך מקדמומים. דוד האָפשטיין האָט געמאָלדן וועגן זיך בקול רם: ״איך בין אַ ייד! / כ׳דערקלער עס לאַנג אָן ציטער, / — — — איך בין אַ פעסטער פאָדעם אין דער שנור, / וואָס ציט זיך פון נביאים און פּאָעטן, / אַ פאָדעם אין דער יידישער קולטור, / וואָס איז געוועבט אין לאַנד פון די סאָוועטן.״[30] / — אויך פּרץ מאַרקיש האָט דערקלערט; ״פון די אַלטע פאַסטעכער, וואָס פלעגן עסן פּאַרמעט און מגילות אין די היילן, גלייך ווי ברויט, האָב איך געירשנט זיסע לאַסטן פון געזאַנג״. פּרץ מאַרקיש, וואָס האָט, אין זיין באַרימטער פּאָגראָם־פּאָעמע ״די קופּע״, מיט פאַרביטערונג צוריק געוואָרפן דעם באַרג סיני די עשרת הדברות, האָט אין מינוטן פון ישוב הדעת פייערלעך געמאָלדן:

יאָ — יאָ, מיין קאָפּ געווען אַמאָל איז — דעם באַרג סיניס...
דער מדבּרס — מיינע טריט פון אומגיין און פון בלאָנדזען — — —
נאָר ס׳ברענט דער דאָרשט, און ווייט פון שוימען און פון צין איז,
איז מיט מיין שטערנס מזרחדיקער בלאַנד־שיין
דיין טאָג איך זין אויס — — —
אַ טרונק אים אויסשלאָגן וועל איך ביי שטיינער פון מיין
האַרצן — — —
יאָ — יאָ, מיין קאָפּ געווען אַמאָל איז דעם באַרג סיני׳ס![31]

אויב נאָכגיין די שפּורן פון די תנ״ך־אימאַזשן אין דער יידיש־סאָוועטישער דיכטונג קאָן מען דערגיין ביז בראשית, ביז בריאות העולם. ״איך זע זיך מיט טויזנטער יאָרן צוריק, / האָט געשריבן דער דיכטער שמואל ראָסין, — מיין אָנהייב — אין שווונג פון אין סופן / — — אויף שפּיגל פון וואַסער געשוועבט האָט מיין בליק, / זיך פּנים אל פּנים מיט אור־זיין געטראָפן. / אַרום האָט אַ הערלעכע שטילקייט געהערשט אין תוהו ובוהו פון ווערן, / און איך האָב דעם דונער דעם ערשטן דערהערט / ליכטיק זאָל ווערן! / פון דאָרטן מיין בענקשאַפט מיין פּרוכט־באַרע גייט, / פון יענעם שווייגן...[32]

די תנ״ך־ריטמען און בילדער זענען פאַר די יידיש־סאָוועטישע דיכטער געווען די פאַרבינד־פעדים מיט אַ צווייטער אידעאַלער וועלט. צוזאַמען מיט די לשון קודש־ווערטער און מעטאַפאָרן האָט אין זייער וואַכעדיקן שטאָף אַריינגעשטראָמט ניט ווייניק רוח הקודש.

די דאָזיקע יידישע, עטיש־עסטעטישע ליניע, וואָס איז פאַרוואָרצלט אין

30. דוד האָפשטיין: לידער (פון עזבון), ״סאָוועטיש היימלאַנד״ 6, 1962, ז׳ 6.
31. פּרץ מאַרקיש: ״סתם״, קיעוו 1921, ז׳ 77.
32. שמואל ראָסין (פּאָעט, 1890 — 1941): ״ביי דער אָזערא סעוואַן״, ״סאָוועטיש היימלאַנד 2, 1967 ז׳ 17.

דער טיף פון דורות קאָן מען געפינען ביי אַ סך יידיש־סאָוועטישע דיכטער. אַפילו ביי איציק פעפער, וואָס איז מער פון אַנדערע געווען אין "קאָנטאַקט" מיט דער גענעראַלער ליניע פון דעם באָלשעוויסטישער פאַרטיי. זיין ראָמאַנטיש־העראָישע פאָעמע "שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ", איז דורכגעדרונגען מיט ביבלישער סימבאָליק. אין דעם געשטאַלט פון דעם וואַרשעווער יינגל, דער לירישער העלד פון דער פאָעמע, האָט איציק פעפער אַריינגעלייגט אַ סך פון זיין אייגענער שטימונג און וועלט־געפיל. אויף דער פראַגע, וואָס האָט געמוטיקט און ווער האָט באַפליגלט דאָס יינגל פון געטאָ צו זיין פיזישער און גייסטיקער גבורה, האָבן מיר פעפערס צוויי תשובות. איינע, אין דעם נוסח פון דער פאָעמע וואָס איז געדרוקט אין מאָסקווע, און אַ צווייטן נוסח אין דער אויסגאַבע וואָס איז דערשינען אין ניו־יאָרק. און עס איז כדאי גלויבן מיר, אנטקעגן צו שטעלןביידע נוסחאות.

נוסח מאָסקווע:

ווער האָט אים באַפליגלט? די שטאָלצע ירושה
פון זיידן דעם שוסטער, דעם וואַרשעווער יידן,
וואָס האָט זיין חריפות אין שטרייקן געשליפן?
די מומעס די שטילע? די פעטערס די שמידן?
די פויגלען, וואָס האָבן אויף לופטיקע שיפן
געבראַכט אים דעם שווונג און דעם ריח פון פליגל?
צו אפשר דער טאַטע — דער מילנער דער פרייער,
וואָס מ'האָט אויף די פליגל פון מיל דער געטרייער
געהאַנגען — ער זאָל ווי אַ פויגל זיך וויגן...
צי זענען די פליגל אין איינער אַ נאַכט גאַר
פון רוסישע שנייען דעם יינגל געבראַכט גאָר
און זיינען געשליפן פון טייערסטע שטאָפן,
פון שטאָפן, וואָס ווערן געבוירן אויף צפון? [55]*

נוסח ניו־יאָרק:

ווער האָט אים באַפליגלט, דאָס יינגל פון געטאָ — — —
די טויב נאָכן מבול?
צי אפשר געשענקט האָט אים פליגל דער מלאך,
וואָס איז צו אַברהם אָבינו געקומען
און האָט אים געבענטשט פאַר זיין שטענדיקער גרייטקייט?
צי אפשר געהערן די פליגל צו יענעם,
וואָס האָט אין זיין גנעדיקייט משה רבינו

33. איציק פעפער: "שיין און אָפּשיין" מאָסקווע 1946, ז' 213.

געלינדערט דעם טויט מיט אַ קוש, מיט אַ שטילן ?
די שטענדיקע גרייטקייט ? די קראַפט און דער ווילן ?
וואָס זיינען די פליגל ? דער קוש יענער ריינער ?
צי זיינען די פליגל אין איינער אַ נאַכט גאָר
— — — — — — — —
פון רוסישע שנייען דעם יינגל געבראַכט גאָר.
ווער האָט אים באַפליגלט ? [34]

דער אונטערשייד צווישןביידע נוסחאות איז אַ בולטער. דער ערשטער, דער מאָסקווער, וואַריאַנט, איז פאָלקלאָריסטיש שטייגעריש, די פעטערס די שמידן, דער זיידע דער שוסטער, דער טאַטע דער מילנער. דער מאָסקווער נוסח איז באַגרענעצט אויך אין צייט און אָרט. די שטאָפּן פון צפון, די רוסישע שנייען וכדומה. בעת דער צווייטער ניו־יאָרקער וואַריאַנט איז באַפליגלט פון אַ יידישער גייסטיקייט. פאַראַן אין אים אויך מיסטיש רעליגיעזע רמזים און איז אינגאַנצן איינגעהילט מיט אַן אוראַלטער תנכישער בילדערישקייט.

די תנ״ך־בילדער און סימבאָליק באַזינען און פאַרטיפערן דעם רעאַל געשיכט־לעכן שטאָף אין דער יידיש־סאָוועטישער דיכטונג ; הייבט זי אַרויס פון דער האָריזאָנטאַלער ערדישקייט צו ווערטיקאַלע הימלישע הייכן און באַפרייט זי פון דער היסטאָרישער איינזאַמקייט אויף וועלכער דוד בערגעלסאָן האָט בשעתו אָנגעוויזן.[35]

אין פאַרשידענע צייטן האָבן די שרייבער אויף פאַרשיידענע אופנים אויסגענוצט בילדער און סימבאָלן פון תנ״ך. אין די צוואַנציקער יאָרן דאָמינירט די נביאישע פּאַטעטיק און וואָרזאַגערישקייט. אין די דרייסיקער — ווערן זיי אויסגענוצט ווי שטאָף פאַר גראָטעסק און סאַטירע (פּרץ מאַרקיש : ״דעם בעלעגופס טויט״, איזי כאַריק : ״קיילעכדיקע וואָכן״).

תנ״ך־אַסאָציאַציעס און בילדער זענען אויך אויסגענוצט געוואָרן ביים שאַפן אַ באַשטימטע ראָמאַנטישע אַטמאָספער אַרום דעם ענין ביראָבידזשאַן. (עמנואל קאַזאַקעוויטש : ״שלום און חוה״).

מאַנכעס מאָל חזרט זיך איבער די אַלטע מעשה בלעם. אַנשטאָט פאַרלוימדן בענטשט מען. וואָס עכטער און ערלעכער דער שרייבער, אַלץ מער זיגט אין אים דער קינסטלער. און ער שאַפט ווערק פון אַ דויערדיקן נאַציאָנאַלן ווערט.

באַזונדערס האָבן די יידיש־סאָוועטישע פּאָעטן זיך אַ קער געטאָן צום תנ״ך בעת די טראַגישע געשעענישן אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ״דער לעצטער אויפשטענדלער״, פון פּרץ מאַרקישעס עפּאָפּייע ״מלחמה״, דערזעט אין די פלאַמען פון ברענעדיקן געטאָ די זיך קאַרטשנדיקע בלעטער פון תנ״ך —

34. איציק פעפער : ״שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ, ניו־יאָרק 1945, ז׳ 75.
35. דוד בערגעלסאָן: ראָמאַניסט און דראַמאַטורג, (1884 — 1952): ״דיכטונג און געזעלשאַפט״, ״רויטע וועלט״ נומ. 4—5, קיעוו 1919.

ווי אַ סימבאָל פון דעם פאָלקס אומשטערבלעכקייט. ״געקאָרטשעט האָבן זיך די בלעטער פון תנ״ך, / די טעקסטן האָבן זיך ווי פאַנצערס מעשענע געבויגן, / זיך אויף צעראָלטע פייערן געטאָן אַ שטעמפּל אָפּ / מיט יעדן אות, ווי אַ לעבעדיקער זיגל ? / — — — דאָ זענען אַלע, ביז די אבות פון דער וועלט. / דאָס פייער וויקלט זיך — אַ וואַליק נאָך אַ וואַליק, / און ס׳קלאַפּט נאָך אַלץ צום כסא־הכבודס שוועל / ״די שחיטה שטאָט״ פון חיים־נחמן ביאַליק.[36]

דער גרויסער פאָלקס־חורבן האָט געבראַכט דערצו אַז די יידיש־סאָוועטישע פּאָעטן האָבן שוין גאַנץ אָפן און דרייסט אַנטפּלעקט זייער שותפותדיקייט מיט דעם אַלגעמיינעם פאָלקס־גורל, און זיך באַמיט דערגרונטעוועז צו זיינע אייביקע נאַציאָנאַלע קאַטעגאָריעס. ווי זיי ווענדן זיך אַלץ מער צום פאָלקס זכרון, וואָס איז דער אייביקער קוואַל פון נאַציאָנאַלער שאַפערישקייט: ״איך בלעטער איצט, — דערציילט ליפע רעזניק, — נאָכאַמאָל אַלטע פאַרגעסענע בלעטער / און מיש אויף דעם רום פון מיין פאָלק און זיין פיין און זיין צאָרן. / איצט וויל איך ניט גאָרניט פאַרגעסן — איך וועק דעם זכרון, / פאַרגאַנגענע צייטן מיט בלוט און מיט טרערן געזעטיקט״ / [36*].

די תנ״ך־אימאַזשן זענען ביי די יידיש־סאָוועטישע דיכטער ניט געווען קיין סתם דעקאָראַטיווע אַפּליקאַציעס, נאָר אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל אין דער בילדע־רישער געדאַנקלעכקייט פון זייער שאַפן. יעדער דיכטער נוצט זיי אין הסכם מיט זיין דיכטערישן וועלט־געפיל און שאַפערישן מהות. דוד האָפשטיין וואָס האָט אויף אַ ריין פילאָזאָפישן אופן געלייטערט די אור־געשטאַלטן פון אונדזער פאַרגאַנגענ־הייט, ביי אים איז דער תנ״ך: אימאַזש פילאָזאָפיש־אַפאָריסטיש, ביי פרץ מאַרקישן שטרייכן זיי נאָך מער אונטער דעם פּאַטעטישן עקסטאַז פון זיין דיכטונג. ביי שמואל ראָסין דריקן די תנ״ך־אימאַזשן אויס אינטים־מענטשלעכע איבערלעבענישן און ביי שמואל האַלקין — עמאָציאָנעלע געדאַנקלעכקייט. ליפע רעזניק און עזרא פיניננבערג האָבן אַ צייט געהערט צו דער סימבאָלישער שול אין דער יידישער ליטעראַטור פון ראַטנרוסלאַנד. פאַר רעזניקן איז כאַראַקטעריסטיש — טרוים און סימבאָל, פאַר פיניננבערגן — טרוים און ראָמאַנטיק. באַקומען זיך די תנ״ך אימאַזשן ביי ליפע רעזניק ווי סימבאָלישע אַלעגאָריעס און ביי עזרא פיניננבערג ראָמאַנטישע היפּערבאָלן. ביכלל פּילט זיך אין דעם אַלגעמיינעם שפּראַך־ריטם פון די דערמאָנטע דיכטער דער רעטשיטאַטיוו פון דעם תנ״ך.

*

36. פרץ מאַרקיש: ״מלחמה״, ניו־יאָרק 1956, ז׳ 518.

36*. ליפע רעזניק: ״מאָנען און צאָלן״, ״צום זיג״, מאָסקווע, 1944.

א. רוט

קריטישע פאַרצייכענונגען

1. ״בית נחמן מייזיל״

דאָס איז אַ נאָמען פון אַ ״פאַרלאַג״, און די רעזידענץ פון דעם ״פאַרלאַג״ איז קיבוץ אלונים, ווו ס׳האָט געוווינט נאָך זיין עליה קיין ישראל דער באַוווסטער ליטעראַטור־פאַרשער, ליטעראַטור־קריטיקער און אייביק־פאַרליבטער אין יידישן וואָרט — נחמן מייזיל.

די אויפגאַבן, וועלכע דער ״פאַרלאַג״ שטעלט זיך, זענען ביז גאָר באַשיידן: — אַרויסגעבן פון צייט־צו־צייט אַ קריטישע אַרבעט פון נחמן מייזיל, וועלכע איז דערשינען מיט צענדילקער יאָרן צוריק — לזכרון פון נחמן מייזיל, פון דעם שרייבער, וועגן וועלכן נחמן מייזיל שרייבט, און פון דער קריטישער אַרבעט גופא, וועלכע געפינט זיך שוין אויף דער שוועל פון שיכחה. און אַרויסגעבן מיט פּיעטעט צו אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו דער אָפּהאַנדלונג — צו דער אָרטאָגראַפיע, צו דער איכות און פאַרב פון פּאַפּיר, און אויף וויפל ס׳איז אַ פאַטאָקאָפּיע, במילא אויך צו די גרייזן... אַלץ צוזאַמען שאַפט אַ ווערטפולן היסטאָריש־ליטעראַרישן דאָקומענט, וועלכער סטימולירט אַ טיפע עמאָציאָנעלע איבערלעבונג, ספּעציעל ביי די, וועלכע האָבן אַליין מיטגעמאַכט יענע שטורעמדיקע פרילינג־צייט אין דער יידישער ליטעראַטור, פול מיט חלומות און האָפענונגען.

אַבער דאָס איז נישט די איינציקע ווערט פון די אויסגאַבן. די צייט האָט גאָרנישט געמינערט פון זייער פיל פון נחמן מייזילס ליטעראַרישע אַרבעטן. פאַרקערט, זי האָט זיי, ווי אויסגעשטאַנענעם גוטן וויין, צוגעגעבן אַ באַזונדערן אַראָמאַט און געשמאַק —

״אין שטוב ביי זיי, ביי די הורוויצעס, הערשט אַ שטענדיק שטילע, איינגעהאַלטענע שטימונג פון בין־השמשות־צייט, פון זונען־אונטערגאַנג. עפּעס איז געווען, וואָס האָט אַמאָל, נישט לאַנג, אַזוי געלויכטן, אַזוי געוואָרימט, איצט איז דאָס עפּיס שוין פאַריבער, פערגאַנגען, און עס איז געבליבן נאָך הייגען אין דער לופט דער שוואַכער אָפּגלאַנץ פון דער שיין און די ביינקשאַפט פון אַוועגעהענדיגעס און אויסגעהענדיגעס. הערשט דאָרט אין שטוב אַ שטילקייט, נישט מ׳קען דאָרט הילכיג ריידן און נישט ס׳איז מעגליך דאָרט אַ שטאַרקען טראָט געבען״...

אַזעלכע אדעקוואַט־געשילדערטע, סינטעטישע כאַראַקטעריסטיקעס פון הייזער, משפחות און מענטשן, דורכגעפלאָכטן מיט ביז גאָר טרעפלעכע געדאַנקען וועגן ליטעראַטור און שרייבער פולן אויס ביידע אַרטיקלען פון נחמן מייזיל וועגן ״אַרום

וואָקזאַל" און "נאָך אַלעמען" פון דוד בערגעלסאָן, ווען עס איז געווידמעט דאָס היי־יעריקע ביכל "אַנהייבן" פון "בית נחמן מייזיל".

כ'האָב אַרויסגענומען איין צופעליקן זאַץ, אָבער ווען מען לייענט זיך אַריין אין דער גאַנצקייט בכובד־ראש און נישט מיט קיין פּאַרויסיקער איינשטעלונג, ווערט מען באַוווירקט זייער שטאַרק פון דער פּשטות, לאַגישן אַנאַליז און בילדלעכער שילדערונג, וועלכע איז אונדז נישט בלויז מסביר דאָס ווערק, נאָר באַהעפט אונדז מיט זיין אינהאַלט געפילמעסיק, אוממיטלבאַר. נחמן מייזילס ליטעראַטור־קריטישע אַרבעטן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער באַהאַוונטקייט, וועלכע איז אים געקומען פון זיין אויסערגעוויינלעכן זכרון. אָבער דאָס מערקווירדיקסטע אין זיי איז די זעלטענע פּאַרליבטקייט אין דער יידישער ליטעראַטור און אין אירע שעפער, וועלכע האָט גורם געווען זיין אַנפּניותדיקע פאַרשטענדעניש און ערלעכע אָביעקטיוויטעט לגבי אַלע שרייבער, אומאָפּהענגיק פון זייער גרזעלשאַפטלעכער איינשטעלונג און פערזענלעכן כאַראַקטער. אין די נאָר־וואָס דערשינענע "אַנהייבן" דערציילט דבורה כאַראַל, אַז ווען מייזיל האָט זיך באַפריינדעט מיט בערגעלסאָנען נאָך אַלס גאָר יונגע יינגלעך, האָט מייזיל פּאַרטרויט בערגעלסאָנען, אַז דאָס טייערסטע אין זיין לעבן איז ליטעראַטור. דאָס זענען נישט געווען קיין ווערטער סתם, נאָר אַ ווידוי פּזון אַ טיף אינטים געפיל, וואָס האָט מייזילן נישט פּאַרלאָזט זיין גאַנץ לעבן — וואָס ער זאָל נישט האָבן געשריבן און וועגן וועמען.

צי קאָן דעריבער זיין נאָך אַ שענערער אָנדענק פאַר אַזאַ אייביק־פאַרליבטן אין יידישן וואָרט און אויך אומדערמידלעכן שעפער פון יידישן וואָרט, ווי די דאָזיקע אָפּגעהיטענע און ריינדיקע אין זייער פאָרם אויסגאַבן פון "בית נחמן מייזיל"?

אין די צוויי אָפּהאַנדלונגען וועגן דוד בערגעלסאָן, וועלכע זענען פאַרעפנטלעכט אין די "אַנהייבן" איז צו באַוווּנדערן, ווי אַזוי מייזיל האָט שוין אין זיינע ערשטע פאַרש־אַרבעטן וועגן בערגעלסאָנען, וועלכע זענען געווען זיינע ערשטע ליטעראַרישע שאַפונגען בכלל, אַזוי טרעפלעך אויפגעכאַפּט דאָס באַזונדערע און אייגנאַרטיקע, מיט וועלכע דער יונגער בערגעלסאָן איז באַלד פון אָנהייב געקומען, ווי אַ מייסטער און שעפער פון גאָר אַ נייעם נוסח אין דער יידישער ליטעראַטור.

כ'וויל דערביי באַמערקן, אַז די ווערט פון אַ נייעם נוסח באַשטייט נישט אין אים גופא, ווי אַריגינעל ער זאָל נישט זיין. אויב ער קומט נישט אַרויס נויטוועודיק פון דעם קלימאַט און פון דער אַטמאָספער פון זיין צייט און סביבה, טראָגט ער אויף זיך דעם חותם פון געקינסטלטקייט און צוגעטראַכטקייט — די צוויי אַנטיפּאָדן און אַפילו שונאים פון קונסט אין אַלע צייטן. דער נס פון קונסט און איר אַנטפּלעקעריי־שער כאַראַקטער באַשטייט אין דעם, וואָס וויינקסטנס דער סאַמע ערשטער מאָמענט פון איר געבוירן פאַרמאָגט אין זיך דעם בליציקן פונק פון ספּאָנטאַניטעט.

דער נייער אינטימער נוסח פון בערגעלסאָנס שאַפן, זיין קאָמפּליצירט־פּסיכאָלאָגישער אינהאַלט און האַרבסטיק־בין־השמשותדיקע אַטמאָספער האָבן אַנטשפּראָכן דעם לעבן פון זיינע העלדן, זייער סביבה און געמיט.

און דאָס קומט אַרויס בולט שוין אין די ערשטע אַרבעטן פון נחמן מייזיל וועגן בערגעלסאָנען, וועלכן ער שטעלט פאָר, ווי אַ נייעם טאַלאַנט, ״וואָס האָט מיט אַ מאָל געבראַכט זייער פיל״ און ער זאָגט אים פאָרויס, אַז זיין ״אָרום וואָקזאַל״ וועט ״פאַרנעמען אַ שעהנעם אָרט אין דערוויל נאָך שיטערע רייהען פון טאַלאַנטפאָלע ווערק אין אונדזער ליטעראַטור און וועט זיך רעכענען ביי אונז איינע פון די אַנגעזעהענסטע ביכער״.

אין דער צייט, ווען אַנגעזעענע פאַרלאַגן האָבן אָפּגעזאָגט צו דרוקן אַזעלכע ערשטע שאַפונגען פון בערגעלסאָנען, ווי ״אַרום וואָקזאַל״, ״דער טויבער״ א.א., וועלכע זענען שפּעטער געוואָרן פערל אין אוצר פון דער יידישער ליטעראַטור, האָבן די אַרטיקלען פון נחמן מייזיל וועגן בערגעלסאָנען אין סאַמע אָנהייב פון זיין שעפע־רישער קאַריערע באַוויזן זיין טיפע פאַרשטענדעניש און אונטויציע פאַרן עכטן קינסטלערישן וואָרט אין זיין נייסטער מאָדערנסטער פאָרם.

2. ״מיט פאַרבאָטענעם בלייער״ פון מאָטל סאַקציער

דאָס זענען לידער וועגן פאַרשידענע פסיכישע איבערלעבונגען אין אַ סאָוועטישן לאַגער, ווי דערשלאָגנקייט, אַנטוישונג, הילפסלאָזיקייט, איינזאַמקייט און בענקשאַפט, פאַרבונדן מיט האָפענונגען און אומאויפהערלעכע חלומות אויף דער וואָר פון אַ שטאַרקער פלאַסטישער, לעבעדיקער און וויזועלער קראַפט. סאַקציער דערציילט אין זיין דיכטונג וועגן אַלץ, וואָס ער זעט, הערט און איבערלעבט אין דעם לאַגער, אָן פלוצימדיקע איבערראַשנדיקע אימאַזשן, נאָר מיט אַ רירנדיקער פשטות און האַרציקייט. באַזונדערס — אין די לידער, וועלכע זענען געווידמעט זיין האַרצנס־געליבטער און אין וועלכע די עפּישע פלאַסטישע שילדערונגען פון ראָ־מאַנטישן אַמאָל און ביטערן היינט זענען דורכגענומען פון אַ שטיל און פאַרקלעמט ליריש געפיל. יעדעס פון די לידער איז ווי אַ שמאָל סטעזשקעלע צווישן אַ ווילדן טונקעלן וואַלד־געפלאָנטער. נאָר באַלויכטן פון אינעווייניק פון אַזאַ לויטער נשמה־ליכט, וואָס פאַרוואַנדלט עס אין אַ כישוף־טייכל פול מיט שיין. און אַלע צוזאַמען זענען ווי אַ שיר־השירים, אויסגעזונגען אין אַ לייבן גרוב. אפשר טאַקע דערפאַר קומט אויף אין זיי בולט, נישט געקוקט אויף זייער אינטימען כאַראַקטער, די אַט־מאָספער, דער קאָליר און דער ריטעם פון דעם אָרט, וואָס איז די אייגנטלעכע טעמע פון דעם בוך. מיט טיפן טרויער און בענקשאַפט זענען אַרומגענומען אין זיי אַלע זכרונות וועגן דער צוגערויבטער פון אים היים, אָבער אויך מיט האָפענונג און גלויבן, וועלכע שאַפן אין אים די קראַפט פון אויסדויער. די היים מיט די נאָענטסטע און ליבסטע אין איר איז דער קוואַל פון דיכטערס פיין און בטחון גליייכצייטיק.

אויסער די אוממיטלבאַרע לירישע לידער, זענען אין דעם בוך פאַראַן פיל דערציילערישע און שילדערדיקע לידער, וועלכע גיבן איבער שטימונגען און פאַ־סירונגען פון מחברס לעבן פול מיט פחדים ערב דעם אַרעסט און נאָך אים. די

דאַזיקע לידער זענען זייער קרוביש דער יידישער פאָלקסטימלעכער ליטעראַטור — סיי איר עמאָציענעל־שטייגערישן שטראָם, סיי איר מאַראַליזירנדיק־דערציערישן. עס פילט זיך אין זיי אויך דאָ און דאָרט השפעות פון טעאַטראַלן ליד, וואָס האָט פאַרנומען און פאַרנעמט נאָך ביז היינט זיין באַזונדער אָרט. זיי אַלע זענען אַנזעעוודיק אין דער דיכטונג פון מ. סאַקציערן, אָבער זיי זענען צווישן זיך דיכטעריש נישט צעקריגט, נאָר טרעטן אויף האַרמאָניש, אַריינטראָגנדיק אין דעם בוך אַ לעבעדיקע פאַרשידנאַרטיקייט.

אין פיל ערטער דערגרייכט דער דיכטער אַ געפרעסטע צילגעוווּנדקייט און עכטע אייגנאַרטיקע בילדערישקייט, וועלכע גיט איבער אַדעקוואַט סיי דעם אָביעקטיוון צושטאַנד, סיי זיין סוביעקטיוון געמיט־צושטאַנד, ווי:

„מיט אַ מאָל האָט אַלצדינג זיך פאַרענדיקט.
אַ קורצשלוס —
און חושך איז אַרום;"

אַדער:

„איך וואַרף אַראָפּ פון זיך
די טרוימערלאַסט און צו דער שיין איך קריך,
ווי פון אַ בונקער, פון זיך אַליין אַרויס,
פון דער פאַרטייונג, — — —"

און צענדליקער ענלעכע.

אָבער דער צוריקקער צו דער פרייהייט, צו די נאָענטע און ליבע, קאָן דעם דיכטער דאָך נישט ברענגען די געהאָפטע רו. עס מאַטערט אים אַ פראַגע:

„ווען פאַרשוועכט
עס איז געווען דער מענטש,
ווען ער געלעגן
איז אין פענט געבונדן ווי אַ לאָם,
צונויפגעדרייט אין פיין, אין אַנגסנקראַם — —
פאַר וואָס האָט דאַן דאַן אויף באַרג
קיין נביא נישט אויפגעשטיגן
און ניט אַ שמיץ געטאָן
זיין קללה ווי אַ פלאַם?
ווו איז ער געווען?
פאַר וואָס האָט ער געשוויגן?

אַ באַזונדער אָרט אין דעם בוך פאַרנעמט די פּאָעמע „צום אָנדענק פון משה בראַדערזאָן", מיט וועלכן דער דיכטער איז געווען צוזאַמען אין לאַגער. דעם פאָרטרעט פון אָריגינעלן און אינטערעסאַנטן פּאָעט שילדערט סאַקציער לעבעדיק, דורכדרינגלעך, מיט אַ סך ליבשאַפט און אַ סך פאַרערונג און גלייכצייטיק אויך מיט הומאָר און קלאָרזעעוודיק:

„נישט מיט קויל מיט ווייכן / זיין פאָרטרעט איך צייכן. / ניט מיט פעדער

דינעם, / אייל / אַדער הואש . . . — / איך טונק מיין פענדזל אין גראַ־אש / פון צער וואָס טיף זיך איינגעזויגן / האָט ער אין זיין האַרץ, / אין זיינע אויגן / און פאַרשטעלט מיר זייער ליכט״ . . .

דאָס גראַ־אַש פון די סטאַלינישע פלאַמען האָט אויסגעלאָשן און פאַרשטעלט דאָס ליכט פון מיליאָנען אויגן. ״מיט פאַרבאַטענעם בלייער״ פון מ. סאַקציער איז אַ טרויעריק און וויטיקלעך געזאַנג פון אַ מענטשן, וועלכער האָט דעם גיהנום אַליין דורכגעמאַכט.

*

לזכרון די שרייבער-קדושים

איבער גאַנץ ישראל קומען נאָך אַלץ פאָר טרויער־אַקאַדעמיעס און הזכרה פאַרזאַמלונגען צו דער 25טער יאָרצייט זינט די סאָוועטישע הענקער האָבן אומגעבראַכט די גרונט־שעפער פון דער יידישער קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אויך די פרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע פון דער מדינה האָבן ברייט אָפגעמערקט די דאָזיקע דאַטע. אין די פילצאָליקע ראַדיאָ־און טעלעוויזיע־פראָגראַמען האָבן אָנטייל גענומען די לעבעדיקע עדות פון יענעם גרויסן בראָך פון אונדזער קולטור — די משפחה־מיטגלידער פון שלמה מיכאָעלס, בנימין זוסקין, פרץ מאַרקיש, דוד בערגעלסאָן, דוד האָפשטיין. ווי אויך שרייבער עולים פון ס״פ.

מיר פאַרצייכענען דאָ בלויז אייניקע פון די שוין פאָרגעקומענע אָוונטן לזכר די אומגעבראַכטע שרייבער און קולטור־טוער:

אַן אָוונט צום אָנדענק פון די יידישע אינטעלעקטואַלן אומגעבראַכטע 25 יאָר צוריק אין סאָוועטן־פאַרבאַנד

תל־אביב 8 (איטים) — מאַנטיק אין אָוונט איז אין דער געביידע פון ״בני־ברית״ אין תל־אביב פאָרגעקומען אַן אָוונט געווידמעט דעם אָנדענק פון די יידישע אינטעלעקטועלן, אומגעבראַכטע צוריק מיט 25 יאָר דעם 12טן אויגוסט 1952.

דער אָוונט איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער פאַראייניקונג פון עולים פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד, דער ביוראָ פון ״שלח את עמי״ ביי דער ישראל־לאָזשע פון ״בני ברית״, דעם געזעלשאַפטלעכן ראָט צום שוץ פון די יידן אין פ.ס.ר.ר. און דעם קאָמיטעט צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די צעשאָסענע שרייבער.

אויפן אָוונט זענען בייגעווען ביי 250 מענטשן. צווישן זיי קרובים פון די אומגעבראַכטע שרייבער.

מיט רעדעס און זכרונות זענען אַרויסגעטראָטן דער געוועזענער אַמבאַסאַדאָר פון ישראל אין פ.ס.ס.ר. אריה אריאל, יהושע גילבוע, שמעון מאַרקיש, דער דיכטער יוסף קערלער און אַנדערע.

יהושע גילבוע האָט געזאָגט, אַז דער מאָרד איבער די שרייבער איז געווען בלויז אַ רינג אין דער לאַנגער קייט פון יידן־רדיפות אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דער

12טער אויגוסט 1952 איז אַ סימבאָל פֿאַר דער ליקווידאַציע פֿון דער יידיש־און עברית־קולטור אין ס״פ, אַ סימבאָל פֿון דער ציניזשער באַציונג מצד סאָוועטישע מאַכטהאַבער צו דער ווידעראויפלעבונג פֿון יידישן פֿאָלק.
אויפֿן אָוונט האָט מען ביי אָנגעצונדענע יאָרצייט־ליכט געלייענט פֿראַגמענטן פֿון ווערק פֿון די געהרגעטע שרייבער.

אין יידישן שרייבער־פֿאַראיין פֿון ישראל

מוצא שבת, דעם 13טן אויגוסט איז אין תל־אביבער מוזיי־אודיטאָריום פֿאַרגעקומען אַן אָנדענק־־אַקאַדעמיע אונטער דער פֿאָרזיצערשאַפֿט פֿון **מרדכי צאַנין**.
מיט איינדרוקספֿולע ווערטער זענען אַרויסגעטראָטן **אריה דולטשין** — דער פֿינאַנץ־לייטער פֿון דער יידישער אַגענץ, דער דיכטער **אברהם סוצקעווער** און דער ליטעראַטור־פֿאָרשער **לייזער פּאָדריאַטשיק**, **רפאל בש** — דער פֿאָרזיצער פֿון קולטור־אָפּטייל ביי דער הסתדרות, ד״ר **בערל פרימער**, קולטור־דירעקטאָר פֿון מועצת פועלי תל־אביב—יפו.
אַ גרויסן רושם האָבן איבערגעלאָזט די זכרונות פֿון **פייגע האָפּשטיין**, די פרוי פֿון אומגעבראַכטן גרויסן יידישן דיכטער.
די דיכטער, נייע עולים פֿון ס״פ — **הירש אָשעראָוויטש, חיים מאַלטינסקי** און **מאָטל סאַקציער** האָבן געלייענט זייערע ווערק געווידמעט די אומגעבראַכטע שרייבער.
לידער אויף די טעקסטן פֿון די דיכטער־קדושים האָט געזונגען **נחמה ליפשיץ**.
מיט רעציטאַציעס איז אויפֿגעטראָטן **הערץ גראָסבאַרד**.

וויסנשאַפֿטלעכע סעסיע געווידמעט דעם אָנדענק פֿון די פֿאַרשניטענע שרייבער

דאָנערשטיק כ״ז מנחם אָב (11 אויגוסט 1977) איז אין ווייז־אודיטאָריום פֿון העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים פֿאַרגעקומען אַ זיצונג לזכר די אומגעבראַכטע יידישע שרייבער אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.
געפֿירט האָט די זיצונג פּראָפֿ׳ **חנא שמערוק**, אַן אַריינפֿיר־וואָרט אין יידיש האָט געהאַלטן דער פּרעזידענט פֿון ירושלימער אוניווערסיטעט פּראָפֿ׳ **אברהם האַרמאַן**.
סע זענען דורכגעלייענט געוואָרן פֿאָלגנדיקע לעקציעס:
וועגן די נאַציאָנאַלע מאָטיוון אין מאַרקישעס פּאָעמע ״ברידער״ — ד״ר **שמעון מאַרקיש**, וועגן די העברעישע יוגנט־שאַפֿונגען פֿון דער נסתר — פּראָפֿ׳ **דב סדן**.
פּ. אַ. נאָרבערשטערן, דער יונגער געלערנטער פֿון דער יידיש־קאַטעדרע ביים ירושלימער העברעישן אוניווערסיטעט, האָט געגעבן אַן אינטערעסאַנטן אַנאַליז פֿון בערגעלסאָנס פּראָזע־מייסטערשאַפֿט אויפֿן סמך פֿון די ווערק ״דער טויבער״. ״נאָך אַלעמען״, ״אָרום וואָקזאַל״.

טרויער־און פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג אין ירושלים

זונטיק דעם 14טן אויגוסט האָבן זיך אין גרויסן זאַל פון ״בית־העם״ צוזאַמען געגומען העכער 750 מאַן, כדי אָפּצומערקן 25 יאָר זינט סע זענען צעשאָסן געוואָרן די גרונט־שעפער פון דער יידישער קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דער אָוונט איז פאָרגעקומען לויט דער איניציאַטיוו פון די יידישע און העב־רעישע שרייבער אין ירושלים, ביי דער אַקטיווער מיטהילף פון די קולטור־אָפּטיילן פון עירית ירושלים, פון יידישן וועלט־קאָנגרעס און פון דער קליטה־אָפּטיילונג ביי דער מועצת פועלי ירושלים.

אויף דער בינע זענען צווישן אַנדערע געזעסן **פייגע האָפּשטיין, אסתר מאַרקיש, אַלאַ זוסקין** — די טאָכטער פון אומגעבראַכטן גרויסן פאָלקס־אַרטיסט.

דעם אָוונט האָט געעפנט דער פאַרזיצער **יצחק הרכבי** — קולטור־דירעקטאָר פון אַלוועלטלעכן יידישן קאָנגרעס.

נאָכן ״א־ל מלא רחמים״ פון חזן **יצחק שטיבל** איז מיט אַ קורצן אַריינפיר־וואָרט אַרויסגעטראָטן דער דיכטער **יוסף קערלער**, וועלכער האָט באַזונדערס אונטערגעשטראָכן, אַז די בלוטיקע רדיפות קעגן יידישן פאָלק און זיין קולטור האָבן זיך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ניט אָנגעהויבן און ניט פאַרענדיקט מיט דער שרעקלע־כער דאַטע פון 12טן אויגוסט 1952. דער רעדנער האָט אויסגערעכנט אייניקע נעמען פון אַ לאַנגער ליסטע אומגעבראַכטע רעליגיעזע און געזעלשאַפטלעכע מנהיגים און קולטור־טוער, שרייבער און קינסטלער פון דער ברוטאַל־ליקווידירטער העברעישער קולטור, אומגעקומענע אין די צוואַנגס־לאַגערן און טורמעס, יידישע שרייבער און קינסטלער נאָך אין די צוואַנציקער, דרייסיקער און פערציקער יאָרן...

— קיינמאָל ניט פאַרגעסן און קיינמאָל ניט מוחל זיין! — אַזאַ איז געווען דער גרונט־מאָטיוו ביי אַלע רעדנער פון אָט דער אימפּאָזאַנטער טרויער־און פּראָ־טעסט־פאַרזאַמלונג.

דער עולם האָט מיט גרויס שפּאַנונג אויסגעהערט די אַרויסטרעטונגען פון סגן ראָש העיר ירושלים ד״ר **יוסף גאָלדשמידט**, פון **שמעון מאַרקיש** און **שמאי גולן** (העברעישער שרייבער).

מיט שאַפונגען פון די יידישע פּאָעטן־קדושים און לידער, זיי געווידמעט זענען אַרויסגעטראָטן די דיכטער **רחל בוימוואָל, מאיר חריץ, זיאַמע טעלעסין** און **דוד ספּאַרד**.

דער יונגער ישראל־זינגער **אבי שושני** האָט אויסגעפירט ״דאָס ליד וועגן ירושלים״ פאַרפאַסט דורכן אסיר־ציון **הלל בוטמאַן**, וועמענס ווערטער פול מיט ליבע צו אונדזער עיר הקודש, ס׳איז אים געלונגען ארויסצושיקן צו אונדז אויף דער פריי.

מיט אַ ספּעציעלער פּראָגראַם לידער פון די אומגעבראַכטע שרייבער איז ארויס־געטראָטן די באַרימטע פאָלקס־זינגערין **נחמה ליפשיץ**.

באַמערקונגעןביים ראַנד פון די טרויער-פייערונגען

דער ״פסק-דין״ פון י. יאַנאַסאָוויטש

אויף דער ירושלימער וועלט-קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס וועגן אַלפאַלקיש אָפּמערקן דעם 25טן טרויער-טאָג פון 12טן אויגוסט 1952.

ס׳וואָלט געווען נאַטירלעך, ווען דער קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור אין ישראל וואָלט איניציאירט און אַליין זיך געשטעלט אין שפּיץ פון די אַלע טרויער- און פּראָטעסט-פאַרזאַמלונגען, וואָס קומען פאָר אין ישראל. צום באַדויערן, דאַרפן מיר קאָנסטאַטירן, אַז קיין איין באַשלוס פון דער וועלט-קאָנפערענץ פאַר יידיש איז אַזוי גרינטלעך נישט איגנאָרירט געוואָרן דורכן ישראל-קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור, ווי דער באַשלוס וועגן אָפּמערקן די 25טע יאָרצייט זינט מען האָט צעשאָסן די יידיש-סאָוועטישע שרייבער...

נאָך מער — אין נומער 31, פאַר אויגוסט 1977 פון ״פאָלק, וועלט און מדינה״ — דעם אָפיציאָז פון קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור אין ישראל איז אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל פון יצחק יאַנאַסאָוויטש א.נ. ״25 יאָר נאָכן אומברענגען די יידישע שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד״. אַן אַרטיקל, וואָס דאַרף, ווייזט אויס, ״אידעאָלאָגיש״ באַרעכטיקן די אויבן-דערמאָנטע פּאַסיוויטעט פון אונדזער קאָמיטעט פאַר יידיש.

25 יאָר נאָכן אומברענגען אַ גאַנצע פּלעיאַדע גרויסע יידישע וואָרט-קינסטלער, קומט דער מחבר פון אָט דעם אַרטיקל ווי אַ שופט, כדי צו פּסקנען אַז אויב זייער טויט איז הייליק ווייל זיי זענען אומגעבראַכט געוואָרן ווי יידן, איז אָבער זייער לעבן און זייער שאַפן געווען... אָאוו.

מיר וואָלט אַזאַ מין שרייבעכץ אָנגענומען, אַלס בייזוויליקע פאַרשוועכונג פון אונדזערע שרייבער-קדושים, זענען מיר אָבער זיכער, אַז דער מחבר, וועלכער ווייסט לגמרי ניט די יידיש-שאַפונג אין סאָוועטן-פאַרבאַנד במשך קאַרגע דרייסיק יאָר, איז ניט מער ווי אַ קרבן פון אַ פאַרקריפּלטער פּסעווידאָ-וויסנשאַפטלעכער ״קאָנ-צעפּציע״, וואָס הערשט נאָך אַלץ אויף דער פרייער וועלט.

אַ שיטה אַזאַ, וועלכע מיר קלייבן זיך אין קומענדיקן נומער פון ״ירושלימער אַלמאַנאַך״ רויאיק, ווירדיק, אָבער דערווייזלעך און קאַטעגאָריש אָפּצופרעגן. באַשטרייטן.

דער ״על חטא״ פון ה. אַשעראָוויטש

די פּאַרכטיקע שטימונג בעת די טרויער-פייערונגען לזכר די אומגעבראַכטע יידיש-סאָוועטישע קולטור-שעפער אין תל-אביבער מוזעום-זאַל איז עטוואָס גע-שטערט געוואָרן און פיל פון די אַנוועזנדע האָבן צעטומלטע אפילו נישט באַוויזן

אויסצודריקן זייער טיפע באַליידיקונג, ווען דער דיכטער ה. אַשעראַוויטש האָט געפונען פאַר נייטיק דווקא אויף יענע פייערונגען פאַרצולייענען זיין באַקאַנט ליד "אַנוסים". וואָס אַן אמת, — דאָס ליד צייכנט זיך אויס מיט געוויסער ליידנשאַפט און סאַרקאַזם פון אַ געוועזענעם רעדאַקציע־מיטגליד פון "סאָוועטיש היימלאַנד", וואָס פרוווט זיך זאָגן תשובה פאַר זיך און זיינס גלייכן. ציטירן מיר. בלויז איניקע שורות: "מיר זיינען אַנוסים, / עס ליגט אונדזער אמת פאַררוקט אין דער פעלשונג. / מיר זיינען ניט ווערט אונדזער מענטשלעכן נאָמען. / מיר ווערן צעפוילט פונעם ניבזהדיק שוויגן. / פון קוקן מיט אויגן פול פחד און שקר. / מיר זיינען מאַראַנען!"

...פריטשמעליעטע ווערעם, געשטראָפטע מיט שכל — / מיר זיינען ניט מיר אויך אין אונדזערע טרוימען / ...מיר עכט זיינען נאָר היטער ריגלען און שלעסער, / אין גאָס גייען אום מיר פאַרהילטע אין צביות .. / ...מאַרטירערס וואָס זיינען אין תוך גאָר פאַררעטערס... א.א.וו. א:ד:ג:

ס'איז נאַטירלעך, וואָס קיינעם קומט אפילו נישט אויפן זינען צו וואַרפן שמוץ און פאַרשוועכן די קדושים פון שפּאַנישן מאַראַנענטום, כאָטש זיי האָבן דאָך געהאַט אַ פרייען אויסוואַל — גירוש..

די יידישע שרייבער — קרבנות פון סאָוועטישן רעזשים האָבן ליידער אויך אַזאַ אויסוואַל נישט פאַרמאָגט...

מיר האָבן מיט האַרציקע ברכות באַגעגנט דעם דיכטער הירש אַשעראַוויטש, ווען די כוואַליעס פון אַן אויסגעקעמפטער מאַסן־עליה האָבן אים אויך צוגעשלאָגן צו אונדזער פרייען ישראל־ברעג. מיר האָבן פיל זיך געלאָזט פאַרגעסן...

איז אונדז טאַקע שווער צו פאַרשטיין דאָס פאַרלייענען "אַנוסים" דווקא צו דער 25טער יאָרצייט פון אונדזער שרעקלעכן בראַך.

וואָס איז דאָס? — טאַקטלאָזיקייט פון אַ "נאַרעלע חכם", אָדער אַ פרווו צו קלאַפּן זיך על חטא אויף... וועמענס ברוסט?

לייבוש בענדאַווסקי

נייע ביכער

רחל בוימוואָל — "פון ליד צו ליד" (ליריק) 224 זייטן. פראַכטפול אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג "אייגנס" ירושלים, תשל"ח, 1977. הילע פון קינסטלער צפניה קיפּנים. באַשטעלונגען לויטן טעלעפאָן־נומער 460־413 (02).

אין פאָנד פון "ירושלימער אַלמאַנאַך"

אַ האַרציקן דאַנק אונדזערע פריינד און פאַרערער, וואָס האָבן געהאָלפן אונדז טיילוויז דעקן די הוצאות אויף אָט דער וויכטיקער אויסגאַבע:

1. די ירושלימער יידישע קולטור־געזעלשאַפט (פאָרזיצער ד״ר גרשון וויינער) 2.800 ל״י
באַזונדערע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט האָבן אויך זיך באַשטייערט:

פראָפ׳ שרה פעדער	1.000 ל״י
פרוי עמאַ שייווער	1.000 ל״י
ה׳ יעקב ניומאַן	1.000 ל״י
ד״ר גרשון וויינער	500 ל״י
פראָפ׳ י. וואַלערשטיין	300 ל״י
פריינד ח. ראַזענצווייג	100 ל״י
ס״ה	5.900 ל״י

2. דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס אין קאַנאַדע און דעם סעקרעטאַר פון זיין יידיש־אָפּטיילונג, בעסי שאַקעט, וואָס האָבן בייגעשטייערט $ 250
און האָבן זיך פאַרפליכטעט פאַרשפּרייטן
אין טאָראָנטאָ 100 עקז. פון אָט דער אויסגאַבע.

3. דעם יידישן שרייבער און קולטור־עסקן פון ניו־יאָרק — אַשר שטשוטשינסקי, וואָס האָט בייגעשטייערט 2.200 ל״י
און געשאַפן פאַר אונדז העכער 70 נייע אַבאָנענטן־לייענער.

אין גיכן דערשיינט דאָס בוך

פון

יוסף קערלער

12טער אויגוסט, 1952.

✶ הזכרה
(ליטעראַרישע פּאָרטרעטן)

✶ ביים אָנהייב פון סוף
(לעצטע באַגעגענישן מיט **דער נסתר, דוד האָפשטיין, יחזקאל דאָברושין, בנימין זוסקין, און אַנדערע**).

✶ מיט **פרץ מאַרקישן.**

✶ אַ וואָרט וועגן אהרון קושניראָוו.

✶ צו דער געשיכטע פון אַ פאַרשניטענער ליטעראַטור.

✶ נאָך אַלעמען...

✶ צווישן עליה-אַקטיוויסטן.

✶ יידישע דיכטער אויף רוסישער ערד...

✶ בילדער, קאָמענטאַרן.

דאָס בוך איז רייך אילוסטרירט. הילע פון קינסטלער לב סירקין.
פרייז 35 ל״י, פאַר אויסלאַנד — 4 $

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן צום מחבר:

שדרות אשכול 12/6. ירושלים. טל. — 32-92-81(02).